STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04328

BREYTER DI TRIT

Mark Razumny

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרק ראַזומני

ברייטער די טריט!

דערציילונגען
און
נאָוועלעטן

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״
מאָסקווע • 1975

С(евр)2
Р 17

מארק ראזומני איז דער אוטאָר פון די ביכער „הינטערגעסלעך", „מענטשן אין שטויב", „איינער צווישן מיליאָנען", „דאָס לאַנד פון טויזנט געשטאַלטן", די דראַמע „צאָפּן־שײַן", די קאָמעדיע „מאָטקע כאַבאַד" און אַנדערע.

אין דער זאַמלונג „ברייטער די טריט!" גייען אַרײַן דערציילונגען, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון דער אָרעמשאַפט אין פאַרמילכאָמעדיקן בורזשואַזן לעטלאַנד, ווי אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, נאָרוועגיע און אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וווּ דעם אוטאָר איז אויסגעקומען לעבן און אַרבעטן.

א באַדײַטנדיקן אָרט אין דער זאַמלונג פאַרנעמען די נאָוועלעטן — קורצע דערציילונגען, אין וועלכע דער שרײַבער טרעט אַרויס קעגן גלײַכגילט און קליינלעכקײַט, פאַראַלגעמיינערט פאַרשיידענע דערשײַנונגען פון אונדזער לעבן און רופט ברייטער שטעלן די טריט, זײַן פאַרבונדן מיט אונדזער צײַט, און „קעדיי דאָס האַרץ זאָל ניט ווייטאָן" — טאָן גוטס פאַרן מיטמענטש.

© сборник рассказов и новеллет на еврейском языке.
Издательство «Советский писатель», 1975 г.

Р $\frac{70303-301}{083(02)-75}$ 225—75

דערציילונגען



אין קלעם

1

איבערן שמאָלן אומעטיקן פּאָרשטאָט־געסל הויערט אַן אומגעלומפּערטער, כווישעכדיקער מויער. הינטער זײַנע גרויע ווענט וועבן זיך לעבנס און, אַזוי ווי אין די אַנדערע הײַזער פֿון שטאָט, ווערן אויך דאָ מענטשן געבוירן, ליבן זיך, פֿרייען זיך אַמאָל, — אָבער וויינען ווײנט מען דאָ אָפֿטער. שוין דער ארײַנגאַנג אַהין דורכן פֿינצטערן, מיט שפּיציקע שטיינער אויסבּרוק־קירטן, טויער־טונעל, איבער וועלכן עס קנוילן זיך געדיכט־פֿאַרשטיקטע קלעפּיקע רייכעס, טוט אַ זעץ אַנטקעגן מיט עלנט און טרייסטלאָזיקייט, און פֿאַרלעשט אין דעם ארײַנגעקומענעם יעטווידע לעבנספֿרייד.

דאָס אייגענע געשעט אויך מיט ליובען, ווען זי קערט זיך אום אַהיים פֿון דער טיפּאָגראַפֿיע. און אַפֿילע אין אַזאַ מילדן פֿאַרנאַכט ווי הײַנט, ווען אין דעם אַכצניאָריקן געמיט ציטערט די אומבאַשטימטע בענקשאַפֿט פֿונעם פֿאָרפֿרילינג, ווערט דאָרט אויך אַלץ אָפּגעטויט, ווי נאָר דער טויער שלינגט זי ארײַן.

זי לויפֿט אַראָפּ די אויסגעקרימטע גליטשיקע שטיגלעך, וואָס פֿירן צום קעלער־שטוב, עפֿנט די פֿון פֿײַכטקייט אָנגעקוואָלענע טיר, — און אין צעהיצטן פּאָנעם טוט איר אַ שלאָג דער אַזוי באַקאַנטער רייעך פֿון טוכלע־ניש און פֿון אָרעמקייט. פֿון דער פֿינצטערניש, אין וועלכער עס בלייכט

זיך בלינד די אומעטיקע שײַן פֿון דעם האַלב־פּאַראַגראַבענעם פּענצטערל, דערטראָגט זיך איר אַנטקעגן אַ פֿאַרבלאָזע שטים:

— דו, ליובינקע?..

— יאָ, טאַטע, איך... — ענטפֿערט זי — ווי פֿילסטו זיך?

— ווי אַלעמאָל, טאַכטערל. דער זעלביקער זאַק מיט ביינער... — און גיט פֿאַרבענקט צו — אָ, ס׳ווילט זיך שוין שטיין אויף די פֿיס, זײַן אַ מענטש מיט לײַטן גלײַך! ווען דאָס אַמאָל זײַן?..

גוט, וואָס אין קעלער איז פֿינצטער. זעט ניט דער טאַטע, ווי ליובע ווישט אַראָפּ אַ טרער. ער הערט נאָר ווי זי זאָגט:

— ס׳וועט זײַן, טאַטע... אַלץ וועט זײַן!

זי נעמט אַראָפּ פֿון פּאָליצע אַ נאַפֿט־לעמפּעלע, צינדט אים אָן. נאָכדעם צעשפּאַלט זי מיטן האַקמעסער אַ שײַטל האָלץ, הייצט אײַן דאָס רייכערדיק אייוועלע, וואַרפֿט אַרויף די פּאַטשיילע און גייט אַרויס אין הויף נאָך וואַסער.

דער הויף ליגט אַ פֿאַרוואָרגענער אין שטיינערנעם קלעם פֿון ווענט, וועלכע דריקן אים צונויף פֿון אַלע זײַטן. פֿון דעם פּירקאַנטיקן שטיקל אָונט־הימל איבער דעכער פֿינטלען בלייך און צעשראָקן אַראָפּ שטערנדלעך און פֿרווון זיך וואַרפֿן אַ שטיקל שײַן אויף די ברודיקע בערגלעך שניי, וואָס ליגן נאָך פֿאַרטײַעט אין די ווינקעלעך און זײַנען אין דעם אָונטיקן פֿרעסטל פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן, זיך אָנגענומען מיט בייזער שפּיציקײַט. לאַווירנ־דיק איבער די מיט גליטש פֿאַרצויגענע ריטשקעלעך, דערקלײַבט זיך ליובע צום קראַן, וואָס סטאַרטשעט אַרויס פֿון אַ וואַנט, שעפּט אָן וואַסער אין איר קעסעלע. נאָכדעם גייט זי מיט אָפּגעהיטע טריט צוריק אַוועק אין קעלער, שטעלט אַרויף דאָס קעסעלע אויפֿן פֿײַער און לויפֿט אַרויס אין גאַס קויפֿן עפּעס צום קאָכן.

שפּעטער, ווען דאָס עסן איז פֿאַרטיק, דערלאַנגט זי אַ שיסעלע געקעכטס דעם טאַטן, און דאָס איבעריקע לאָזט זי אויף מאָרגן. איר ווילט זיך הײַנט ניט עסן. נאָכדעם פֿאַרלעשט זי דאָס לעמפּל און לייגט זיך צו אויף איר געלעגער אין ווינקעלע קעלער.

אָבער לאַנג דרייט זי זיך נאָך אַרום און קאָן ניט אײַנשלאָפֿן. האָט דער אומרו פֿון די פֿאַרפֿרילינג־טעג צעברויזט איר געמיט? אָדער די דערמאָנונג וועגן דעם יונגן שעף, וועלכער קומט אָפּט אַרײַן אַהין, ווו זי אַרבעט? ער שטעלט זיך אַוועק בײַ איר מאַשין, קוקט לאַנג און פֿאַרכאָלעמט, ווי זי לייגט אויף די בייגנס צום דרוק, און בײַם אַרויסגיין פֿון דרוקערײַ זעט זי אים ווײַטער שטיין אין דרויסן, ווי אָפּוואַרטנדיק עמעצן... און עפּשער

נעמט איר ניט קײן שלאָף, װײַל איר האַרץ װײטעקט מיטן טאַטנס צאַר, און זי טראַכט און טראַכט, װי אים צו העלפֿן אין זײַן נױט?

אין דעם אַנדער װינקל קעלער מאַטערט זיך אין שלאָפֿלאָזיקײַט דער פֿאָטער און לעבט פֿונדאָסנײַ איבער — שױן צום װיפֿלטן מאָל? — יענעם װיסטן טאָג, װען ער איז, באַם איבערדעקן אַ דאַך, אַראָפּגעפֿאַלן, און נאָך אים האָט זיך נאָכגעקײַקלט אַ שװערער קװער־באַלקן. אים האָט נאָך אָפּגעגליקט, װאָס ער איז געבליבן לעבן (ער שמײכלט ביטער באַם דערמאָנען זיך, װי די דאָקטױרים האָבן אים דערמיט געטרײסט), אָבער די פֿיס זײַנען אונטערן באַלקן פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ בלוטיקער קאַשע. אין שפּיטאָל האָט מען אים אַראָפּגענומען בײדע אונטערשענקלען, איבערלאָזנדיק צעקאַליעטשעטע רעשטלעך אונטער די קני, און מיט קױם־פֿאַרהײלטע װוּנדן אים אָפּגעשיקט אַהײם... זינט דעמלט איז שױן פֿון לעבן באַזײַטיקט געװאָרן דער דאַכדעקער שאָלעם בריל, און דער אומבאַהאָלפֿענער קאַליקע, װעלכער טראָגט נאָך איצט אױך דעם נאָמען שאָלעם בריל, איז מער קײנעם ניט נײטיק. פֿון יענעם פֿינצטערן טאָג זײַנען שױן פֿאַרבײַ אַכט כאַדאָשים, און ער קאָן נאָך אַלץ ניט אױפֿשטײן פֿון דעם איבערדריסיקן געלעגער.

לעכאַטכילע האָט ער געמײנט, אַז ער װעט ניט איבערלעבן אָט דאָס אומבאַװעגלעכע ליגן אין דעם פֿאַרמוכלטן קעלער. ער איז דאָך אַ גאַנצן לעבן געװױנט געװען צו אָטעמען מיט דער פֿרײַער װײטעניש פֿון די הײכן, פֿאַר אים האָבן דאָך אַלעמאָל זיך אַנטפּלעקט װײַטע און ברײטע האָריזאָנטן, — איז װי װעט ער דאָס קאָנען קוקן אױף דער װעלט בלױז דורכן קלײניטשקן, אין דער ערד פֿאַרגראָבענעם פֿענצטערל, און זען פֿאַרבײַשװינדלען נאָר פֿיס און פֿיס, דאָס, װאָס ער אַלײן פֿאַרמאָגט שױן ניט?.. אָבער אַ מענטש װערט צו אַלץ געװױנט, און מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ איז ער געבליבן ליגן, ליגן און כאָלעמען װעגן יענעם לאַנגדערװאַרטן טאָג, װען ער װעט שױן קאָנען אָנטאָן פּראָטעזן, װעט אַרױס פֿון זײַן טפֿיסע אין דער װעלט, און װי זײַנע הענט, די הענט פֿון אַ האָרעפּאַשניק, װעלכע זײַנען איצט פֿאַרמישפּעט אױף גאָרנישט טאָן, און װאָס הערן ניט אױף לעכצן נאָך מי, װעלן װײַטער אָנהײבן אַרבעטן...

דאָ טוט אים אַ שטאָך אין האַרצן, און קאַלטע אַנגסטן באַגיסן אים: װי װעט ער קומען צו פּראָטעזן? זײ דאַרפֿן דאָך קאָסטן געלט, אַ סאַך געלט, — און װוּ װעט ער דאָס נעמען? די קראַנקן־קאַסע זײַנע העלפֿט אים בלױז מיט גראָשנס, און די דאָזיקע אונטערשטיצונג, צוזאַמען מיט ליובעס װאָכן־לױן, קלעקט דאָך קױם־קױם אױף דער בידנער אױסקומעניש. איז װי קאָן ער גאָר טראַכטן װעגן פּראָטעזן? װי עס שײַנט, איז ער שױן פֿאַרמישפּעט צו

פארענדיקן זײַנע טעג דאָ אפן געלעגער, צו ליגן ווי א שטיין אפן האלדז פון זײַן קינד...

א גאנצע נאכט פלאָגן אים אָט די פארצווייפלטע געדאנקען, און ערשט ווען דער ארום הייבט זיך שוין אָן געשפענסטיק ארויסגראבלען אין באגינענ־דיקן דעמער־ליכט, פארגעסט ער זיך אין א פײַנלעכן אומרויִקן דרימל, און אין כאָלעם ציט ער זיך און ציט זיך צו די פראָטעזן, צו וועלכע ער קאָן אָבער בעשום־אויפן ניט דערלאנגען...

אין איינעם א טאָג קומט אין קעלער־שטוב צו גיין די קראנקן־שוועס־טער, וועלכע דער פילאנטראָפּישער פאריין „ביקור־כוילים" שיקט צום קאליקע אף מאסירן זײַנע פיס־רעשטלעך.

— איר ווייסט, בריל, — זאָגט זי נאָכן פארענדיקן דעם מאסאזש, — אײַערע ווונדן זײַנען שוין פארהיילט, און איר מעגט אָנטאָן פּראָטעזן.

דער קאליקע כאפט איר אָן פאר א האנט און רופט אויס אין גרויס צערודערונג:

— טאקע, שוועסטער?! איך קאָן שוין אָנטאָן פּראָטעזן? און שוין ארויס־גיין? טאקע ארויסגיין?..—אָבער, זיך דערמאָנענדיק, אז צו פּראָטעזן איז נאָך בא אים ווײַט, גאָר ווײַט, גיט ער טרויעריק צו;—אָבער וואס אייגנטלעך איז דאָ מיט מיר די סימכע? קאָן איך דען קומען צו פּראָטעזן? סײַדן...— זאָגט ער אומאנטשלאָסן — סײַדן... „ביקור־כוילים" וועט מיר אנטלײַען געלט. איך וועל אָפּארבעטן. זײַט זיכער!

— מיך דארפט איר ניט בעטן, בריל, איך פארשטיי אײַך — ענטפערט די שוועסטער — אָבער זיי גיבן ניט אף דעם קיין געלט. ארעמעלײַט דארפן שטיין אף אייגענע פיס, זאָגן אונדזערע פילאנטראָפּן... נו, איך האָב מײַן ארבעט פארענדיקט. זײַט געזונט.

געבליבן אליין, לאָזט זיך בריל אָנמעכטיק אראָפּ אפן הארטן קישן פון דעם פארהאסטן געלעגער, וועלכער וויל אים אלץ ניט ארויסלאָזן פון זײַן פארשאָלטענעם קלעם.

„דארפן שטיין אף אייגענע פיס", זאָגן זיי, די יוסטע באלעטויוועס, מורמלט ער מיט ביטערניש — אף איי־גע־נע פיס... אָבער ווו נעמט מען זיי, די אייגענע פיס, ווו נעמט מען זיי?..

ווען ליובע קומט פון דער ארבעט, באגעגנט איר דער פאָטער מיט דער נײַער בסורע.

— איך קאָן שוין אָנטאָן פּראָטעזן, ליובינקע! — זאָגט ער — איך קאָן שוין, ווייסט?

— יאָ? — דערפרייט זיך ליובע — הייסט עס, דארף מען איצט באזאָרגן פּראָטעזן!

— באזאָרגן? — פאַלט ער איר אַרײַן אין די רייד, — װי׳אַזוי, מײַן קינד? קנאַפּ זאָרגסטו שױן, װילסטו נעמען אױף זיך נאָך אַ דײַגע?

— זאָרג זיך ניט, טאַטע, — באַרו׳קט זי אים, — דו װעסט האָבן פּראָ־טעזן!

אין דעם קוק, װאָס ער װאַרפט אױף איר, ליגט טיפע דאַנקבאַרקײַט, אָבער אױך אַ שטיקל סאָפּעק. װי׳אַזױ קאָן זי אים באַזאָרגן מיט פּראָטעזן, אַז דאָס קאָסט געלט, אַזױפיל געלט?... ער זעט דאָך, װי שװער איר קומט אױס זיך צו ראַנגלען פאַר דער כאַיונע... ער װײסט ניט, אַז אין די שלאָפלאָזע נעכט, הערנדיק, װי װײטעקלעך ער װאַרפט זיך אַרום אױפן געלעגער, האָט זי אָנגענומען אַ באַשלוס.

אױף מאָרגן, בײַס דער מיטיק־האַפּסאַקע, גײט זי מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַרײַן אין קאַבינעט פונעם הער קופּריץ, — דעם באַלעבאָס פון דער טיפּאָ־גראַפיע.

דער אַלטער שעף איז אין קאַבינעט ניטאָ, און װען ליובע זעט זיצן באַם שרײַבטיש זײַן זון, דעם זעלביקן, װעלכער שטעלט זיך אָפּט אָפּ בײַ איר מאַשין, דערשרעקט זי זיך און פרוּװט שױן שטעלן אַ טראָט אױף צוריק. ער אָבער האַלט איר אָפּ מיט אַ פרײַנטלעכן זשעסט, און װען זי בלײַבט שטײן בײַ דער טיר, זאָגט ער מיט אַ האַרציקער שטים:

— קומט צו נענטער, פרײַלן... פרײַלן בריל, דאַכט זיך? מיט װאָס קאָן איך אײַך דינען?

זי לאָזט אַראָפּ די אױגן, און די פאַרבן נעמען זיך מיניען אין איר פּנים, בײַס זי ברענגט אַרױס מיט מי:

— איך דאַרף... צום שעף...

— אױף װאָס האָט איר נײטיק געדאַרפט מײַן פּאָטער? — פרעגט ער פרײַנטלעך — דער פּאַפּאַ איז אַװעקגעפאָרן. קאָן איך אים עפּשער פאַר־בײַטן?

— כ׳האָב געװאָלט... כ׳האָב געװאָלט... — שטאַמלט זי אין פאַרלעגנהײַט, און קאָן װײַטער ניט אַרױסברענגען קײן װאָרט. אָבער ער קומט איר צו הילף.

— איר װילט אַװאַדע אַן אַװאַנס? — קוקט ער איר אַרײַן אין די אױגן און שמײכלט דערבײַ.

זי איז אים דאַנקבאַר, װאָס ער האָט איר פאַרשפּאָרט איבעריקע רייד, און שטיל שװײַגנדיק שאָקלט זי צו מיטן קאָפּ אױף יאָ.

— און אױף װאָס דאַרפט איר געלט, פרײַלן בריל? — טוט ער אַ הײב

אוף די שמאָלינקע וויִעס, ווי זיך וווּנדערנדיק, אַז עס זײַנען פאַראַן מענטשן, וועלכע נייטיקן זיך אין געלט...

זײַן צוגעלאָזטקײַט גיט איר צו מוט, און איר שטים קלינגט שוין זיכע־רער, זי זאָגט:

— איך דאַרף... איך דאַרף דאָס פּאָר מײַן פאָטער... ער נייטיקט זיך אין פּראָטעזן...

— אַ, איך פאַרשטיי! — רופט זיך אָפּ דער יונגערמאַן זייער ערנסט — דאָס איז אַ וויכטיקע סיבע זיך צו ווענדן נאָך אַן אוואַנס. און וויפל דאַרפט איר אייגנטלעך? פופציק לאַט? עפשער מער — אַ גאַנצן הונדערטער? נו, גוט. קומט מאָרגן אַרײַן צו מיר, וועט איר דעם אוואַנס באַקומען.

און צום אָפּשייד מונטערט ער איר נאָך אוף מיט אַ ליבן שמייכעלע, פון וועלכן עס ווערט איר וואַרעם אפן האַרצן.

„פאַראַן גוטע מענטשן אף דער וועלט"... טראַכט זי, אַ באַפליגלטע, און לויפט האַסטיק אַהיים. עס איז טאַקע אַ היפשער מעהאַלעך, און דער מיטיק־איבעררײַס איז אַ קורצער, אָבער זי מוז דאָך דעם טאַטן טייקעף איבערגעבן די פריילעכע בסורע!

אין שטוב פאַלט זי אַרײַן אַ פאַרפרײַכטע, און נאָך שטייענדיק אפן שוועל, רופט זי אויס:

— ס'וועט זײַן, טאַטינקע! ס'וועט זײַן!

דער פאָטער לייגט אַוועק אָן אַ זײַט די צײַטונג, וואָס ער האָט געלייענט, טוט אויס די שפּאַקולן, און פרעגט מיט אַ ציטערנדיקער שטים:

— וואָס?.. וואָס וועט זײַן?

אָנשטאָט צו ענטפערן, לויפט זי צו צו אים, באַדעקט מיט קושן זײַן פּאָנעם. ער ווערט זיך לײַכט און ליבעפּול אָפּ פון איר, און זײַן האַרץ שלאָגט דערבײַ העפטיק. ער פרוווט טרעפן, וואָס איז דאָס די סימכע מיט איר, און ער טראַכט פיבערהאַפט:

„ציִ שוין־זשע, ציִ שוין־זשע?.."

און ליובע דערציילט האַסטיק און זיך אליין איבערשלאָגנדיק, וואָס עס איז הײַנט געשען, און ווי דער באַלעבאָס האָט איר צוגעזאָגט געבן אַן אוואַנס.

— און אַ מײַסטער, באַ וועמען צו באַשטעלן, האָב איך שוין אויך אויסגעקוקט! שוין איינמאָל אַ מײַסטער! — פאַרכלינעט זי זיך אין באַגײַס־טערונג, און מיטאַמאָל, דערמאָנענדיק זיך אין דער ווירקלעכקײַט, רופט זי אויס מיט שרעק:

— וויי, איך פאַרזאַם דאָך צו דער אַרבעט!

און זי לויפט אַפּגיך אַרויס, איבערלאָזנדיק דעם טאַטן אַ צערודערטן, אַ

צעשטראלטן פון גליק, ווי עס קאָן זײַן א מענטש, וואָס שטייט ערעוו דער פארווירקלעכונג פון זײַן לעבנס־טרוים.

ווען ליובע קומט אַרײַן אין קאבינעט, הייבט זיך אויף דער יונגער שעף איר אנטקעגן, דערלאנגט איר די האנט און באַט איר אַן א שטול. זי איז אינגאנצן צעטומלט, אָבער נאָך צעטומלטער ווערט זי, ווען ער לייגט אוועק פאר איר א פעקל געלט און זאָגט מיט זײַן ליבהארציקן, ווײַסציינערדיקן שמייכעלע:

— דאָ איז הונדערט לאט, פרײַלן בריל. ווערט אײַך דאָס קלעקן? און וועגן אומקערן, דארפט איר זיך קיין באזונדערע זאָרג ניט מאכן. מיט דער צײַט וועט איר אָפּארבעטן...

א ווײַלע איז אין קאבינעט שטיל. באלד ווערט אָבער די שטילקייט פארהילכט דורכן העפטיקן שלאָגן פון ליובעס הארץ. יעדנפאלס, דאכט זיך איר אזוי. זי טוט א פיר מיט א ציטערדיקער האנט איבער אירע אויגן, דריקט אף זיי מיט די פינגער. זי וויל זיך איבערצײַגן, אז דאָס אלץ, וואָס געשעט דאָ איצט מיט איר, איז ניט קיין כאָלעם און וועט אָט־אָט ניט צעך רונען ווערן.

אָבער ס'איז ניט קיין כאָלעם. מיט אן אויסגעטריקנט קעל און שווינדלונג אין קאָפּ דערפילט זי, ווי דער שעף לייגט ארויף זײַן האנט אף אירער. זי ציטערט אויף, א זודיקע כוואליע בריט אָפּ איר הארץ, און זי טוט זיך א גיכן הייב פון אָרט. ער דערלאנגט איר מיט א שמייכעלע דאָס געלט, זאָגט פרײַנטלעך „צום ווידערזען, פרײַלן בריל", און באגלייט איר מיט די בליקן ביז די טיר פארמאכט זיך הינטער איר.

אין א טאָג ארום איז שוין אין קעלער־שטוב אראָפּגעקומען דער יעניקער, אף וועמען דער קאליקע האָט מיט אזא בענקשאפט אויסגעקוקט די גאנצע ביטערע צײַט פון זײַן צוגענאָגלטקײַט צום געלעגער. באם ארײַנקומען פון דעם מײַסטער האָט דעם קאליקעס הארץ זיך מיטאמאָל געעפנט אף אופצונעמען אלע פריידן פון דעם לעבן, וואָס קערט זיך פונדאָסנײַ אום צו אים, און בייס די קילבלעכקײַט פון די גיפּס־באנדאזשן האָט צארט און פעסט ארומגענומען די צעקאַליעטשעטע רעשטלעך פון זײַנע פיס, האָט ברילן זיך אויסגעדאכט, אז דאָס נעמט אים פונדאָסנײַ ארום די פרישע ווייעניש פון די הייכן און אז ער הערט, ווי די ווינטעלעך שעפּטשען צו אים:

— נו, דײַן צײַט איז ווײַטער געקומען... וועסט ווידער אָטעמען מיט אונדזער פרישקײַט...

ווען די באנדאזשן זײַנען פארהארטעוועט געוואָרן, האָט דער מײַסטער אראָפּגענומען פון די קאליקע פיס די גיפּס־אָפּגוסן, זיי לאנג באטראכט און צופרידן געזאָגט:

— איר זעט אָט די פורעמס, בריל? איז וועל איך אײַך אָפּגיסן פון זיי אזעלכע פיס, אז גאָט אליין וועט מעקאנע זײַן...

בריל האָט געשלונגען מיט די אויגן יעדע באוועגונג פון דעם מײַסטער, און מיטן הארצן — יעדן וואָרט זײַנעם.

— און אף ארבעט גיין וועל איך אויך קאָנען? — האָט ער אומגעדולדיק געפרעגט.

— אז איך זאָג אײַך — האָט יענער זיך באליידיקט — איר וועט זײַן א פולשטענדיק געזונטער מענטש און וועט לויפן, ווי א הירש, און איר שטעלט מיר אזעלכע קלאָץ־קאשעס! איר וועט גאָר פארגעסן, אז איר זײַט ניט אף אייגענע פיס!

און נאָך דעם, ווי אָט דער ווונדערלעכער מענטש, וועלכער האָט אים צוגעזאָגט אן אויסלייזונג פון אלע זײַנע נויטן, האָט פארלאָזן די קעלער־שטוב, איז בריל געבליבן ליגן א גליקלעכער. ער איז געלעגן אפן רוקן, זײַן בליק איז געריכט געווען אף ארוף, אָבער געזען האָט ער ניט די בידעריק־אראָפּהענגענדיקע, פארשווארצטע סטעליע, נאָר איבער אים האָט זיך איצט געשפּרייט א ברייטער, ליכטיקער און פרײַער הימל. אָט־אָט — און ער וועט ווערן א מענטש מיט לײַטן גלײַך, וועט זיך צוריקקערן אין דער וועלט פון לעבן און פון ארבעט! און וועמען האָט ער דאָס צו פארדאנקען? אלץ זײַן קינד, זײַן ליובען, איר געטרײַשאפט און ליבע! ווי וועט ער איר קאָנען אָפּדאנקען?

דעם טאָג האָט אין זײַן לעבן זיך געעפנט א נײַ קאפּיטל. א קאפּיטל, וואָס וועט אים ברענגען באפרידיקונג און גליק.

אין איינעם אן אָוונט האָט קופּריץ־יוניאָר פארן ארויסגיין פון דער טיפּאָגראפיע צופעליק זיך באגעגנט מיט ליובען אין א ווינקעלע פון קאָרי־דאָר. ער האָט זי אָפּגעשטעלט און פרײַנטלעך א פרעג געטאָן:

— נו, פרײַלן בריל, וואָס מאכט אײַער פאָטער? שוין באשטעלט די פּראָ־טעזן?

— יאָ, — האָט ליובע שטיל געענטפערט. זי איז גערירט געווען פון זײַן אופמערקזאמקײַט. און דערמאָנענדיק זיך, אז דעמלט, בייס זי האָט באקומען דאָס געלט, איז זי ארויסגעלאָפן, ווי א בליץ, און אים אפילו ניט באדאנקט, האָט זי פארשעמט געזאָגט:

— איך ווייס גאָרניט ווי אײַך צו דאנקען פאר אײַער הילף, הער קופּריץ...

— אָ, איר דארפט מיר ניט דאנקען! — האָט ער אויסגערופן קימאט ווי באליידיקט — איך האָב דאָך נאָר געטאָן מײַן פליכט אלס מענטש. דעם עמעס גערעדט, דארף איך גאָר אײַך דאנקען: איר האָט מיר געגעבן די געלעגנהײַט צו טאָן א מענטשן גוטס...

זי האָט ניט געוווסט, וואָס מע דארף ענטפערן אף אזעלכע הויכע ווער־טער און א צערודערטע שוין געוואָלט אוועקגיין. אָבער ער האָט איר אָפּגעהאלטן.

— איך האָב שוין לאנג געוואָלט זיך דורכריידן מיט אײַך, פרײַלן בריל, — האָט ער געזאָגט, — איר האָט מיך פארינטערעסירט... זײַט איר הײַנט אין אָוונט פרײַ?

דאָס גאנצע בלוט האָט ליובען א שפּאר געטאָן אין פּאָנעם. זי האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געמורמלט שטיל:

— וואָס רעדט איר, הער קופּריץ?.. איך... איך בין ניט פרײַ. איך מוז גיין צום פּאָטער.

ער האָט זי צערטלעך אָנגענומען פאר דער האנט.

— אָבער איר קאָנט דאָך א ביסל ארויסגיין אין גאס, א שפּאציר טאָן, ניט עמעס? בלויז אף א ווײַלינקע... איך וויל אײַך זען ניט בלויז אף דער ארבעט און — איר האָט מײַן וואָרט, אז איך וועל אײַך לאנג ניט פארהאלטן. זאָל זײַן אום אכט, אום נײַן... ווען איר וועט זיך נאָר באפרײַען. איך וועל אף אײַך ווארטן אין גערטעלע באם טעאטער. יאָ, איר וועט קומען?

און ער האָט מיט געבעט איר ארײַנגעקוקט אין די אויגן.

זי האָט געוואָלט זאָגן, אז זי וועט ניט קומען. אָבער דאָס הארץ האָט איר ניט געלאָזט. דער מענטש איז דאָך געווען פרײַנטלעך צו איר, האָט איר געטאָן אזא טויווע... ניין, עס וואָלט געווען א גרויסע אומדאנקבארקײַט פון איר זײַט אים אָפּצוזאָגן! ווי קאָן זי אים גאָר אָפּזאָגן?

און אופהייבנדיק אף אים א פארשעמטן בליק און טייקעף צוריק אראָפּ־לאָזנדיק דעם קאָפּ, האָט זי קוים צום הערן געזאָגט:

— יאָ... כ'וועל קומען... אָבער ניט אף לאנג.

אין דער היים גרייט ליובע צו, ווי שטענדיק, דאָס עסן פארן טאטן, קערט אויס מיטן בעזעמל די קעלער־שטוב, ראמט אוף די ווינקעלעך. אלץ איז, דאכט זיך, ווי געווען, אָבער מיטן פארשפּיצטן כוש פון א צוגעקאָוועטן צום געלעגער דערשפּירט דער אלטער עפּעס אן אומרויקײַט אין אירע באוועגונגען, און ער פרעגט שטיל:

— וואָס איז מיט דיר, טאָכטער? האָט עפּעס פּאַסירט?

„ער פּילט...", טוט איר א שטאָך אין האַרצן, און זי ענטפערט גיך:

— גאָרנישט, טאַטע, גאָרנישט! ס'דאַכט זיך דיר...

— קאָן זײַן... — גיט ער נאָך, און אין א ווײַלע אַרום זאָגט ער צערטלעך: קום אהער צו מיר, ליובע...

זי וואַרפט אוועק דאָס בעזעמל, גייט צו צום טאַטן, און ער נעמט אָן איר האַנט און גלעט זי שווײַגנדיק מיט זײַנע ביינערדיקע פינגער. מיטאַמאָל הייבט ער אויף איר האַנט צו זײַן שטעכיקער באָרד, און איידער ליובע באַווײַזט זיך נאָך צו באַטראַכטן, דערשפּירט זי אויף איר הויט א הייסאָטעמדיקן קוש.

— וואָס טוסטו, טאַטע?! — רופט זי אויס דערשראָקן, און נעמט האַסטיק אָפּ איר האַנט.

— טאָכטער... — זאָגט ער מיט טיפער דערשיטערונג אין שטים — דו טוסט דאָך פאַר מיר אַזויפיל, האָרעוועסט איבער די קויכעס...

— רייד ניט וועגן דעם, טאַטע — וויינט זי זיך שיר ניט פונאַנדער. זי גייט אָפּ פון זײַן בעטל און נעמט זיך ווײַטער פאַר דער אַרבעט. איר צעררודערונג וואַקסט אָבער פון מינוט צו מינוט און אַלץ פאַלט איר פון די הענט.

דערווײַל ווערן שוין די שײַבלעך פאַרצויגן מיט אַן אַלץ געדיכטערער בלאָקײַט, און זי צינדט אָן דאָס נאַפט־לעמפּעלע. נאָכדעם טוט זי האַסטיק אָן איר לײַכטן מאַנטעלע און זעצט געשווינד אַרויף אויפן קאָפּ דעם בערעט.

— וווּהין, ליובע? — טוט זיך דער פאָטער א הייב אויפן געלעגער.

— אין טיפּאָגראַפיע! — זאָגט זי, און פּרוּווט צוגעבן איר שטים א לײַכטקײַט — דער מײַסטער האָט געהייסן קומען. א ספּעציעלע באַשטעלונג.

און איידער ער באַווײַזט נאָך עפּעס צו זאָגן, לויפט זי שוין אַרויס פון קעלער. איר פּאָנעם גליט פון שאַנד פאַר אָט דעם ערשטן ליגן.

דער פאָטער בלײַבט זיצן אָנגעשפּאַרט אָן די הינטערווײַלעכס פאַרוואָרפענע הענט. א צײַט זיצט ער אַזוי אָן באַוועגונג, ביז די הענט ווערן אים אָפּגענומען. נאָכדעם לאָזט ער זיך אַראָפּ אויפן געלעגער, דרייט זיך נערוועז פון איין זײַט אויף דער אַנדערער און האַלט אין איין טראַכטן וועגן דער אומרויקײַט ליובעס, וואָס האָט זיך אים שוין פריִער איבערגעגעבן. און וואָס מער ער טראַכט, ווערט די פרייד, וועלכע האָט אים די גאַנצע צײַט אַזוי באַרוישט, פּאַמעלעך פאַרטריבן דורך עפּעס אַן אומבאַשטימטן פאָרגעפיל, וואָס קומט אין אים אויף.

2

ווי נאָר ליובע איז אַרײַן אין דעם טונקל־באַלויכטענעם טעאַטער־גער־טעלע, אַ שפּאַן געטאָן איבער די סטעזשקעס, אַף וועלכע עס האָבן דאָ און דאָרט נאָך מאַט אונטערגעבליאַסקעט צוגעפּראָרענע ריטשקעלעך, איז פון אַ זײַטיקער אַלייע באַלד אַרויסגעקומען קופּריץ, און אויס־שטרעקנדיק איר אַנטקעגן ביידע הענט, מיט פרייד אויסגערופן:

— איך בין גליקלעך אײַך צו זען, פרײַלן בריל! ווי ליב דאָס איז פון אײַך, וואָס איר זײַט געקומען!

זי האָט אומאַנטשלאָסן אים געגעבן די האַנט און שטיל געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, כ׳האָב פאַרשפּעטיקט... געהאַט צו טאָן אין שטוב...

דער יונגערמאַן האָט מעוויניש באַטראַכט ליובעס שלאַנקע פיגור, איר צאַרט פּאָנעם, וואָס האָט סוידעסדיק זיך אַרויסגעבלייכט אין ליכט־ און שאָטן־שפּיל פון די בויגן־לאָמפּן פון דערבײַיקן בולוואַר, און מיט היספּײַ־לעס אויסגערופן:

— ווי שיין איר זײַט, פרײַלן בריל! איר אַליין זײַט אויך ווי דער אופוואַכנדיקער פרילינג אַרום אונדז!

און מיט די ווערטער האָט ער איר גענומען אונטערן אָרעם. זי האָט זיך דערשראָקן און מיט אַ לײַכטער באַוועגונג געפּרוווט זיך באַפרײַען. ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר און מיט אַ באַליידיקטן טאָן גע־פרעגט:

— בין איך אײַך דען אַזוי דערווידער, פרײַלן בריל?

און אַוועקנעמענדיק זײַן האַנט פון איר אָרעם, זיך אָפּגעזיפצט:

— אויב יאָ, וועל איך ניט צושטיין...

נאָך אַ קורצער פּאַוזע האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר, אַרײַנגעקוקט איר אין די אויגן און געפרעגט מיט אַ ווייכער, אײַנדרינגלעכער שטים:

— איז דאָס טאַקע אַזוי? בין איך אײַך טאַקע דערווידער? און איך האָב זיך אַזוי געפרייט אַף אונדזער באַגעגעניש!..

ליובע איז געווען צעטומלט. איר האָט געשראָקן זײַן צושטיין, אָבער גלײַכצײַטיק האָט איר אויך פאַרדראָסן, וואָס מיט איר נאַרישער אויפירונג באַליידיקט זי דעם דאָזיקן מענטשן, וועלכער איז דאָך געווען צו איר אַזוי פרײַנטלעך, אַזוי מיטפילנדיק.

— אַנטשולדיקט, הער קופּריץ, — האָט זי געזאָגט מיט געבעטע אין שטים, — איך האָב זיך אַ ביסעלע... דערשראָקן...

— דערשראָקן גאָר? — האָט ער דערשטוינט איבערגעפרעגט —

פאַרוואָס זיך שרעקן? מיר זײַנען דאָך מיט אײַך ניט קיין פרעמדע, מיר אַרבעטן צוזאַמען, זעען זיך אָפּט...

און אַזוי ריידנדיק, האָט ער זי ווײַטער גענומען אונטערן אָרעם, פעסטער צוגעדריקט צו זיך, און זי, אַ פאַרשעמטע, האָט זיך שוין מער ניט געווערט.

אַזוי האָבן זיי אַ צײַט לאַנג געשפּאַנט איבערן גערטעלע, און ער האָט אָן אויפהער גערעדט וועגן דעם אײַנדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט אויף אים; וועגן דעם, ווי גוט עס איז, וואָס צוויי אַזעלכע יונגע מענטשן ווי זיי גייען האַנט־אין־האַנט אין אַזאַ פּרעכטיקן אָוונט, באַרוישטע פון דער פרייד פון צוזאַמענזײַן...

זי איז טאַקע געווען באַרוישט, און דער קאָפּ האָט איר פאַרשווינדלט פון זײַנע רייד. און עפּשער איז דאָס געווען די יאָדערדיקע פרעסטלדיקע לופט פון דעם דורכזיכטיק־בלאָען מאַרט־אָוונט, וואָס האָט איר באַנומען אַזוי ווי קרעפּטיקער ווײַן? און אַזוי באַרוישט איז זי געווען, אַז ס׳האָט איר אַפילו אויפגעהערט פּײַניקן דער געדאַנק, וואָס האָט דעם גאַנצן וועג אָהער אָן אויפהער גענאָגט — דער געדאַנק וועגן דעם, ווי זי האָט אָפּגענאַרט איר פאָטער, צום ערשטן מאָל אין לעבן אים געזאָגט אַ ליגן.

— אָבער וואָס רייד איך אַזויפיל? — האָט ער מיטאַמאָל זיך איבערגעשלאָגן — אײַך איז דאָך געוויס קאַלט? איז לאָמיר אַרײַנגיין ערגעץ זיך אַביסל אָנוואַרעמען.

ער האָט זי אַרויסגעפירט פון גערטעלע, זיי האָבן דורכגעקרייצט דעם בולוואַר, אַרײַן אין געפּלאָנטער פון די אַלטשטאָט־געסלעך, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן אַרײַנגאַנג אין אַ קליינעם קאַפע.

— איר האָט גאָרנישט קעגן דעם, מיר זאָלן אַרײַנגיין אַהער אויף אַ ווײַלינקע? — האָט ער געפרעגט, און ניט אָפּוואַרטנדיק איר ענטפער, האָט ער געעפנט די גלאָז־טיר און זי אַרײַנבאַגלייט אין אַ קליינעם רוים, וווּ עס זײַנען געשטאַנען עטלעכע ליידיקע טישלעך. אויפן טאָמבאַנק בײַ דער זײַט זײַנען אויסגעשטעלט געווען וואַזעס מיט געבעקס און קאָנפעטן, און מיטן רוקן צו דער גלעזערנער שאַפע מיט די ליידיקע באָנבאָניערעס איז געשטאַנען און געגענעצט די פאַרקויפערן. אַ קליין טירל, פאַרשטעלט מיט אַ פאַרשטויבטער פאָרטיערע, האָט געפירט אין אַן אַנדער רוים, וווּ עס האָבן זיך געזען עטלעכע שטײַגעלעך, אויך פאַרהאַנגענע מיט פאָרטיערעס.

אין איינעם פון אָט די פאַרהאַנגענע שטײַגעלעך האָט קופּריץ אַרײַנגעבעטן ליובען. ס׳איז געווען אַזוי ענג, אַז זיי האָבן זיך קוים אַהין אַרײַנגעשפּאַרט. ער האָט דאָס צעטומלטע מיידל אַוועקגעזעצט אויפן קליינעם דיוואַנטשעלע פאַרן וואַקלדיקן מירמלנעם טישל, און ווען די פאַרשלאָפענע

קעלנערן איז צוגעקומען, האָט ער איר אָפּגעגעבן זײַן באַשטעלונג. נאָכ־דעם האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם לען פון דיוואַן, זיך צוגערוקט נעענ־טער צו ליובען, און מיט א זעלבסטצופרידענעם שמייכעלע שטיל־שווײַגנ־דיק און זשעדנע געגומען באַטראַכטן דאָס מיידל און זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן אַף אירע צאַרטע, ווי מיט פּרישן טוי באַדעקטע, באַקן, וועלכע האָבן פון שפּאַציר זיך לײַכט געררויטלט, אַפן מילדן בליק פון אירע אויגן אונטער די פײַן־געבויגענע ברעמען, אַף די כיינעוודיקע קרויזן, וואָס האָבן זיך שטיפעריש אַרויסגעשלאָגן פון אונטער דעם בערעט.

„א מיידעלע א בריליאַנט!‟, האָט ער געקלערט דערבײַ, זיך האַלטנדיק אין איין שפּיגלען אין ליובעס כיין, און אינדערהייך האָט ער געזאָגט:

— איך האָף, פרײַלן בריל, אַז מיר וועלן זײַן מיט אײַך גוטע פרײַנט, ניט עמעס?

ליובע האָט אין פאַרלאָרנקײַט געפינטלט מיט די אויגן און ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. פון דער פאַרלעגנהײַט האָט איר, צום גליק, אַרויסגע־האָלפן די קעלנערן, וועלכע איז גראָד צוגעגאַנגען מיט שטילע טריט, מיט א טאַץ אין האַנט און גענומען פאַנאַנדערשטעלן אַפן טישל די געבראַכטע באַשטעלונג.

פאַר דעם אַרבעטער־מיידל פון פאָרשטאָט איז דאָ אַלץ געווען נײַ און פרעמד. דער געווירציקער אַראָמאַטן־געמיש פון שאָקאָלאַד, פון קאַפע, פון זיסן געבעקס און פון וואָלוועלע פאַרפומען האָט איר פאַרוויקלט אין א באַרוישטקײַט, פון וועלכער ס'האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ. דער געהיימ־ניספולער האַלב־טונקל פון דער קאַבינע, דערצו די קאָפּשווינדלדיקע נאָענט־קײַט פון אָט דעם מענטשן גאָר פון אַן אַנדער וועלט, ווי די, אין וועלכער זי איז אויסגעוואַקסן און זי לעבט, — דאָס אַלץ האָט בא איר אַרויסגערופן שרעק און צוגלײַך אויך יונג־מיידלשע נײַגעריקײַט. זי האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך די אויסטערלישקײַט פון דעם אַרום, אָבער דערבײַ ניט אויפגעהערט אונטערבאַוווּסטזיניק צו גריבלען זיך: טוט זי ריכטיק, וואָס זי איז דאָ? מעג זי דאָס טאָן?..

פון קופּריצעס געניט אויג איז ניט געבליבן פאַרבאָרגן ליובעס פאַר־לאָרנקײַט. און נאָכדעם, ווי ער האָט א צײַט לאַנג זיך געשפּיגלט אין איר פאַרלעגנהײַט, האָט ער צוגערוקט צו איר די טאַס שאָקאָלאַד מיט דער וואַזע געבעקס, און אָנווײַזנדיק אַף דעם מיט א ברייטער האַנט־באַוועגונג, גאַסטפרײַנטלעך געזאָגט:

— איך בעט אײַך, פרײַלן בריל!

און אַז זי האָט זיך נאָך אַלץ געוואַקלט, האָט ער שוין צודרינגלעכער צוגעגעבן:

— זאָגט זיך ניט אָפּ, איַער אָפּזאָג באַליידיקט מיך!

דעמלט האָט זי ניט זיכער צוגעלייגט די ליפּן צום געטראַנק, א ליַיכטן זופּ געטאָן, און אין דער צייַט, וואָס די זיסע, ווילשמעקנדיקע פליסיקייַט האָט איר פאַרשאַפן א ווונדערלעכע געמיטלעכקייַט, האָט צו איר, ווי פון נעפּל ארויס, זיך דערטראָגן א ווייכע, איַינדרינגלעכע שטים:

— איר ווייסט, פריַילן בריל, אז היַינט איז בא מיר א גרויסער טאָג? — און, אָפּוואַרטנדיק א וויַילע און נאָכדעם זיך צובייגנדיק צו איר, צוגעגעבן — דערפאַר, וואָס ענדלעך האָב איך זיך באַגעגנט מיט איַיך... אָט אזוי ווי איצט, אויג אָף אויג!

זי האָט ניט געענטפערט, האָט נאָך טיפער אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. און פון דעם, ווי אויך פון דעם קוים־מערקבארן ציטער פון איר ליפּ איבערן ראַנד פון טאַס האָט ער איַינגעזען, אז זיַינע ווערטער זיַינען ניט אוועק אין ניוועץ...

— מיך האָט שוין פון לאַנג געצויגן צו איַיך, פריַילן בריל — האָט ער וויַיטער גערעדט. — איך פלעג אריַינגיין אין מאַשינען־רוים אזוי אָפט אויך נאָר קעדיי איַיך צו זען... און גלייבט מיר, איך בין גליקלעך געווען צו באַקומען א געלעגנהייַט איַיך מיט עפּעס נוצלעך צו זיַין. זאָגט מיר צו זיך ווענדן צו מיר יעדעס מאָל, ווען איר וועט זיך נאָר נייטיקן אין עפּעס. ווענדט זיך צו מיר, ווי צו א גוטן פריַינט... זאָגט איר מיר דאָס צו?

— יאָ... געוויס... א דאַנק... — האָט זי צעטומלט ארויסגעבראַכט, און מיטאַמאָל איז זי געוואָרן אומרויִק — אוי, אזוי שפּעט! איך דאַרף דאָך שוין גיין... אנטשולדיקט, הער קופּריץ...

שטאַרק צופרידן איז ער ניט געווען פון דעם, אָבער קיין וואָרט ניט זאָגנדיק קעגן איר באַשלוס אוועקצוגיין, האָט ער צוגערופן די קעלנערן, זיך צערעכנט, און זיי זיַינען ארויס אין גאַס. ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און צוגעטוליעט צו זיך. ווען זיי האָבן דערגרייכט די באַלויכטענע גאַס, האָט קופּריץ אָפּגעשטעלט א טאַקסי, אריַינגעזעצט ליובען אהין און אליין זיך אויך געזעצט בא איר זיַיט, און די גאַנצע צייַט, וואָס די מאַשין האָט זיך געגליטשט איבערן אַספאַלט פון בולוואַר און נאָכדעם אונטערגעשפּרונגען אפן הייקערדיקן ברוק פון פאָרשטאָט, האָט ער מיט זיַין איַינדרינגלעכער שטים געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דער פרייד, וואָס איז אים באַשערט געווען היַינטיקן אָוונט. אריַינקוקנדיק איר אין די אויגן, האָט ער געפרעגט:

— מיר וועלן דאָך נאָך האָבן א סאַך אזעלכע אָוונטן, ניט עמעס?

און ווען זי האָט אָף דעם ניט געענטפערט, האָט ער מיט פאַרדראָס אין שטים געזאָגט:

— א גאַנצן אָוונט האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען, און איך האָב פון אײַך קימאַט קײן וואָרט ניט געהערט... וועגן וואָס טראַכט איר, קינד?

זי האָט אופגעציטערט. קאָן זי אים דען זאָגן, וועגן וואָס זי טראַכט? איר איז דאָך אַזוי שווער אפן האַרצן... און וואָס וועט זײַן, ווען דער טאַטע וועט זיך דערוויסן, אַז זי איז געקומען צו פאָרן מיט אַ מאַשין... און דער־וויסן וועט ער זיך דאָס געוויס — בא זײ אין גאַס זײַנען קײן סודעס ניטאָ. און מיט אַ פאַרצווייפלטן מוט האָט זי זיך געווענדט צו איר באַגלייטער:

— איך האָב צו אײַך אַ ביטע, הער קופּריץ... לאָזט מיך דאָ אַרויס! איך וועל שוין צוגײן אַהײם צופוס... אַלײן...

— צופוס? און אַלײן? — האָט ער פאַרוווּנדערט געפרעגט — פאַרוואָס ווילט איר ניט פאָרן אין מײַן באַגלײטונג?

— ניט צוליב דעם... ניט ווײַל איך וויל ניט מיט אײַך... הער קופּ־ריץ... — האָט זי מיט שוועריקײַט אַרויסגעבראַכט — נאָר איך טאָר ניט... וואָס וועט זאָגן דער פאָטער... די שכנים? פאַרשטייט מיך, הער קופּריץ, און זײַט ניט בייז...

— אָך, אַזוי — האָט ער אַ שמייכל געטאָן — נו, ווע לן מיר ניט פאָרן. ער האָט געהייסן דעם שאָפער זיך אָפּשטעלן, זײ זײַנען אַרויס פון מאַ־שין, און אַ שטיקל וועג האָט ער ליובען באַגלייט. אפן ראָג האָבן זײ זיך גע־זעגנט, און באַלד איז ליובע פאַרשוווּנדן אונטער דעם מאָרעשכוירעדיקן פאַר־שאָטנטן טויער. איר באַגלייטער אָבער איז אין דער צײַט צוריק אוועק אַהין, צו די ליכטיקע קוואַרטאַלן, צום זאָרגלאָזן לעבן, און דעם גאַנצן וועג האָט ער צופרידן געשמייכלט צו זיך: פאַר אים האָבן אופגעלעבט די פּאַסי־רונגען פון דעם אָוונט, ער האָט געטראַכט וועגן דעם גוטן אָנהייב און וועגן דעם דערוואַרטן נאָך בעסערן פאַרלויף פון דעם רייצנדן עפּיזאָד מיטן קליינעם, שיינעם אַרבעטער־מיידל.

די אומבאַשטימטע געפילן, וואָס זײַנען אופגעקומען אין דעם פאָטער, בײַס די טאָכטער איז אַרויס פון שטוב, זײַנען געוואָרן פאַר אים מאַמאָשעס־דיקער נאָך אין דעם זעלביקן אָוונט. ווען ליובע איז אין עפּלעכע שאָ אַרום צוריקגעקומען, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ניט אַף נאַכט־אַרבעט איז זי געווען, — פון דער נאַכט־וואַכטע וואָלט זי דאָך אַזוי גיך זיך ניט צוריק־געקערט. הייסט עס, זי האָט אים געלײַגט, זי איז גאָר געווען אַנדערשוווּ?.. דער געדאַנק וועגן דעם, אַז זײַן טאָכטער פאַרהוילט פון אים עפּעס, וואָלט אים דאָך אַלעמאָל אומדערטרעגלעך געווען, אָבער באַזונדערס שווער איז געווען צו טראַכטן וועגן דעם איצט, ווײַל ניט ווילנדיק האָט ער ליובעס

הײַנטיקן רעטענישפּולן אוועקגיין פאַרבונדן מיטן אַזוי אומגעריכט באַקו־מענעם געלט, און אַ שאַרפער כּשאַד האָט זיך אַרײַנגעשלײַכט צו אים אין האַרצן, אַ ווייטעקדיקער כּשאַד, וואָס האָט מיט העלישע פלאַמען־צונגען גענומען ברענען זײַן מויעך.

אַן אַנדער טאַטע אַף זײַן אָרט, וואָלט געוויס געזוכט צו קילן זײַנע ליידן דורכן אַראָפּריידן זיך פון האַרצן, ער וואָלט געלאָדן די טאָכטער צום מישפּעט פון זײַן פאַרליטן פאָטער־האַרץ. שאָלעם בריל איז אָבער געווען פון די מענטשן, וועלכע שטיקן אין זיך זייער צאַר. די צוגעקאָוועטקײַט צום געלעגער האָט אים אויסגעלערנט צו זײַן נאָך מער געדולדיק, קאַרג אַף רייד, אַלץ אין זיך איבערצוקאָכן און איבערצוברענען. און ער האָט געשוויגן.

אויך ליובע האָט געשוויגן, און זינט יענעם אָוונט האָט דער ריס צווישן פאָטער און טאָכטער זיך אַלץ פאַרברייטערט...

אַזוי איז אַוועק אַ כוידעש, און אין איינעם אַ ליכטיקן אַפּרעל־פרימאָרגן איז דער פּראָטעזן־מײַסטער געקומען אין קעלער־שטוב מיט אַ גרויסן פּאַק אונטערן אָרעם. ווען ער האָט אים פאַנאַנדערגעוויקלט, האָבן איבער די ווענט אָנגעהויבן שפּרינגען העזעלעך־אָפּשפּיגלונגען פון די בליץ־בלאַנקע מעטאַלענע שינעס, מיט וועלכע עס זײַנען פאַרייניקט געווען די לעדערנע הילזן פון די פּראָטעזן, און אין דער אײַנגעשטאַנענער מוכלדיקער לופט פון דעם קעלער האָט זיך פאַרשפּרייט אַ שאַרפער רייעך פון פרישן לאַק.

— נו — האָט דער אַרײַנגעקומענער געזאָגט, זיך אָפּווישנדיק דעם שווייס פון פּאָנעם — האָב איך אײַך געבראַכט די באַשטעלונג. נאָך פאַר דער צוגעזאָגטער צײַט האָב איך דאָס געמאַכט. איך ווייס דאָך ווי איר דאַרפט די פּראָטעזן נייטיק! אָ, זײַנען דאָס שוין איינמאָל אַ פּאָר פיס! לײַכט — לײַכטער נאָך פון אייגענע. איר וועט זיי גאָר ניט פילן, זאָג איך...

אָבער ער האָט ניט דערעדט, ווײַל דאָ האָט ער דערזען, ווי דער פּאַ־ציִענט ליגט מיט צוגעמאַכטע אויגן און פאַרקוועטשטע ליפּן, וויל גאָר אפילע ניט אַ קוק טאָן אין זײַן זײַט. דער מײַסטער האָט זיך דערמאָנט, ווי דער זעלביקער אָנפּיסיקער איז געווען אומגעדולדיק, בײַס מ'האָט אַראָפּ־גענומען פון אים די מאָס. און איצט... וואָס איז געשען מיט אים? אין מע־שעך פון זײַן לאַנגיאָריקער פּראַקטיק האָט דער מײַסטער שוין באַגעגנט קאָלעריליי קונדן: אַנדערע אָנפּיסיקע נעמען אָן די פּראָטעזן מיט האַכנאָע און אונטערגעוואָרפנקײַט דעם גוירל, אַנדערע טוען זיי אָן מיט טרערן אין די אויגן, אַנדערע ווידער מיט פרייד, וואָס זיי באַקומען אַ מעגלעכקײַט ווײַטער זיך צו באַוועגן ווי מענטשן... אָבער אַזעלכע פאַרביסענע ווי דער־אָ האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען!

— ווי, איר ווילט גאָרניט א קוק טאָן אף די וווּנדערבאַרע פּראָטעזן, וואָס איך האָב אײַך געמאכט? — האָט ער געפּרוּווט פּאַנאַנדערוויגן דעם אקשן — זעט נאָר, וואָס פאר א פּיס דאָס זײַנען! דערלויבט א ווײַלע, כ׳וועל אײַך אָנטאָן! אָט ווי מע דאַרף זיי אָנטאָן...

אָבער וויפל ער האָט ניט גערעדט, איז דער קאַליקע אלץ געלעגן אומ־באַוועגלעך, מיט פאַרמאַכטע אויגן, און האָט ניט ארויסגעוויזן קיין שום אינטערעס — ניט צו דעם מײַסטערס פּראָטעזן, ניט צו זײַנע רייד.

דער מײַסטער האָט נאָך א ביסל געפּרוּווט טײַנען, אָבער סאָפקאָלסאָף, זעענדיק, אז עס וועט גאָרנישט העלפן, האָט ער א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און ארויסגעגאנגען פון קעלער, א האַק טוענדיק מיט דער טיר.

און בריל איז געבליבן אומבאַוועגלעך ליגן מיטן רוקן אויסגעקערט צו די שפּאָגל־נײַע, מיט מעטאַל און לאַק בלישטשענדיקע פּראָטעזן, וואָס זײַנען געלעגן באַם בעטל און געדולדיק געוואַרט, דער אָנפּיסיקער זאָל מיט זייער הילף צוריק ארײַנשפּרײַזן אין לעבן.

אז ליובע איז אין אָוונט ארײַן אין קעלער־שטוב, האָט איר אנטקעגן א שלאָג געטאָן אן אויסטערלישע פאַרטײַעטע שטילקײַט. מיט א האַרץ, וואָס איז מיטאמאָל פאַרקלעמט געוואָרן, האָט זי דערפילט, אז עפּעס איז דאָ געשען. זי האָט האַסטיק א שפּאַן געטאָן און זיך באַלד פאַרטשעפּעט אָן עפּעס אף דער פּאָדלאָגע. מיט ציטערדיקע פינגער האָט זי אָנגעריבן א שוועבעלע, צוגעגאנגען צום געלעגער און דערזען, ווי צווישן צערזשעטע און פּאַנאַנדערגעוואָרפענע בעט־צײַג ליגט דער טאַטע, באַ זײַן זײַט — דער האַקמעסער, מיט וועלכן זי שפּאַלט די שפּענדלעך, און איבער דעם גאַנצן קעלער זײַנען צעשאָטן צעדרוזשגעטע און צעפּיצלטע שטיקער האָלץ, לעדער, דראָט...

דאָס צינד־העלצל ברענט אויס, אלץ ארום טונקט זיך אָפּ אין כוישעך, און מיט א שטילן שאָרך לאָזט זיך ליובע אראָפּ אף דער ערד באַם פּאָטער צוקאָפּנס. ער דרייט זיך פאַמעלעך אויס צו איר, נעמט מיט פיבערדיקע פינגער גלעטן איר פּאָנעם, אירע צוקנדיקע אקסלען, און אזוי בלײַבן זיי ביידע אין דער פינצטער, פאַרלאָרענע, פאַרקלעמטע, און איבער זייער קעלער און איבער זייערע הערצער שפּרייטן זיך מאַרעשכוירעדיקע שאָטנס, פאַרצויגן מיט אויסגאַנגלאָזיקײַט... און דאָרטן, א פּאָר קוואַרטאַלן ווײַ־טער — אין דער ליכטיקער, טומלדיקער גאַס, וואַרט דער יונגער קופּריץ, און אומפאַרמײַדלעך און האַרב, ווי דער גוירל אליין, מאָנט ער און מאָנט זײַן געצאָלט.

ליכט אַף דער שאָטן־זײַט

ווען אַף דער גאַס הילכן אָפּ די באַטאָגיקע געראַשן און איבער איר נעמט זיך פּאַמעלעך אַראָפּלאָזן דער פאַרנאַכטיקער פאָרהאַנג, קומט באַסיע אָן מיט מידע טריט, פאַרנעמט איר שטענדיקן אָרט אונטערן טויער און שטעלט אַוועק פאַר זיך איר קויש. זי עטעמט שווער אָפּ, און נאָכדעם הייבט זי אָן אויסרופן מיט אַ שטים, וואָס איז אויך אַזוי טונקל און מאַט, ווי די אַלץ געדיכטער ווערנדיקע שאָטנס אַרום:

— קויפט... קויפט... פרישע געררייכערטע פישעלעך... פישעלעך!..

איינער נאָכן אַנדערן צינדן זיך אָונט־ליכט. די גאַס נעמט זיך שפּיגלען אין בלענדיקער שײַן. אָבער פאַר אָט דעם קליינינקן אומבאַהאַלפן ווײַבעלע אונטערן טויער קלעקט ניט קיין ליכט. זי שטייט אין איר פאַרשאָטנט ווינקל, אַזוי ווי אַרויסגעשטופּט פון דער ליכטיקער וועלט.

אָן אויפהער לויפן אַהין און אַהער פאַרבײַגייער. אייניקע אײַלן אַהיים, דאַרטן צו געפינען רו פון דעם טאָג אַרבעט; אַנדערע יאָגן זיך נאָך אָוונטיקע פאַרווײַלונגען און פאַרגעניגנס; די דריטע טרײַבט איבער די גאַסן איינזאַמקײַט; די פערטע... די פינפטע... נאַר קאָן מען דען אויסרעכענען אַלץ, צוליב וואָס און וווהין מענטשן בלאָנדזשען אַרום איבער אָוונטיקע גאַסן?..

פון צײַט צו צײַט טיילט זיך עמעצער אָפּ פון דעם שטראָם פאַרבײַגייער און דערנעענטערט זיך מיט אומאַנטשלאָסענע טריט צו באַסיעס ווינקעלע.

— זײַנען די פישעלעך פרישע? גיט מיר אַ פּאָר... — זאָגט ער, גיריק

אַרײַנקוקנדיק אין דעם קויש. אָ, באַסיען איז באַקאַנט אַט דער זשעדנער און צוגלײַך דערשלאָגענער בליק פון הונגעריקע מענטשן. זי ווייסט, אַז יענע, וועלכע לויפן פאַרבײַ די גאַס מיט אײַליקע טריט, נייטיקן זיך ניט אין איר סכוירע, זיי האָבן היימען, מישפּאָכעס, פאַר זיי זײַנען אָפן קראָמען, רעסטאָראַנען, אירע פישלעך זײַנען בלויז פאַר אָרעמעלײַט, פאַר עלנטע, פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן ניט מער ווי די פּאָר גראָשן אַף צו פאַרגינען זיך אַ נעבעכדיקן טרוקענעם אָוונט־ברויט.

און בייס זי פאַרוויקלט די פישלעך אין פּאַפּיר, און זיי בליצן מיטן גלאַנץ פון צעשמאָלצענעם גאָלד אין אירע פון האָרעוואַניע פאַרהאַרטעוועטע פינגער, קומט אין איר האַרץ אויף אַ געפיל, וואָס באַפרידיקט איר פאַר דער שווערער מי, פאַר די אוולעס, מיט וועלכע דאָס גרויזאַמע לעבן פלאָגט זי אַזוי האַרב. און זי איז שטאָלץ דערמיט, וואָס זי, אַליין אַן אָרעמע, אַ הונגעריקע, קאָן פאַרשאַפן פרייד און זאַטקײַט אַנדערע אָרעמע און הונגעריקע.

דער קוינע שאַרט דערווײַל צוזאַמען קליינגעלט פון אַלע זײַנע קעשענעס, ציילט מיט טרייסלדיקע פינגער די מאַטבייעס. זי פאַרשטייט, אַז זיי זײַנען אים אָנגעקומען ניט גרינג, אַז עפּשער זײַנען דאָס די לעצטע גראָשנס זײַנע... ניט איין מאָל האָט זי זיך שוין געשעמט, וואָס זי נעמט בײַ אַ מענטשן געצאָלט פאַרן ביסל פרייד, וואָס זי פאַרשאַפט אים.

אָבער ווי קאָן זי דאָס ניט נעמען? ווי טאָר זי קומען אַהיים אָן ברויט, אָן מילך? אין שטוב וואַרט דאָך איר קראַנקער רוועלע... עס טוט איר אַ שניט אין האַרצן, ווען זי דערמאָנט זיך דעם פאַרליטענעם בליק פון זײַנע שוואַרצע פיבערדיקע אייגלעך. דעמלט זיפצט זי זיך שווער אָפּ און נעמט צו דאָס געלט.

נאָכדעם בלײַבט זי ווײַטער אַליין. אַליין אין דעם אָוונטיקן טומל, וואָס גליטשט זיך פאַרבײַ, זי ניט באַרירנדיק. מיט פאַרשמאַכטע ליפּן רופט זי פון צײַט צו צײַט אויס איר סכוירע. קויפערס קומען צו זעלטן, און קיינער שטערט איר ניט זיך אָפּצוגעבן אירע טרויעריקע געדאַנקען.

...אָט קומט ער, דער בייזער דאָקטער... אייביק אײַלט ער זיך, לויפט... נעמט אָפּגיך אָפּ בײַ איר דעם לעצטן צוויילאַטיקן[1], און גלאָצנדיק מיט דיברילן זאָגט ער שטרענג: „גיט דעם יינגל מער מילך, מער פּוטער!” גיט... אָבער ווו זאָל זי, די אָרעמע אַלמאָנע, דאָס נעמען? אַז אַף אַ שטיקל טרוקן ברויט קלעקט דאָך אויך ניט שטענדיק...

— קויפט פישעלעך... געררייכערטע פישעלעך, פרישע... קויפט!

[1] לאַט — אַ מאַטבייע אין בורזשואַזן לעטלאַנד.

...איין גאָט ווייסט, אז זי טוט אלץ, וואָס זי קאָן. באגינען שוין הייבט זי זיך אוף, לויפט אפּן מארק אײַנקויפן די פישלעך, גייט א גאנצן טאָג ארום מיטן קויש איבער די שטיבער... אין די אָוונטן שטייט זי א מידע ביז שפּעטער שאָ אין גאס אף צו פארקויפן דאָס, וואָס בלײַבט איבער פון באטאָג... שטענדיק א נערוועזע, אין איינע שרעק, פּאָליצײַ זאָל זי ניט כאפּן און פאַריאָגן, ווײַל דער גאסן־האנדל איז דאָך פארבאָטן... און אזוי גייען די טעג, און דורכצולעבן זיך ווערט אלץ שווערער, אלץ ביטערער...

— קויפט פרישע פישעלעך, געריייכערטע... קויפט!

אין איינעם אן אָוונט איז באסיע, ווי שטענדיק, געשטאנען אין איר פארשאָטנטן ווינקעלע און, אויסגעשעפּט פון א גאנצן טאָג הארעוואניע, זיך אָנגעשפּארט אָן וואנט. אין דעם קויש בא איר צופוסנס זײַנען געלעגן צו־נויפגעפּרעסט די פישלעך און האָבן פון צײַט צו צײַט אופגעבליצט אין שײַן פון א גאסן־ליכט, וואָס האָט צופעליק ארײַנגעבלאָנדזשעט אין דעם פינצטערן דורכגאנג. מיט א שוואכער שטים האָט זי אויסגערופן איר סכוי־רע, — אָבער הײַנט איז איר באזונדערס שלעכט געגאנגען, ס׳איז שוין שפּעט, און דער קויש איז נאָך אינגאנצן פול. מיט אן אָפּגעשטארבן הארץ האָט זי געקלערט וועגן דעם, אז באלד דארף מען שוין גיין אהיים, פארבײַ־גייער זענען זיך אלץ ווייניקער, און איר סכוירע וועט פארלעגן ווערן.

פארזונקען אין אָט די אומעטיקע געדאנקען, האָט זי גאָרניט באמערקט, ווי א פארבײַגייער איז צוגעגאנגען צו איר, און זי האָט אופגעציטערט פון אומדערווארטקײַט, דערהערנדיק אים פרעגן:

— וואָס קאָסטן אלע פישלעך? מיטן קויש צוזאמען?

ווי?! אלע פישלעך וויל ער אָפּקויפן? עס גלייבט זיך פּאשעט ניט. און א פארכידעשטע און צעטומלטע האָט זי, אָנשטאָט צו געבן אן ענטפער, גאָר אים געשטעלט א פראגע:

— צו וואָס... דארפט איר... אזויפיל פישלעך?

זי האָט זיך באלד פארכאפּט, און וועלנדיק זיך פארבעסערן, האָט זי זיך נאָך מער פארפּלאָנטערט און ווײַטער א פרעג געטאָן:

— מאכט איר ניט כויזעק פון מיר?

און באלד אף אן אָרט האָט זי זיך שטארק פארוויטלט, ווײַל ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז זי האָט דעם מענטשן באליידיקט. ער האָט זיך אָבער ניט באליידיקט און ערנסט און טרויעריק געזאָגט:

— ניין, מײַן פרײַנט, מיר פאלט גאָרניט אײַן צו מאכן כויזעק... איז וויפל וועט איר מיר פארעכענען די פישלעך?

מיט ציטערדיקע ליפּן האָט באַסיע אַרויסגעבראַכט:

— איך וועל אָפּגעבן וואָלוול... פאַר פינף לאַט.

און זיך דערשרעקנדיק, דער קוינע זאָל קיין כאַראָטע ניט האָבן, האָט זי זיך פאַריכט:

— אויב ס׳איז אײַך טײַער, איז זאָל זײַן פאַר פיר לאַט!

— אַזוי, אַזוי... — האָט דער קויפער אומבאַשטימט זיך אָפּגערופן און אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע. ער האָט אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ צוויילאַטיקע מאַטבייע, נאָכדעם גענומען זוכן אין דער אַנדער קעשענע, און דאָרטן ניט געפינענדיק דאָס געזוכטע, האָט ער אָנגעהויבן נערוועז שאַרן איבער אַלע קעשענעס.

— ווייסט איר... — האָט ער צום סאָף געזאָגט אין פאַרלעגנהײַט — דעם קויש וועל איך ניט נעמען. כאָטש אָן דעם קויש וועט די פישלעך ניט גרינג זײַן אַוועקצוטראָגן. אָבער וואָס זאָל איך טאָן? — און ער האָט הילפלאָז פאַנאַנדערגעפירט די הענט — מיט איין וואָרט... גיט מיר אָפּ די פישלעך פאַר צוויי לאַט. מיינט ניט, אַז איך דינג זיך מיט אײַך, — פּאָשעט, מער האָב איך ניט...

באַסיע איז שטאַרק אין כּעס געוואָרן אױף זיך אַליין: ווער האָט איר געצוויגגן באַ דער צונג אַזוי צו פאַרשעמען אַ מענטשן?.. זי האָט דאָך באַלד געדאַרפט זען, אַז ער איז ניט קיין גוויר, איז וואָס האָט זי אַ בעט געטאָן אַזאַ מאַטמען מיט געלט? און קעדיי אויסצוקויפן איר זינד, איז זי שוין איצט גרייט געווען אָפּצוגעבן אַלע פישלעך מיטן קויש אײַנײנעם פאַר צוויי לאַט. זאָל זײַן, כאָטש פאַרדינען וועט זי שוין גאָרנישט דערבײַ... אָבער אין דער רעגע איז זי אַ פאַרצאַפּלטע געוואָרן, זיך דערמאָנענדיק אין דעם, אַז ווען זי וועט אים אַוועקגעבן דעם קויש, וועט זי שוין מאָרגן ניט האָבן אין וואָס אײַנצוקויפן איר סכוירע.

— דאַרפט איר טאַקע אַזוי נייטיק דעם קויש? — האָט זי געפרעגט מיט געבעט אין שטים, ווי ווענלדיק פויעלן, ער זאָל דאָס ניט אָפּנעמען באַ איר.

— איך דאַרף דעם קויש זייער שטאַרק האָבן — האָט ער געענטפערט פאַרזאָרגט און זיך צוגעבויגן צו איר — איך דאַרף דאָס, פאַרשטייט איר, אָפּטראָגן אין טפיסע... און דאָרטן נעמט מען ניט צו אָן אַ קויש.

— ווי, אין טפיסע? אַהין דאַרפט איר דאָס אָפּטראָגן?

— יאָ, אַהין! — האָט ער געענטפערט, און זיך אומקוקנדיק אין אַלע זײַטן, האָט ער צוגעגעבן שטיל — דאָרטן זיצן מײַנע כאַווירים... גלייבט מיר, באַגאַנווועט האָבן זיי קיינעם ניט, מ׳האָט זיי אַרײַנגעזעצט נאָר דערפאַר, ווײַל זיי ווילן מאַכן דאָס לעבן גרינגער. אײַך, מיר, אַלעמען, אַזעלכע ווי מיר...

באסיע האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט אזוינס. זײַנען דען טאקע פאראַן אזעלכע מענטשן, וואָס ווילן מאכן גרינגער דאָס לעבן פאר איר און פאר נאָך אזעלכע, ווי זי? זי ווייסט ניט, וויאזוי זיי טוען דאָס, אָבער בלויז פון הערן וועגן דעם, האָט שוין איר הארץ גענומען העפטיק שלאָגן. שלאָגן אין באגײַסטערונג פאר אָט די מענטשן, וועלכע קלערן וועגן איר, וועגן איר קראנקן יינגעלע, וועגן אלע אָרעמעלײַט, און זײַנען גרייט אפילע גיין פאר זיי אין טפיסע!.. איר האָט זיך פארגלוסט אָפדאנקען די דאָזיקע ווונדער־לעכע מענטשן פאר זייער זאָרג, פאר זייער הילף־גרייטקײַט. אָפדאנקען פון גאנצן הארצן...

און מיט א פארכאפטער שטים פון דער שעפע געפילן, וואָס האָבן געבראַוזעט אין איר, האָט זי אָנגעהויבן געשווינד ריידן:

— נעמט... נעמט צו אלץ, איר הערט? נעמט צוזאמען מיטן קויש! און קיין געלט וויל איך פון אײַך ניט... בעשום־אויפן ניט!

און זיך צעוויינט פון צערודערונג.

דער אומבאקאנטער האָט פעסט געדריקט איר האנט, און זאָגנדיק גערירט „א דאנק, כאווער, א דאנק!", האָט ער גענומען דעם קויש און אפגיך אוועק.

באסיע האָט אים לאנג נאָכגעקוקט, און פון אירע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. זי איז נאָך אלץ געשטאנען צונויפגעגאָסן מיטן שאָטן, אָבער אפן הארצן איז איר איצט געוועזן ליכטיק. ליכטיק, ווי נאָך קיינמאָל ניט.



די סענטימענטן פון גאַבריִעל פּיאַסטראָ

דעמלט, ווען דאָ איז פאַרלייגט געוואָרן דער בעסוילעם פון די שפּאַניאָלישע ייִדן, האָט דער אָרט זיך נאָך געפונען מיכוץ די גרענעצן פון ניו־יאָרק. איצט אָבער, ווען די שטאָט ארום איז זיך אומגעהויער פארנאַנדערגעוואַקסן, שטייט שוין דאָס פעלד ווי אַן אינדזעלע פון אייביקער רו אפן סאמע קרייצפּונקט פון קאָכיקע גאסן. אין זײַן דוירעס־אלטער שטילקײַט רײַסט זיך מיט גרילץ ארײַן דער ברויז פון שטאָטישן לעבן און פארהילכט דעם דרעמלדיקן געמורמל פון די פּלאַטאַנען איבער די האַלב־אײַנגעזונקענע פארגרינטע מאַציייוועס.

א סאך יאָרן איז מען שוין אף דעם בעסוילעם קיינעם ניט מעקאבער, און אין דער שפּאַניאָלישער געמיינדע איז שוין ניט איין מאָל אופגעהויבן געוואָרן די פראגע וועגן צעאַקערן און פארבויען דעם דאָזיקן קיינעם ניט נייטיקן זייכער פון פארצײַטנס, וואָס פארנעמט נאָר אַן אומזיסטן אָרט דאָרטן, ווו ערד איז מיט גאָלד צוגלײַך. אָבער גאָר אומגעריכט איז דער בעסוילעם אָפּגעראַטעוועט געוואָרן: דער אלטער רײַכער שפּאַניאָל פּיאַסטראָ האָט אים אָפּגעקויפט. אפן אָרט פון דעם אוראַלטן צעקרישלטן פּאַרקאַן האָט ער אופגעשטעלט אַן אײַזערנע שטאַכעטן־צוים, אין דעם האַלב־כאָרעוון קוואָרעס־שטיבל ארײַנגעזעצט א שאַמעס, — און איין מאָל אין יאָר, ערעוו יאָמקיפּער, גליטשט זיך צו צום פּאַרקאַן א זילבער־באשלאָגענער פּאַקאַרד, און אַן אוניפאָרמירטער נעגער־שאָפער הייבט ארויס פונעם לימוזין א פעטן, קליינגעוויקסיקן פרײַכנדיקן זאָקן און פירט אים פּאַמעלעך צו צום טויערל אין דעם צוים. אין דער רעגע פראַלט זיך דאָס טויערל אוף, נעמט

אַרײַן דעם זאַקן און פֿאַרקלאַפּט זיך טײקעף צוריק, איבערלאָזנדיק דעם שאָפֿער אין דרויסן. דאָס האָט דער שאַמעס פּינטאָ, װעלכער שטײט אין דעם טאָג אויף דער װאַך, געעפֿנט פֿאַרן באַלעבאָס דעם אַרײַנגאַנג.

אין דעם מאָמענט, װען פּיאַסטראָ טרעט אַריבער די שװעל פֿונעם בע־סוילעם, לאָזט זיך איבער זײַן געמיט אַראָפּ אַ לײַטזעליקע רו, און באַם אַרופֿקוקן אויף דער לאַנג־אויסגעצויגענער אײַנגעהאָרבעטער געשטאַלט פֿונעם שאַמעס צעפּינטלען זיך זײַנע סאָװע־אויגן אונטער די אָנגעשװאָ־לענע לעפּלעך מיט אַ קאָפּ פֿרײַנטלעכקײט.

— הם...— פּאַטשט ער מיט שלאַבעריקע ליפּן, װאָס הענגען אַראָפּ אָפּגעלאָזן אין דעם שטעכיק־האָריקן דרײַעק פֿון די צוגעשאָרענע װאָנצעס און דעם פֿון אַלטקײט שיטער־געװאָרענעם בערדל — נאָך אַ יאָר דערלעבט, יעס... אַ דאַנק האַשיעם־יִיסבאָרעך, האַ? װאָס זאָגסטו?

טרײסלענדיק מיטן קירבעס־קאָפּ, רוקט ער צו צום שאַמעס אַ טױבלעכן מיט גרינגראָען מאָך באַװאַקסענעם אויער, װאָס דערגײט יענעם קוים־קוים ביז דער אויסגעדאַרטער ברוסט.

— װאָס זאָל איך זאָגן, מאַר גאַװור?עלי? — טוט זיך פּינטאָ אַ בײג, װי איבערברעכנדיק זיך, און אין זײַנע פֿאַרלאָשענע אויגן צינדט זיך אויף אַ רעגע אָן אַ פֿאַרטײַעטער סינע־פֿונק — װער עס דאַנקט, און װער ניט...

און אַרײַנפּלאָנטערנדיק פֿינף פֿאַרהאָרװעטע פֿינגער אין זײַן קנױלי־קער גראָ־שװאַרצער באָרד און צופּאַלנדיק אויף אײן פֿוס, טרעט ער אָפּ אָן אַ זײַט. ער װײסט, אַז איצט דאַרף מען איבערלאָזן דעם באַלעבאָס אַלײן.

און פּיאַסטראָ, זיך שװער אָנשפּאַרנדיק אָן דעם פּימסנהאָלצענעם שטעקן מיטן גאָלדענעם קנאָפּ, נעמט בלאָנדזשען צװישן די אומגעלומפּערט אָנגע־װאָרפֿענע מאַצײװעס, װאָס סטאַרטשען מיט אַקשאָנעסדיקע פֿלײצעס פֿון דער ערד אַרויס. איבער אים רוישט פֿײַערלעך דאָס װינטל אין די אַנט־בלױזט װערנדיקע קעפּ פֿון די פּלאַטאַנען, אונטער אים שאָרכן אומעטיק די בערג אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער, פֿון יענער זײַט צוים דערטראָגט זיך דער װאָכעדיקער שטאָטישער טומל. און דער אַלטער, אָן אויפֿהער שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און פֿרום גלאָצנדיק די אויגן, מורמלט עפּעס מיט אַ היציקן, פֿאַרקײַכטן שעפּטש — צי אַ לאַנג־פֿאַרגעסענעם יִיזקער, צי אַ לאַנג־פֿאַרהילכטן קאַדעש. דאָס דערמאָנט ער די יעניקע פֿון לעבן פֿאַרשניטענע, װעמען ער האָט באַװוּלט און צעטראָטן אין זײַן אומבעראַכמאָנעסדיקן געיעג נאָך רײַכקײט, נאָך הערשאַפֿט, נאָך געניוס...

שפּעטער, װען ער װערט פֿון דעם לאַנגן אַרומגײן און פֿון דער געמיט־צעבראָכנקײט אַזױ אײַנגעמאַטערט, אַז די אַלטע פֿיס קאָנען שוין מער דעם שװערן גוף ניט טראָגן, לאָזט ער זיך מיט אַ קרעכץ אַראָפּ אויף אַ בענקעלע

פאר איינער פון די מאציייוועס און פארדעקט מיט פּאָדאגריש־צעקרימטע ערד־קאָליריקע פינגער די אויגן. און מיטאמאָל רינגלען זיי אים אלע ארום, די פון לעבן פארשניטענע וועזנס, און מאָנען זייער רעכט. דעמלט טוט ער א פאל מיטן פּאָנעם צו דער ערד, זײַנע האמעטנע פלייצעס ציטערן אוף אומבאהאָלפן, און ער בלײַבט ליגן פארשטיינערט, אזוי ווי די מאציייוועס ארום, איינגאנצן א פארגאנגענער און פארזונקענער אין כאראָטע און טשוווע...

ווי לאנג אָבער קאָן דען אזא איינער, ווי דער גרינדער און סעניאָר־שעף פונעם מאשינבוי־זאוואָד „פיאסטראָ און זין" בלאָנדזשען איבער וויסטע פעלדער פון פארגעסנקײַט? און מיט א זיפצעלע פון א מענטשן, וואָס נאָכן אויסוויינען זיך איז אים לײַכטער געוואָרן אפן הארצן, הייבט ער אוף זײַן קאָפּ, קוקט זיך צעטומלט ארום, און אף די אראָפּהענגענדיקע צעקנייטשטע בײַטעלעך אונטער זײַנע אויגן ציטערן נאָך אונטער צוויי מוטנע טראָפּנדלעך... און אין דער זעלבער רעגע ווערט אויך זײַן אָפּגעלאָזענער גוף אופגעכאפּט דורך א פּאָר קרעפטיקע הענט מיט הארטע פארוואָרצלטע פינגער. די הענט טוען אים א נעם אונטער די שלאבעריקע פּאכוועס, שטעלן אים אוועק אף די פיס, זעצן ארוף אף זײַן נאקעטן שארבן דעם אראָפּגעגליטשטן קאפּעליוש און שארן אראָפּ פון זײַנע קני די ערד און די צוגעשטאנענע בלעטער.

די דאָזיקע דינסטגרייטע הענט באלאנגען צו דעם שאמעס פינטאָ, וועלכער איז, ווי נאָר דער באלעבאָס איז געפאלן קוירים, צוגעקומען און זיך געשטעלט בא זײַן זײַט, קעדיי אים צו דער רעכטער מינוט אופצוהייבן. אזוי פירט זיך שוין זינט יאָרן, און דער קאפּריזער פיאסטראָ, וועלכער לײַדט ניט קיין פרעמד אויג בייס זײַן קייווער־אָוועס־באזוך, מוז אָבער אין דער שאָ האָבן בא זיך דעם אלטן שאמעס. עפּשער דערפאר, וואָס דער דאָזיקער לאנדסמאן און געוועזענער ארבעטער אין זײַנע פאבריקן, ווען ער האָט אף דער עלטער אריבערגעפירט אף אָט דער גרינגער ארבעט, איז פאר אים א דערמאָנונג אָן זײַן אייגענער גוטהארציקײַט? און הײַנט איז דאָך אזא טאָג, ווען ער נייטיקט זיך אין אזא דערמאָנונג.

און זײַן גוטסקײַט האָט אין דעם טאָג טאקע קיין ברעג ניט. זי גרייכט אזוי ווײַט, אז אפן צוריקוועג צערעדט ער זיך מיט זײַן געוועזענעם ארבעטער גאָר ווי א גלײַכער מיט א גלײַכן און איז גרייט אפילע זיך א וויצל טאָן מיט אים.

— הם... — קוועטשט ער ארויס א קרומען שמייכעלע אף די ליפּן, און די ליידיקע זעקלעך פון זײַנע רויט־ און בלאָ־געאָדערטע באקן טאנצן גלי־

ווערדיק אונטער — סט'ווען געטראכט, כע־כע, זײַן מיילעך איבער אזא מעלוכע? דײַן אוילעם פֿאָלגט דיר מער, כע־כע, ווי מײַנע ארבעטער פֿאָלגן מיר... יעס.

— איז וואָס דארפֿט איר זיך מאטערן, מאר גאוורי?על? — און פינטאָס הייזעריקלעכע שטים האקט זיך איבער פון גאל און שפּאָט, — לאָמיר מאכן א בײַט... איך — אהין, — ער ווײַזט אָן אין דער זײַט פון שטאָט, — און איר — אהער...

אין אַן אנדער צײַט וואָלט דער שאמעס ניט געוואגט אזוי צו ריידן מיטן אלמעכטיקן גוויר. אָבער הײַנט, אין דעם טאָג פון קייווער־אָוועס, איז פּיאסטראָ צוגעלאָזן און לײַטזעליק ביז גאָר און קיין זאך פירט אים ניט ארויס פון זײַן פרומער נאָכגיביקײַט.

באַם ארויסגיין פון בעסוילעם איז פּיאסטראָ נאָך מעקײַעם די לעצטע מיצווע פון דעם הײַנטיקן גאָטספאָרכטיקן און אלצפארגעבנדיקן טאָג: די מיצווע פון צדאָקע. און ער רוקט ארײַן דעם שאמעס אין האנט א צע־קנייטשטן דאָלער. דערבײַ קוקט ער אים אָן מיט א שאלקהאפטיק־צוגע־זשמורעטן בליקעלע און מאכט א ברייטן זשעסט מיטן אונטערטאנצנדיקן שטעקן.

— הם... — זאָגט ער צופרידן — אָט די אלע, זעסט? פון די אלע... בלויז מיר ביידע, קיין אײַנהאָרע... אלעמען איבערגעלעבט. נו, איבעראַיאָר צו דערלעבן, הא? יעס.

דער שאמעס מורמלט עפּעס אָפּ, עפנט אוף דעם טויערל, און דער שאָפער, וועלכער האָט די גאנצע צײַט געוואַרט אף יענער זײַט, כאפּט אונטער דעם באַלעבאָס און פירט אים אָפּ צום פּאַקארד.

באַלד טוט זיך די מאשין א גליטש איבערן אַספאלט און טראָגט אוועק דעם אלטן צוריק צו זײַן ווילע אף ריווערסײַד־דרייוו. און, א מאָדנע זאך! — ווי נאָר פּיאסטראָ זעצט זיך ארײַן אין דעם לימוזין, ווערט ער טייקעף אַן אנדערער. דער מאַן, וועלכער זיצט דאָ איצט אַן אײַנגעטוליעטער צווישן די פאָלסטערן, איז שוין ניט מער יענער מעכילע־בעטנדיקער צעבראָכענער זאָקן פונעם בעסוילעם. איצט איז ער שוין ווידער דער גרויס־אינדוסטרי?ע־לער פּיאסטראָ, דער גרינדער און סעניאָר־שעף פון דער ברייט־פארצווײַג־טער פירמע „פּיאסטראָ און זין”, און מיט יעדן דריי פון די אויטאָ־רעדער, וואָס פירן אים אוועק אלץ ווײַטער פון דעם בעסוילעם מיט זײַנע שאָטנס, פארגעסט ער אלץ מער אָן דעם געוויין וועגן מעכילע אונטערן פארכאָ־לעמטן געדויש פון די פּלאַטאנען, און די זיכרוינעס, וועלכע קומען אים אוף איין מאָל אין יאָר, פארגייען ווי א רויך, אזוי ווי גאָרניט געוועז.

אזוי הייבט זיך אָן און פאַרענדיקט זיך גאוורזעל פּיאַסטראָס ערעווער־יאַמקיפּערדיקע מעכילע־בעטנדיקע נעסיע אין דער וועלט פון מאַציייוועס און פון לאַנג פאַרגעסענע סענטימענטן. איין מאָל אין יאָר דערמאָנט ער זיך אין זיי, איין מאָל אין יאָר פילט ער אַ באַדערפעניש זיך אויסצווויינען אַף די מאַציייוועס, און דעריבער טאַקע האָט ער אָפּגעקויפט דעם אַלטן בעסוילעם און לאָזט אים ניט צעאַקערן, כאָטש די פּרייזן אַף ערד שטייגן אַלץ, און די זין הערן ניט אויף מיט שוים אַף די ליפּן צו דערווייזן, וויפל מיליאָנען זיי ווערן אָן דורך זיין קאַפּריז. בייס אָט די שמועסן בייגט דער אַלטער בלויז צו צו זיינע זין דעם טויבלעכן אויער, קוקט זיי שאַרף אָן מיט קיילעכדיקע אויגן, וועלכע פינקלען נאָך אַלץ מיט שאַלקהאַפטיקייט און רויב־גלוסט, און שטרענג קלאַפּנדיק מיט צעקרימטע פינגער איבערן לען פונעם קונציק־געשניצטן פּאָטער־שטול, פּאַטשט ער מיט אַראָפּהענגענדיקע ליפּן:

— געזונג זאָל זיין, איר הערט? אז איכ'ל אוועקגיין, הם... טוט וואָס איר ווילט! אָבער קאַלזמאַן איך לעב, וועט דער בעסוילעם אויך לעבן. יעס!

די זין קוקן זיך איבער, קוועטשן מיט די פּלייצעס און מער ריידן זיי ניט. דעם אַלטנס איינגעשפּאַרטקייט דערמאָנט זיי אָן די פאַרגרינטע מאַציייוועס, וואָס סטאַרטשען אַרויס מיט פאַראַקשנטע פּלייצעס פון דער פאַרוואָרלאָזטער ערד פונעם אַלטן, קיינעם ניט נייטיקן, בעסוילעם.

יענעם ערעוו־יאָמקיפּער איז פּינטאָ געשטאַנען אַף איינעם פון די שטעגלעך ניט ווייט פון דעם צוים, און מיט אַ בעזעם אין האַנט געקערט די בלעטער, וואָס האָבן פּאַמעלעך זיך אָפּגעריסן פון די פּלאַטאַנען, אַ וויילע געקרייזט אינדערלופטן און פּייערלעך זיך געשפּרייט צו זיינע פיס. ער האָט די געפאַלענע בלעטער צונויפגעשאַרט אין איין קופּע, נאָכדעם גענומען דעם וועגעלע, וואָס איז געשטאַנען צוגעגרייט, און געוואָלט זיי אָפּפירן. און דאָ האָט ער זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און צוגעהערט: פון יענער זייט צוים איז צו אים דערגאַנגען אַן אויסטערלישער, ביז איצט ניט געהערטער גערויש. לעכאַטכילע האָט ער זיך ביכלאַל ניט פאַנאַנדערגעקליבן וואָס דאָס באַטייט. באַלד האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס דערגייט צו אים אַן אָפּהילך פון פּילצאָליקע געמאָסטענע טריט. אַ מעכטיקער שאַרן פון פיס איז אָנגעקומען פון ערגעץ און זיך דערטראָגן אַלץ נעענטער. אָבער שוין אין אַ רעגע אַרום איז דער דאָזיקער שווערער גערויש צעריסן געוואָרן אַף פּיץ־פּיצלעך, און אַף זיין אָרט האָט זיך צעשאָטן אַ טומלדיקער געלאַף, אונטערגעיאָגט דורך אומגעהויערע געשרייען.

פינטאָ האָט געשטעלט א טראָט אָף א קוק צו טאָן דורך די שטאַכעטן פונעם צוים, וואָס אין גאַס קומט פאָר. אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו שטעלן דעם צווייטן טראָט, האָט ער שוין דערזען גאָר אַן אומדערוואַרטע זאַך. ער האָט דערזען, ווי פון יענער זײַט דראַפּעט זיך עמעצער ארויף אפן צוים, ווי איבער די שטאַכעטן וואַרפן זיך אריבער הענט, נאָכדעם באַווײַזט זיך א קאָפּ, א גוף, און אָט שפּרינגט אראָפּ פון דער הייך א געשטאַלט און שטייט שוין אינוויניק מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט אָנעם צוים און מיטביידע פיס אין דעם באַרג געפאַלענע בלעטער.

דאָ האָבן דעם אלטן א שלאָג געטאָן אין מויעך די זודיקע שפּאַניאָלישע בלוטן. מיט צאָרן האָט ער א כאַפּ געטאָן די לאָפּעטע, גרייט זיך צו פאַר־מעסטן אפן אומגעבעטענעם גאַסט. און מיטאַמאָל האָט ער דערזען, ווי יענער פאַרלירט דעם גלײַכגעוויכט, קלעפּט זיך אָפּ פון דעם צוים און נעמט זיך פּאַמעלעך אראָפּלאָזן צו דער ערד, אזוי ווי א געפאַלענער בלאַט. דעמלט האָט פינטאָ אוועקגעוואָרפן די לאָפּעטע, צוגעגאַנגען צום ליגנדיקן און שטרענג א פרעג געטאָן, וועלנדיק מיט דער שטרענגקײַט פאַרהילכן דעם אופקומענדיקן געפיל פון ראַכמאָנעס:

— וואָסי דיר? ווי קומסטו אהער?!

די בלייכע ליפּן פון דעם פרעמדן האָבן מיט שווערקײַט זיך געשפּאָלטן און קוים צו הערן ארויסגעבראַכט:

— איבערן רוקן... קלאַבי[1]... פּאָליס יאָגט...

אזוי פּלוצעם ווי אופגעקומען, איז בא פינטאָן אויך אנטרונען זײַן קאַס. מיט שוין ניט פאַרהוילענעם מיטגעפיל האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין דעם פון ווייטעק צעקרימטן יונגן פּאָנעם, און אים האָט געמאַטערט א געדאַנק: ווי העלפט מען דעם דאָזיקן צעשלאָגענעם באָכערל, ווי ראַטעוועט מען אים פון פּאָליס? און יעדע מינוט דאַרף דאָך קומען אהער פּיאַסטראָ, און ער טאָר דאָך דאָ דעם פרעמדן ניט זען. מ'מוז אים וואָס גיכער באַהאַלטן. אָבער ווו?

דער אלטער האָט אומבאַהאָלפן גענומען וואַרפן אויגן אין אַלע זײַטן. לאַנג צו טראַכטן איז אָבער ניט געווען קיין צײַט. אין גרויס אײַלעניש האָט ער צוגעפירט דאָס וועגעלע צום צוים, געהאָלפן דעם געפאַלענעם זיך אופ־הייבן, לייגן זיך אין וועגעלע, און האָט ארופגעשאָטן אָף אים א באַרג געפאַ־לענע בלעטער. אָפּגעטאָן די דאָזיקע אַרבעט מיט א ניט־געוווינטער גיכ־קײַט, האָט ער שווער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, מיט א פאַרהאַרטעוועטער האַנט אראָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, און מיט דער גאַנצער געש־ווינדקײַט פון זײַנע שוואַכע פיס אוועקגעהונקען צום טויערל.

---

[1] סטעק פון פּאָליציסט (ענגליש).

אָבער ווי ער האָט זיך ניט געײַלט, איז ער געקומען צו שפּעט, און דורך די שטאַכעטן האָט ער שוין געזען, ווי דער באַלעבאָס שטייט אף יענער זײַט און וואַרט. פּינטאָ איז אַ פּאַרציטערטער געוואָרן. ער האָט געוווּסט, אַז פּיאַסטראָ וועט אים דאָס ניט פאַרשוויַיגן, און זײַן פון אופרעגונג אונטער־שפּרינגענדיקע האַנט האָט לאַנג ניט געקאָנט געפינען די שליסל־עפענונג. ווען דאָס טירל האָט ענדלעך מיט אַ קרעכץ זיך געעפנט, און דורך איר האָט זיך דורכגעשפּאַרט פּיאַסטראָס שווערער גוף, האָט דער שאַמעס אין דערוואַרטונג פון דעם פּסאַק שוין אײַנגעצויגן זײַן קאָפּ אין די דאַרע פּלייצעס. אָבער דער באַלעבאָס האָט אים אָנגעקוקט מיט דער שטענדיקער ערעוו־יאָמקיפּערדיקער לײַטזעליקײַט, צוגעבויגן צו אים דעם אויער, און, ווי שטענדיק, אָפּגעפּאַטשט מיט אַראָפּהענגענדיקע ליפּן:

— הם... הייסט עס, נאָך אַ יאָר דערלעבט. געלויבט האַשעם־יִסבאָרעך, האַ?

— יאָ, מאַר גאַוורִיעל... — האָט פּינטאָ געענטפערט, אָפּווענדנדיק זײַן בליק, און איז טייקעף אָפּגעטראָטן. שווער איז אים געווען אויסצובאַהאַלטן זײַן פרײדיקע צעררודערונג און דעם כידעש, וואָס אַלץ איז אַזוי גלאַט אַראָפּ.

און פּיאַסטראָ איז, ווי שטענדיק, קײַקלענדיק זיך, אַוועק וואַנדלען איבער די שטעגלעך צווישן די מאַצייוועס, זיך נאָכדעם צוגעזעצט, אַ פּאַל געטאָן מיטן פּאָנעם צו דער ערד און אַ ווײַלע געבליבן ליגן אין צעבראָכנ־קײַט. נאָכדעם האָט אים דער שאַמעס אופגעהויבן, אָפּגעפּוצט, געגאַנגען באַגלייטן...

אַלץ, אַזוי ווי שטענדיק.

אָבער ניט ווי שטענדיק איז געווען דאָס, וואָס אפן צוריקוועג האָט פּיאַסטראָ אינמיטן גיין מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, אַ ווײַלע שטיל געפּרײַכט, שאַרף אָנקוקנדיק דעם שאַמעס און אַ זאָג געטאָן אַזוי צאָרנדיק, אַז זײַנע בערשטלדיקע וואָנצעס האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזן:

— אַ דעמאָנסטראַציע האָבן זיי געמאַכט, די באַנדיטן, די שטרײַקערס... סט׳געזען? דאָ, דערבײַ אַדורך. זייער פּירער מוז דאָ זײַן, יעס, מ׳האָט אים געזען אַריבערקריכן דעם צוים... וואָס זאָגסטו, האַ?

פּינטאָס האַרץ האָט גענומען העפטיק פּויקן פון שרעק. אָבער צוגלײַך מיט דעם האָט אים ווי אָפּגעבריט אַ זודיקע כוואַליע. אָט וועמען ער האָט אויסבאַהאַלטן! און דער קאַלך־ווײַסער פּאַרליטענער פּאָנעם מיט די צאַרפּול־פאַרשטשעמעטע ליפּן, וועלכע זײַנען אים די גאַנצע צײַט ניט אַרויס פון זינען, האָבן איצט מיט אַ באַזונדערער שאַרפקײַט אופגעלעבט פאַר אים. אין דעם געשטאַלט פון דעם געיאָגטן אַרבעטער האָט ער דערזען די כאַוויירים פון אַלע זײַנע האַרעפּאַשנע און געפּלאָגטע יאָרן, דער איידע־

לער פאַרוויטעקטער פּאָנעם האָט אים דערמאָנט אָן דזשאָנעז און אָן אײַ־זיקן, אָן מײַקלען און אָן פּערײַראַ. ער האָט געזען אין אים אַלע די, מיט וועמען ער, פּינטאָ, האָט געטײלט זײַן לעבן, וואָס איז פֿול געווען מיט מי און זאָרג... און אַזוי שטאָלץ איז ער געוואָרן דערמיט, וואָס אים, דאַפּקע אים, דעם נידעריק־געפאַלענעם שאַמעס פֿון דעם בעסוילעם איז איצט באַ־שערט צו ראַטעווען פֿון די פֿאַרפֿאָלגער אַן אַרבעטער, אַ מענטשן פֿון זײַן בלוט און פֿלייש, אַזוינעם ווי ער אַלײן איז געווען אַ גאַנצן לעבן, — אַזוי שטאָלץ איז ער געוואָרן, אַז זײַן שטענדיק געהאָרבעט געשטאַלט האָט זיך אַזש אויסגעגלײַכט און זײַנע פֿאַרלאָשענע אויגן האָבן אָנגעהויבן פֿינקלען.

צוזאַמענעמענדיק אַלע קויכעס, קעדיי צו האַמעווען זײַן צערודערטקײַט, האָט ער שטיל געזאָגט:

— אַ טאָעס... קײנער איז ניט אַריבערגעקראָכן...

און מיט פֿעסטקײַט צוגעגעבן:

— איך לייג מײַן קאָפּ, אַז ניט!

דאָס אָפּגעזאָגט, האָט ער מיט פֿיבערדיקע אויגן זיך אײַנגעגעסן אין פּיאַסטראָס ליפּן, וואָס האָבן אונטערגעציטערט, ווי צערײַצטע פּיאַווקעס. פֿון דעם, וואָס זיי וועלן איצט אַ זאָג טאָן, איז דאָך אָפּהענגיק אַלץ. און פּינ־טאָס האַרץ איז אָפּגעשטאָרבן באַם אויסמאָלן זיך, ווי פּיאַסטראָ צעקאָכט זיך, לאָזט רופֿן פֿאָליסן, ווי מע געפֿינט דעם באַהאַלטענעם...

אָבער פּיאַסטראָ האָט גאָר אַ פּאַטש געטאָן מיט די ליפּן און טרײסלענ־דיק מיטן קאָפּ אַרויסגעבראַכט:

— אַ טאָעס, זאָגסטו, האַ? הם, ס'קאָן זײַן... כ'האָב טאַקע אַוועקגעשיקט די פֿאָליסן: ניטאָ דאָ וואָס צו זוכן. באַ מיר איז ניטאָ וואָס צו זוכן. יעס.

ער האָט שווער זיך אָנגעשפּאַרט אָפּן שטעקן און מער שוין ניט גערעדט דעם גאַנצן וועג ביז צום אַרויסגאַנג.

אָבער ווען זיי זײַנען שוין געשטאַנען באַם טויערל, האָט פּיאַסטראָ זיך צוגעבויגן צום שאַמעס, און, זיך אַרומקוקנדיק אין אַלע זײַטן, שלאַנגיש אַ שעפּטשע געטאָן:

— אומזיסט, פּינטאָ, אומזיסט... לייגסטו דײַן קאָפּ... ער איז דאָך דאָ, כע־כע, ער איז דאָ, יעס.

— ווער?.. וואָס?.. כ'פֿאַרשטײ ניט, מאַר גאַוורי:על... — האָט פּינטאָ צעשראָקן אַרויסגעשטאַמלט.

— אָט ער, דער אַנטלאָפֿענער... מײנסט, כ'ווייס ניט? — פּיאַסטראָס שטים האָט געסקריפּעט ווי אַ זעג, און מיט אַ קרומען שאַלקהאַפֿטיקן

שמייכעלע האָט ער צוגעגעבן — פּיאַסטראָ איז אַן אַלטער פוקס, כע־כע... פּיאַסטראָ דערשמעקט פונדערווײַטן. יעס.

באַם שאַמעס האָט פאַרשווינדלט דער קאָפּ, און ווי דורך אַ נעפּל זײַנען צו אים דערגאַנגען פּיאַסטראָס ווײַטערדיקע רייד:

— כ׳ווייס ניט, הם, כ׳ווייס ניט. איז דאָס געווען מיט דײַן הילף, צי ניט... נאָר כ׳וויל ניט וויסן... הײַנט בין איך גוט, יאָ.

און מיט צעקרימטע פינגער אײַנקלעמענדיק פּינטאָס אָרעם, צוגעגעבן מיט אַ מידער שטים:

— און זאָל ער טייקעף זיך אָפּטראָגן... הערסט, קיין מינוט זאָל ער דאָ ניט בלײַבן. יעס.

אַ צײַט לאַנג האָט דער שליסל אַרומגעטאַנצט אין פּינטאָס האַנט, וועלכע האָט דאָס מאָל שוין געציטערט פון פריידיקער צערודערונג. ענדלעך האָט די טירל מיט אַ סקריפּ זיך געעפנט און פּיאַסטראָ איז אַרויס, צום ערשטן מאָל פאַר די אַלע יאָרן פאַרגעסנדיק איבערצולאָזן דעם שאַמעס זײַן שטענדיקע ערעוו־יאַמקיפּערדיקע נעדאָוווע. דער אָפּוואַרטנדיקער שאָפער האָט אָפּגעפירט זײַן באַלעבאָס צום פּאַקאַרד, אַרײַנגעדריקט זײַן שווערן גוף צווישן די פּאָלסטערן און אײַנגעוויקלט זײַנע ציטערדיקע פיס אין פּלעד.

אָבער ווי נאָר דער לימוזין האָט זיך גענומען סאַמעטיק גליטשן איבערן אַספאַלט און מיט דער וואַרעמער צעזונגענקײַט פון זײַן אַכטצילינדערדיקן מאָטאָר פאַרוויגט דעם אַלטן, האָבן אין פּיאַסטראָס האַרץ אַלץ שאַרפער און פּײַנלעכער זיך גענומען אַרײַנבײַסן געפילן פון כאַראַטע און שאַנד.

„שעמען מעגסטו זיך אין דײַן ווײַטן האַלדז אַרײַן“, האָט עס אים גע־יאַדעט, „אַזאַ זאָקן ווי דו, און נאָך אַלץ אַזאַ שויטע! טאַקע ערעוו־יאָמקיפּער, טאַקע קייווער־אָוועס... אָבער אַרויסלאָזן אַ באַנדיט, אַ שטרײַקער, אים אויסבאַהאַלטן? ביסט באַם קלאָרן סייכל, האַ?..“

דער פּאַקאַרד האָט זיך שטיל געגליטשט, דער מאָטאָר האָט צאַרט און גמיטלעך געוואָרקעט, אָבער דער אַלטער, זיך אונטערהוידענדיק אין די פּאָלסטערן, האָט זיך געפילט גאָר ניט געמיטלעך, און אין זײַן פאַרזשאַ־ווערטן מויעך האָבן, אַזוי ווי אָפּגעריסענע שטיקער שפּינוועבס, זיך גע־פּלאָנטערט צעשויבערטע מאַכשאָוועס:

„און ווו אויסבאַהאַלטן? ווו?.. אויף דײַן בעסוילעם! דײַן בעסוילעם ט׳נאָך ווערן אַ באַהעלטעניש... יאָ, אַ באַהעלטעניש פאַר שטרײַקער, פאַר באַנדיטן! און דו וועסט דאָס צוזען און שווײַגן, האַ?“

מער האָט ער זיי שוין ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, די בײַסיקע טײַנעס פון זײַן צעבאַלעמוטשעטן געוויסן, און ווען דער לימוזין האָט אויף אַ קרייץ־

פונקט זיך אָפגעשטעלט איבערצוווארטן דעם פארבײַגייענדיקן שטראָם, האָט פיאסטראָ דורכן טרײַבל באפוילן דעם שאָפער צורופן א פֿאָליסמען.

ווען דער טויערל פון בעסוילעם האָט זיך פארקלאפט הינטערן באלעבאָס, איז פינטאָ, אין גרויס אײַלעניש איבעריאָגנדיק זײַן אייגענע צעהינקטקײַט, אוועק צום וועגעלע, אראָפגעשארט די קופּע בלעטער און געהאָלפן דעם באהאלטענעם ארויסקריכן.

— איך ווייס, ווער דו ביסט — האָט ער דערבײַ צערודערט גערעדט — איך ווייס! איך בין אויך אן ארבעטער. איך וויל דיר העלפן. איך מוז דיר העלפן. דו דארפסט גיכער אנטלויפן. קענסט גיין?

— איך מיין, כ׳וועל קענען... — האָט יענער מיט א שוואכער שטים געענטפערט.

פינטאָ האָט אים אָנגענומען פארן אָרעם, און, זיך אומקוקנדיק, גענומען פירן דעם נאָך אף די פּיס ניט אינגאנצן זיכערן יונגנמאן איבער זײַטיקע שטעגלעך. אין א ווײַטן ווינקעלע זײַנען אינעם צוים געווען א פּאָר צעבויגענע שטאכעטן, פונוואנען מ׳האָט געקאָנט ארויסקומען אין א זײַטיק געסל, — און די פֿאָליס־לײַט, וועלכע זײַנען אין א ווײַלע ארום ארײַנגעפאלן אהער און געזוכט און גענישטערט אין אלע ווינקעלעך האָבן שוין דאָרטן ניט געפונען דעם, וועמען זיי האָבן געזוכט.

אף מאָרגן נאָך יאָמקיפּער האָט גאוורי׳על פיאסטראָ געלאָזט ארײַנרופן צו זיך אלע זײַנע זיבן זין פון זײַנע דרײַ ווײַבער, און זיי האָבן געהערט פון אים אזעלכע רייד, אף וואָס זיי האָבן זיך שוין גאָרניט געריכט.

— דאכט זיך, הם... — האָט ער געפּאטשט מיט די ליפּן און נערוועיש געפּויקט מיט די פינגער אף די אָרעם־לענען פון זײַן פֿאָטער־שטול — דאכט זיך, איר האָט געוואָלט אראָפּטראָגן דעם שפּאניאָלישן אלטן בעסוילעם, הא? איז מעגט איר דאָס טאקע טאָן. איך דערלויב. יעס.

אָפגעזאָגט די ווערטער, האָט ער איין מאָל פאר אלע מאָל פארלאָשן אין זײַן אויסגעדייוועט הארצן דעם לעצטן סענטימענט, וואָס האָט נאָך דאָרטן געטלי׳עט און געטשאדעט.

דער מישפּעט אין די בערג

1

דער אַלטער מאָזעס — אַזוי האָט אים אָנגערופן דער פישער אולע טריגוּוועסען פון סאָגן, און דער דאָזיקער נאָמען איז אים שוין אַזוי געבליבן אין מעשעך פון יאָרן.

א הויכער, א ברייטפּלייציקער, מיט א קרעפטיקן פירקאַנטיקן שטערן, מיט א געדיכטער פאַרפלאָכטענער באָרד, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן אַזש פון אונטער די בוילעטע שוואַרץ־סאַמעטענע אויגן און האָט זיך געצויגן ביז צום גאַרטל און זיך צעוויִיעט אין אַלע זײַטן אונטערן באַרג־ווינט, אַזוי ווי א גרוי־שוואַרצע פאָן. די דאָזיקע פאָן האָט מען געזען פלאַטערן אין דאָרעם־נאָרוועגיע, אָנגעהויבן פון די כווישעכדיקע, אין אייביקן גרויזאַמען שאָטן פאַרוויקלטע האָרונגער פעלדזן, און געענדיקט מיט די כייִנעוודיקע, אין מילדער זון זיך שפּיגלענדיקע, באַרג־פּליינען פון טעלעמאַרקען. מיטן הויכן פאַסטעך־שטעקן אין די קלעמיקע פינגער האָט ער פלינק געשפּרײַזט איבער בערג און געשפּרונגען איבער אָפּגרונטן, און אין אַלע צײַטן פון יאָר האָט זײַן מעכטיק געשטאַלט מיטן פולאָנגעפּאַקטן זאַק אַף די פּלייצעס שאַרף זיך אויסגעמאָלט אַפן הינטערגרונט פון די צעשויבערטע, ווי אין צאַר פאַרשטיינערטע הויל־נאַקעטע באַרג־שפּיצן.

האָט עמעץ געוווּסט, פונוואַנען דער אַלטער מאָזעס שטאַמט? צי ער האָט ערגעץ א היים? און ווי לאַנג ער וואָגלט שוין דאָ מיט זײַן פּאַק צווישן

די בערג? געוווּסט האָט מען נאָר איין זאַך: אַז ער איז צוזאַמענגעוואַקסן
און פֿאַרפֿלאָכטן מיט די גרויע פֿעלדזענע ווענט, פֿונוואַנען עס זינקען העפּ־
קערדיק און צעשטורעמט אַראָפּ ווײַסע צעבושעוועטע סטענגעס פֿון וואַסער־
פֿאַלן; אַז ער איז איינס מיט די שנייִיקע געווייען וואָס וויִען אין די
ווינטער־כאַדאָשים ווי מאַכנעס הונגעריקע וועלף; אַז ער איז ווי אַן
אופֿגעלעבטער אָפּשפּליטער פֿון דעם שטורעם און שטילקײַט, פֿון דער
איימעדיקײַט און פּראַכט פֿון דער ברײשיסדיקער וועלט. פֿאַר אָט די אַלע
פֿאַרשוויגענע, פֿאַרהאַרטעוועטע באַרג־מענטשן איז דער אַלטער מאָזעס אַ
טייל פֿון זייער האַרבן, איינזאַמען לעבן, אָן אים וואָלטן זייערע טעג, אײַנ־
געקלעמטע צווישן די באַרג־שפּאַלטן, נאָך איינזאַמער, נאָך פֿאַרגעסענער
געווען. און דעמלט, ווען ער האָט זיך באַוויזן צווישן זיי, אַראָפּגענומען
פֿונעם אַקסל זײַן זאַק און גענומען שעפּן פֿון דאָרטן בערג מיט שטאָטישן
קאָלטווו — האָבן אין זייערע אָרעמע, אָפּן ראַנד פֿון אָפּגרונט הויערנדיקע,
הײַזעלעך אַרײַנגעשלײַכט געפּערלעכע און צוגלײַך לאָקנדיקע גרוסן פֿון
דער ווײַטער טומלדיקער וועלט.

לאַנג און האַמעטנע געוועלטיקט דער האַרבער ווינט איבער דער באַרג־
וועלט, מיט זײַן אַכזאָריעסדיקן בושעווען פֿאַרקאָוועט ער אַלץ אין אייביקן
קלעם, הוליעט פֿאַרשײַט איבער פֿעלדז־שפּיצן און אָפּגרונטן און ווייעט אָן
אַרום אַזויפֿיל שניי, אַז ער קאָן שוין אַליין קיין וועג ניט געפֿינען און רײַסט
זיך מיט אַ ווילדן גרילץ גלאַט אַף העפֿקער. דעמלט זיצן די באַרג־לײַט
אין זייערע פֿאַרשאָטענע הײַזלעך, הערן זיך אײַן פֿאַרטײַעט אין די ווויע־
נישן פֿונעם צעבושעוועטן דרויסן, פֿלעכטן נעצן פֿאַרן זומערדיקן פֿישפֿאַנג
אין די טינטיקע פֿיאָרדן. זייערע צעקאַרבטע פֿאַרשלאָסענע פּנעמער עפֿע־
נען זיך זעלטן־ווען אויף אין אַ קאַרגן שמייכעלע באַם צוהערן, ווי יונגוואַרג
לייענט אַרויס פֿונעם זשורנאַל „יעמעט” עפּעס אַ באַזונדערס געלונגענעם
שפּיצל פֿון די שטיפֿערס קנאָל און טאָט. דאָס איז פֿאַר די איינזאַמע מענטשן
אַ טרייסט אין די האַרבע ווינטער־כאַדאָשים, און די דאָזיקע איינציקע טרייסט
ברענגט זיי אויך דער אַלטער מאָזעס, דער איינציקער, וועלכער שרעקט זיך
ניט אָפּ פֿאַר די צעהוליעטע קויכעס פֿונעם באַרג־ווינטער. עס דוכט, אַז די
פֿאַרשײַטסטע שטורעמס, שנייען און פֿרעסט האָבן אָפּשײַ פֿאַרן דרייסטן
וואַנדערער, לאָזן אים אומגעשעדיקט דורך דורך זייער מעלוכע, זיך בלויז
פֿאַרגינענדיק אַ שטיף צו טאָן מיט אים, אים צופּן באַ דער פֿלאַטערדיקער
באָרד און רײַסן באַ די פֿאָלעס, אַ ברי טאָן מיט קאַלטן פֿײַער זײַן ביינער־
דיקע נאָז, אים אַ שמיץ טאָן ביטערניש אין די אויגן, אַז טרערן זאָלן פֿון

דאָרטן אַרויסשפּאַרן — און טייקעף זיך באַהאַלטן הינטער זײַן רוקן.

אויף זײַן וועג ליגן דאָ און דאָרטן שטיבלעך, אײַנגעזונקענע, פאַרשאָטענע, שטיבלעך אָן א פּאָנעם און אָן א געשטאַלט — אים אָבער איז באַקאַנט יעדעס ווינקעלע אין די בערג. ער ווייסט, אַז אונטער דעם באַרג שניי ליגט פּעדערסענס הײַזקע, אונטער יענעם — ביערקעס, און ווײַטער אויפן סאַמע ראַנד פון אָפּגרונט — מאַטיאַסענס. מיט זײַן לאַנגן שטעקן שאַרט ער אַוועק דעם שניי פונעם אַרײַנגאַנג, די טיר עפנט זיך פאַר אים מיט א קרעכץ, און מיט זײַן אַרײַנקומען ווערט אינעם פאַרכוישעכטן שטיבעלע מיטאַמאָל ליכטיק און פריילעך: די קינדער פּאַטשן אין די הענטלעך, בא די פרויען און מיידלעך רויטלען זיך די באַקן, וואָס זײַנען אויסגעבלייכט פון דעם ווינטערדיקן שטוב־זיצן. די מענער וואַכן פּאַמעלעך אויף פון זייער פאַר־שטאַרטקײַט, און דער רויך פון זייערע קורצע פּײַקעס נעמט שלאָגן העפטי־קער — א סימען פון צערודערטקײַט. אפילע די הינט שפּרינגען אים אַרויס אַנטקעגן מיט פרײַנטלעך־אַרויסגעשטעקטע צינגער און טאַנצן מיט אויפגע־הויבענע ווײַדלען אַרום זײַנע פאַרשנייִקטע שטיוואַלעס.

— גאָד אַפּטען,[1] מאָזעס — באַגעגנט מען אים אין די שטיבלעך מיט דער אומגעוואַרטעסטער פרייד, אף וועלכער די דאָזיקע האַרטע שווײַגער זײַנען נאָר פייִק — א צײַט שוין ניט געווען בא אונדז...

— אַז איר האָט קיין געלט ניט, קום איך ניט צו אײַך... — ענטפערט מאָזעס. א קרומער שמייכל טוט א בלאָנדזשע איבער זײַן פאַרפראָרענעם פּאָנעם, און אַלע שמייכלען מיט, אַלע ווייסן זיי, אַז ס׳איז ניט אַזוי, אַז דער אַלטער מאָזעס לאָזט קיינמאָל קיינעם ניט דורך אף זײַן וועג אין די בערג, און אַז אין די הײַזלעך פון די אָרעמעלייט שפּאַרט ער אָן פּונקט אַזוי אָפט, ווי אין יענע שטיבער, ווו מ׳גיט אים גוט צו לייזן.

— אָט, ווען אײַנגע וועט מיר אָפּגעבן אירע צעפּ, וועל איך אײַך איבער־לאָזן מײַן גאַנצן זאַק סכוירע אומזיסט... — וויצלט ער זיך און טוט א גלעט די קליינע אײַנגע איבערן זוניקן קעפל, פון וועלכן עס הענגען אַראָפּ א פּאָר לאַנגע גאָלדיקע צעפּ.

און דער אַלטער מאָזעס וואַרפט אַראָפּ, ווי א שפּילעכל, דעם זאַק פון די פּלייצעס, גלײַכט אויס זײַן מעכטיקן רוקן, דערוואַרעמט מיטן אָטעם זײַנע פאַרשטײַפטע פינגער און שאַרט אַרויס פון באָרד די צאַפּנס אײַז, וואָס צעגיסן זיך אין קאַלוזשעס אונטער זײַנע פיס. נאָכדעם זעצט ער זיך און נעמט פּאַמעלעך און האַנאָעדיק זופּן פון דעם גרויסן טאָס קאַווע, וואָס

[1] גוטן אָוונט (נאָרוועגיש).

די באַלעבאָסטע האָט אוועקגעשטעלט פאַר אים: צווישן איין זופּ און דעם אַנדערן, איין הוסט און דעם אַנדערן, דערציילט ער וועגן דעם, אַז באַ קנוט פּינע האָט זיך געציגלט די ציג און אַז נילס סאַמועלסען וועט זומער כאַסענע מאַכן זײַן טאָכטער מיט ניבאָרגס זון פון דראַמען, אַז אולאַוו סטור־דאַל גרייט זיך, באַלד ווי דער פרילינג וועט קומען, פאָרן קיין אַמעריקע.

— און איך האַלט... — גלעט מאָזעס זײַן באָרד און רעדט מעיושעווע־דיק — ניטאָ וואָס צו לויפן זוכן גליקן... אין פרעמדע לענדער... דײַן טאַטע, דײַן זיידע האָבן דאָ געלעבט, לעב דאָ אויך אויס דײַנע טעג...

און ווײַטער דערציילט מאָזעס נײַס פון דער גרויסער וועלט, ווי עס האַלט מיט מילכאָמע און שאָלעם — און אַלע אין שטיבעלע שלינגען זײַנע רייד. ווער עס הערט אויס שווײַגנדיק פּאַרטיפּט, ווער עס שלאָגט איבער מיט צווישנרופן. און ווען אַלע רייד זײַנען שוין אויסגעשעפּט, נעמט זיך דער גאַסט צו זײַן זאַק, וואָס שטייט אין ווינקעלע און וואַרט געדולדיק, און הייבט אָן פון דאָרטן אויסלייגן קאָלערליי אַנטיקלעך. די אַלע סכוירעס, וואָס ער באַווײַזט, גייען אויף ווי ליכטיקע זונען אונטער די פאַררייכערטע באַלקנס פון די שניי־פאַרשאָטענע הײַזלעך און פאַרקישעפן מיט זייער פּראַכט די פאַרבענקטע געמיטער.

— פאַר דיר, טרינע — זאָגט ער צו דער עלטערער טאָכטער, און די אויגן זײַנע צעפינקלען זיך אין אַ שמייכעלע — האָב איך געבראַכט אַ געבלומטן שפּאַנישן טוך... דאָס איז די לעצטע פּאַריזשער מאָדע. אין דעם טוך וועסטו באַזונדערס געפעלן מעלערסטענען...

טרינע פאַררויטלט זיך, אַנטלויפט אין אַ ווינקעלע, און דער ייִד פאַר־לויבט שוין פאַר דער באַלעבאָסטע אַ פאָר אוירינגלעך און פאַר דער ייִנגע־רער טאָכטער אַ מעשענעם אָרעמבאַנד. אויך פאָרן באַלעבאָס האָט ער עפּעס אויסטערלישעס — אַן ענגלישע פײַקע מיט אַ גוטן צענדליק מײַלעס.

פאָרן ייִנגל סווען ווידער האָט ער גאָר אַ באַזונדער סכוירע:

— די מערקווירדיקע פּאַסירונגען פונעם אינדיאַנער בופאַלאָ — רופט ער אויס אַפן קאָל, אים דערלאַנגענדיק אַ העפט אין אַ פּילפּאַרביקער הילע — פון דעם ביכל וועסטו אַרויסזען, ווי דער דאָזיקער העלד האָט זיך געשלאָגן מיט די פרעמדע באַצווינגער פון זײַן לאַנד. לייען און לערן זיך, סווען...

אָבער ניט בלויז דער אַלטער מאָזעס אַליין גייט מיטן פּאַק אַף די פּלייצעס איבער די בערג. איבער די פאַרדרייטע קאָפּשווינדלדיקע שטע־געלעך שפּרײַזט אויך זײַן קאָנקורענט, דער הויקער גוסטאַוו פעלדעזער.

מיט א פּאַק, וואָס שטאַרצט אַף זײַן געבויגענער פּלייצע, אַזוי ווי א צווייטער הויקער, מיט א זיסן פּאַלשן שמייכעלע אַף זײַן פייגלש פּענעמל און שטענדיק רײַבנדיק איינע אין דער אַנדערער זײַנע קלעפּיקע הענט, גליטשט ער זיך אַרײַן מיט שטילע, גנייוויִשע טריטלעך צו די באַרג־מענטשן אין די שטיבער. אָבער בא זײַן קומען ווערט דאָס באַרג־הײַזעלע ניט באַשטראַלט מיט אַזא יאָמטעווודיקן גלאַנץ, ווי באַם אָנקום פונעם אייביקן ייִד, אים, פעלדעזערן האָבן זיי ניט ליב, די באַרג־לײַט, זיי געטרויען אים ניט, און ניט געקוקט אַף דער גאַנצער זיסלעכקײַט, מיט וועלכער ער זוכט זיך אײַנצוקויפן בא זיי — איז ער ניט אַרײַנגעוואַקסן אין זייערע הערצער און אין זייער לעבנס־שטייגער. איז דאָס אַרויסגערופן דורך דעם, וואָס ער איז א זײַטיקער, געקומען פון דער פרעמד, אָדער דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט זיך אַרײַנמישן אין אַלץ, צופיל וועלן וויסן? די פאַסטעכער פון די באַרג־פליינען האָבן אים אָפּטמאָל געזען זיך אָפּשטעלן אין זײַן גיין, אופמערקזאַם באַקוקן די היילן, די באַרג־שטעגעלעך, די אָפּגרונטן און פאַרקריצן עפּעס אין א ביכל...

— וואָס האָט א מענטש צו מעסטן און צו פאַרשרײַבן? — פרעגן זיך די פויערים.

אין דער לעצטער צײַט האָבן דאָסראָוו נײַסן, וואָס מאָזעס האָט געבראַכט צו זיי פון שטאָט, זיך געדרייט אַרום דעם טיסק[1]: ווי ער האָט אָנגעצונדן אומעטום א ווילדן פלאַם, ווי ער וויל אַלעמען פאַרשקלאַפן, ווי ער האָט זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען גאַנצע פעלקער, און ווי ער וויל ווערן דער איינציקער הערשער איבער דער וועלט. אין די איצטיקע ווינטערדיקע טעג האָבן די באַרג־לײַט אַרויסגעקוקט אַף מאָזעסן נאָך אומגעדולדיקער, ווי שטענדיק, און מיט הפּעטיק שלאָגנדיקע הערצער האָבן זיי אויסגעהערט זײַנע טרויעריקע בסורעס וועגן נײַע רעציכעס, נײַע אָנפאַלן, נײַע ווילדע פאַרמעסטן פון דעם אכזאָריעסדיקן טיסק. פּאַשעטע מענטשן זײַנען זיי געווען, די באַרג־לײַט, און זיי האָבן געוואָלט וויסן אַט־וואָס:

דו זאָגסט דאָך, מאָזעס, אַז די וועלט איז גרויס און אָרט איז פאַראַן פאַר אַלעמען. איז וואָס עפּעס האָט זיך דער טיסק פאַרמאָסטן צו פאַרכאַפּן אַלץ? עס קלעקט ניט פאַר אים?..

[1] דײַטש (נאָרוועגיש).

און איצט האָבן זיי מיטאַמאָל זיך דערמאָנט, אַז גוסטאַוו פעלדעזער שטאַמט אויך פון די דייַטשן. אַזוי האָט ער זיך געהאַט באַרימט. איינמאָל איז קריסטענסען געווען אין קאָנגסבערג, באַם לענסמאַן[1] און ער האָט געהערט פון לענסמאַנס צימער, ווי פעלדעזער רעדט האָפערדיק:

— איר מעגט וויסן, הער לענסמאַן, אַז איך שטאַם ניט פון נאָרוועגישע פויערים און פון פישערס. מייַנע אור־זיידעס זייַנען געווען דייַטשישע ריטער, פון די, וואָס האָבן געבויט די האַנזאַ־שטאָט בערגען.

געוויס האָט ניט קריסטענסען, ניט די אַלע באַרג־לייַט, וועמען ער האָט דאָס מיט כידעש איבערדערציילט, געוווּסט, וואָס עס באַטייַטן די ווערטער „ריטער", „האַנזאַ", אָבער איינס האָבן זיי פאַרשטאַנען: פעלדעזער איז אַ דייַטש.

און אַזוי ווי ער איז געווען דער איינציקער דייַטש, וואָס זיי האָבן געזען אין זייער לעבן, האָבן די טמימעסדיקע באַרג־לייַט אין אים געזען אַלדאָס בייז, וואָס דער טיסק טוט אָן דער וועלט — און זיי האָבן נאָך מער פייַנט באַקומען דעם הויקער און זיך נאָך מער אָנגעהויבן היטן פאַר אים.

2

האַיאָר איז אין דער באַרג־וועלט דער פרילינג אָנגעקומען מיטאַמאָל. נעכטן נאָך האָט דער ווינטער אימפּעטיק געפּאָכעט מיט זייַנע שטורעם־לייַלעכער און די בלענדיקע ווייַסקייַט האָט זיך געדרייט ווי אין אַ שיידים־טאַנץ — און הייַנט האָט שוין די זון אַ ברייַיקן גלעט געטאָן די פעלדזן־שפּיצן און האָט זיי אויסגעלייזט פון אייַזיקן קלעם. די וואַסערפאַלן, וועלכע האָבן אַ גאַנצן ווינטער געברומט ווי צערייצטע כייַעס, האָבן זיך צעטשוויטשערט, ווי זינג־פייגעלעך און זיך צעשפּילט מיט רעגנבויגנדיקן גלאַנץ און די אָנגעוואַליעטע שנייען, וואָס האָבן ווי ווייַסע פאַרצוקנדיקע ציין זיך פאַרמאָסטן צו פאַרשלינגען אַ וועלט, זייַנען ראַכמאָנעסדיק און פאַרכאָלעמט צוזאַמענגעפאַלן, און פון אונטער זייער ברודנע־גרויער צעקראָכנקייַט האָבן פריילעך און העפקערדיק אַרויסגעריזלט באַפרייַטע ריטשקעלעך.

נאָר ווי די וואַסערפאַלן און די שטראָמען האָבן ניט געקלונגען און געזונגען, האָבן זיי דאָך ניט געקאָנט פאַרהילכן די הודזשערייַ פון די אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן אין יענעם טאָג פון באַגינען איינער נאָכן אַנדערן מיט

[1] קרייַז־שעף.

איימעדיקער וואָרעניש זיך געטראָגן נידעריק איבער די בערג און געשווינד פאַרשווונדן אין די צעשפּרייטע ראַכוועסן פונעם פרילינגדיקן הימל. דאָס זשומען פון די פּראָפּעלערס איז כּוצפּעדיק אַרײַנגעדרונגען אין די שטיבער, וועלכע זײַנען פון שטענדיק צוגעוווינט געוועזן נאָר צום רויש פון שטורעם און פון די באַרג־וואַסערפאַלן. צעטומלטע זײַנען די באַרג־לײַט אַרויס פון די הײַזלעך, האָבן פאַרשטעלט מיט די הענט די אויגן ווי מיט דעכלעך, און די בליקן, וואָס האָבן פון קינדווײַז אויף באַגלייט בלויז דעם אימפּעדיקן פלי פון אָדלערס, האָבן איצט מיט שרעק נאָכגעקוקט די שטאָלענע פייגלען, ווי זיי שנײַדן מיט שאַרפן גלאַנץ פון קוילער־מעסערס די ווירבלדיקע פרילינג־לופט. פאַרקוועטשטע ליפּן האָבן זיך אופגעשלאָסן, זיך דורכגעוואָרפן מיט שווערוואָגיקע צעטומלטע רייד:

— ניט צום גוטן איז דאָס... וואָס זוכן דאָ אָט די פרעמדע פייגלען?

— און עפּשער... איז דאָס גאָר דער פאַרשאָלטענער טיסק, וועגן וועלכן מאָזעס האָט דערציילט?

זיי האָבן מוירע געהאַט דאָס אַרויסצוזאָגן אַפילע פאַר זיך אַליין. בלויז דער אַלטער טאָם אולסען, וואָס זײַן איינציקע אַרבעט זינט יאָרן שוין איז בלויז צו לייענען די ביבל, טײַטלענדיק אַף די שורעס מיט וואָרצלדיקע טאַבעק־פאַרברוינטע פינגער, האָט געטרייסלט מיטן אַלטן פאַרמעטענעם קאָפּ און אָנצייענערדיק געזשאַמזשעט:

— קינדער, דאָס זײַנען אַפּאָקאַליפּטישע רײַטער, זײַנען דאָס... פון דער הייליקער שריפט...

אַ גרויל האָט אַרומגעכאַפּט בײַ אָט די קוים־אַרויסגעשיפּעטע ווערטער פונעם אַלטן, און אַלע האָבן מיטאַמאָל דערזען פון די צעשטורעמטע הימלען אָנקומען די געשטאַלטן פון די איימעדיקע רײַטער, וואָס טראָגן אין יעדן שפּאַן זייערן דעם פאַרמעסט צו צעשטערן אַ וועלט. און קיינמאָל ביז איצט האָט מען נאָך, מיט אַזאַ גלײַכער אומגעדולד ניט געוואַרט אַף מאָזעסן, ער זאָל קומען אופקלערן דאָס אומפאַרשטענדלעכע רעטעניש, וואָס די ווײַטע, שלעכטע וועלט האָט זיי דאָ פאַרגעבן...

פאַרנאַכט־צו האָבן די אַעראָפּלאַנען אופגעהערט קרײַזן איבערן באַרג־לאַנד, און די וואַסערפאַלן, באַטאָג פאַרהילכטע דורכן גערויש פון די פּראָפּעלערס, האָבן איצט מיט נאָך מער אימפּעט גענומען ברויזן און שטורעמען, ווי וועלנדיק זיך אָפּרעכענען דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך ניט געלאָזט הערן.

און ווען די זון האָט זיך שוין געזעצט און פאַרגאָסן די גאַנצע פעלדזן־וועלט מיט פלאַמען, האָט מען דערזען, ווי איבער די פלאַם־פאַרגאָסענע שטעגלעך דראַפּעט זיך א פינטעלע, צעוואַקסט זיך ווי א קנויל פײַער, און ווען דער קנויל איז געוואָרן גרעסער, האָט א זיפץ פון דערלײַכטערונג זיך ארויסגעריסן בא מענטשן: אין דעם ווינט, וואָס האָט צו נאַכט־צו זיך געשטאַרקט, האָט מען דערזען פלאַטערן מאַזעסעס באָרד און פאָלעס, אַזוי ווי פליגלען. ער איז געגאַנגען געשווינד. זײַן געשטאַלט איז אויסגעוואַקסן אַלץ גרעסער, אין זײַן אימפּעט האָט זיך געפילט אַן אומרו, א צערודערט־קײַט. ווען ער האָט זיך דערנעענטערט צו דעם געזעמל אומגעדולדיק וואַרטנדיקע, איז גילס פּעטערסען ארויס אים אַנטקעגן מיט שווער־פּאַלנ־דיקע רייד:

— מיר האָבן ארויסגעקוקט אף דיר א גאַנצן טאָג... זאָג, מאַזעס, וואָס איז דאָ הײַנט געשען?..

— אין לאַנד איז דער טיסק, אָט וואָס ס'איז געשען! — האָט מאַזעס מיט א פאַרשטיקטער, הייזעריקער שטים געענטפערט און אַן אומ־היימלעכן גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן, אין וועלכע ס'האָבן זיך צעברענט די צאָרנדיקע פלאַמען פון אונטערגאַנג — ער האָט פאַרכאַפּט אונדזער לאַנד... איז אונדז באַפאַלן אומדערוואַרט, דער פאַרשאָלטענער!

אַלע זײַנען געבליבן שטיין פאַרגליווערטע, אַזוי ווי די פעלדזן, וואָס האָבן זיי ארומגערינגלט.

— וואָס וועט איצט זײַן?.. — האָבן ליפּן געפּרעפּלט, זיך פאַרקרימט אין פאַרדראָס, און שטימען האָבן צעבראָכן געציטערט — אין אונדזער לאַנד וועט באַלעבאַטעווען דער טיסק?!

— אויב מ'וועט אים לאָזן, וועט ער באַלעבאַטעווען!.. — האָט אין גרויס צאָרן געענטפערט מאַזעס און א פּאָך געטאָן מיט זײַן שטעקן. ער האָט געשווינד אוועקגעשפּרײַזט איבער אַן אָפּגעלעגענעם באַרגיקן שטעגל.

די פויערים האָבן מיט פאַרקלעמטע בליקן נאָכגעקוקט דאָס געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַלץ מער און אַלץ געשווינדער אָפּגעטונקט אין די פלאַמען פון דער זיך זעצנדיקער זון. דאָס זינגט דורירעס אײַנגעשטעלטע לעבן האָט מיטאַמאָל זיך איבערגעביטן. וואָס ס'וועט איצט זײַן — האָבן זיי נאָך ניט געוווּסט, אָבער געקלערט האָבן זיי, אַז ס'דערנעענטערן זיך טאַקע די צײַטן פון די אַפּאָקאַליפּטישע רײַטער, וועגן וועלכע דער אַלטער טאָם האָט גערעדט.

א צײַט זײַנען זיי נאָך אַזוי געשטאַנען, שווער געטראָטן פון איין פוס אפן אַנדערן, ווי דעמבעס וואָס וואַקלען זיך אין שטורעם, און צוגעקוקט זיך, ווי די פלאַמען אין מײַרעוו לעשן זיך, ווי דער בײַנהאַשמאָשעס

צעלייגט זיך אלץ געדיכטער און ברייטער צווישן די בארג־שפּאַלטן, פאַרווישט שאַרפע קאַנטן פון די פעלדזן. און זיי, וועמענס גאַנץ לעבן ס'האָט זיך געוועבט אַרום אָט די פעלדזן, איז דאָ מיטאַמאָל אומהיימלעך געוואָרן. פון די שטיינערנע פאַרהווילעענישן האָבן זיי פּלוצעם דערזען אַרויסגלאָצן געשפּענסטער... אין שטומען פּאַכעד זײַנען זיי נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און צום סאָף, אויסמײַדנדיק אָנצוקוקן איינער דעם אַנדערן, זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען איבער די הײַזלעך, וואָס האָבן הײַנט אויך אַזוי שרעקעוודיק און אומבאַהאָלפן זיך געקלעפּט צו די מעכטיקע פּלייצעס פון די בערג...

און ס'האָט אַראָפּגענידערט אַ פרילינג־נאַכט, וואָס איז דורכגעלעכערט געווען פונעם דונער פון שטורמישע, אין אָפּגרונטן אַראָפּזינקענדיקע, וואַסערפאַלן. און אָט די באַנאַכטיקע צעברויזטקייט, די פיל הילכיקע שטימען, וועלכע האָבן פאַרוויקלט די באַרג־מענטשן פון זייער געבוירן ביז זייער לעצטן אָטעם, האָבן אײַנגעגעבן פרישן מוט און קראַפט אין די געמיטער, און זיך דרייענדיק אַף זייערע האַרטע געלעגערס און זיך צוהערנדיק צום אייביקן ברום פון די וואַסערפאַלן, צו די גרילצן פון באַנאַכטיקן ווינט, וואָס האָט פרײַ זיך אַרומגעטראָגן צווישן באַרג־שפּאַלטן, האָבן די מענטשן זיך פאַרשעמט פאַר זייער באַטאָגיקן פּאַכעד. זיי האָבן מיטאַמאָל דערפילט, אַז קיין שום שטאָלענע פויגלען וועלן זיי ניט אומברענגען און אַז קיין שום שווערער יאָך וועט זייערע פרײַע אָדלער־הייכן ניט פאַרקנעכטן. און אין זייערע הערצער און מויכעס האָבן אופגעלעבט די צאָרנדיקע ווערטער פונעם אַלטן מאַזעס:

„ער וועט באַלעבאַטעווען — אויב מ'וועט אים לאָזן!"

3

באַלד האָבן שוין די באַרג־מענטשן, ווען ס'איז, אַכוץ דעם קלעם פון דער האַרבער נאַטור פון זייערע בערג, פרעמד געווען יעטווידער מענטשלעכער יאָך, דערפילט אַף זיך די האַמעטנע האַנט פונעם פרעמדלענדישן אונטערדריקער.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס דערמיט, וואָס דער לענסמאַן האָט אַרויסגערופן צו זיך אין קאָנגסבערג אַלע אײַנוווינער פון די אַרומיקע באַרג־יישווים און געהאַלטן פאַר זיי אַ רעדע:

— מיר האָבן איצט אין לאַנד אַ נײַע אויבערמאַכט — האָט ער געזאָגט, אַ בליץ טוענדיק מיט זײַנע ברילן, און געטראַכט האָבן אַלע, ווי גוט אים איז, וואָס ער קאָן באַ די ווערטער באַהאַלטן זײַנע אויגן הינטער גלעזער, —

ניַיע געזעצן וועלן הערשן בא אונדז... געזעצן פון מילכאָמע־ציַיט... מיר מוזן העלפן דער דיַיטשישער אַרמיי זיגן...

אָ, ער איז געבילדעט, דער לענסמאַן, און ער רעדט אַזוי שיין און גלאַט! זיי, די באַרג־ליַיט, האָבן שטענדיק באַוווּנדערט זיַין איידעלן רעדן. אָבער זיי האָבן ניט געקאָנט טראַכטן, אַז ער וועט אויך איצט אַזוי ריידן, איצט, ווען אַ פרעמדע מאַכט ריַיסט זיך אַריַין אין זייער וועלט, ווען עס ווערן אָפּגענומען בא זיי די אייביקע רעכט, וואָס זיי האָבן אַ יערושע פון זייערע פאָטערס און זיידעס...

און דער לענסמאַן גלאַנצט מיט זיַינע אויגן־גלעזער, נישטערט אין אַ שטויס פּאַפּירן און לייענט פון זיי און לייענט איין פאַראָרדענונג נאָך דער אַנדערער, אָן אַ ברעג און אָן אַ שיר:

„עס ווערט פאַרבאָטן צו פאַנגען אין פיאָרד פיש... ווער ס'וועט ניט פאָלגן — וועט באַשטראָפט ווערן לויט די געזעצן פון מילכאָמע־ציַיט...“

„ציגן, שאָף, אויפּעס — אָפּליפערן דער אַרמיי, ווער ס'וועט אויסבאַהאַלטן — וועט באַשטראָפט ווערן אַפן שטרענגסטן אויפן...“

און נאָך און נאָך פאַראָרדענונגען לייענט דער לענסמאַן, און די פּאַראַקשנטע שטערנס פון די נילסן און אולעס און אַרנעס באַשלאָגט אַ קאַלטער שווייס. זיי זיַינען צעררודערט, זיי נעמען אַרויס די לאַנגפאַרלאַשענע פיַיקעס פון די מיַילער, האַלטן זיי מיט ציטערדיקע הענט: געשעט דאָס טאַקע אינדערמעסן? איז דאָס ניט קיין בייזער כאָלעם? פאַרוואָרט מען זיי טאַקע צו כאַפּן פיש אין די פיאָרדן, ווו ס'האָבן זיך געמיט זייערע פאָטערס און זיידעס און עלטערזיידעס פון אייביק אָן?! און מוזן זיי אָפּגעבן זייערע פריַינט, די געטריַיע באַשעפענישן, וואָס העלפן זיי טראָגן דעם יאָך און מאַטער פונעם האַרבן לעבן אין די בערג?! און וועלן די געקומענע פרעמדלינגען ביכלאַל באַטרעטן די פעלדזן, וואָס זיַינען דורכגעזאַפּט מיט זייער שווייס?

פאַרן פאַנאַנדערגיין זיך מוזן זיי אויסהערן פון לענסמאַן נאָך עפּעס, וואָס ער לייענט שוין ניט פון זיַינע פּאַפּירן, נאָר ער זאָגט אויסווייניק מיט זיַין געבילדעטער שפּראַך:

— נאָך אַ זאַך, לאַנדסליַיט, דאַרפט איר וויסן: אונדזער ניַיע מאַכט איז קעגן ייִדן. צו איַיך אין די בערג קומט שטענדיק אַ ייִדישער סכוירע־טרעגער. ער טאָר מער צו איַיך ניט קומען. פאַר אים איז ניטאָ קיין אָרט צווישן נאָרוועגער. מיט אַלץ, אין וואָס איר נייטיקט זיך, וועט איַיך פאַרזאָרגן דער האַנדלסמאַן פעלדעזער.

בא אָט דעם אָנזאָג לאָזן די מענטשן נאָך מער זינקען זייערע קעפּ. מאָזעסן, הייסט עס, נעמט מען אויך אָפּ בא זיי! דעם פריַינט מאָזעס,

וואָס איז א טייל פון זייער וועלט, דעם מענטש, אָן וועלכן זיי קאָנען זיך גאָר ניט אויסמאָלן זייער לעבן. און פאַרוואָס טאָרן זיי אים איצט מער ניט אופנעמען? מיט וואָס איז ער אנדערש פון זיי? וועט דאָס זײַן זייער דאנק דערפאַר, וואָס ער האָט קיינמאָל זיך ניט געשאָנעוועט און האָט אין שניי־שטורעם און פראָסט און אין גוס־רעגן אָנגעשפּאַרט אין די פאַרוואָרפענע הײַזלעך זייערע, אומעטום אַרײַנגעבראַכט גרוסן פון דער גרויסער וועלט?..

„ניין, דער סוינע וועט דאָס ניט דערלעבן!" איז אין פאַראַקשנטע מויכעס אופגעקומען א געדאַנק און האָט זיך פאַמעלעך און שטײַף אויסגעשמידט אין א באַשלוס.

אפן צוריקוועגס אהיים, זיך הייבנדיק אין שווערער פאַרקלערטקײַט איבער די שיפּועים פון די בערג, טראַכטן אַלע וועגן איינס. און וואָס העכער זיי שטײַגן אף די בערג, און וואָס מער זיי עטעמען אײַן די פרײַע לופט פון די הייכן — אַלץ שאַרפער זידט אין זיי אוף דער צאָרן קעגן די פרעמד־לענדישע באַצווינגער. און ווען זיי גייען זיך פאַנאַנדער איבער די באַר־גיקע שטעגלעך, יעדער צו זײַן פאַרוואָרפענער היים צו, קומט שוין אין מויכעס ווײַטער אוף די דערמאָנונג וועגן זייער לאַנדסמאַנס ווערטער: „ער וועט באַלעבאַטעווען, אויב מ'וועט אים לאָזן..."

און ניט צוזאַמענגערעדטערהייט בליצט אוף אין האַרצן בא דעם איינעם און בא דעם אַנדערן א פאַרביסענער ענטפער:

— ניט לאָזן! ניט לאָזן!..

אָבער וויאַזוי ניט לאָזן — דאָס האָט נאָך קיינער אף קלאָר ניט געוווּסט...

און טעג זײַנען דערווײַל געגאַנגען, די זון האָט זיך אַלץ מער צעוואַ־רעמט און זיך צעשפּילט איבער די פעלדזן־שפּיצן און באַרג־פּליינען, די שטראָמען האָבן זיך אַלץ מער צערוישט. די פרילינגדיקע פרייד האָט זיך אַלץ מער צעזונגען און צעברויזט. אָבער אין הערצער האָט זיך אַלץ ברייטער צעלייגט האַרבסטיקע כמאַרנעקײַט און דאָרטן געשפּונען אירע גרויע נעצן. טאָג־איין טאָג־אויס האָבן נידעריק איבער די באַרג־שפּיצן מיט טײַוואָלאָנישן געפּילדער געקרײַזט שטאָלענע פייגלען — דאָס שפּירן אויס דעם סוינעס אַעראָפּלאַנען די שטאָלצע בערג, וועלכע ווילן זיך פאַר זיי אף די קני ניט שטעלן.

נעכט זײַנען געשטאַנען איבער די בערג שטײַפע, פראָסטלדיקע, דער הימל האָט זיך געשפּרייט איבער דער וועלט, ווי אַן איבערגעקערטער

בעכער, פון וועלכן ס'האָט זיך שעפּעדיק געגאָסן א באַרוישנדיקער בלויער געטראַנק, אָבער די סאַמעטיקייט פון די פרילינג־נעכט איז צעשטאָכן געוואָרן דורך בייזע פּראָזשעקטאָרן, וואָס האָבן אין דער לענג און אין דער ברייט זיך אַרומגעוואָרפן ווי צעטומלטע, און אין זייער ליכט האָבן געשפּענסטיק אויפגעבליצט די פעלדזן, די הייַזלעך, און האָבן זיך באַלד ווייַטער אָפּגעטונקט אין כוישעך — ס'איז אָנגעגאַנגען א גרויזאַמע באַהעלטעניש־שפּיל. די באַרג־לייַט האָבן מער ניט דערקענט זייער הימל, זייער וועלט. ווי נאָר דער אָוונט איז געקומען, האָבן זיי זיך פאַריגלט אין די שטיבלעך און דאָרטן געוועבט זייערע פאַרביסענע שווערע מאַכשאָווועס.

און אַוועק איז דער פרילינג, ס'איז אָנגעקומען דער זומער. זון־גלוט האָט זיך אויסגעלייגט אַף די פעלדזן־שפּיצן, וואָס האָבן נאַקעט־הויל זיך געריסן צום גלייַכגילטיק־צעשפּרייטן בלאַס־גרינעם הימל, אַזוי ווי צעבונטעוועטע, אין צאָרן פאַרשטיינערטע הענט; די נעכט האָבן זיך געשפּרייט פינצטערע און פאַרטייַעטע, און די מילדקייַט, מיט וועלכער זיי זייַנען שטענדיק געווען אָנגעלאָדן, האָט דאָס יאָר זיך פאַרוואַנדלט אין ברויזיקן, איבער אַלע ברעגן אַריבערשווימענדיקן האַס. געדאַכט האָט זיך, אַז די באַרג־וועלט איז שמעלער געוואָרן, די פעלדזן האָבן ווי צוזאַמענגעשטופּט זייערע קעפּ און געברומט, שטשירענדיק ווייַסע ציין פון וואַסערפאַלן:

— דער טיסק איז אין לאַנד...

— דער סוינע איז דאָ...

— וואָס ווייַטער?..

אין קאָנגסבערג איז שוין איצט אַפן אָרט פונעם באַזייַטיקטן נאָרוועגישן לענסמאַן געזעסן א דייַטשישער הויפּטמאַן. א שאַרפער, א קוויטשיקער, מיט שפּיציקע פּראָש־אויגן. ער האָט קעסיידער געמאָנט און געמאָנט, און די באַרג־לייַט האָבן געמוזט אויספּילן אַלץ נייַע, אַלץ שטרענגערע באַפעלן... זיי זייַנען מער ניט געגאַנגען אין פּישפּאַנג אַף פּיאָרד, האָבן זיך ניט געקליבן אין געזעמלען, האָבן אַוועקגעגעבן זייערע ציגן, און דערפאַר באַקומען נישטיקע פּאַפּירלעך, וועלכע זיי האָבן לאַנג און צאָרנדיק געדרייט צווישן די פאַרהאַרטעוועטע פינגער, און נאָכדעם, ווי זיך אָפּבריִענדיק דער־מיט, א שפּייַ געטאָן אַף דעם און עס פאַרוקט טיף אין דער ברייטער פויערישער קעשענע.

אין פאַרטייַעטע הערצער האָט געקאָכט דער צאָרן, ער איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער, האָט אַרויסגעבליצט מיט גרינעם פייַער פון אויגן און האָט זיך געשטיקט און געבלעזלט אין דערוואַרטונג פון אויסלייזונג.

דעם אלטן מאַזעסן זעט מען ניט אין די בערג זינט א לאנגער צײַט. די פויערים בענקען נאָך אים. אָן אים זײַנען זיי אינגאנצן פארלאָרן, זיי ווייסן ניט, וואָס עס טוט זיך אף דער וועלט, וואָס עס טוט זיך אין די שטעט. אָפטמאָל רײַסן זיי איבער דאָס שטילשווײַגעניש און מיט אָפּגעהאַקטע רייד וואַרפן זיי איבער פון איינעם צום אנדערן זייער אומרו:

— וואָס איז מיט מאַזעסן?..

— עס מוז זײַן שלעכט... האָט דאָך געזאָגט דער לענסמאַן, אַז דער טיסק איז קעגן ייִדן...

איצט טראָגט פעלדעזער ארום איבער די בערג פון אינדערפרי ביז באנאכט זײַן זאק מיט זײַן הויקער, מיט זײַן נײַגער. באפרײַט פון דעם קאָנקורענט, האָט ער געמיינט, אז איצט וועט ער פארנעמען זײַן אָרט בא די בארג־לײַט. אָבער די פויערים האָבן אינגאנצן אופגעהערט זיך אײַנצוקויפן עפּעס, קעדיי ניט ארײַנצולאָזן צו זיך דעם אויסוואורף. ער האָט זיך ארומגעדרייט איבער די בערג, געקלאפּט אין די טירן, געשאָטן מיט זיסע ריידעלעך. אָבער די הײַזלעך האָבן מיט כויזעק אים געגלאָצט אנטקעגן מיט שטומע שויבן. און ער האָט געבײַלט זײַנע פויסטן און געטראכט וועגן אָפּרעכענען זיך.

אין איינעם א טאָג האָט מען באמערקט זײַנע באזונדערס האָפּערדיקע טריט איבער אלע פארוואָרפענע בארגיקע ייִשווים, זײַן צופרידענעם תּארשוויצטן פייגלשן פּאָנעם, ער האָט אָפּגעשטעלט יעדן איינעם פון די באַגעגנטע בארג־לײַט.

— יאָ — האָט ער געזאָגט, רײַבנדיק די קורצע פארשוויצטע הענטלעך — נעכטן איז מיר אויסגעקומען צו זײַן געשעפטלעך אין אָסלאָ... דאָרטן האָב איך זיך דערוווּסט, אז דער ייִד — ווי הייסט ער, מאַזעס, דאכט זיך? — איז פארשפּארט אין טפיסע... קיין האָניק לעקט ער דאָרטן געוויס ניט...

באם אויסהערן די בסורע זײַנען די פּענעמער פארצויגן געוואָרן מיט אשיקער בלאסקײַט, ציינער האָבן זיך אײַנגעביסן אין פארטריקנטע ליפּן. קרעפּטיקע דלאָניעס האָבן זיך גענומען רײַבן אינעם גראָבן געוואנט פון די הויזן — און דער הויקער האָט אפּגיך זיך אָפּגעטראָגן, ווײַל די אופגעבליצטע פלעמלעך אין די שטענדיק רויִקע אויגן האָבן אים קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט.

4

אין א שפּעט־זומערדיקער נאַכט, ווען די באַרג־וועלט איז געלעגן א צעריַיעטע אונטערן ליכט פון דער לעוואָנע און איבער די פעלדזן־שפּיצן האָט זיך אויסגעשפּרייט א קאַלטער אײַזערנער געוועב, האָט יאָרגען ביַיל, זיך פאָרענדיק פאַרן שלאָפן גיין אין זיַין פינצטערער שטוב, דערהערט א שטילן קלאַפּ אין נידעריקן פענצטער. ער איז צוגעגאַנגען און דערזען א שאָטן זיך טונקלען אנטקעגן שיַיבל, און ווען ער האָט זיך צוגעקוקט נעענ־טער, האָט אין לעוואָנע־שיַין זיך אַרויסגעשיילט א קאָפּ. יאָרגען האָט זיך א צי געטאָן צו זיַין יאַגד־מעסער אף דער וואַנט און מיט א הייזעריקער שטים געפרעגט:

— ווער קלאַפּט?!

א פּאָנעם האָט צעשוווּמען זיך צוגעפּלעטשט צום שיַיבל, און א באַקאַנטע שטים האָט הייס און צערודערט געשעפּטשעט:

— לאָז אריַין, יאָרגען. דאָס בין איך... איך!

יאָרגען האָט אופגעציטערט. אף יענער זיַיט פענצטער איז געשטאַנען מאָזעס, אָבער עפּעס אַן אנדערער, ניט יענער, וועמען ער האָט פון לאַנג געקענט. נאָר די שטים איז געבליבן די זעלביקע. מיט א ציטערדיקער האַנט האָט ער אופגעריגלט די טיר, און אין שטוב איז אריַינגעפאַלן א טונקל געשטאַלט, האָט שווער פרייכנדיק זיך אַראָפּגעלאָזט אף א בענקל און האָט זיך פאַרקיַיכט אין א לאַנגן צעבראָכענעם הוסט. ווען דער באַנאַכ־טיקער גאַסט האָט ענדלעך אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָבן אין דעם כווישעך פונעם אַרום דורכגעפיבערט זיַינע רייד:

— ווונדערסט זיך, יאָרגען, האַ? ניט דערקענט דיַין אַלטן מאָזעס? דאָס האָט דער טיסק מיר אויסגעריסן מיַין באָרד מיטן פלייש צוזאַמען, האָט אָפּגעגאָלט מיַין אַלטן שאַרבן, האָט מיר אונטערגעהאַקט די לונגען... אָבער דאָס איז אַלץ גאָרנישט — וואַלסט זען, יאָרגען, וואָס ער טוט אָפּ אין די שטעט! אַזוי קאָן מען מער ניט לעבן, ניין! איך וויל זען אַלעמען... דער־ציילן...

און יאָרגען, אַזוי ווי ער וואָלט נאָר געוואַרט אף דעם, איז באַלד אפּן אָרט אַרויס פון שטוב, איבערלאָזנדיק דעם ייִדן זיצן אפּן בענקל אין פינצטערן קאַמער. ער האָט געשווינד אוועקגעשפּריַיזט איבער די באַרגיקע שטעגלעך פון איין היַיזל צו דעם אנדערן, האָט געקלאַפּט אין טונקעלע פענצטערלעך, געוועקט און אָנגעזאָגט אַלעמען, מ'זאָל זיך צוזאַמענקליַיבן אין „הייל פון די זיבן שוועסטער": דאָרט וועט דער אַלטער מאָזעס דער־ציילן ניַיס פון שטאָט.

א פרייד האָט אלעמען ארומגענומען באַם הערן די בסורע וועגן דעם ייִדנס צוריקקער. און פון אלע ייִשוּווים, נאָענטע און ווײַטע, האָט מען זיך באלד אוועקגעלאָזט צו דעם אָנגעוויזענעם אָרט.

די „הייל פון זיבן שוועסטער" איז א טיף פארבאהאלטן אָרט צווישן פעלדזן, און דער ארײַנגאנג אהין איז, ווי מיט א פאָרהאנג, פארדעקט דורך ארָאָפּפאלנדיקע וואסערן פון זיבן שטראָמען, וועלכע זינקען מיט גרויס טומל ארָאָפּ אין טהאָם ארײַן. און א מערקווירדיקע אייגנשאפט האָט די הייל: דער גערויש פונעם וואסער, וואָס קערט וועלטן פון דער אויסנוויי־ניקסטער זײַט דרינגט אינווייניק ניט ארײַן, און ווען מע קומט ארײַן אין הייל, א באטויבטער פונעם דרויסנדיקן ברויז און אַן אויסגעווייקטער פון דורכרײַסן זיך דורך דעם שטראָמיקן וואסער־פאָרהאנג — ווערט מען פאר־פלעפט פון דער שטילקײַט, וואָס הערשט אינווייניק, מע פילט זיך ווי ארײַנגעפאלן אין א שטילער סוידעסדיקער וועלט, און ס׳דאכט זיך, אז מ׳הערט די שטילקײַט שפּינען איר אייביקן געוועב.

פלינק זײַנען די גענײטע בארג־לײַט אריבערגעשפּרונגען דעם שמאָלן דורכגאנג, וואָס האָט געפירט צו דער הייל, און גאָר גיך איז דער גאנצער כאָלעל אירער פול געוואָרן מיט מענטשן, העפטיק־אָטעמענדיקע פון צאָרן און פון אומגעדולד. און אונטער דער שטילקײַט פון די געוועלבן, אונטערן שוץ פונעם מוירעדיקן געבראזג, וואָס האָט געריסן שטיקער פון דער פעלדזן־וואנט און זיי געיאָגט אין טהאָם ארײַן, האָט דער אלטער מאָזעס גערעדט, און זײַנע לײַדנשאפטלעכע רייד זײַנען אָפּט איבערגעריסן גע־וואָרן דורך צעבראָכענע לאנגע הוסטן, וואָס האָבן צעטרייסלט די פאר־טײַעטע שטילקײַט אין כוישעך פונעם ארום און פילפאכיק פאנאנדערגע־טראָגן געוואָרן אַף די פליגלען פונעם ווידערקאָל.

מיט ליפּן צעביסענע ביז בלוט, מיט ביז קראמף פארשטשעמטע פויסטן, האָבן די פּויערים אויסגעהערט די דערציילונג וועגן די פּײַנען, אין וועלכע דער פּײַנט האָט פארוויקלט דאָס לעבן פונעם נאָרוועגישן פאָלק. ער האָט גערעדט וועגן קנעכטשאפט און מאָרד, וועגן שווערער אויסגאנגלאָזער נויט, וועגן גיפטיקער כויזעקמאכערײַ. ער האָט דערציילט וועגן דעם, ווי יעדן טאָג ווערן פארטיעס מענטשן אָפּגעקליבן און געשיקט צום טויט, ווי פון איינעם אזא טויט־מארש איז אים געלונגען צו אנטרינען, קעדיי זיך צו דערקלײַבן אהער צו זײַנע פרײַנט...

— צו די איינציקע פרײַנט, וואָס זײַנען מיר געבליבן אַף דער וועלט — האָט ער געזאָגט מיט א שטים, אין וועלכער עס האָבן זיך איבערגעגאָסן

טרערן — א גאנצן לעבן... האָב איך געארבעט... פאר מײַן מישפּאָכע... פאר מײַנע קינדער... איצט זײַנען זיי שוין ניטאָ מער...

זײַנע לעצטע ווערטער זײַנען פארכלינעט געוואָרן אין אן אופברויז פון אויסטערלישע קלאנגען. א געמיש פון יאָמער און הוסט, וואָס האָט א צײַט לאנג אים געוואָרגן, האָט זיך ארויסגעריסן פון זײַן פאר־קראמפטן האלדז, דאָ מיט א פײַף פון הארבסטיקן ווינט, דאָ מיט א ברום פון א פארוווּנדעטן לייב, דאָ מיט אומבאהאָלפענעם פּיפּס פון א געיאָגט פייגעלע.

די בארג־לײַט האָבן זיך געטופּעט צעשראָקענע, זיך געפילט, ווי זיי וואָלטן געטראָגן די שולד פאר דעם געשעענעם, און ווען די צעברויזט־קײַט האָט פּאמעלעך זיך אײַנגעלייגט, האָט פון א ווײַטן ווינקל אָפּגעצי־טערט א שטים, זיך געמיט דורכצורײַסן די ספּאזמעס, וואָס האָבן פאר־קלעמט דעם האלדז, און אומגעשיקט געטרייסט:

— מאָזעס... מיר זײַנען מיט דיר, שטענדיק... דײַנע פרײַנט... ברידער... אונדז טוט אויך וויי...

די האמעטנע ווערטער האָבן אראָפּגעקײַקלט שווערע שטיינער פון אלעמענס הערצער. און אין כאָלאָל פון דער הייל האָבן זיך געטראָגן געשרייען:

— גערעכט! ער איז גערעכט! מיר זײַנען מיט דיר, מאָזעס... ביסט ניט אליין!

— ניט אליין... — האָט דער ווידערקאָל באשטעטיקט פון יעדן ווינקל באזונדער.

— איך דאנק אײַך, פרײַנט — האָט דעם יידנס שטים אומדערוואָרט מעכטיק, ווי אָפּגעפרישט, דורכגעהילכט דעם רוים — און איך וועל אײַך נאָך וואָס זאָגן, ווײַל ניט בלויז טרויעריקע יעדיעס בין איך געקומען אײַך ברענגען. מיר זײַנען ניט הילפלאָז! אונדזער נאָרוועגיש פאָלק האָט זיך ניט אונטערגעגעבן, און עס ווערט פיל געטאָן אף צו ברענגען די באפרײַונג: מע קלײַבט וואָפן און מע גרייט אן אופשטאנד. איך בין געשיקט צו אײַך ריידן, איר זאָלט צושטיין צו אונדז — פונדאנען, פון די בערג, דארף זיך דאָס אָנהייבן!

בא די ווערטער האָבן די פארקלעמטע הערצער אופגעצאפּלט. און די פינצטערניש אין הייל איז מיטאמאָל ווי צעטריבן געוואָרן פון א גרויסער אופגעגאנגענער ליכט. דער ערשטער האָט יאָרגען ביל פעסט און אנט־שלאָסן א זאָג געטאָן:

— איך... איך וועל אָפּגעבן... מײַן לעבן דערפאר...

און באלד האָבן פון אלע זײַטן זיך דערטראָגן צערודערטע שטימען:

— מיר שטייען צו! מיר שטייען צו! א טויט דעם פאשיסט! לעבן זאָל נאָרוועגיע!

— לעבן... נאָרוועגיע... — האָט דונערדיק געהילכט דער ווידערקאָל.

ווען די צעבראָזטע ליַידנשאַפטן האָבן אָפּגעשטורעמט און ס'איז געוואָרן שטיל, האָט מאָזעס ווײַטער גערעדט:

— איך האָב געוווּסט, פרײַנט, אַז אַזוי וועט זײַן. אונדזער היימלאַנד איז אונדז צו טײַער, אַז מיר זאָלן עס אוועקשענקען דעם פײַנט. הערט מיך אויס: אין הענעפאָס איז אָנגעקליבן וואָפן פאַר די באַרג־לײַט. מיר מוזן דאָס אַריבערטראָגן אַהער. דעם לאַגער וועלן מיר מאַכן דאָ, אין „הייל פון די זיבן שוועסטער". איך דאַרף צען מאַן אויף אַריבערטראָגן דעם וואָפן.

שווער איז געווען זיך אָפּצושטעלן אויף צען מאַן, ווײַל אַלע ווי איינער האָבן זיך געריסן אויף דעם. צום סוף האָט מען אויסגעקליבן צען יונגעלײַט, וועלכע זײַנען נאָך אין דער זעלביקער נאַכט, צוזאַמען מיט מאָזעסן אַוועק קיין הענעפאָס ברענגען די ערשטע פּאַרטיע געווער.

און פאַנאַנדערגייענדיק זיך פון דער הייל, האָבן אַלע צום ערשטן מאָל נאָך שווערע כאַדאָשים קנעכטשאַפט פרײַער אָפּגעאָטעמט. אין טמימעסדיקע הערצער האָט אויפגעשפּראָצט א האָפענונג און טרייסט, און אַלעמען האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זעען ווי די דראָענדיקע פעלדזן רוקן זיך צונויף און דערשטיקן אין זייערע קלעמען דעם סוינע, און פון דעם אייביקן רוישן פון די באַרג־שטראָמען האָבן זיי שוין אַרויסגעהערט דונערנדיקע קוילעס:

— א טויט דעם פײַנט! א טויט דעם פײַנט!

דער הויקער פעלדעזער האָט באַמערקט, אַז עפּעס אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען. וואָס דאָס איז פאַר אַן ענדערונג — האָט ער דערווײַל ניט געוווּסט, נאָר אין די האָפערדיקע בליקן פון די באַרג־מענטשן, אין זייערע פעסטע שפּרײַזן און רויִקע זשעסטן איז געלעגן א זיכערקײַט, וואָס ער האָט שוין א צײַט ניט געזען. דאָס זײַנען דאָך געווען פּאַשעטע מענטשן, דערוואַקסענע קינדער, און זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרשטעלן די גרויסע פרייד, וואָס האָט פון זיי אַרויסגעשפּאַרט, זיך געוואָרפן אין די אויגן.

אײַנגיכן האָט ער זיך אויך דערגראָבן צו דער סיבע פון דער פרייד, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון זייערע אויגן: זײַענדיק אין שטאָט, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דער ייִדישער סכוירע־טרעגער איז אַנטלאָפן, און ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז אַנטלויפן האָט ער געקאָנט נאָר צו זײַנע פרײַנט, וועלכע באַהאַלטן אים אויס אין די בערג.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א שאַרפע שפּירעריַ. פעלדעזער האָט איצט קעסיידער זיך געגאַנווערט איבער די בערג, זיך צוגעקוקט, געגנישטערט, שוין צו אָפט געקלאַפּט אין די טירן פון די פאַרוואָרפענע הײַזלעך, און ווען ער האָט די מענער ניט באַגעגנט אין שטוב, האָט ער זיך פאַנאַנדער־געלייגט מיט זײַן פּאַק סכוירע, געריבן די הענט, געכיכיקעט, אויסגעפרעגט די פרויען און די קינדער. די באַרג־לײַט האָבן זיך נאָך מער אָנגעהויבן היטן פאַר אים, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. מיט זײַן אומדערמידלעכער שפּירערײַ האָט ער דאָך אויסגעפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט.

— מיר איז געלונגען זיך צו דערוויסן, אַז די באַרג־לײַט פון יאָטונפיעל־דער געגנט באַהאַלטן אַן אַנטלאָפענעם ייִד. איך האָב זיי אויסגעשפּירט, די פויערים, זיי זײַנען געגאַנגען באַגינען אַף האָוסטער וועג... מיט זעק אַף די פּלייצעס.

— דער ייִד וועט שוין האָבן זײַן סאָף! — האָט דער הויפּטמאַן א געשריי געטאָן — אָבער וואָס זײַנען דאָס פאַר א זעק? וווהין זײַנען די פויערים געגאַנגען?

דער הויקער האָט אין פאַרלעגנהײַט געענטפערט:

— דאָס, הער הויפּטמאַן, האָב איך נאָך ניט געקאָנט אויסגעפינען. זיי האָבן זיך באַוויזן און פאַרשוווּנדן ווי אונטער דער ערד. א צווייט מאָל וועל איך שוין...

— א צווייט מאָל וועל איך שוין אַליין מיטגיין! — האָט דער הויפּטמאַן אים איבערגעשלאָגן — איך זע, דו קאָנסט זעלבשטענדיק ניט אַרבעטן! אַזא זאַך דורכצולאָזן! איך בין זיכער, אַז זיי טראָגן געווער, די פאַרדאַמטע נאָרוועגער. שוין מאָרגן מוז אויסגעפונען ווערן, וווּ זיי לייגן דאָס אָפּ!

און ער האָט באַפוילן דעם הויקער מאָרגן באַגינען קומען נאָך אים, וועלן זיי צוזאַמען אַרויס אין די בערג.

5

אַפן הינטערגרונט פון דעם קוים־געבאָרענעם באַגינען האָבן פאַמעלעך זיך אָנגעהויבן אַרויסשיילן די בערג. א נעפּל האָט נאָך פאַרהילט די שפּיצן פון די פעלדזן, וועלכע האָבן אויסגעזען, ווי שוואַרצע שוואַנען, וואָס שווימען בלינד און שטאָלץ אַרום איבער מילך־ווײַסע אָזערעס. אין די קנוילן נעפּל, וואָס האָבן ווי געשפּענסטיקע פינגער זיך דאָ אויסגעצויגן, דאָ אײַנגעצויגן איבער די וועגן, האָבן זיך געשוואַרצט צוויי פיגטעלעך — דאָס זײַנען פעלדעזער מיטן הויפּטמאַן געגאַנגען אַף זייער אָפּגערעדטן געיעג.

— ביסט זיכער, פעלדעזער, אַז מיר גייען מיטן ריכטיקן וועג? — האָט דער הויפּטמאַן שוין צום וויפלטן מאָל געפרעגט מיט אַ שטים, פאַרשטיקט פון דעם קנויליקן נעפּל, און באַלד זיך אויסגעזידלט — פאַרשאָלטענער נעפּל! אַז אָפּעטעמען קען מען דאָ גאָרניט, אין די פאַרדאַמטע בערג!

ער האָט זיך געפּילט ניט גוט, דער הויפּטמאַן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אין דעם געדיכטן נעפּל זײַנען אים די פיס אָפּגעריסן פון לײַב און גייען אַליין אַוועק איבער די גליטשיקע שטעגלעך. איבערלאָזנדיק זײַן גוף זיך הוידען אינדערלופטן... אַ הייסער קלעפּיקער שווייס האָט אַ ברי געטאָן זײַן רוקן בײַ יעדן טראָט.

— איך בין זיכער, הער הויפּטמאַן! — האָט דער הויקער מיט גרייטקייט געענטפערט — אָבער מיר מוזן גיין גיכער, אַניט קאָנען מיר זיי נאָך פאַרזאַמען!

דער הויפּטמאַן האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט נאָר אַראָפּגענומען זײַן היטל, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און אינדערשטיל זיך אויסגעזידלט.

— גיט מיר אײַער האַנט, הער הויפּטמאַן, וועט איר טרעטן זיכערער — האָט דער הויקער אים אָנגעבאָטן זײַן הילף, זעענדיק, ווי שווער יענעם קומט אָן זיך צו רירן פון אָרט. אָבער דער הויפּטמאַן האָט מיט גײַווע אָפּגעוואָרפן די אָנגעבאָטענע הילף און ווײַטער געשלעפּט זיך מיט פּלאָנטערדיקע פיס. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער נעפּל ווערט פון מינוט אַלץ געדיכטער, אַז ער באַטאַפּט אים אַלץ כוצפּעדיקער מיט זײַנע קלעפּיקע פינגער, און דאָס רופט אין אים אַרויס איבלקייט און קאָפּשווינדל.

— און וועלן מיר זיי דערזען פונווײַטן? — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום ווײַטער געפרעגט מיט אַ שטים, אין וועלכער ס'איז שוין אויסגעלאָשן געוואָרן יעטווידער פונק פון זײַן שטענדיקער זיכערקייט.

— מיר וועלן זיי זען, הער הויפּטמאַן, זיכער זען — האָט זײַן וועגווײַזער אים באַרויִקט.

דער הויפּטמאַן האָט זיך אָבער ניט באַרויִקט. ער האָט געשטעלט ציטערדיקע טריט איבער די שמאָלע גליטשיקע שטעגלעך און האָט צעקאָכטערהייט פאַרשאָלטן די בערג, די נאַרוועגער, זײַן באַגלייטער, און זיך אַליין האָט ער אויך נישט געשאַנעוועט, דערפאַר וואָס ער האָט זיך געלאָזן אויף אַזאַ אומבאַרעכנטן שריט.

— איך מיין — האָט ער געברומט — אַז ס'האָט זיך דיר אויסגעדאַכט...

— ניט אויסגעדאַכט!!! — האָט גאָר אומגעריכט דעם נעפּל־געוועב דורכגעריסן אַ שטים, וואָס האָט אָפּגעהילכט אַזוי ווי אַ ווידערקאָל אין

די בערג, און אײדער די צװײ צעטומלטע באַרג־שפּאַנערס האָבן נאָך באַװיזן אופצוריַיסן די ליפּן, זיַינען שױן אױסגעװאַקסן אַרום זײ געשפּענסטער, האָבן אױסגעצױגן לאַנגע אָרעמס, װאָס זיַינען געװען װי אַ העמשעך פונעם נעפּל, און האָבן זײ אין אײן רעגע פאַרדרײט די הענט און פאַרבונדן אַף אַהינטער.

דאָס אַלץ איז געשען מיט דער אײגענער געשװינדקיַיט, מיט װעלכער אַ באַרג־שטראָם זינקט אַראָפּ פון אַ פעלדזן־װאַנט אין אָפּגרונט אַריַין. און מיט דער געשװינדקיַיט פון אַ באַרג־שטראָם האָבן זיך אױך געביטן די ראָלן אין יענעם באַגינען אין די בערג — די אָקאָרשטיקע יעגער זיַינען אַלײן פאַרװאַנדלט געװאָרן אין געיאָגטע, און די יעניקע, װעמען מע איז געגאַנגען אױסשפּירן, זיַינען אַלײן געװאָרן די יעגער.

ביסלעכװיַיז האָבן די שטראַלן פון דער אופגײענדיקער זון, אין אָנהײב ניט דרײסט און װאָס װיַיטער אַלץ שאַרפער, זיך גענומען דורכשניַידן זײער װעג אין די בערג. אין טױט־אַנגסטן זיַינען פון זײ אַנטרונען די נעפּלען, אין זײער גאַלאָפּ זיך צעריַיסנדיק אַף פּיץ־פּיצלעך און איבערלאָזנדיק אין די טיפערע שלוכטן, װוּהין די יונגע שטראַלן זיַינען נאָך ניט אַריַינגעדרונגען, צעפליקטע שטיקער פון זײער מאַנטל. איצט איז שױן די באַרג־װעלט אופגעשטאַנען צו אַ ניַיעם, פאַרביקן לעבן, און אַנטקעגן דער אופגײענדיקער זון האָבן מיט אַ גאָלד־רױטן שמײכל זיך צעשטראַלט די פעלדזן, און די װאַסערפאַלן, װאָס האָבן געפלאַטערט אַף זײערע בוזעמער, האָבן זיך געצױגן, װי ראָזע סטענגעס.

די געפאַנגענע האָבן דאָס אַלץ ניט געזען, װיַיל צוגליַיך מיט די הענט האָט מען זײ אױך פאַרבונדן די אױגן. און נאָך אַ לאַנגע ציַיט אַרומבלאָנדזשען איבער פאַרדרײטע שטעגלעך, האָט מען זײ געבראַכט צו דעם באַרג־פליין, אַנטקעגניבער װעלכן עס האָט זיך שטאָלץ געהױבן דער פעלדז מיט די אַראָפּשטורעמענדיקע „זיבן שװעסטער” איבער דער פאַרבאָרגענער עפענונג. אײנער נאָכן אַנדערן איז מען אַריבערגעשפּרונגען די שמאָלע שלוכט, אַריבערגעשלעפּט די זעק מיט װאָפן און אַריַינגעשלעפּט אין הײל די צװײ געפאַנגענע, װאָס זיַינען געװען אינגאַנצן אױסגעװײקט פון די אַראָפּזינקענדיקע שטראָמען און פון טױט־אַנגסטן.

און אַזױ, מיט פאַרבונדענע אױגן, האָט מען דעם הױפּטמאַן מיט זיַין באַגלײטער צוגעשפּאַרט צו אַ פיַיכטער קאַלטער װאַנט, און ס'האָט זיך געהערט װי בײדנס צײנער קלאַפּן פון דער באַגינענדיקער איַיזיק־נאַסער קעלט און פון שרעק פאַר זײער װיַיטערדיקן בלינדן גורל. פעלדעזער האָט געװוּסט, אַז בא אָט די שװיַיגנדיקע איַינגעשפּאַרטע מענטשן זיַינען ניטאָ קײן װיצן, און זיַין שרעק האָט זיך איבערגעגעבן דעם הױפּטמאַן,

װעלכער איז שױן אַלײן אױך געװען געװען אַנגעלאָדן מיט אומהײמלעכע געפילן.
איצט האָט מען דערגריסן די טיכלעך פון זײערע אױגן, און זײ האָבן דערזען װי די שײַן פון א לאַמטערן טרײַבט פּאַנאַנדער איבער די צעביסענע פּײַכט־גלאַנציקע װענט הױערנדיקע, שװערפעליקע שאָטנס.
— אָט אַזױ, לאַנדסלײַט... — האָט דער הױקער מיט א פלאַנטערדיקער צונג אַרױסגעבראַכט — נעמט איר אױף... דעם פאָרשטײער פון דער מאַכט..., װעלכער איז געקומען אַף א באַזוך אין אונדזערע בערג?
די שטים, מיט װעלכער ער האָט דאָס געזאָגט, איז געװען א פּאַר־דעמפּטע, א הײזעריקע, און פון דעם איז קײנעם, און אױך אים אַלײן, ניט גרינגער געװאָרן. בלױז דער װידערקלאַנג האָט אים אױפגעכאַפּט און נאָך מער צעשאַלט זײַן אומבאַהאָלפנקײַט.
— ניט װיצלען זיך... — האָט זיך געהערט א ברום — שװײַג!..
און פעלדזוער, װעלכער האָט אױסגעצײכנט געקענט אַלעמען אַף די צענדליקער קילאָמעטערס אַרום, האָט אַפילו ניט אונטערשײדט װעמענס שטים דאָס האָט אים אײַנגעשטילט. זײ האָבן זיך איצט אַלע אױס־געמישט פאַר אים, ער האָט דערשפּירט, אַז דאָ קומט צום אױסדרוק דער גאַנצער צאָרן, װאָס די דאָזיקע מענטשן האָבן יאָרן לאַנג אַף אים געטראָגן. ער האָט געװירט, דער צאָרן, און אָט דאָ, אין דער גרױליקער פינצטערניש פון דער הײל, האָט ער זיך אױסגערײַפט. אים האָבן שױן אַפילו קײן מונטערקײַט ניט צוגעגעבן די רײד פונעם הױפּטמאַן, װעלכער האָט געפּרוּװט שרעקן די פױערים:
— די מינוט... באַפרײַט דעם פאָרשטײער... פון... דער דײַטשי־שער מאַכט! דער װיץ... װעט אײַך טײַער... קאָסטן!
ער האָט זיך געפּלײַסט צו זײַן שטרענג, װי שטענדיק, דער „אָרעמער" הױפּטמאַן, אָבער האָט מען אים דען געקאָנט נעמען ערנסט, אים, א געבונ־דענעם אין דער געהײמניספולער הײל, אַן אַרומגערינגלטן דורך די אױפגעבראַכטע באַרג־לײַט?
קײנער האָט אַף דעם ניט געענטפערט. און נאָכדעם, נאָך א שטילער רעגע, װעלכע האָט װי צוגעגרײט אַלעמען פאַר דעם, װאָס װעט קומען, האָט פון דעם געזעמל דראָענדיק־שװײַגנדיקע מענטשן זיך דערהערט א שטילע, צאָרנדיק־ציטערדיקע שטים:
— נאַרװעגער! — די שטים האָט זיך געהאַלטן באַם איבערשלאָגן, הוסט־ספּאַזמען האָבן זי געפּרוּװט פאַרקײַכן, אָבער מיט אױסטערלישער אָנשטרענגונג האָט זי פאַרטריבן דעם קראַמף און װײַטער גערעדט: — װאָס פאַר אַן אורטײל װעט איר אַרױסטראָגן אָט די צװײ אױסװורפן?

— טויט! טויט! — האָט א דונער דורכגעהילכט דעם כאָלאָל.
— אראָפּוואַרפן אין טהאָם! — האָט זיך געהערט א שטים.
— אופהענגען!
און דער ווידערקאָל האָט די געשרייען איימעדיק פארפילפאכט.
אף דער געל־שימערנדיקער וואנט האָבן דערווײַל זיך געהוידעט און געצאפּלט ווי צעשראָקענע פלעדערמײַז די שאָטנס פונעם הויפּטמאן און פון דעם הויקער, און די בארג־לײַט האָבן מיט פאראכטונג און סינע אויסגעמיטן צו קוקן אף זיי און האָבן מיט אומגעדולד געווארט, וואָס מאָזעס וועט זאָגן.
— הענגען? שלײַדערן אין אָפּגרונט? — האָט ער איבערגעכאַזערט — איז דאָס ניט צו ווייניק? איך מיין, אז זיי דארפן באשטראָפט ווערן מיט אן אויסטערלישער שטראָף, וואָס זאָל ניט פארגעסן ווערן, אזוי ווי עס וועלן ניט פארגעסן ווערן זייערע פארברעכנס. זאָל די וועלט וויסן, ווי דאָס נאָרוועגישע פאָלק שטראָפט! איך לייג פאָר...
דער אורטייל, וואָס זייער לאנדסמאן און פרײַנט האָט ארויסגעטראָגן, איז באגעגנט געוואָרן מיט אויסרופן פון באפרידיקונג, ארויסגעפלייצטע פון צעברויזטע געמיטער און פארפילפאכטע דורכן דונערדיקן ווידערקאָל. די פנעמער פון די פארורטיילטע האָבן זיך אויסגעצויגן און האָבן אינעם האלב־שאָטן פון זייער ווינקל זיך אויסגעטיילט מיט געשפּענסטיקער בלאסקײַט.

6

שווער און פול מיט סאקאָנעס זײַנען די שמאָלע געדרייטע שטעגלעך, וואָס פירן ארוף צום האוסטא־פעלדז, דעם העכסטן פּיק פון יאָטונפיעלדער בארג־וועלט. די ארומיקע פעלדזן רוקן זיך אָפּ פון אים מיט אָפּשײַ, און ער שטייט אָפּגעזונדערט פון אלעמען, איינזאם און שטאָלץ, און שטעלט אונטער זײַן הארטנעקיקן שטערן בלויז דעם גלעט פון די וואָלקנס. איבער דעם צעשויבערטן שטיינערנעם קאָפּ פון דעם ריז בושעווען שטורעמס, טראָגן זיך ארום מיט בלוט־פארקילנדיקע געשרייען אימפּעטיקע אָדלערס. און צווישן די פארגליווערטע קנייטשן פון זײַן שארבן ציִען זיך פלינק אויסגעדארטע פעלדזן־פארביקע שלאנגען, וואָס פרעסן פון הונגער און רישעס איינע די אנדערע.
אין יענעם פרימאָרגן האָט איבער די שמאָלע שטעגלעך צום פעלדזן־שפּיץ זיך געצויגן א גרופּע שווײַגנדיקע מענער. פאָרויס האָט געשפּאנט דער, אלטער מאָזעס. אין יעדן טראָט — לײַדנשאפטלעכע אומגעדולד,

וואָס האָט אים געטראָגן, ווי אַף פליגלען. און ער האָט קעסיידער זיך געמוזט אָפּשטעלן וואַרטן אַפּן אָנקום פון די איבעריקע, וועלכע האָבן געשפּרײַזט פּאַמעלעך, שווער, און געפירט צווייען. די געפירטע האָבן קימאַט ווי פאַרלאָרן זייער מענטשלעך געשטאַלט און האָבן זיך פּאַכדאָניש געצאַפּלט, ווי זוכנדיק מיט דער צאַפּלעניש זיך אויסדרייען פון זייער גורל. אָבער צען פּאָר וואַכזאַמע אויגן האָבן זיי אָפּגעהיט, ניט אַרויסגע־לאָזט אַף קיין איין רעגע פון זייער קרײַז.

לאַנגע שאָען האָבן די מענטשן געשטיגן און געשטיגן. די הייכקײַטן האָבן זיי אויפגעכאַפּט און זיי אַלץ פאַרקלענערט, אָפּטמאָל פאַרטוליעט אין נעפּל, אָפּטמאָל ווײַטער אַרויסגעוויקלט, ביז זיי זײַנען אינגאַנצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּינטעלעך, און ווען זיי האָבן צום סאָף דער־גרייכט דעם אין נעפּלען פאַרהילטן פעלדזן־שפּיץ — איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג.

שווער האַלטנדיק דאָס גלײַכגעוויכט אונטער די אָנפלײַען פונעם שטור־רעם, אונטערגעטריבן פון די ווילדע געשרייען פון די הויכקרײַזנדיקע אָדלערס, האָבן די שטראָפערס אויסגעזוכט אַן אָרט, אַנגעוואַליעט מיט מוירעדיק גרויסע שטיינער, האָבן צו די שטיינער צוגעשפּאַרט די פאַרמיש־פּטע, זיי פעסט אַרומגעפלאָכטן מיט שטריק, און זיך אפילו ניט אומקוקנ־דיק אַף זיי, זיך פאַרנומען אַפּן וועג צוריק. בלויז ענע פון האַלינגסקייד, דער ייִנגסטער צווישן זיי, האָט מיט שטיפערישער נײַגעריקײַט נאָך א קוק געטאָן אַף צוריק און האָט מיט שרעק אויסגערופן:

— א שלאַנג!

— שווײַג! — האָט מען אים געענטפערט. אייניקע הענט האָבן זיך אפילו א כאַפּ געטאָן צו די היטלען — אזוי שטאַרק אײַנגעוואָרצלט איז געווען בא אָט די פּאָשעטע מענטשן דער דערעכערעץ פאַרן טויט. זיי האָבן אָבער באַלד פאַרשעמט צוריקגענומען די הענט און אויסגעשפּיגן.

שטיל־שווײַגנדיק האָבן זיי אַראָפּגענידערט פונעם פעלדז. איבער זייע־רע קעפּ האָבן געקרײַזט אָדלערס און מיטן פּאָך פון זייערע מעכטיקע פליגלען צעווירבלט די שטײַפע באַרגיקע לופט. צו נאַכט־צו האָט זיך פאַר־נומען א שטורעם און האָט מיט העפקערדיקער פּײַפערײַ אָנגעהויבן דורכ־רײַסן זיך צווישן די באַרג־שפּאַלטן. און די צען באַרג־לײַט זײַנען געטראָטן פעסט און זיכער, ווײַל זיי האָבן געוווּסט, אַז די באַרג־וועלט איז זייערע. דאָ זײַנען זיי געבוירן געוואָרן, דאָ געלעבט, דאָ האָבן געלעבט און גע־שטאָרבן זייערע פּאָטערס און זיידעס. דאָ וועלן לעבן זייערע קינדער, און אַף יעדן סוינע, וואָס וועט זיך פאַרמעסטן צו פאַרשקלאַפּן אָט די וועלט — וואַרט דער סאָף פון יענע צווי אַפּן פעלדז.

א בינטל שליסלען

— שוין איינמאָל א ווילע! אן עמעסער שלאָס...
— און די שטילקייַט... די שטילקייַט אין גאָרטן!
— אָט א מאזל! זייַן דער באלעבאָס פון אזא פראכט!

אזעלכע אויסרופן האָבן אין מעשעך פון יאָרן זיך ארויסגעריסן בא יעדן איינעם, ווער ס'איז נאָר פארבייַגעגאנגען יענע ווילע הינטער דעם אייַזערנעם קונציק־געשמידטן פּארקאַן. ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל ניט מעקאנע זייַן דעם אייגנטימער, וועמענס נאָמען, — דער נאָמען פון דעם אין שטאָט באקאנטן נאָגיד פּייראָס, — האָט מיט זעלבסטצופרידנקייַט זיך אראָפּגעגרויסט פון דעם שילדל איבערן ארייַנגאנג... אָבער אָט איז געקומען דער זומער פון יאָר 1940, ווען די פריִער בורזשואזע מעדינע איז געוואָרן א סאָוועטישע רעפּובליק און ס'איז אָפּגעשאפן געוואָרן פּריוואט־אייגנטום. דעמלט איז די ווילע הינטער דעם צעוואקסענעם בלעטער־פאָרהאנג געוואָרן דאָס אייגנטום פון פאָלק.

פארשטייט זיך, אז פּייראָסן איז זייער שווער אָנגעקומען דאָס געזעגענען זיך מיט זייַן ווילע, אין וועלכער ער האָט אייַנגעזען דעם גאנצן זין פון זייַן קינדערלאָזן לעבן. און כאָטש זינט דעמלט זייַנען שוין אוועק ניט ווייניק יאָרן, געדענקט ער נאָך אלץ יענעם טאָג, ווען ס'איז געקומען צו אים די קאָמיסיע מיטן אָנזאָג, אז די ווילע — זייַן ווילע! — איז נאציִאָנאליזירט.

— ווי?! וואָס... ווילט איר זאָגן?! — האָט פּייראָס קוים ארויסגעהויכט מיט אָפּגעשטאָרבענע ליפּן.

— אָט דאָס, וואָס איר הערט! — האָט דער באַפּולמעכטיקטער אָפּגעשניטן און אופגעפאָדערט אָפּצוגעבן די שליסלען.

— די שליסלען?.. א, די שליסלען... — האָט פּייראָס פארלאָרן געמורמלט — יאָ, יאָ... אָבער... כ'האָב זיי פארלאָרן... כ'ווייס ניט ווו האָב איך זיי אהינגעטאָן... בעעמעס ניט...

אין אָנהייב האָט דער באַפּולמעכטיקטער זיך געבייזערט, נאָכדעם געפּרווט ווירקן מיט גוטן. אָבער זעענדיק, ווי צעטומלט דער דאָזיקער געוועזענער באַלעבאָס איז, ווי מע קען זיך מיט אים גאָרניט צוזאמענריידן, האָט ער א מאך געטאָן מיט דער האנט:

„עט, לוינט זיך דען צו אמפּערן וועגן דעם? וועט מען צופּאסן אנדערע שליסלען...”

דעם עמעס גערעדט, האָט פּייראָס אליין קלאָר ניט געוווסט, פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אוועקצוגעבן די שליסלען. צי ווייַל עס האָט זיך אים ניט געלייגט אפן סייכל, ווי גיט מען דאָס אָפּ א ווילד־פרעמדן די שליסלען, וועלכע מע האָט א גאנץ לעבן געטוליעט צום הארצן, אזוי ווי לייַבלעכע קינדער?.. צי ווייַל טיף אין הארצן האָט געטלי̇עט בא אים א שטיקעלע האָפענונג, אז די צייַט פון די שליסלען איז נאָך ניט אינגאנצן פארבייַ און ער וועט זיי נאָך אמאָל האלטן, אזוי ווי ער האָט זיי אלע יאָרן געהאלטן? ווי עס זאָל ניט זייַן — אָבער ער האָט די אָפּגעראטעוועטע שליסלען, צוזאמען מיט א גרויסן פּאק קאָלערליי ווערט־פּאפּירן, וואָס האָבן שוין איצט פארלוירן יעטווידן ווערט, אריַינגעלייגט אין א בלעכענעם שאכטל און פארגראָבן אין א זיכערער באהעלטעניש. דאָס טוענדיק, האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז עפּעס אן אָנהאלט פארמאָגט ער נאָך אין לעבן...

אזוי איז פארלאָפן א יאָר, און עס איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע. פּייראָס האָט זיך עוואקויִרט, און איבער דער באהעלטעניש, ווו זייַן שאכטל איז געווען באגראָבן, האָבן מיט צייַן־קריצעניש זיך אריבערגעוויכערט גרויזאמע יאָרן. מיט ווילדער וועלפישער ווויעניש האָבן איבער דער פארפּייַניקטער שטאָט זיך געטראָגן אומקום און פארטיליקונג, וואָס די פאשיסטן האָבן אהער געבראכט. נאָכדעם איז מיט א שווונגפולן פּאָך פון אָדלער־פליגלען אָנגעקומען די באפרייַונג, און אונטער די שטראלן פון א פרידלעכער זון זייַנען שוין מאכנעס מענטשן ארויס אין די כאָרעווע גאסן פון דער געשענדטער שטאָט און מיט ליבעפולע האָרעפּאשנע הענט זיך גענומען פארהיילן אירע וווּנדן.

...אין איינעם פון די נאָכמילכאָמעדיקע פרילינגען האָט פּייראָס זיך צוריקגעקערט אין זײַן אופגעריכטער היימשטאָט. ער איז געקומען אליין, זײַן פרוי איז אין די עוואקואציע־יאָרן געשטאָרבן. און כאָטש ער האָט דורכגעמאכט פארשיידנס, און דאָס לעבן האָט אים שוין אויסגעלערנט מיט נײַע אויגן צו קוקן אף דער וועלט, — איז אין אים נאָך אופגעקומען דער כיישעק ווידער צו זען זיך מיט די רעשטלעך פון זײַן אמאָליקער גווירעשאפט, וועלכע ער האָט דעמלט באגראָבן. ער האָט דערבײַ ביטער געשמייכלט, ווײַל געוווּסט האָט ער, אז דאָס האָט ניט קיין שום זין און קיין שום ווערט, — אָבער דעם דאָזיקן געפיל האָט ער דאָך ניט געקאָנט בײַקומען!

ווי א גאנעוו האָט פּייראָס באנאכט זיך צוגעשלײַכט צו דעם געהיימען אָרט, דאָרטן א צײַט לאנג געגראָבן און ענדלעך געפונען דעם פארזשאווערטן שאכטל. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אים אוועקגעטראָגן צו זיך אין איינזאמען צימערל, דאָרטן האָט ער לאנג באטראכט די שוין האלב־צעפוילטע פּאפּירן און צום סאָף זיי איינעם נאָכן אנדערן פארברענט. עמעס, באם רײַבן די שוועבעלעך האָבן זײַנע פינגער א ביסל אונטערגעציטערט, אָבער ער האָט זיך באהערשט, און מיט א פארשטיינערט־גלײַכגילטיקער מינע זיך צוגעקוקט ווי דער אָפּגאָט, וועלכן ער האָט א גאנצן לעבן געדינט, קאָרטשעט זיך אין ווייען און ווערט פארוואנדלט אין אש.

נאָכדעם האָט ער אויסגעקערט אפן טיש דעם שאכטל, טאָמער וועט פון דאָרטן נאָך ארויספאלן עפּעס א זאך, וואָס ער אליין האָט אין מעשעך פון די יאָרן אין דעם פארגעסן. און דאָ איז מיטאמאָל ארויסגעפאלן א בינטל שליסלען. ארויסגעפאלן מיט א בראזג, אזוי ווי זיך בייזערנדיק, וואָס מע האָט זיי געשטערט אין זייער יאָרנלאנגער אומבאוועגלעכער רו.

און אָט דער הייזעריקער בייזער בראזג האָט אופגעוועקט אין פּייראָסן די געפילן, וואָס זײַנען געלעגן אין אים אין טיפן שלאָף פארזונקען, — די שוין פון לאנג פארשטומטע געפילן פון דעם גוויר און אייגנטימער. ער האָט ניט געקאָנט אָפּרײַסן זײַן בליק פון די שליסלען, וועלכע האָבן טעמפּ ארופגעגלאָצט צו אים: געדענקט ער זיי דאָך פון אמאָל אזעלכע בלאנקע, אזעלכע האָפּערדיקע! איצט ליגן זיי דערשלאָגענע, נעבעכדיקע. פּייראָס האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אף די הענט, זיך פארטראכט...

„דערמאָנסט זיך”, האָט זיך אים מיטאמאָל אויסגעדאכט, אז ער הערט א כריפּענדיק שעפּטשען, „דערמאָנסט זיך, ווי דו האָסט אין אמאָליקע יאָרן זיך ניט געשיידט מיט אונדז אף קיין איין רעגע?.. דערמאָנסט זיך, ווי פרײַ און זאָרגלאָז מיר האָבן אלעמאָל געקלונגען אין דײַן האנט,

בייס דו האָסט אונדז ארויסגענומען פון קעשענע? ווי ברייטהארציק מיר האָבן געעפנט פאר דיר טיר און טויער פון דער ווילע, פון דײַן ווילע... געווען צײַטן, הא?"

מיט א פארקלעמט הארץ האָט פייראָס פארנומען דעם שעפטש פון די שליסלען, זיך צוגעקוקט צו זיי — און יעדער באזונדער האָט געוועקט אין אים זיכרוינעס! ווי אײַנגעבאקן איז אים געווען אין הארצן אָט דאָס בינטל שליסלען, די אלע גרויסע און קליינע, די ניקעלנע און בראָנזענע, די גלאטיק־רונדיקע און די פלאטשיק־ציינדלדיקע היטער פון זײַן אמאָלי־קער גווירעשאפט, די שאָמרים פון זײַן פארשווונדענער מאכט!

„און ווער באלעבאטעוועט איצט אין דײַן ווילע?.." — האָבן די שליס־לען, איבערשלאָגנדיק איינע די אנדערע, אָן אופהער אים געשאָטן זאלץ אף די ווונדן. „אוואדע אזעלכע, וועמען דו האָסט פריִער אף דײַן שוועל ניט ארופגעלאָזן! גאָרנישטן, פאר וועמען מיר האָבן קיינמאָל קיין טיר ניט געעפנט! וואָלסט באדארפט, כ'לעבן, א קוק טאָן... ווי מיינ־סטו?"

פון דעמלט אָן האָבן די שליסלען שוין ניט אָפּגעלאָזט פייראָסן, האָבן אים טאָג און נאכט געיאדעט און מיט זייערע פארזשאווערטע פּיענקעס־ציינער זיך אײַנגעביסן אין זײַן הארץ, געדרעלט און געבויערט. ביז עס האָט זיך פאנאנדערגעצונדן אין אים א ברענענדיקער פארלאנג טאקע מיט די אייגענע אויגן צו זען, וואָס פון זײַן ווילע איז געוואָרן און ווער עס באלעבאטעוועט דאָרט איצט... ער האָט געפּרווּט זיך אָפּוערן פון דעם, האָט זיך אליין אָפּגערעדט: צו וואָס אופרירן אלטע ווונדן?", אָבער די שליסלען האָבן ניט אָפּגעלאָזן. און קעדיי סאָפּקאָלסאָף זיך צו באפרײַען פון זייערע צושטייענישן, האָט ער אין איינעם א טאָג זיך ארײַנגעזעצט אין עלעקטרישן צוג און אוועקגעפאָרן אהין, וווהין עס האָבן אים געצויגן די אופגעווירבלטע זיכרוינעס.

אָנגעקומען אף דער קליינער דאטשע־סטאנציעלע, ווו ער איז אין מע־שעך פון יאָרן טאָג־אײַן, טאָג־אויס ארָאפּגעשטיגן, האָבן פייראָסן באלד א זעץ געטאָן אין קאָפּ די אמאָליקע, אזעלכע ווילבאקאנטע שארפע סאָסנע־רייכעס. א פארשיקערטער פון אָט די קאָפּשווינדלדיקע רייכעס, און נאָך מער פון די געפילן, וואָס האָבן אים באהערשט, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט מיט דער שמאָלער סטעזשקע דורכן וואלד. און פייראַסן איז אופגעפאלן, וואָס מיט דעם זעלביקן וועג, ווו מע האָט אלעמאָל נאָר ווען־ניט־ווען געזען א דורכגייער, זײַנען איצט געגאנגען מערערע מענטשן, האָבן מיט אופגע־

רודלטער שטאָטישער טומלדיקייט געוועקט די דרעמלדיקע שטילקייט פונעם סאָסנע־וואלד.

„וואָס איז דאָ איצט עפּעס אזוי לעבעדיק?" — האָט פּייראָס זיך געוווּנדערט.

נאָך א ווײַלע גיין איז ער ארויס פון דעם וואלד און ארוף אף א זון־באַגאָסענער, מיט געקאָסיעטן היי שמעקנדיקער לאָנקע, פונוואנען ער האָט שוין געזען דעם אזוי גוט באקאנטן פּארקאַן. די בלאנקע שטאכעטן האָבן, אזוי ווי אין אמאָליקע יאָרן, קאָקעטיש אָפּגעשפּיגלט די שטראַלן פון דער זון, און איבער זייער שפּיציקער צײַל האָט כיינעוודיק זיך געהוידעט די גרינע ליכט־דורכגעפלייצטע בלעטער־שעפע. באַם צוזען דאָס אלץ, האָט פּייראָסעס הארץ זיך ווייטיקדיק א צאַפּל געטאָן, און באלד אפן אָרט האָט ער שוין כאראָטע באקומען אפן לאָזן זיך פארפירן דורך „געפילעכצן" (ווי ער האָט מיט ביטערניש איצט אָנגערופן זײַן טריב אהער), און אפילע געפּרוּווט אפגיך שטעלן א טראָט אף צוריק, אנטלויפן... אָבער באַם מאכן דעם האסטיקן טראָט האָט ער מיטאמאָל דערהערט א שטילן בראַזג: דאָס האָבן זיך צעקלונגען די שליסלען, וועלכע ער האָט, וועדליק זײַן יאָרנלאַנגער באלעבאטישער געוווינהײַט, פאָרנדיק אהער, ארײַנגעלייגט אין קעשענע. און אָט דער קלונג האָט, ווי מיט א רוגזע, אים דערמאָנט:

„און ווו איז אונדזער אָפּמאַך? אין אים האָסטו גאָר פארגעסן?.."

פארשעמענדיק זיך פאר זײַן אייגענער אומאנטשלאָסנקײַט, האָט פּייראָס זיך אָנגעטאָן א קויעך און איז ווײַטער צוגעשטאנען צו דעם שטראָם מענטשן, וואָס האָט זיך געצויגן דורך דער לאָנקע. און מיט גרויס כידעש האָט ער דערזען, ווי די ערשטע פון דעם שטראָם, די יעניקע, וועלכע האָבן געשפּרײַזט מיט אײַליקערע טריט, זײַנען דרייסט ארײַן אין יענעם טויער, וואָס האָט אלעמאָל זיך געעפנט נאָר פאר אים אליין.

אין פלוג האָט דאָך דאָס פּייראָסן גאָרניט באדארפט ארן, — ער איז דאָך שוין ניט פון הײַנט געווויגט צו דעם געדאנק, אז די ווילע איז ניט זײַנע. און געקומען א קוק טאָן אף איר איז ער דאָך בלויז אויס נײַגעריקײַט, נישט מער. אָבער פונדעסטוועגן, צוזעענדיק ווי די פרעמדע גייען זיך ברייטלעך ארײַן אין דעם גאָרטן, וואָס האָט אמאָל נאָר פאר אים אליין געבליט, זײַנען בא פּייראָסן פון אופרעגונג אזש אופגעדראָלן געוואָרן די אָדערן אף די שלייפן, און ניט ווילנדיק האָט ער פארגיכערט זײַנע טריט, ווי מיט דער קאוואָנע אָנצויאָגן אָט די כוצפּעניקעס און מיט בייזער זיי א פרעג טאָן:

— וואָס פארא רועך טראָגט אײַך אהער?!

געפרעגט האָט ער דאָס טאקע ניט, אָבער דער קאס אין אים האָט זיך

ניט אײַנגעשטילט, און אָניאָגנדיק אײנע א פרוי, האָט ער גאַליק איר געפרעגט:

— וואָס לויפן עפּעס אַלע אהין, אָט אין יענער ווילע? וואָס זוכן זיי דאָרטן?

ניט אָפּשטעלנדיק זיך, האָט די פרוי אפּגיך געענטפערט:

— הײַנט איז דאָך אַן עלטערן־טאָג אין דעם פּיאָנערן־לאַגער!

— אַ! און איך האָב ניט געוווּסט...— האָט פּייראָס אָפּגעמורמלט, איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער פרוי מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און האָט דעם גאַנצן רעשט וועג זיך שוין ניט געקאָנט באַפרײַען פון דער ביטערער פאָרשטעלונג ווי אין זײַן ווילע, וווּ עס האָט אַלעמאָל געהערשט אזא פּײַער־לעכע שטילקײַט, האָט זיך אַרײַנגעריסן די טומלדיקע גאַס...

און אזוי פאַרטראַכטערהייט, איז ער צו צום פאַרקאַן און איז פּאַמעלעך אַרײַן אין דעם ברייט־אופגעעפנטן טויער. אַנטקעגן האָבן, ווי באַגריסנדיק אים, א רויש געטאָן די באַקאַנטע קאַשטאַנעס, און באַם אַרײַנגאַנג אין דער אַלייע האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלן און אָנכאַפּן זיך באַם האַרצן — אזוי העפטיק האָט עס מיטאמאָל גענומען שלאָגן.

— וואָס איז אײַך, פּעטערל? — האָט מיטפילנדיק און נײַגעריק צוגלײַך א פרעג געטאָן א גאָלדקעפּיק מיידעלע, זיך אופהייבנדיק פון א באַנק באַם אַרײַנגאַנג — אײַך טוט עפּעס וויי?

— גאָרנישט, גאָרנישט...— האָט פּייראָס געענטפערט, און נאָך דעם ווי דאָס מיידעלע האָט זאָרגעוודיק אים געהאָלפן זיך צוזעצן אפן באַנק, האָט ער מיט א בלאַסן שמייכל אַרופגעקוקט אף איר און געפרעגט:

— דאָס ביסטו די באַלבאָסטע פון... (דאָ האָט זיך בא אים שיר ניט אַרויסגעכאַפּט „פון מײַן ווילע”)... פון דער ווילע?

דאָס מיידעלע האָט אַרופגעוואָרפן אף אים א קלאָרן בליק פון די בלאָע אויגן און מיט שטאָלץ געענטפערט:

— יאָ, הײַנט בין איך די באַלעבאָסטע. איך בין דעזשורנע. איז וועמען ווילט איר זען? וועמען האָט איר דאָ בא אונדז?

— וועמען... איך האָב דאָ? — האָט פּייראָס פאַרקלערט איבערגעפרעגט און שטיל פאַרענדיקט — קיינעם ניט... איך קום פונדערווײַט...

— אַ! — האָט די דעזשורנע מיט א זינגעוודיק שטימעלע אויסגערופן — איך פאַרשטיי! איר זײַט א גאַסט? צו אונדז קומען אָפט געסט זיך באַקענען מיט אונדזער לאַגער. איר ווילט זיך אויך באַקענען? גוט, באַלד וועט דאָס ווערן געמאַכט! — האָט זי צוגעגעבן ערנסט, און א פּאַטש טוענדיק אין די פּוכקע הענטלעך, האָט זי צוגערופן אײנעם פון די פּיאָנערן, וואָס זײַנען אַרומגעלאָפן דאָ ניט ווײַט:

— רוף ארויס די פּאַרוואַלטערן, — האָט זי אים באַפוילן, — זאָג, אַז אַ גאַסט איז געקומען צו אונדז!

דער צעהיצטער און פאַרפּײַכטער יאַטל האָט פלינק צורעכט געמאַכט זײַן רויטן האַלדזטוך, וואָס איז פון גרויס באַשעפטיקטקײַט אוועקגעפאָרן אָן אַ זײַט, און אַ וואָרף טוענדיק אַפן פרעמדן לוסטיקע אייגלעך, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעפינקלט אַ שטאָלץ מיט זײַן שליכעס, האָט ער געשווינד זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, און אוועק ווי אַ בליץ.

פּייראָס איז געבליבן זיצן אַפן גאָרטן־בענקעלע, בא דער זײַט פון דער דעזשורנע, וועלכע האָט פון צײַט צו צײַט געוואָרפן אַף אים זײַטיקע פאַרינטריגירטע בליקן, און ער האָט זיך אײַנגעגעסן מיט די אויגן אין דעם אַרום.

אָט זעט ער זי ווידער, די צעוואַקסענע קאַשטאַנעס־אַלייע אונטער דעם זאַפטיק־גרינעם בלעטער־דאַך, וואָס שפּרייט אַזאַ וואַרעמע דורכזיכטיקײַט. אויבן אין די קרוינען פון די ביימער רוישט לינד אַ ווינטעלע, און דורך דער בלעטער־שעפע רײַסן זיך דורך שטיפערישע שטראַלן און יאָגן אַרום זון־העזעלעך איבער די מעכטיקע שטאַמען און איבער דעם זאַמדיקן וועג אונטער זיי. אַלץ איז דאָ ווי אַמאָל: די וואַרעם־שאָטנדיקע אַלייע, דער גרינער באַוועגלעכער דאַך איבער איר, אַפילו דאָס ווינטעלע... אָבער עס איז דאָך אַנדערש ווי אַמאָל, און די זון־העזעלעך, וועלכע זײַנען אין די פריִערדיקע צײַטן אַזוי איינזאַם אַרומגעשפּרונגען איבער דער ליידיקער, דרעמלענדיקער אַלייע, פאַרמעסטן זיך איצט אין טומלדיקן געיעג מיטן צעהוליעטן יונגוואַרג, פלאַטערן און צעשמייכלען זיך איבער צעהיצטע פּנימלעך, צעצינדן זיך מיט גינגאָלדענער פרייד איבער רויטע האַלדזטיכער...

פּייראָס האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען, די דאָזיקע אַלייע זאָל האָבן אַזאַ פּאָנעם. ניט ווילנדיק האָט ער זיך געגומען גריבלען און פאַרגלײַכן צווישן דעם אַמאָל און הײַנט, און ער האָט גאָרניט באַמערקט, ווי צו דער באַנק איז צוגעקומען אַ פרוי, אונטער וועמענס פריצײַטיק גראָ־געוואָרענע האָר האָבן מיט באַזונדערער מילדקײַט אַרויסגעשטראַלט טונקעלע, וואַרעמע, נאָך גאָר יונגע אויגן.

— איך בין די פאַרוואַלטערן — האָט זי אים אופגעוועקט פון זײַן פאַרטראַכטקײַט — מ'האָט מיר געזאָגט, אַז אײַך אינטערעסירט ווי מיר לעבן דאָ?

און ניט אָפּוואַרטנדיק זײַן ענטפער, האָט זי גאַסטפרײַנטלעך צוגעגעבן:

— איך בעט אײַך מיטגיין מיט מיר.

...און אָט שפּאַנען זיי שוין איבערן ווײַט־פאַרלייגטן גאָרטן, און גייענדיק בײַ דער זײַט פון דער פרוי, קוקט זיך פּייראָס זשעדנע צו צום ארום, דערקענט אים און דערקענט אים ניט. איבער אַלע וועגן און שטעגעלעך זעט ער ארומלויפן צעשטיפטע קינדער, זיי שפּרינגען פלינק און פריילעך ארום איבער דעם אַמאָל אַזוי גלאַט־אײַנגעלייגטן און פון קיינעם ניט־באַרירטן זאַמד, איבער די אַמאָל אַזוי צירלעך־באַשניטענע גראָזן. ער הערט אומעטום הילכן זינגעוודיקע, זאָרגלאָזע שטימעלעך, — און ער דערמאָנט זיך אין דער שטײַפער אומבאַוועגלעכער שטילקײַט, וואָס האָט אַלעמאָל דאָ אַזוי שווער געקנוילט זיך איבער די שטענדיק־איינזאַמע שאָטנדיקע ווינקעלעך און זון־באַגאָסענע פּלעצער פון דעם זעלביקן גאָרטן.

די פאַרוואַלטערין האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן ארײַנגאַנג אין דער ווילע.

— דאָ לעבן די קינדער און דאָ אַרבעטן זיי — האָט זי געזאָגט — ווילט איר זיך באַקענען מיט אונדזערע אַרבעט־קרײַזלעך?

— יאָ... געוויס... — האָט ער ארויסגעבראַכט, און מיט אַ צערודערט געמיט און אַ שווינדל אין קאָפּ נאָכגעגאַנגען זײַן באַגלייטערין אין דעם געריימען, ליכטיקן זאַל, וווּ עס זײַנען אַלעמאָל געשטאַנען אין טיפן שטײַפן שלאָף פאַרזונקענע מעבלשטיקער, פאַרצויגענע מיט ציכלעך.

איצט האָט ער געזען שטיין פאַזע די ווענט טישן פול־אָנגעפּאַקטע מיט ווערקצײַג און מיט מאָדעלן פון שיפן, פון עראָפּלאַנען, פון מאַשינעס. די פּיאָנערן בײַ די טישן, שטאַרק פאַרטאָנענע אין זייער אַרבעט, האָבן געוואָרפן צעשטרייטע בליקן אויף די ארײַנגעקומענע און טייקעף ווײַטער פאַרטיפט זיך אין שניצן, אין מעסטן און קלעפּן. און אײַנזאַפּנדיק אין זיך דעם אָטעם פון פריידיקער מי, וואָס האָט דורכגעגליט דעם רוים, האָט פּייראָס זיך דערמאָנט אין יענע יאָרן, וועלכע ער האָט אין די זעלביקע ווענט פאַרבראַכט אין איינזאַמקײַט, אין לאַנגווײַל, אין נודנער ליידיקגייערײַ. ער איז געטראָטן איבער די איצט דורך אַ סאַך לעבנסלוסטיקע פיסלעך אָפּגעריבענע און דורך די אַזוי געמיטלעך געוואַרענע פּאַרקעטן, די זעלביקע פּאַרקעטן, וועלכע האָבן שטענדיק קאַלט און אומבאַרירלעך געבליאַסקעט, — און ער האָט פונדאָסנײַ איבערגעלעבט יענע צײַט, ווען דאָ האָט זיך געהערט בלויז דאָס אומעטיקע פיס־שאַרן פון צוויי עלנטע, צו אומפּרוכטבאַרקײַט פאַרשאָלטענע מענטשן. און ער האָט אַליין ניט באַמערקט, ווי בײַ אים האָט זיך ארויסגעריסן פון טיפן האַרצן:

— איצט איז דאָ אַנדערש... אַנדערש, ווי אַמאָל...

דער טאָן, מיט וועלכן דאָס איז געזאָגט געוואָרן, און דער שטילער זיפץ, וואָס האָט די ווערטער באַגלייט, האָבן געוועקט בײַ דער פרוי מיטגעפיל.

— איר ווייסט, ווי דאָ איז געווען אמאָל? — האָט זי געפרעגט.

— איך גדענק... — האָט ער געענטפערט — אויסגעקומען דאָ צו זײַן...

— נאָך אין יענער צײַט, ווען דאָס אלץ — זי האָט מיט א ברייטן זשעסט באוויזן ארום — האָט באלאנגט צו א פריוואטן באלעבאָס?

— יאָ, אין יענער צײַט... — ער האָט א קוים־באמערקבארן ביטערן שמייכל געטאָן — איך האָב אים געקענט, דעם אייגנטימער... איך דערמאָן זיך, ווי ער האָט ארומגעוואנדלט איינזאם איבער די פּרעכטיקע צימערן... ווי זיי זײַנען דאָ שטענדיק איינזאם געווען זאלבעצווייט, ער מיט זײַן פרוי... ניין, ער האָט ניט געזען קיין עמעסע פרייד אין די ווענט... — און פארענדיקט מיט א זיפץ — ניט געזען...

— און פונדעסטוועגן — איז די פרוי אים ארײַנגעפאלן אין די רייד — האָט ער די ווילע ניט געוואָלט אָפּגעבן! אוי, ווי ער האָט ניט געוואָלט!

פּייראָס איז א צעטומלטער געוואָרן.

— פונוואנען... ווייסט איר? — האָט ער מיט א ציטערדיקער שטים קוים ארויסגעבראכט.

— איך ווייס דאָס — האָט זי געענטפערט — ווײַל אין יענעם ערשטן סאָוועטישן זומער בין איך דאָ געווען די אָנפירערן פון די פּיאָנערן. מיינט ניט, — האָט זי צוגעגעבן מיט א שמייכל, — אז אלעמאָל בין איך געווען אזוי גראָוו... יאָ, איז ווייס איך, אז דער פריִערדיקער באלעבאָס האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן די שליסלען. אָבער, ווי איר זעט, האָבן מיר די טירן דאָך געעפנט...

פּייראָס האָט גאָרניט געענטפערט. די פרוי האָט א ווײַלע אים אָנגעקוקט מיט פארשטענדעניש אין בליק. נאָכדעם האָט זי ארופגעלייגט די האנט אויף זײַן לײַכט־אונטערציטערדיקן ארבל און שטיל א פרעג געטאָן:

— מיינט איר ניט, אז מיר האָבן שוין גענוג געזען? אָדער איר ווילט נאָך באקוקן?

ווי אופוועקנדיק זיך פון דרעמל, האָט ער געענטפערט:

— דאכט זיך... כ'האָב שוין געזען אלץ...

ווען זיי זײַנען ארויס פון ווילע און מיט פאמעלעכע טריט אוועק איבער דער אלייע, האָט די זון שוין געהאלטן באם זעצן זיך. איבער די וועגן פונעם גאָרטן האָבן זיך געשפּרייט צונטער־רויטע פאסמעס, אזוי ווי ס'וואָלטן דאָ אויסגעלייגט געווען גרויסע פּיאָנערן־האלדזטיכער, און איבער זיי זײַנען ארומגעלאָפן צעהוליעטע קינדער. אין דער ווירבלדיקער

לופּט, וואָס איז אָנגעזעטיקט געווען מיט געווירציקע גראָז־אראָמאַטן און מיט זעטיקן רייעך פון פרישע מילך, האָט זיך געקנוילט אַן אומופהערלעכער קלאַנג פון הילכיקע קינדערשע שטימעלעך.

אויף יענער זײַט טויער האָט פּייראָס זיך געזעגנט מיט דער פּאַרוואַל־טערן, און ווען זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, האָט ער, אויסמײַדנדיק איר בליק, געזאָגט פאַרשעמט:

— איצט וועל איך אײַך אויסזאָגן... דאָס בין איך דאָך געווען... דאָס האָב איך דעמלט... מיט די שליסלען... איך בין געווען דער אייגנטימער...

און איידער די פרוי האָט נאָך באַוויזן צו ענטפערן, האָט ער האַסטיק אַרויסגענומען דעם בינטל שליסלען פון קעשענע, אומגעשיקט אים געררוקט איר אין האַנט אַרײַן און דערבײַ געשאָטן מיט היציקע רייד:

— איך ווייס... איר טראַכט: וואָס גיט ער מיר זיי, אַט די פאַרזשאַ־ווערטע שליסלען? אויף וואָס דאַרף איך זיי?.. אָבער נעמט זיי צו! זיי זײַנען אײַערע... איצט האָב איך אײַנגעזען, אַז זיי זײַנען טאַקע אײַערע!

און מיט די ווערטער איז ער אַפּגיך אַוועק.

די פרוי האָט לאַנג באַטראַכט די שליסלען אין איר האַנט און געקלערט וועגן דעם מענטשן, וועלכער האָט איר געבראַכט אָט די שפּעטע, איצט שוין ניט נייטיקע, אָבער אַזאַ מערקווירדיקע מתּנה. מיט דער דלאָניע פון דער אַנדער האַנט, באַשירעמענדיק די אויגן פון דער פלאַמיקער זיך זעצנדיקער זון, האָט זי נאָכגעקוקט די אײַנגעבויגענע פיגור פון דעם אַלטן מאַן, ווי זי ווערט אַלץ קלענער און קלענער, ביז זי פאַרשווינדט אינגאַנצן הינטערן וואַלד־ראַנד.

און ווי אַרויסבאַגלייטנדיק די דאָזיקע פאַרשווינדנדיקע געשטאַלט, האָט אין דעם מאָמענט מונטער זיך צעשאַלט דער פּיאָנערישער סיגנאַל־האָרן און האָט מיט אימפּעט דערציילט דער וועלט וועגן דער יונגער פרייד, וואָס האָט אַזוי ניצאָכנדיק זיך באַזעצט אין דער אַלטער, פריִער אין איינזאַמקייט און לאַנגווײַל פאַרזונקענער ווילע, און האָט זי אויף אייביק באַנײַט.

די פרוי פון מײַן בענקשאפט

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מײַן
לעבנס־באגלייטערן

די גאס, אף וועלכער איך וווין, איז זייער א שמאָלע, און קוקט מען ארויס דורכן פענצטער, מוז דער בליק ניט־ווילנדיק ארײַנפאלן אין א שטוב, וואָס געפינט זיך קעגניבער. איינמאָל, בייס איך האָב ארויסגעקוקט פון מײַן איינזאמען צימער, האָט מײַן אויג צופעליק זיך פארהאלטן אף א פענצטער אף יענער זײַט גאס, און זינט דעמלט — כ׳בין זיך אָפנהארציק מוידע — האָב איך שוין, אזוי שטייענדיק א פארבאהאלטענער הינטער דער גארדין, אין מעשעך פון יאָרן נאָכגעפאָלגט דעם לעבן, וואָס האָט זיך אָפגעשפילט אין יענער שטוב.

דאָרטן, אין דער איינצימערדיקער באשיידענער דירעלע, האָט געוווינט א באיאָרט פּאָרפאָלק, דער מאן איז, ווי עס שײַנט, געווען א ליטעראט, ווײַל איך האָב אים אלץ געזען ארבעטן באם שרײַבטיש, אָדער דיקטירן אף דער שרײַבמאשינקע. און די פרוי... אָט וועגן איר וויל איך טאקע דער־ציילן, ווײַל צו איר האָב איך זיך צוגעקוקט מיט א וואקסנדיקן אינטערעס. א פלינקע — אָבער אָן פארהאווטקײַט, א זאָרגעוודיקע — אָבער אָן פארכמורעטקײַט, איז זי שטענדיק מיט עפּעס פארנומען געווען: דאָ מיטן ארײַנטראָגן אלץ מער געמיטלעכקײַט אין דער שטוב, וועלכע האָט שוין אזוי אויך געשטראלט מיט ריינקײַט און געמיטלעכקײַט; דאַ מיט צערטלען און באגיסן די פלאנצן און בלומען, וואָס האָבן מיט שעפע פון פארב און

פֿאָרם אַרויסגעלויכטן פֿון יעדן ווינקעלע; דאָ ווידער האָט זי מיט פֿלײַסיקע פֿינגער קונציק אויסגעצייט אַף קאַנווע קאָלערליי פֿילקאָליריקע פּרעכטיקע האַפֿטערײַען... אָבער נאָך אָפֿטער האָט זי געשריבן אַף דער מאַשינקע אונטערן דיקטאַט פֿון איר מאַן, און וויפֿל פּיאַניסטן מיר איז אויסגעקומען אין לעבן צו זען, איז עפּשער קיינער פֿון זיי ניט געזעסן בײַ זײַן מאַיעסטעטישן אינסטרומענט מיט אַזאַ צעזונגענקײַט אין גאַנצן וועזן, ווי אָט די באַשיידענע מאַשין־שרײַבערן, און קיינער פֿון זיי האָט ניט איבערגעקליבן די קלאַווישן פֿון זײַן אינסטרומענט מיט אַזויפֿיל כיין, ווי זי די קלאַווישן פֿון איר באַשיידענעם אינסטרומענט.

שטייענדיק הינטערן גאַרדין, איז מיר אָפּטמאָל אויך אויסגעקומען זען, ווי דער מאַן רײַסט האַסטיק איבער זײַן דיקטירן, שפּרינגט אויף פֿון שטול און נעמט שפּאַנען איבערן שטוב מיט האַסטיקע, צערודערטע טריט. ווי עס שײַנט, זײַנען בײַ אים אויפֿגעקומען שעפֿערישע שוועריקײַטן, ער האָט זיך געראַנגלט מיט אַ געדאַנק, מיט אַ וואָרט. לאַנג אָבער האָט דאָס ניט געדויערט, און נאָך אַ ווײַלע באַראַטן זיך מיט דער פֿרוי האָט ער זיך באַרויִקט, זײַן פּאָנעם האָט זיך אויסגעלײַטערט — דעמלט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זי אים אַרויסגעהאָלפֿן געפֿינען דאָס נייטיקע וואָרט, געגעבן די געהעריקע אייצע, און אָט דיקטירט ער שוין ווידער, און אונטער די פֿלינקע קלוגע פֿינגער קלאַפּן שוין ווײַטער אויס די קלאַווישן פֿון דער מאַשינקע זייער וווּנדערלעכע מוזיק, די מוזיק, וואָס איך הער טאַקע ניט, אָבער איך פֿיל — דאָס איז אַ מוזיק, מיט וועלכער נאָר די פֿרוי אַליין מיט איר געטרײַשאַפֿט און אומבאַצווינגלעכן כיין פֿאַרשטייט צו באַלעבן אַלץ אַרום.

פֿון צײַט צו צײַט האָב איך געזען, ווי אין דער קעגנִיבערדיקער שטוב ווערן אויפֿגענומען געסט. אין אַזעלכע אָוונטן האָבן די פֿײַערלעך פֿון דער ליוסטרע שטיפֿעריש זיך געשפּיגלט אין די פֿלעשער ווײַן אַפֿן יאָמטעוודיק־געדעקטן טיש, די געשמאַקפֿולע סערווירונג און די פֿילפֿאַרביקע בלומען האָבן געפֿרייט דאָס געמיט און געהויבן די שטימונג. אָבער נאָך מער פֿון דער גאַנצער צעשטראַלטקײַט אַרום האָבן געלויכטן די אויגן בײַ דער באַלעבאָסטע פֿון שטוב, געלויכטן און געפֿינקלט פֿון האַרציקער פֿרייד, וואָס אָט האָט זי אַ גליקלעכע געלעגנהײַט צו פֿאַרשאַפֿן מענטשן פֿאַרגעניגן.

אין יענע אָוונטן, ווען מײַנע שכיינים זײַנען אַליין געווען אין שטוב, האָב איך זיי אָפֿט געזען זיצן בײַם ראַדיאָ. וואָס די ראַדיאָ האָט געשפּילט, איז צו מיר ניט דערגאַנגען, און דאָס איז מיר אויך ניט נייטיק געווען, ווײַל פֿון דעם מאָמענטנווײַז העל־צעשטראַלטן, מאָמענטנווײַז טרויעריק־פֿאַרשאָטנטן פּאָנעם פֿון דער פֿרוי האָב איך שוין אַראָפּגעלייענט אַלץ, איך

האָב געאָטעמט איין אָטעם מיט איר טיף־אופּנעמענדיקן און צערודערטן געמיט, און די דורך מיר ניט געהערטע מוזיק האָט מיך צוגלײַך מיט איר אויך באַגליקט און באַרײַכערט.

אין שפּעטער באַנאַכטיקער שאָ האָב איך שטענדיק געזען, ווי פון קעגניבערדיקן פענצטער שפּרייט זיך א שײַן אין דער ארומיקער, שוין פון לאַנג אײַנגעשלאָפענער נאַכט. דאָס האָט די פרוי געלייענט אף איר געלע־גער. מיט אָט דעם לעצטן געניוס האָט זי פאַרענדיקט דעם טאָג, וואָס איז פאַר איר אזוי אָנגעפילט געווען מיט פרייד, מיט מי, מיט צעזונגענקײַט און מיט הארציקער מענטשלעכקײַט. און ווען איך בין א מידער אוועק פון פענצטער, און זי נאָך אלץ איבערגעלאָזן א פאַרטיפטע אין לייענען, האָט מיך שוין פון פאָרויס באַגליקט די דערוואַרטונג פון דעם מאָרגן, ווען איך וועל פונדאָסנײַ זיך וואַרעמען אין די שטראַלן פון דער מילדער זון, מיט וועלכער מײַן אומבאַקאַנטע באַקאַנטע באַשײַנט און באַצירט אזוי מײַן לעבן, אליין אפילו פון דעם ניט וויסנדיק.

איינמאָל, ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט פון א רײַזע און בין די ערשטע זאַך צוגעלאָפן צום פענצטער אריבערקוקן צו דער פרוי, נאָך וועל־כער איך האָב געבענקט, איז מיר אָבער באַלד אופגעפאַלן, אז עפּעס איז דאָרטן קעגניבער ניט אזוי, ווי אלעמאָל. מײַן אויג, וואָס איז שוין צוגעצ־ווינט געווען צו דער אָרדענונג און ריינקײַט פון יענער שטוב האָט אופגע־כאַפּט, אז אפן גאַרדין האָבן זיך באַוויזן עטלעכע קנייטשן, אז די שויבן שפּיגלען זיך ניט אזוי קלאָר, ווי שטענדיק, אז א קוויט אין בלומען־טאָפּ האָט אומעטיק אראָפּגעבויגן א פאַרוועלקט בלעטל...דאָס אלץ האָט מיר קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט, און נאָך ביטערער איז מיר געוואָרן אפן הארצן בייס איך האָב געזען, ווי פאַרבײַ דעם פענצטער שלײַכט זיך דורך מיט געבראָכענע, שלעפּנדיקע טריט א געבויגן געשטאַלט, אין וועלכן כ'האָב קוים דערקענט דעם אלעמאָל אזוי קרעפטיקן, געכאָוועטן מאַן פון קעגניבער מיט זײַן שטענדיק מונטערן, זיכערן גאַנג.

שפּעטער, ווען איך האָב אים דערזען ארויסקומען אין דרויסן, בין איך געשווינד אראָפּגעלאָפן די טרעפּ אים אנטקעגן און מיט א צעשראָ־קענעם אומגעדולד זיך נאָכגעפרעגט אף זײַן פרוי. אין אָנהייב האָט ער מיך אָנגעקוקט ווי מיט אומפאַרשטייענדיקע אויגן, האָט א צײַט לאַנג ניט גערעדט, אָבער זײַן פאַרצווייפלטער פאַנאַנדערפירן מיט די ציטערדיקע הענט האָט מיר שוין אָן ווערטער אלץ דערציילט.

— ווי?אזוי?— האָב איך מיט מאַטערניש ארויסגעבראַכט — ווי?אזוי האָט

דאָס גאָר געקאָנט פּאַסירן?.. אין איר איז דאָך... געווען אַזויפיל לעבן... ס'איז אומגלייבלעך...

— איר האָט געקענט מײַן פרוי? — איז ער מיר אַרײַנגעפאַלן אין די רייד, ווי זיך שרעקנדיק, איך זאָל ניט אַרויס מיט דעם שווידערלעכן וואָרט, צו וועלכן ער האָט זיך ניט געקאָנט און ניט געוואָלט צוגעוווינען.

— יאָ, איך האָב זי געקענט! — האָב איך אויסגערופן — געקענט איר האַרציקייט, איר לעבנספרייד, איר גאַסטפרײַנטלעכקייט, איר ליבע צו מענטשן! כאָטש פערזענלעך האָב איך זי ניט...

— וואָרט, וואָרט... — האָט ער איבערגעשלאָגן — דאָס זײַט איר אוואדע דער שאָכן פון קעגניבער?

איצט איז געקומען מײַן ריי זיך צו וווּנדערן, פונוואַנען ער ווייסט דאָס... איך האָב אים אָנגעקוקט מיט שטוינונג, און ער האָט איבערגעפרעגט:

— זײַט איר דאָס יענער שאָכן... וואָס האָט צו אונדז אַלעמאָל אַריבער־געקוקט פון קעגניבערדיקן פענצטער?

— און איר האָט דאָס געוווּסט? — האָב איך אויסגערופן אַביסל פאַר־שעמט.

ער האָט פרײַנטלעך אַרופגעלייגט די האַנט אויף מײַן אַקסל.

— געוויס האָבן מיר דאָס געוווּסט — האָט ער שטיל געזאָגט — געוויס האָט זי דאָס געוווּסט... איר איז דאָך געווען אַזוי נאָענט אַלץ, וואָס אָנבאַ־לאַנגט מענטשן און מענטשלעכקייט... איז אָט האָט זי אין איינעם אַ טאָג מיר געזאָגט: „ווייסט, — האָט זי געזאָגט, — דאָרטן קעגניבער שטייט עמעצער הינטערן פענצטער־פאָרהאַנג און קוקט אַריבער צו אונדז..." נו, איך בין בעטעווע אַ מענטש אַ פאַרשלאָסענער, דערצו נאָך אַ שטיקל קײַסן אויך, בין איך, פאַרשטייט זיך, באַלד אַרויס פון די קיילים און זיך שוין געקליבן אַרײַנגיין צו אײַך און אײַך דערלאַנגען די געהעריקע גאָב. „פאַרטרײַב אים ניט", האָט זי זיך אײַנגעשטעלט, „ער מיינט ניט קיין שלעכטס! איך האָב זיך דערוווּסט וועגן אים, דאָס איז אַ מענטש אַן איינזאַמער, מיסטאָמע איז ער פאַרבענקט נאָך אַ ביסל היימישקייט... ווי עס שײַנט, געפינט ער דאָס בײַ אונדז. איז דאַרפן מיר אים ניט אָפּטרײַבן, פאַרקערט — מיר מעגן גאָר זײַן צופרידן, וואָס אונדזער היים, מעג דאָס זײַן אַפילו דורכן פענצטער, גיט אַ מענטשן אַ ביסל וואַרעמקייט..." אָט אַזאַ מענטש איז זי געווען, מײַן פרוי... — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ ציי־טער אין שטים. אויף אַ ווײַלע זיך אָפּגעקערט, נאָכדעם ווידער זיך געווענדט צו מיר:

— יאָ, זי האָט אָפּט אײַך דערמאָנט, זיך אַפילו געקליבן אײַך בעטן אַרײַנגיין צו אונדז און אַלץ געקלערט ווי דאָס צו מאַכן אַזוי, איר זאָלט

זיך ניט באליידיקן. אָבער זי האָט שוין ניט באוויזן... ניט באוויזן... און איצט... — די ווינקלען ליפּן האָבן בא אים גענומען צוקן — און איצט... האָט איר שוין מער ניט... קיין פענצטער... וווהין אַרײַנצוקוקן...

איך האָב לאַנג געדריקט זײַן האַנט און בין נאָכדעם צוריק אַרויף אין מײַן מיטאַמאָל אַזוי עלנט־געוואָרענער שטוב, ווײַטער, לויט געוווינשאַפט, זיך געשטעלט הינטערן גאַרדין, און געטראַכט האָב איך וועגן דעם, אַז ער איז ניט גערעכט געווען, דער פאַרי־אָסעמטער מאַן... ניין, איך האָב אים אַלץ, דעם פענצטער, איך האָב אים. פאַר מײַן בליק הערט ניט אויף אַף א מינוט אַרומצושוועבן דאָס ליבהאַרציקע געשטאַלט פון דער פרוי פון קעגנִיבער, פון דער פרוי, וועלכע האָט מיטן בײַשפּיל פון איר אייגענעם שיי־נעם און ריינעם לעבן פאַרהילט אויך מײַן לעבן אין פרייד און ליכט און האַרציקײַט. און אין מײַן טיפן טרויער נאָך אָט־דער ליכטיקער פרוי איז מיר געווען א טרייסט די דערמאָנונג וועגן דעם, אַז מיר האָט אין לעבן אָפּגעגליקט, און איך האָב געהאַט דאָס גרויסע מאַזל אַרײַנצוקוקן אין דעם ריכטיקן פענצטער.

נאָוועלעטן



שפּורן

עס איז געשטאַנען זייער אַ הייסער זומער. די הירשן האָבן געליטן פון דאָרשט. דער עלטסטער הירש פון דער סטאַדע האָט אַרומגעבלאָנדזשעט און געזוכט אַ וואַסער־קוואַל. איינמאָל האָט אים אַ יעגער דערזען פונדער־וויַטנס און אויסגעשאָסן אין אים. מיט דער קויל אין זיַיט איז דער הירש פאַרשוווּנדן אין וואַלד. אָבער דער יעגער איז פון אים ניט אָפּגעשטאַנען, געגאַנגען נאָך די בלוטיקע שפּורן, און בײַם דער הירש האָט פונדאָסניַי זיך באַוויזן אויף דער לאָנקע, האָט אים אָנגעיאָגט אַ צווייטע קויל.

מיט די לעצטע קויכעס האָט דער הירש זיך דערשלעפּט צום וואַלד און דאָרטן אומגעריכט אָנגעטראָפן צו אַ מורמלענדיקן קוואַל. ער איז געפאַלן, אײַנגעטונקען זײַן שווערן קאָפּ אין דעם פרישן וואַסער. די אויגן האָבן פּאַמעלעך אָנגעהויבן פאַרלאָשן ווערן...

און ווי ער איז אַזוי געלעגן, האָט זיך אים געחלומט דאַכטן, אַז ער הערט עפּעס אַ קאָל:

— דײַן אומגליק איז, וואָס דו האָסט געלאָזט שפּורן נאָך זיך. ווען ניט זיי, וואָלט דיך דער טויט ניט אָנגעיאָגט... פאַרדריסט דיך דאָס ניט, מײַן בידנער הירש?

— ניין... — האָט דער הירש געענטפערט זיך אַליין. — ס'איז טאַקע עמעס, אַז לויט די שפּורן האָט מיך געפונען דער טויט. אָבער לויט מײַנע שפּורן וועלן דאָך אַנדערע הירשן אויך געפינען דעם וועג צום וואַסער־קוואַל...

סאקסאול

אף א ריזיקן שעטעך האָט זיך אויסגעשפרייט דער סאקסאול־וואלד. ווי ווײַט אַן אויג קאָן נאָר כאפּן, האָבן זיך צעפּויזעט און ליגן ווי פאַר־טײַעטע שלאנגען די קנויליקע גלידער־וואָרצלען. איך שפּרײַז איבער זיי, מײַנע טריט שטרויכלען זיך איבער די פאַרפּלאָנטערטע, אין אלע זײַטן זיך שפּרייטנדיקע געוויקסן, און מיר דוכט זיך, אז איך טרעט איבער אָרעמס, געשפּאנטע אין געראנגל, איבער פינגער, וואָס קלעמען זיך אין פאראקשנטן און פאַרצווייפלטן קאמף. זיי זײַנען אָבער פאַרשאָלטן צו בלײַבן פאַרגליווערט אין זייער בענקשאפט און צאַר.

און כ׳ווייס: אזא איז שוין דער גוירל פונעם סאקסאול. ער פּרוכפּערט זיך אין טרוקענעם מידבער — דעריבער שרײַט ארויס פון זײַנע פּון דאָרשט צעפּײַניקטע אייוורים די לעכצונג נאָך פײַכטקײַט, נאָך וואסער... ווען עס זאָל אָבער געשען א וווּנדער און ס׳זאָל פאַרווירקלעכט ווערן דער אייביקער טרוים זײַנער — שטאַרבט דער סאקסאול. ער טאָר זיך צו זעט ניט אָנטרינקען.

און דאָך הערט ער ניט אוף זיך צי׳ען צום וואסער אין פאַרביטערטן געראנגל. ער זאָגט זיך ניט אָפּ פון זײַן שטרעבן צום ליכטיקן ציל.

איז דען אויך ניט אזא די טעווע פון אלע טרוימער און קעמפער, וועל־כע זאָגן זיך קיינמאָל ניט אָפּ פון זייער שטרעבונג, — אפילו ווען זיי ווייסן, אז ס׳וועט זיי קאָסטן זייער לעבן?..

דער טעפּיך

פאַר די אַלע טעג און נעכט, וואָס שעראַפּאַט האָט געניייט דעם טעפּיך, האָבן אין דער גלאַטער הויט פון איר שטערן זיך אַרײַנגעשניטן קנייטשן און די טוי־באַהויכטע באַקן זײַנען געוואָרן פאַרוועלקט. אָבער אונטער אירע פלינקע פינגער האָט דער טעפּיך זיך אַלץ מער צעבליט, אַלץ שעפּעדיקער צעשפּילט זיך.

און אָט איז ער שוין פאַרטיק, דער טעפּיך, איז אויסגעשטעלט אויפן מאַרק־פּלאַץ, און אַלע לויפן אים אָנקוקן אַף כידושים, ווי פאַרקישעפטע.

צווישן דעם גאַפנדיקן געזעמל איז געווען אײנער אַ פרעמדשטאָטי־שער — אַ גרויסער ליבהאָבער און קענער פון קונסט. באַם צוזען דעם טעפּיך האָבן זיך באַ אים די אויגן צעשטראַלט, און מיט גרויס נײַגער האָט ער געפרעגט:

— ווו איז זי, די וווּנדערלעכע מײַסטערן? איך וויל זי זען!

איצט ערשט האָט מען זיך געכאַפּט, אַז שעראַפּאַט איז דאָ ניטאָ. מ׳האָט זי לאַנג אַרומגעזוכט און צום סאָף געפונען אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל, ווו זי האָט פיבערדיק און זעלבסטפאַרגעסן שוין געאַרבעט באַם אויסנייען אַ נײַעם טעפּיך.

די אַלע אָנערקענונג־רייד פאַר דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט האָט זי אָבער אויסגעהערט גלײַכגילטיק, ווײַל פּרעכטיק איז פאַר איר דער טעפּיך געווען נאָר דעמלט, ווען זי האָט געאַרבעט איבער אים. איצט איז ער פאַרטיק — און איר בלענדט שוין די זעונג פון דעם נײַעם טעפּיך, וואָס זי נייט. זי ווייסט, אַז נאָר ער וועט זײַן איר העכסטע און הערלעכסטע דערגרייכונג, די דערגרייכונג, צוליב וועלכער עס לוינט צו לעבן אַף דער וועלט. און זי פאַרגעסט, אַז וועגן יענעם, דעם אָקאָרשט פאַרענדיקטן, האָט זי אויך דאָס אייגענע געטראַכט. דעמלט, ווען ער איז נאָך ניט פאַר־טיק געווען...

טויבן

מיט א מילדן שמייכל אפן צערונצלטן פּאָנעם פאָלגט נאָך דער אלטער דעם פלי פון די טויבן, ווי זיי קרײַזן איבערן סקווער, שעמערירנדיק מיט ווײַסער, שאָקאָלאַד־־פארביקער און אָפּאל־בלאָער באפעדערונג. און ווען זיי נידערן אראָפּ און לאָזן זיך אוועק אף א שפּאציר, כיינעוודיק הוידענדיק די קעפּלעך און שטיל אונטערוואָרקענדיק, בייגט זיך דער אלטער זיי אנטקעגן און באגריסט זיי אף זייער לאָשן:

— גור־ר... גור־ר...

די טויבן ווארפן אף אים אן אָנאזײַטיקן קוק, נעמען שטעלן געמאָסטענע, וואקלדיקע טריטעלעך צו אים, און איין באזונדערס דרייסטע טויב כאפּט זיך ארוף אף דעם אלטנס אויסגעשטרעקטן אָרעם.

די אויגן זײַנע צעשטראלן זיך.

— גיט נאָר א קוק, ווי גוט, ווי צוטרוילעך זי איז... — שעפּטשעט ער, גלעטנדיק איר סאמעטיקן רוקן, און גיט צו — קוקנדיק אף אָט דער לײַטזעליקער באשעפעניש, ווילט זיך גאָר ניט גלייבן, אז די אורטויב, פון וועמען זי שטאמט אָפּ, איז געווען א ווילדער פויגל... אז אָט די זעלביקע נעגעלעך — און ער באַרירט צערטלעך אירע ראָזע קראַלן — אָט די נעגעלעך, וואָס גליטשן זיך אזוי מילד איבער דער וועלט און טוען קיינעם קיין בייז ניט, האָבן אין לאנגפארגאנגענע צײַטן בלוטיק זיך אײַנגעדראפּעט אינעם רויב, און אז אָט דאָס אומשולדיקע שנעבעלע האָט זיך פארנומען מיט אויספּיקן אויגן... יאָ, די טויב פארדינט דעריבער טאקע מער פון אלע אנדערע באשעפענישן צו זײַן דער סימבאָל פון שאָלעם. און טאקע צוליב איר רויבערישער פארגאנגענהײַט פארדינט זי דאָס. ווײַל יענע — דער שעפּס, די סארנע — זײַנען געווען פון אָנהייב אָן גוט. זי, די טויב, שטייט אָבער העכער פון זיי — זי איז געוואָרן פון שלעכט גוט...

א רעטעניש

...אונטערן פליוכענדיקן רעגן שלעפּט זיך א פאַרדריפּעט באַלעגאָליש בײַדל, פול אָנגעלייגט מיט לעכערדיקע זעק, וואָס ווערן קעסיידער אַלץ ליידיקער און אײַנגעשרומפּענער. ווײַל עפּעס שיט זיך פון זיי אָן אופהער און ווערט פאַרשלונגען אין דער בלאָטע אפן וועג...

אָט אזוי האָט זיך מיר אין די קינדער־יאָרן אויסגעמאָלט דער הארבסט, ווי ער פירט א פור מיט זעק, פון וועלכע עס שיטן זיך איינע נאָך דער אנדערער ארויס די מינוטן, און די טעג ווערן אַלץ קירצער.

אָבער ווען די צײַט האָט זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן צום נײַעם יאָר, האָב איך זיך שוין אויסגעמאָלט דעם זעלביקן באַלעגאָלע האָפּערדיק פאָרנדיק צוריק אהיים איבערן זעלביקן, איצט שוין שטײַף־אײַנגעפרוירענעם, וועג, און די זעק אף זײַן פורל ווערן אף א ווונדערלעכן אויפן אַלץ פולער.

און טאקע דעריבער, וואָס איך האָב באשײַמפּערלעך געזען, ווי די זעק ווערן אָנגעקוואָלענער און די טעג ווערן לענגער, קערנדיקער און ליכטיקער, זײַנען מיר אינגאנצן אומפאַרשטענדלעך געווען די רייד, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן פון איינעם אן אלטיטשקן.

— עמעס, — האָט ער געזאָגט מיט א זיפץ — די טעג ווערן טאקע לענגער. אָבער וואָס קומט מיר דערפון ארויס, וויבאלד דאָס לעבן ווערט קירצער?

„ער גיט מיר אוף א רעטעניש, דער אלטיטשקער", האָב איך דעמלט געטראכט, „די טעג ווערן לענגער און דאָס לעבן ווערט קירצער... וויאזוי שיקט זיך דאָס?"

איצט ווייס איך שוין פון לאנג דעם באטײַט פון דער רעטעניש. און האגאם פאר מיר איז קיין סאָד ניט, אז יעטווידע מינוט, וואָס קומט צו צום טאָג, שנײַדט אראָפּ א מינוט פון מײַן לעבן — הער איך אָבער אַלץ ניט אוף צו טראָגן אין הארצן די האָפענונג, אז דער אָנקום פון די לאנגע ליכטיקע טעג וועט מיר ברענגען באנײַונג און פרייד.

די אומגעזעענע זון

מיט א צייַט פריִער האָבן שוין מענטשן געמאכט האכאָנעס צו באַגע־גענען די ליקע־כאמע, וואָס אסטראָנאָמען האָבן פאָרויסגעזאָגט. מ׳האָט צוגעגרייט פאַרויכערטע גלעזלעך, מ׳האָט אָפּגערעדט קומען צו באַקאַנטע, וואָס ווינען אויף הויכע שטאָקן. אנדערע האָבן אפילע ארויסגעוויזן כיישעק ארופצוקריכן אויף דעכער און דורכדעם זייַן נעענטער צו דער זון און צו איר פאַרטונקעלונג.

און אָט איז דער טאָג געקומען, אָבער אויסגעפאלן איז ער א פאַר־וואָלקנטער, און א בלייַענער הימל איז אראָפּגעהאנגען איבער אים. הייַנט גיי זיי א כאָכעם און געפין אַרויס אין אזא טאָג א ליקע־כאמע! אז אלץ ארום זעט אויס, ווי ס׳וואָלט גאָר ביכלאל אויף דער וועלט קיין זון ניט געווען...

נאָר ערגעץ הויך איבער די בלייַענע כמארעס איז דאָך געווען א זון, און פונקט צו דער מינוט פון דער אָנגעזאָגטער ליקע־כאמע האָט זי זיך גענומען פאַרטונקלען און אומהיימלעכער ביין־האשמאָשעס האָט פאַר־הילט די ערד. שפּערלען אויף הייַזער־געזימסן האָבן אומרויִק זיך צעצווי־טשערט, טויבן זייַנען געפלויגן אין צערודערטע מאכנעס, הינט מיט אראָפּ־געלאָזטע ווייַדלען זייַנען ארומגעלאָפן צעטומלטע, און אין מענטשלעכע געמיטער האָט זיך אריינגעשלייַכט אן איימע, ווי דאָס לעבן וואָלט זיך געשטעלט מיטן קאָפּ אראָפּ.

געדויערט האָט דאָס בלויז איין אויגנבליק. דעם אויגנבליק, וואָס די לעוואָנע האָט זיך פאַרבייַגעגליטשט פארביי דער זון. און טייקעף האָט דאָס לעבן צוריק זיך אומגעקערט. אָבער די קורצע רעגע האָט געקלעקט אויף צו באַווייַזן, אז די זון איז שטענדיק מיט אונדז, אז זי קוקט אויף אונדז אראָפּ פון הינטער בלייַענע כמארעס. און אפילע דעמלט, ווען מיר זעען ניט אירע בלענדיקע שטראַלן, שיקט זי דאָך אָן אופהער ליכט און וואַרעמ־קייט.

„אזוי ווי אלע מענטשן!“

מײַן פרוי איז ניט צופרידן געווען מיט מיר, און דעם גאַנצן זומער האָט זי געהאַלטן אין איין טײַנען:

— וווּ איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ מענטש זאָל טעג און נעכט אָפּזיצן באַם שרײַבטיש? פאַרגין זיך אַמאָל אַ שטיקל אָפּרו, האָב האַנאָע פון לעבן, אַזוי ווי אַלע מענטשן! פאַרגעס אַף איין טאָג, אַז דו ביסט אַ שרײַבער...

איך ווייס ניט אַף קלאָר, וואָס עס האָט געווירקט מער: צי די אַגיטאַציע פון מײַן פרוי, צי דאָס, וואָס כ׳האָב זיך שוין טאַקע געפילט אײַנגעמאַטערט און געוואָלט אַמאָל אַ לעב טאָן, „אַזוי ווי אַלע מענטשן!“ אין איינעם אַ ליטערן פרימאָרגן האָב איך זיך אונטערגעגעבן און געזאָגט:

— נו, איך בין גרייט... לאָמיר פּרוּוון האַנאָע האָבן פון לעבן!

— גיסט מיר אַ וואָרט, אַז הײַנט וועסטו פאַרגעסן?..

— איך גיב...

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געבלאָנדזשעט האַנט אין האַנט איבער צע־שטראַלטע און צעשמייכלטע פעלדער און לאָנקעס און זיך געהילט אין וואַ־רעמען שאָטן פון סמאַלע־שמעקנדיקע נאָדל־וועלדער. פאַרנאַכט האָבן מיר זיך געשיפלט איבערן שטילן טײַך. אַפן וועג אַהיים האָבן מיר געזען, ווי אין דעם אָפּגרונט־פינצטערן הימל פינטלען די שטערן פאַרשלאָפן, און ווי אָפטמאָל קאָנען זיי מאַכמעס פאַרשלאָפנקײַט ניט אײַנהאַלטן זיך אַפן אָרט און פאַלן אַראָפּ ערגעץ און פאַרלעשן זיך...

ווען איך האָב נאָכן אײַנדרוקפולן טאָג באַדאַנקט מײַן פרוי פאַר איר גוטן אײַנפאַל, האָט זי צופרידן אויסגערופן:

— הייסט עס, האָסטו ניט קיין כאַראָטע אַפן טאָג פון אָפּרו און וואָס דו האָסט מיך געפאָלגט און פאַרגעסן אַף הײַנט, אַז דו ביסט אַ שרײַבער?

איך האָב אָפּגעשוויגן. און ווי האָב איך געקאָנט אויסזאָגן מײַן פרײַנט, וועלכע האָט דאָך געמיינט גוט, אַז איך האָב איר ניט געפאָלגט און ניט געהאַלטן וואָרט? ווײַל באַלד פון דער ערשטער מינוט, ווי נאָר מיר זײַנען אַרויס פון שטוב, האָב איך דאָך שוין פאַרגעסן מײַן צוזאָג און זיך גענומען זשעדנע אַלץ באַטראַכטן, אַלץ אײַנזאַפּן אין זיך, אַלץ פאַרגעדענקען... דאָס הייסט: טאָן אַלץ, וואָס ס׳האָט מיר שטענדיק געשטערט פאָשעט האַנאָע צו האָבן פון לעבן, אָט אַזוי ווי אַלע מענטשן.

און אין דער זעלביקער נאַכט בין איך שוין ווײַטער געזעסן באַם שרײַבטיש און באַשריבן דעם טאָג, אין וועלכן איך האָב געדאַרפט פאַר־געסן, אַז איך בין אַ שרײַבער.

א דאנק פאר נעכטן

אף מאָרגן נאָך דעם, ווי כ׳האָב צוזאמען מיט נאָרוועגישע פרײַנט געמאכט א שפאציר אף א יאכטע איבערן אָסלאָ־פיאָרד, האָט מען אין פרי׳ער שאָ מיך גערופן צום טעלעפאָן. כ׳האָב גענומען דאָס טרײַבל און געהערט:

— האלאָ, עס רעדט האָלם... א דאנק פאר נעכטן!

אין א ווײַלע ארום — א צווייטער קלונג.

— האלאָ, עס רעדט אולאפסען... א דאנק פאר נעכטן!

איך האָב בעשום־אויפן ניט געקאָנט באגרײַפן, פארוואָס אייגנטלעך דאנקט מען מיך. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז אזוי איז שוין אײַנגעפירט באם נאָרוועגישן פאָלק: מענטשן, וואָס האָבן פארבראכט צוזאמען, זאָגן אף מאָרגן איינער דעם אנדערן א דאנק. א דאנק דערפאר, וואָס מ׳האָט זיך געטיילט מיט ברויט און זאלץ; וואָס מ׳האָט זיך קעגנזײַטיק באפרוכפערט מיט געדאנקען; וואָס מ׳האָט פארשאפט איינער דעם אנדערן פרייד.

איך האָב ארויסגעזאָגט איינעם א נאָרוועגישן שרײַבער מײַן באגײַסטעד־רונג פאר אָט דעם שיינעם פאָלקס־מינהעג.

— יאָ, ער איז שיין, דער דאָזיקער מינהעג... — האָט דער נאָרוועגער געזאָגט, — אָבער איך מיין, אז אכוץ זײַן שיינקײַט פארמאָגט ער אויך א טיפן מענטשלעכן זין. יעדער איינער, צו וועמען מע ווענדעט זיך מיט אָט דעם דאנק, מוז ניט־ווילנדיק א קלער טאָן: איז טאקע פאראן פארוואָס מיר צו דאנקען?.. וואָס שײַעך מיר, בין איך זיך מוידע, — האָט ער אָפנהארציק צוגעגעבן, — אז אָפטמאָל ווען מע דאנקט מיר אזוי־אָ, קומט מיר אויס זיך צו פארשעמען...

אינדערעמעסן: אָפט קומט אויס זיך צו שעמען, בייס מע פארטראכט זיך איבער דעם, צי די מענטשן וועלן מאָרגן זאָגן א דאנק פארן צוזאמען פאר־בראכטן היינט?..

פרײַנטשאַפט

מיט שטאָלצער אײנזאַמקײַט װײַעט פון דעם קאַקטוס, װאָס האָט אַרײַנגעבראַכט אין הױז פון מײַנע פרײַנט דעם װילדן גרוס פון אַריזאָנער װיסטעניש. װי אַ ספּרוט די רױבערישע טאַפּערס, שפּרײט ער אין אַלע זײַטן שװערד־שאַרפֿע, מיט שטעכלקעס באַװאַקסענע שפּראָצונגען, אַזױ װי קײן זאַך װאָלט אים נישט ליב זײַן, אַזױ װי די שפּראָצן זײַנע װאָלטן באַשאַפֿן געװען בלױז אױף אַרױסרוף און צאָרנדיקן פֿאַרמעסט.

לעצטנס אָבער האָב איך אָנגעהױבן מערקן, װי די שװערדן פֿונעם קאַקטוס נעמען זיך מיט אומגעריכטער פרײַנטלעכקײַט אַראָפּבײגן אױף אונטן, און װי זײַן גאַנצער גאַזלאָניש־צוגעשפּיצטער לעװױש הילט זיך אין אַ מין מילדקײַט, אַזױ װי אין אַ צניעותדיקן שלײער.

איך זוך די סיבה פון דער װוּנדערלעכער ענדערונג, און דאָ דערזע איך, װי פון דער שװאַרץ־ערד צופֿוסנס פון דעם באַלגײַװע שלאָגט זיך רירנד אַרױס אַ סאַמעט־װײך בלימעלע, װעמענס ציטערדיקן װוּקס דער שטעכיקער פלאַנץ באַשירעמט צערטלעך און געטרײַ.

אין עטלעכע טעג אַרום זע איך, װי אײנע פון די העל־גרינע שטײַפע שפּראָצונגען, װאָס האָבן שטענדיק מיט אַזאַ גאַדלעס אַרױסגעשאָסן פון דעם בלומען־טאָפּ, נעמט מאַכטלאָז אַראָפּהענגען, װערט געל און װעלקט אָפּ: דאָס האָט דער קאַקטוס אָפּגעגעבן די שפּײַזונג און די קראַפט פון זײַן שפּראָץ דעם אומבאַהאָלפענעם בלימעלע...

און דאָ קומען מיר אױפֿן געדאַנק די יעניקע מענטשן, װאָס זעען אױס װי אָט־דער קאַקטוס, שטעכיק און פאַרביסן. און װי ניט אַלע װײסן, אַז אָפּטמאָל שלאָגט בײַ זײ הינטער דער אױסערלעכער האַרבקײַט אַ מילד און װאַרעם האַרץ. אַ האַרץ, װאָס װײסט דעם סאָד פון מאַקריװ זײַן זיך פאַר אַ פרײַנט.

אומרו

איך קום אָפּט אַרײַן אין דעם וואַרשטאַט, וווּ ס'אַרבעט מײַנער אַ באַקאַנטער זייגערמאַכער. איך האָב ליב צו הערן, ווי די זייגערס אַף דער וואַנט מעסטן די צײַט, יעדער איינער מיט אַן אַנדער „טיק־טאַק". איך האָב ליב צו שמועסן מיטן אַלטן מײַסטער און אויסהערן זײַנע טשיקאַווע פּאַר־גלײַכן.

— קוקט נאָר, — ווײַזט ער מיר אָן אַף איינעם אַן אומרו, וואָס וואַרפט זיך אונטערן ציפערבלאַט מיט גרויס אימפּעט אַהין און צוריק, — קוקט, ווי ער יאָגט עס, ווײַל אַרײַנכאַפּן די וועלט! אָבער ס'וועט דיר ניט העלפן, מײַן פייגעלע, — אויך פאַר דיר האָט די שאָ נאָר זעכציק מינוט. קיין רעגעלע ניט מער...

וועגן אַן אַנדער זייגער זאָגט ער:

— זעט נאָר, אַף וואָס פאַר אַ פּאָר האַמעטנע געוויכטן ער שפּאַרט זיך דאָס אָן. דאַרף ער דאָך אַלפּי־סייכל האָבן אַ גערדיכטע באַסאָווע שטים, האַ? הערט זיך אָבער צו צו זײַן דינינקן קלעקעלע! פון אַ מענטשן וואַרט מען אויך אָפּטמאָל, וועדליק זײַן אויסערלעכקײַט, גרויסע זאַכן, אָבער ווײַזן ווײַזט זיך אַרויס פונקט פאַרקערט.

און איינער אַ זייגער, וואָס לייגט גאָרניט צו צו דעם אַלגעמיינעם טומל, — זײַן אַלטפרענקישער מעשענער אומרו הענגט אַראָפּ אָן באַ־וועגונג, — רופט באַ אים אַרויס אַזאַ באַדאַכטונג:

— און דו, מײַן קרוין, האָסט שוין ביכלאַל אופגעהערט ווײַזן די צײַט? דײַן אומרו איז שוין אינגאַנצן שטיל געבליבן? פונקט ווי דער מענטש: קאָלזמאַן דער אומרו ברויזט אין זײַן האַרצן, לעבט ער מיט דער צײַט, ווערט אָבער דער אומרו פאַרגליווערט, שטאַרבט אָפּ — ווײַזט דער מענטש מער ניט די צײַט. ניט זיך און ניט יענעם.

אליין

ייִנגלוויַיז האָב איך זיך געשראָקן צו בלײַבן אליין אין שטוב, און כ׳בין זיך מוידע, אז אלע מײַנע יאָרן בין איך געבליבן דער זעלביקער פּאכדן. ס׳איז א בִיזאָיען צו זאָגן, אז אפילע איצט, ווען ס׳קומט מיר אויס צו בלײַבן אליין, ווילט זיך מיר מיט טרערן אין די אויגן בעטן די אוועקגייענדיקע:

— ניטע... גייט ניט אוועק! כ׳האָב מוירע...

אָט גאָר ווי אמאָל.

פארשטייט זיך, אז איך זאָג דאָס ניט, פאָרט א זיידע! זוך איך קאָלערלײַ טרוצים זיך ארויסצודרייען פון בלײַבן אליין און דערבײַ ניט פארשעמט צו ווערן. אָבער ניט שטענדיק העלפט דאָס. אָפטמאָל קומט מיר דאָך אויס צו בלײַבן אליין צווישן פיר ווענט און זיך פּײַניקן אין שרעק, וואָס ווערט אפילע ניט פארטריבן דורכן רעווען פון ראַדיאָ, וואָס כ׳שטעל דעמלט שטענדיק אָן אף דער גאנצער פאָרטאָ.

און קאָן זי דען ביכלאל פארטריבן ווערן, די שרעק? קאָנען דען אלע ראַדיאָס אין דער וועלט פארטויבן די איימע, וואָס נעמט ארום דעם מענטשן, בייס ער בלײַבט אליין, אָפּגעזונדערט פון אלעמען? דעמלט, אין די קינדער־יאָרן האָט מיך ארומגעכאפּט אן אומבאוווּסטזיניקער פּאכעד פארבלײַבן אליין. איצט ווייס איך: דאָס שרעק איך זיך פאר דער איינזאמקײַט, ווײַל שווער און גרויליק איז צו לעבן אָן מענטשן. אפילע א שאָ. אפילע א מינוט.

די ווײַטע און די נאָענטע

איך בין אַרײַן צו אים אין שטוב און אים געטראָפֿן באַם לייענען א בריוו. מײַן אויג איז געפֿאַלן אַף דעם אָקאָרשט־אופגעריסענעם קאָנווערט מיט דער אויסטערלישער מארקע אַף אים. כ׳האָב געפרעגט, פון וואָס פאר א לאַנד די דאָזיקע טשיקאַווע מארקע קומט.

— פון מאָזאַמביק — האָט ער געזאָגט, און אָנווײַזנדיק אַף נאָך עטלעכע דערבײַליגנדיקע קאָנווערטן, צוגעגעבן מיט שטאָלץ: — איר וועט דאָ זען קאָלערליי אומבאַקאַנטע מארקעס, ווײַל איך באַקום בריוו פון אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, איך בין, ווי איר ווייסט, א פילאַטעליסט, איז שיק איך אונדזערע מארקעס אַהין און באַקום זייערע. אָט אַזוי האָב איך זיך אײַנגעשאַפט א היפשע מארקעס־קאָלעקציע, און אַדאַנק דעם אויך א קאָלעקציע פרײַנט, מיט וועלכע איך פיר א רעגולערע קאָרעספּאָנדענץ.

אין אונדזער ווײַטערדיקן שמועס האָב איך צופעליק דערמאָנט דעם נאָמען פון אונדזערן א געמיינזאַמען באַקאַנטן.

— א, דער גאָרנישט? — האָט דער פילאַטעליסט מיט פאַראַכטונג פאַרצויגן די ליפן — איר האָט נאָך מיט אים א מאַגע־אומאַסע? איך האָב שוין לאַנג איבערגעריסן מיט אים אַלע באַציִונגען!

אין לויף פון אונדזער געשפרעך האָב איך אָנגערופן דאָ איין נאָמען, דאָ א צווייטן. אַלץ מענטשן פון אונדזער שטאָט, מענטשן, מיט וועלכע ס׳פאַרבינדן אונדזביידן געמיינזאַמע אינטערעסן, מענטשן, מיט וועלכע מיר ביידע באַגעגענען זיך אָפט אַף סימכעס, אַף לעווײַעס... און בײַ יעדן אָנגערופענעם נאָמען האָט דער קאָלעקציאָנער זיך א קרים געטאָן און אַרויסגעזײַט צווישן די ציין:

— מיט דעם אויסוווּרף רעד איך ניט!

— שוין צוויי יאָר ווי איך גיב דעם לײַדאַק ניט די האַנט!

— דער לעקיש איז פאַר מיר ביכלאַל א פּוסט אָרט...

ווען כ׳בין שפּעטער, נאָכן אָנהערן זיך א היפשע פּאָרציע גאַליקע און ביטלדיקע אָפּרופן, אַרויס פון דער שטוב, האָב איך געטראַכט וועגן דעם, אַז ס׳איז אַוואַדע גוט זיך אײַנצושאַפן פרײַנט צווישן מענטשן פון ווײַטע מעקוימעס און זיך טוישן מיט זיי מיט יעדידע־בריוולעך. אָבער מע דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז אין דער שכיינעסדיקער גאַס וווינען מענטשן, וואָס זײַנען עפשער אויך ניט ערגער פון יענע.

פּרוכטביימער

אין א זוניקן טאָג פון שפּעטדיקן האַרבסט זײַנען מיר זאַלבעצווייט מיט א פרײַנט אוועקגעגאַנגען צוגאַסט צו א באַקאַנטן גערטנער אין פּרוכט־סאָד. מיר האָבן לאַנג שפּאַצירט איבער די אַלייען און געהאַט האַנאָע צוזעענדיק, ווי די ביימער אַרום בייגן זיך אונטער דער מאַסע פון די צײַטיקע פּיירעס, און אונדז איז פאַרגעקומען, ווי זיי וואָלטן זיך בעטן, מ׳זאָל אַזוי געשמאַק זיך אַרײַנבײַסן אין זיי, אַז די זאַפטן זאָלן רינען. נו, מאָלט אײַך, אַז מיר האָבן זיך ניט שטאַרק געלאָזט בעטן.

— ווייסט איר, וואָס מיר איז אײַנגעפאַלן באַם געניסן די פּיירעס? — האָב איך געזאָגט צו מײַנע באַגלייטער, ווען מיר האָבן זיך שוין צו זעט אָנגעגעסט — ס׳איז גוט, וואָס די פּרוכטביימער האָבן א קורצן זיקאָרן!

ביידע האָבן מיך אָנגעקוקט פאַרכידעשט:

— א קורצן זיקאָרן?.. די ביימער?..

— יאָ, א קורצן זיקאָרן. זאָגט אַליין — ס׳איז דאָך קוים א יאָר אַריבער, ווי מ׳האָט זיי געשטעלט בעדיל־האַדאַל, אויסגעטאָן נאַקעט, און זיי האָבן שוין אין דעם פאַרגעסן, און מיט א מאָדנער זאַרגלאָזיקײַט פונדאַסנײַ זיך צעבליט, ווידער געלאָזט אופקוועלן אין זיך זאַפטן און שוין געבאָרן א נײַעם דאָר פּיירעס! נו, איז דאָס ניט קיין קורצער זיקאָרן? איז דאָס ניט...

— האָסט א טאָעס! — האָט מײַן פרײַנט מיך איבערגעשלאָגן — זיי פאַרמאָגן דאַפקע א גוטן זיקאָרן, די פּרוכטביימער. זיי בליִען אויף פונדאַסנײַ טאַקע דערפאַר, ווײַל זיי געדענקען פון די פריִערדיקע יאָרן די פרייד פון טראָגן אָף זיך פּיירעס, פון לאָזן זיי אויסרײַסן, פון פילן זייער זיסע שווערקײַט! און וואָס פאַרא באַטרעף האָבן אין פאַרגלײַך מיט אָט די ליכטיקע זיכרוינעס יענע שאָטנדיקע?..

— מיר דאַכט זיך, אַז ביידע זײַט איר ניט גערעכט! — האָט דער גערטנער נאָכן אויסהערן אונדז געזאָגט — ניט דערפאַר בליט דער בוים, ווײַל ער האָט א קורצן זיקאָרן און פאַרגעסט, און ניט צוליב דעם בליט ער, וואָס ער האָט א גוטן זיקאָרן און געדענקט. ער בליט דערפאַר, ווײַל ער לעבט, און לעבן הייסט — קעסיידער זיך באַנײַען, קעסיידער ברענגען זאַפטיקע פּיירעס, קעסיידער זיי פאַרטיילן מיט אַן אָפן האַרץ און מיט א ברייטער האַנט!

א בייזער הונט

מיט הארצקלאפעניש עפן איך דאָס טויערל אין א שיינעם געצאצקעטן פארקאַן, וואָס צוימט ארום א געדיכט־באבלעטערטן סאָד. מיט הארצקלאַ־פעניש — ווײַל באם ארײַנגאנג הענגט א שילדל „א בייזער הונט!"... איך פארשטשעמע די ציין און שפאַן אָן מײַן גאנצן מוט אין דערווארטונג פון דעם צעווילדעוועטן שוימער, וואָס וועט דאָ באלד ארופאלן אַף מיר.

אָבער אָנשטאָט דעם בייזן הונט לויפט מיר ארויס אנטקעגן א באַשע־פעניש, וואָס דרייט גוטוויליק מיטן ווײדל, הייבט אוף אַף מיר א פּאָר האכנאָעדיקע אויגן, רײַבט זיך מילד פרייכנדיק ארום מײַנע פיס, ווי בעטנדיק ראכמים, איך זאָל גאָר אים קיין בייז ניט טאָן.

„אָט אזא בייזער קעלעוו ביסטו דאָס?" טראכט איך און גלעט דעם רוקן פונעם אונטערטעניקן פירפיסיקן. „נעבעך אויסגעטראכט א בילבל אַף דיר..."

מיטאמאָל קומט ארויס פון הינטער די ביימער א מענטש. דער באלעבאָס. און איידער איך באַווײַז נאָך צו זאָגן גוטמאָרגן — פאלט ער שוין ארוף אַף מיר מיט דער גאנצער טאקיפעס פון אַן אומבאגרענעצטן זעלבסטהערשער. וו׳אזוי דערוועג איך זיך עס קומען אהער אומגעבעטן. וואָס האָב איך דאָ פארלאָרן? איך זאָל זיך טייקעף אָפּטראָגן פונדאנען. מײַן גליק איז, וואָס דער הונט איז נאָך א יונגער, אניט וואָלט ער מיך שוין אויסגעלערנט ניט צו קריכן אין פרעמדע סעדער... און דאָ נעמט אויך דער הונט אונטערבילן מיט א יונג, פּיסקעוואטן קעלכל. ער פארשטייט, אז וויבאלד דער באלעבאָס שרײַט, דארף מען אויך עפּעס טאָן...

ארויסגעגאנגען פון דער קאליטקע, האָב איך נאָכאמאָל אָנגעקוקט דעם שיינעם פּארקאַן, דאָס שילדל מיט דער אופשריפט „א בייזער הונט!" און דערבײַ זיך געפרעגט: ווער איז דאָ אייגנטלעך געוועזן דער בייזער הונט?

אמאָל איז געווען

זיי זײַנען געזעסן, די אלטיטשקע, בא א גלעזל טיי און האָבן, פּינטלענ־דיק מיט די טרערנדיקע אויגן און אונטערזיפּצנדיק, אָן אופהער געטאָדלט דעם הײַנט און געזונגען לויב־לידער דעם אמאָל.

— אין אונדזערע צײַטן... — האָבן אָנצייינערדיקע מײַלער געטײַנעט, — אין אונדזערע צײַטן... איז אלץ געווען אנדערש... קיין פארגלײַך ניט מיטן הײַנט...

אָן א זײַט איז געזעסן איינער, אויך אָן עלטערער מענטש, ער האָט זיך צוגעהערט צום וואָרטשענדיקן שמועס, און אין זײַנע נאָך ניט אויסגע־לאָשענע, קימאט יוגנטלעכע אויגן האָט זיך צעצונדן א פלעמל פון כויזעק. ער האָט מיטאמאָל אויסגערופן:

— איר זײַט גערעכט, און נאָך א מין גערעכט! אָט וועל איך אײַך אויך עפּעס דערציילן...

אלעמענס פּענעמער האָבן זיך געווענדט צו אים, און ער האָט אָנגע־הויבן:

— אָט איר זאָגט: די הײַנטיקע יוגנט איז אַן אנדערע... די פּראָדוקטן זײַנען אנדערע, די וועטערן אפילע זײַנען אנדערע... אָבער איר האָט ניט דערמאָנט די הײַנטיקע באלמעלאָכעס. קאָן מען דען די הײַנטיקע באלמע־לאָכעס צוגלײַכן צו די אמאָליקע? בעשום־אויפן ניט! איך געדענק, איך פלעג ארײַנגיין צו א פאריקמאכער — פלעגט ער מיך שטענדיק אזוי עלע־גאנט ארומשערן און פארקעמען, ס'איז מאמעש געווען א פארגעניגן! און הײַנט — בא וויפל פאריקמאכערס איך בין שוין ניט אויסגעווען — קיינער קאָן מיך ניט ארומשערן און פארקעמען ווי געהעריק... פארטאטשעס זײַנען זיי, די הײַנטיקע, ניט קיין באַלמעלאָכעס! ניין — האָט ער טרויע־ריק פארענדיקט, — זיי טויגן ניט, די הײַנטיקע צײַטן, זיי טויגן ניט...

ווי פון זיך אליין האָבן אלעמענס בליקן זיך א גליטש געטאָן איבער זײַן קאָפּ, מיסטאמע קעדיי זיך צו איבערצײַגן, ווי די הײַנטיקע באלמע־לאָכעס פארטאטשעווען, און דאָ האָבן אלע דערזען, ווי עס בלישטשעט אונטער דער עלעקטרישער שײַן זײַן הויל־נאקעטער קאָפּ ווי אַן אָפּגעשיילט איי. דעמלט האָבן אייניקע ביגנייווע אונטערגעשמייכלט, אנדערע האָבן א פארשעמט הוסטעלע געגעבן. אלע האָבן זיך געפילט אין פארלעגנהײַט. אף א ווײַלע איז געוואָרן שטיל. נאָכדעם האָט מען גענומען ריידן וועגן פארשיידענע זאכן. אָבער צו דער טעמע „אמאָל איז געווען" האָט מען זיך שוין מער ניט צוריקגעקערט.

באַפֿרוכפּערונג

שוואַלבן פֿלי‏ִען נידעריק. קעץ לעקן גראָז. באַ אַלטע לײַט ברעכן די ביינער. דער רעגן הענגט שוין אַף מישקוילעס.

און אָט פֿאַלן די ערשטע האַמעטנע טראָפּנס. באַלד טוט אַ פֿלייץ פֿון די הייכן אַ מאַבל און פֿאַרוויקלט אַלץ אַרום אין שלייער פֿון פֿריש־מעכײַעדיקע גערוישן און פֿון האָניק־רייכעס.

דאָס האָבן די אומדערמידלעכע וואָגלער, די פֿון ווײַטן אָנגעטראָגענע כמאַרעס, שעפֿעדיק אויסגעלאָדן זייער בראָכע איבער דער צעלעכצטער ערד. און זי, די באַגליקטע, ווייסט, אַז אונטער דער פֿרײַגיביקייט פֿון די כמאַרעס, וואָס האָבן לאַנג געוואַנדערט, האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך די לײַדנשאַפֿטלעכע אויסאָטעמונג פֿון יאַמען און געקומען אַהער שווער־באַלאָדענע, וועלן אירע זאַפֿטן זיך צעשפּילן און פֿאַנאַנדערבלי‏ִען. ווײַל באַפֿרוכפּערונג קאָן ברענגען נאָר דער, ווער ס׳האָט אַרײַנגענומען אין זיך די זיסקייט און די ביטערקייט פֿון אַ וועלט און איז גרייט יעדע רעגע ברייטהאַרציק צו פֿאַרטיילן די אוצרעס, מיט וועלכע אַ לעבן האָט אים באַשאָנקען.

דער מענטש אין קאָמבינעזאָן

נישט דורך קיין מילכאָמע־טראַנשיי איז די גאָס צעבראָכן און צעריסן. דאָ ציט זיך א פרידלעכער פילקילאָמעטערדיקער קאַנאַל אף אַרייַנצונעמען אין זיך א טרויב, דורך וועלכער עס וועט דערלאַנגט ווערן גאַז פון דער ווארעם־צענטראַלע. און ביז די טרויב וועט אַייַנגעגראָבן ווערן, ליגן אפן ראַנד קאַנאַל אָנגעקייַקלט איינער אפן אַנדערן אירע באַזונדערע טיילן און האַלטן אופגעריסן קייַלעכדיקע מייַלער, ווי אין א גרויסן גענעץ. מיסטאַמע איז זיי שטאַרק לאַנגווייַליק זיך צו וואַלגערן אין פּוסט־און־פּאַס...

— אונדז איז אומעטיק... — קלאָגן זיך די אָפּגעזונדערטע טיילן פון דער טרויב — פּאַרוואָס טרייַבט מען אין אונדז ניט אַרייַן דעם באַלעבאָנדיקן שטראָם! מיר לעכצן דאָך שוין צו דערשפּירן אין זיך זייַן אימפּעטיקן, שטורמישן געלויף...

זיי ווייסן ניט, די גלידער פון דער טרויב, אז פאַרן אַרייַנלאָזן אין זיי דעם גאַז־שטראָם, מוזן נאָך זייערע לעפּצן צוגעהעפט ווערן איינער צום אַנדערן. אז ערשט נאָך דעם, ווי דער שווייסער וועט מיטן ברויזיקן, פונ־קענשפּריצנדיקן אַפּאַראַט אין זייַן קלעמיקער האָרעפּאַשנער האַנט זיי צוזאַמענשמעלצן און צונויפגיסן אין איין קרעפטיק לייַב — ערשט דעמלט וועלן זיי בעקויעך זייַן אַרייַנצונעמען אין זיך דעם מעכטיקן גאַז־שטראָם, אים פאַנאַנדערצוטראָגן. ווייַל נאָר ער, דער מענטש אין קאָמבינעזאָן, פאַרמאָגט די וווּנדערלעכע קראַפט אף דורכצופירן די וויכטיקסטע שליכעס אין לעבן: צונויפצושמעלצן יעכידים אין א געזונטן, מאַסיוון קלאַל, זיי באַהעפטן איינעם מיטן אַנדערן פאַר א פרוכטבאַרן צוזאַמענלעבן און צוזאַמענשאַפן.

פאַרשטאָט־קינדער

די צעשויבערטע פאַרשטאָט איז שטענדיק טעמפּעראַמענטפולער און היציקער פון דעם צוגעגלעטן צענטער־שטאָט. איך געדענק, ווי לאַנגווײַליק מיר איז אַלעמאָל געווען, ווען די מאַמע פלעגט מיך אַרויספירן אַף אַ שפּאַציר פון אונדזערע הינטערגעסלעך אין שטאָט אַרײַן. דאָרט, אין די „לײַטישע" גאַסן, זײַנען מיר דערווידער געווען די אַלע קינדער, וואָס זײַנען אַזוי סטאַטעטשנע געגאַנגען בײַ דער זײַט פון זייערע מאַמעס און באָנעס. ווען מײַן מאַמע איז ניט דערבײַ — פאַל איך אַרוף אַף אַט אַזאַ פאַרשווינדל, צעשויבער זײַן צוגעלעקטע פרעקעמונג, צעקנייטש זײַן גע־פּרעסטן מאַטראָסן־קאָסטיומל, קנעט אַרײַן אין שטויב זײַנע גלאַנציקע שטיוועלעך. אַט וואָלט איך זיך דאָס דעמלט מעכײַע געווען!

— קום, מאַמע, קום שוין אַהיים! — האָב איך זי געצופּט בײַם אַרבל — דאָ איז דאָך אַזוי אומעטיק!

— נו יאָ, — האָט די מאַמע געזאָגט צו זיך — פאַרבענקט זיך נאָך די כאַווײרים, נאָך די קאַזיקס און די וועלפקעס... ווי מיט אַ מאַגנעט ציט אים צו זיי.

יאָ, דורך מײַן גאַנצער פאַרשטאָט־קינדהײַט האָט מיך געצויגן צו זיי, צו די קאַזיקס און די וועלפקעס. פון זייערע ברענענדיקע אייגלעך האָט שטענדיק אַרויסגעקוקט דער הונגער, זייערע נעזלעך זײַנען שטענדיק צעדראַפּעט געווען ביז בלוט, זייערע באָרוועסע פיסלעך — באַדעקט מיט ווונדן און בײַלן... דערפאַר אָבער האָט זיי קיין זאַך אין דער וועלט ניט אָפּגעשראָקן, אַלעמאָל האָבן זיי זיך אײַנגעשטעלט פאַר שוואַכע און באַאוולטע. קאָן איך דען פאַרגעסן, ווי דרייסט קאַזיק האָט זיך געוואָרפן אַפן גראָבן גאָראָדאָווי, בײַס יענער האָט אַ בריק געטאָן און צעשאָטן בײַ דער אַלטער דווירען דעם קויש באָב, מיט וועלכע זי האָט געהאַנדלט אָן אַ פּאַטענט? אָדער ווי וועלפקע האָט צעדראַפּעט דעם פּאָנעם בײַ אַ שפּיק, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך מײַנע דער זאָקנשטריקערן? אָדער ווי זיי ביידע האָבן פון אַ באַהעלטעניש מיט קונציקע קאַטאַפּולקע־שאָסן צעמאַזיקט די נײַע געזעלן, וואָס ליפּע דער בעקער האָט אַראָפּגעבראַכט אַף צו פאַרבײַטן זײַנע שטרײַקנדיקע אַרבעטער?..

זיי האָבן ניט געקאָנט צוזען קיין אוולעס, די קאַזיקס מיט די וועלפקעס שוין קלײנערהייט, און ווען איך האָב מיט יאָרן שפּעטער שוין פון דעם אַרבעטער וועלפקען געהערט: „עס מעג מיר מײַן לעבן קאָסטן, אָבער ניקאָ־לײַקע וועט קיין קייסער ניט זײַן"! האָב איך געוווּסט, אַז מיט דעם זעלביקן

ברען, מיט וועלכן ער האָט ייִנגלוויַז זיך געשלאָגן מיט קאָלערליי פּאַר־שוינען, וועט ער אויך איצט זיך אריַינוואַרפן אין דעם ניט־גליַיכן קאמף מיט אָט דעם „ניקאָליַיקען״.

און ער האָט זיך אריַינגעוואָרפן — און האָט געזיגט!

אָט אזוי זיַינען זיי דורכגעגאַנגען דורכן לעבן, די אָרעמע, הונגעריקע, אָבער שטענדיק מונטערע און מוטיקע פאָרשטאָט־קינדער, אָט די קאַזיקס און די וועלפקעס, די קינדער פון די הינטערגעסלעך מיטן צוגעשאַרפטן געפיל פאר יושער, מיט דער ברויזנדיקער סינע צו באליידיקער, מיט דער פאראכטונג צו גליַיכגילט און גליַיכגילטיקע. זיי האָבן אלעמאָל זיך געוואָרפן אין ניט־גליַיכן געראַנגל — און אלעמאָל געזיגט. וויַיל פיַיערדיקער טעמפעראמענט, געפּאָרט מיט ליַידנשאפטלעכן שטרעבן צו גערעכטיקיַיט, האלט שטענדיק אָפּ ניצחוינעס אפילע אין דעם אומגליַיכסטן קאמף.

אכטונג, געפאר!

איך שטיי אף א קרייצונג פון גאסן און קוק זיך צו, ווי פלינקע לימוזינען, פרייכנדיקע אווטאָבוסן, האמעטנע לאסט־אווטאָס און טראָלייבוסן טראָגן זיך אין גרויס פארטאָנעקייט אף אלע זייטן. אָפטמאָל קנוילן זיי זיך צונויף אין איין געדיכטן פלאָנטער און דעמלט דאכט זיך, אז א צוזאמענשטויס איז אומפארמיידלעך.

אָבער מיטאמאָל בלייבן אלע שטיין, ווי צוגעשמידט. דאָס האָט דער סוועטאָפאָר מיט זיין רויטן אייגל זיי צוגענאָגלט צום אָרט... אלץ ארום ווערט רויק, זיכער. קיין בייז קאָן ניט געשען. קיין סאקאָנע לאָקערט מער ניט.

און אין אָט דער ארייַנגעטראָטענער אומבאוועגלעכקייט קומט מיר אוף א געדאנק וועגן דעם, ווי ס׳וואָלט אויסגעזען, ווען אף אונדזערע מענטשלעכע קרייצוועגן וואָלטן אויך אויסגעשטעלט געווען אזעלכע סעמאפאָרן, און ווען פאר יעדער מעגלעכער סאקאָנע וואָלט זיך אויך אָנגעצונדן א רויט פייַערל און געוואָרנט: אכטונג, געפאר! אָפּשטעלן זיך! דעמלט וואָלטן דאָך געוויס א סאך געפארן אויסגעמיטן געוואָרן, און פיל מענטשן, אָנשטאָט זיך ארויסצולאָזן דער סאקאָנע אנטקעגן, וואָלטן געבליבן זיצן און ווארטן...

דאָ האָט דאָס רויטע אייגל פארביטן א געלע שיין, נאָכדעם האָט א פינטל געטאָן א גרין, רויק ליכט. די מאשינעס האָבן זיך א ריס געטאָן פון אָרט, און באגלייטנדיק מיט די אויגן זייער פלינקע ריי, ווי זי גליטשט זיך זאָרגלאָז איבערן גלייַכן, געפארלאָזן וועג, וואָס דער גרינער סיגנאל האָט פאר זיי געעפנט, טראכט איך, אז פונדעסטוועגן... וואָס ס׳איז גוט פאר די מאשינעס, איז פארן מענטשן ניט צוגעפאסט. איז דאָך דאָס לעבן פונעם מענטשן פול און רייַך טאקע אדאנק דעם, וואָס ער יאָגט מיט אימפעט אלץ פאָרויס און שטעלט זיך ניט אָפּ פאר קיין לויערנדיקע סאקאָנעס, קעמפט און דערגרייכט. וואָס עס זאָל דעם מענטשן ניט דערווארטן אף די קרייצוועגן — פאָרויס, שטענדיק פאָרויס! אזא איז דער געבאָט פון אונדזער לעבן און פון אונדזער צייַט.

הענטשקעס

אז ס'איז געקומען דער ווינטער און די הענט האָבן מיר אָנגעהויבן פרירן, האָב איך זיך איינגעשאפט א פּאָר הענטשקעס. גוט צוגעפּאסטע לעדערנע הענטשקעס אף א פּעלצענעם אונטערשלאק. זיי זיינען מיר געזעסן אף די הענט, ווי אויסגעגאָסן, און יעדער פינגער איז ווי א צעבאַלעוועט בעניאָכידל געלעגן אויסגעבעט אין זיין נעסט. ניט ווייניק האָב איך זיך געגרייסט מיט מיינע הענטשקעס.

אָבער לאנג איז מיר ניט באשערט געווען זיך צו פרייען. ווייל ווען איך בין, אן אויסגעפוצטער אין אָט דער לעדערן־פּעלצענער פראכט, ארויס אין גאס — האָב איך דערפילט מיינע פינגער פרירן א שרעק! די קעלט האָט זיך איינגעגעסן אין זיי נאָך ווייטעקדיקער ווי אין יענע צייטן, ווען איך בין געגאנגען גאָר אָן הענטשקעס. נאָר כ'וועל דאָך ניט נעמען און זיך מוידע זיין, אז אין אזעלכע עלעגאנטע הענטשקעס, אף וועלכע גאָט און לייט מעגן מעקאנע זיין, איז מיר פּאשעט קאלט! האָב איך געליטן און געשוויגן.

ווי לאנג אָבער קאָן מען ליידן צוליב א פּאָר הענטשקעס? האָב איך זיי סאָפּקאָלסאָף דאָך אופגעהערט טראָגן און באשלאָסן בעסער צו גיין מיט בלויזע הענט.

נאָר גיין אין די קעלטן מיט בלויזע הענט איז דאָך אויך ניט קיין פלאַן. האָב איך באשטימט ווייטער זיך איינשאפן הענטשקעס. איצט אָבער זיך שוין מער ניט יאָגן נאָך פינגער־הענטשקעס. איצט בין איך שוין אן אויסגעלערנטער און ווייס וואָס פארא הענטשקעס כ'באדארף! בין איך אוועק און זיך איינגעקויפט א פּאָר פּאשעטע פויסט־הענטשקעס, און ווי איך האָב זיי נאָר אָנגעטאָן — איז מיר טאקע ווארעם געוואָרן אין די הענט. ווייל אין זיי, אין די פויסט־הענטשקעס, זיינען מיינע פינגער מער ניט געווען אָפּגעטיילט איינער פונעם אנדערן, האָבן ניט איבערגעלאָזן איינער דעם אנדערן אף הפקר. איצט האָבן זיי מיט געמיינזאמע קויכעס זיך אנטקעגנגעשטעלט דעם פראָסט און ווינט.

אפּאָנעם, אז פינגער, אזוי ווי מענטשן, קאָנען ביקומען שווערִיקייטן נאָר דעמלט, ווען זיי האלטן זיך אלע צוזאמען און העלפן איינער דעם אנדערן.

די גאָלדענע טויב

קעדיי ניט פאַרבלענדט צו ווערן פון דער שעפע גינגאָלד, וואָס גיסט זיך פון הימל, האַלט איך די האַנט ווי א דעכל איבער די אויגן און מיט א פאַרהויבענעם קאָפּ קוק איך, ווי אין דער לויטערער ראַכוועס קרייזן אַרום טויבן. ניט אַלע פליִען זיי אויף דער גלייכער הייך און דאָסראָוו שוועבן נידעריק, זיי האָבן מוירע שטאַרק אָפּצורייסן זיך פון דער ערד, ווו עס ליגן שטענדיק צעוואָרפן זעטיקע ברעקלעך... איין טויב אָבער איז דרייסט. זי טוט זיך א באַפרייטן ריס פאַרויס און פליט אַרויף הויך־הויך, דער זון אַנטקעגן, און באַלד זע איך זי שוין א בלישטשענדיקע, אינגאַנצן אַן אָפּגעטונקענע אין ליכט און גלאַנץ.

א יינגעלע, וואָס שטייט בא מיין זייט און קוקט א פאַרגאַפּטער אין דער הייך, טוט מיך האַסטיק א שטאַרקן צופּ באַם אַרבל.

— אַי, זעט נאַר! — פאַרגייט ער זיך אין היספּיילעס — זעט נאַר! די פליגלען פון דער טויב זיינען דאָך אינגאַנצן פון גאָלד! — א ווײַלע קלערט ער און גיט נאָכדעם צו — זאָגט מיר... וועט זי באַלד אויפהערן פליִען?

— וואָסי? — וווּנדער איך זיך — דיר געפעלט ניט, ווי זי פליט?

— נאָך א מין געפעלן! אָבער — און דאָ שפּרינגט ער אונטער אומגעדולדיק — אָבער איך וויל, זי זאָל שוין זיין אונטן! איך וויל, אַז אָט דאָ, דערביי בא אונדז, זאָל אַרומשפּאַצירן א גאָלדענע טויב! אָט וועט זיין וואָס צו זען... — גיט ער צו פאַרכאָלעמט.

— אַזוי־אַזוי... נו, באַלד וועסטו טאַקע זען די טויב אָט דאָ. אָבער — און איך עפן אים די אויגן אויף דער טרויעריקער וואָר — ווען זי וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, וועט זי שוין מער ניט זיין קיין גאָלדענע — זי וועט ווייטער זיין ברוין, אָדער בלאָ, אָדער גראָ, אַזוי ווי אַלע אַנדערע טויבן...

— דאָס קאָן ניט זיין! — רופט ער אויס — זי איז דאָך פון גאָלד, איז ווי קאָן זי ווערן אַזוי ווי די־אָ? —און אָנווייזנדיק מיט גרינגשעצונג אויף די טויבן, וואָס דרייען זיך אַרום אונדז און פּיקן קערנדלעך, פאַרענדיקט ער מיט קינדישער אַקשאָנעס — ס'קאָן ניט זיין!

— זי דאַרף דאָס גאָרניט ווערן, קינד — זי איז דאָס שוין! זי איז ניט אַנדערש פון אַלע אַנדערע טויבן, און א גאָלדענע איז זי נאָר דערפאַר, ווייל זי פליט הויך!

און איך גיב אים צו פארשטיין, אז איטלעכע פון די טויבן, וואָס מיר זעען דאָ, קאָן אויך אזוי ווי יענע, ווערן א גאָלדענע. עס דארף נאָר קומען איר צײַט...

— און ווען קומט איר צײַט? — פרעגט דאָס יינגעלע נײַגעריק.

— איר צײַט קומט דעמלט — פארענדיק איך דעם דאָזיקן קינדישן און צוגלײַך אזוי ערנסטן שמועס — ווען זי נעמט זיך אָן מיט דרייסטקײַט און טוט א פלי הויך־הויך... דעמלט דערפרייט זיך מיט איר די זון און שיקט איר אנטקעגן טויזנטער שטראַלן, וואָס פארוויקלען אירע פליגלען אין גינגאָלד און פארוואנדלען זי אין דער גאָלדענער טויב פון פאנטאזיע.

צו שפּעט

ער איז געשטאַנען אויפן ראַנד פּעראָן, געהאַלטן צוגעדריקט צום האַרצן דעם הוט, און זײַנע גראָװע צעפּאַטלטע האָר זײַנען געפֿלויגן אויפֿן ווינט. ער האָט נאָכגעקוקט דעם צוג, וואָס איז אָקאָרשט אָפּגעגאַנגען, און געמורמלט פֿאַרביטערט:

— פֿאַרוואָס?.. פֿאַרוואָס האָב איך אַזוי ניט געזאָגט?.. פֿאַרוואָס וועגן דעם ניט גערעדט?.. נו יאָ... — ער האָט שווער אָפּגעזיפֿצט — פֿאַרזאַמט... ווי שטענדיק, פֿאַרזאַמט...

— איר האָט פֿאַרזאַמט דעם צוג? — האָב איך מיטפֿילנדיק געפֿרעגט.

— ניין... אייגנטלעך, יאָ... — און צוטרויליך צוגעגעבן — כ'האָב, פֿאַרשטייט איר, באַגלייט אַ נאָענטן מענטשן. פֿאַרן געזעגענען האָבן מיר זיך אויסגערעדט... אָבער איצט זע איך אײַן, אַז איך האָב ניט געזאָגט אַלץ, וואָס מע דאַרף. כ'האָב ניט דערזאָגט... ניט דערזאָגט...

— און געכאַפּט האָט איר זיך דאָס נאָך דעם, ווי דער צוג איז אָפּגעפֿאָרן?

— יאָ... — האָט ער געענטפֿערט שטיל, און זײַנע אויגן האָבן פֿײַכט אויפֿגעגלאַנצט — און אַלעמאָל איז מיט מיר אַזוי... אַלעמאָל...

און איז אַוועק מיט שלעפּנדיקע, דערשלאָגענע טריט.

איך האָב נאָכגעקוקט זײַן אײַנגעהויקערטע פֿיגור און געטראַכט וועגן דעם, ווי גרויס ס'מוז זײַן די פּײַן פֿון טראָגן אויף זיך די לאַסט פֿון ניט־דערזאָגטקייט. באַזונדערס, ווען מ'זעט דאָס אײַן צו שפּעט. נאָך דעם, ווי דער צוג איז שוין אָפּגעגאַנגען.

„פעטערל"

עמעצער שטײַגט אַרײַן אין טראַמװײַ. ער זעט דאָרטן אַ באַקאַנטן, באַגריסט זיך מיט אים און זעצט זיך צו אױפֿן פֿרײַען אָרט בײַ זײַן זײַט.

— איך זע — זאָגט אין אַ װײַלע אַרום דער געקומענער מיט אַ דונער־דיקן קאָל — איר זיצט און שמײכלט... װי ס׳שײַנט, זײַט איר מיט עפּעס שטאַרק צופֿרידן?

— יאָ — ענטפֿערט יענער מיט אַ מילדער, פֿאַרקלערטער שטים — און װײסט איר, מיט װאָס? איך האָב זיך דערמאָנט, װי אין גאַס האָט הײַנט אַ צופֿעליקער מענטש מיך אָנגערופֿן „פּעטערל"...

— דאָס אַלץ? — איז יענער אַנטױשט און גיט צו מיט אַ שטיקל כּױ־זעק — זײַט איר דאָך דער עמעסער פֿאַנטאַזיאָר!

— עפּשער זענט איר גערעכט... — גיט צו דער ערשטער — אָבער אַזױ איז שױן יעדעס מאָל, בײַס אַ פֿרעמדער מענטש רופֿט מיך אָן מיט אַזאַ װאַרעמען מישפּאָכע־נאָמען „פּעטערל", „פּאַטערל", „ברודערקע" — דוכט זיך מיר, אַז מיר זײַנען מיט אים אײן מישפּאָכע, און כ׳באַקום כּײשעק פֿעסט צו דריקן זײַן האַנט און האַרציק זיך אױסשמועסן מיט אים, טאַקע װי מיט אַ קאָרעװ...

— אָבער צי װײסט איר, נאַיװער מענטש — רופֿט אױס זײַן מיטשמועס־סער — אַז דער יעניקער, װאָס האָט אײַך אָנגערופֿן מיט דעם פּאַר אײַך אַזױ ליבן נאָמען, האָט מיט דעם זעלביקן נאָמען אָנגערופֿן עפּשער נאָך אַ צענדליק מענטשן?

דער נאַיװער מענטש לאָזט זיך אָבער ניט אָפּפּאַטשן די פֿליגלען.

— איז נאָך בעסער — זאָגט ער מיט פֿעסטער איבערצײַגונג — הײסט עס, אַז נאָך אַ צענדליק מענטשן איז װאַרעם געװאָרן אױפֿן האַרצן...

זײַן שאָכן טוט זיך אַ פּאַטש אין קני און רופֿט אױס מיט אַ געלעכטער:

— נו, זײַט איר אַ פֿאַנטאַזיאָר! שױן אײנמאָל אַ פֿאַנטאַזיאָר! אָבער װאָס זאָל איך אײַך זאָגן — דאָ װערט זײַן שטים, אױף װיפֿל עס לאָזט זיך, נאָך װײכער און האַרציקער — קאָלזמאַן עס זײַנען פֿאַראַן צװישן אונדז אַזעלכע פֿאַנטאַזיאָרן — איז טאַקע װאַרעמער צו לעבן אױף דער װעלט... ברודערקע!

„אַז פּונקען זאָלן פליִען!"

ביז שפּעטער שאָ בין איך געזעסן און געאַרבעט. דער באַרג פאַרשריי־בענע פּאַפּירן איז זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסן, אָבער עס האָט זיך אַלץ ניט באַקומען דאָס, וואָס נייטיק. צום סאָף, זעענדיק, אַז הײַנט וועט זיך מיר גאָרנישט ניט אײַנגעבן, האָב איך, אַן אויסגעמאַטערטער און אומצופרידע־נער, זיך צוגעלייגט און אַ צײַט לאַנג זיך נאָך געהוידעט אַפן גרענעץ צווישן ביטערן וואַך זײַן און שווערן אײַנשלאָפן.

...מיטאַמאָל האָט זיך צו מיר דערטראָגן אַ הילכיקער אויסרוף: „שלײַפן!" און צוזאַמען דערמיט האָט אין אָפענעם פענצטער, באַ וועלכן איך בין גע־שלאָפן, זיך באַוויזן (איך ווייס ניט ווי־אַזוי, כ׳ווין דאָך אַפן זעקסטן שטאָק!) עמעצער מיט אַ ווײַסער באָרד און מיט אַ רעדערדיקן וואַרשטאַט אַף דער פּלייצע, און אַרײַנגעשריִען אין שטוב אַרײַן:

— פאַראַן באַ אײַך מעסערס, שערן, העק צו שלײַפן?

— מעסערס, שערן... — האָב איך אוטאָמאַטיש אים נאָכגעקרימט, באַרויגעז אַף דער שטערונג, און מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן מיט כּויזעק: — פּעטער, און געדאַנקען שלײַפט איר?

ער האָט מיך ערנסט אָנגעקוקט און געענטפערט:

— געדאַנקען, מײַן פרײַנט, טאָרן ניט ווערן טעמפּ. זיי מוזן שטענדיק זײַן שאַרף און בליציק, ווי מעסערס... טרעפט אָבער אַמאָל, אַז זיי ווערן אַרומגעוואַקסן מיט אַ טעמפּקײַט פון ווערטער — דאַרף מען דאָס אָן ראַכמאָנעס אַראָפּשלײַפן פון זיי. אַראָפּשלײַפן — פונקען זאָלן פליִען!

און אונטערפינטלענדיק מיט אַן אויג, איז ער פאַרשוווּנדן...

אופגעכאַפּט זיך פון שלאָף, האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן ניט־געלונגענעם קסאַוויאַד און אים גענומען שלײַפן, אַז פונקען זײַנען געפלויגן. כ׳האָב אַזוי לאַנג געשניצט פון אים די ווערטער־טעמפּקײַט, ביז פון דעם גאַנצן פאַנאַנדערגעוואַקסענעם פּאַק פּאַפּירן איז געבליבן בלויז איין זײַטל.

בלויז איין זײַטל — אָבער איז זי געווען שאַרף?

א שטיין

ווען עס גייט א רעגן און פון דער רינווע פלייצן אראָפּ שטראָמען וואַסער — פילט ער זיך גוט, דער שטיין, ער האָט האנאָע, בייס פונויבן גיסט זיך אף אים א שטראָם, ווען ארום אים קאָכט און ברויזט, און ער באָדט זיך אין פרישקייט און גלאנץ. זײַנע ליידן הייבן זיך אָן שפּעטער, נאָך דעם ווי דער רעגן שטראָמט שוין אָפּ און פון דער דאך־רינווע נעמט קאַפּען אף זײַן שארבן. דעמלט, ווען די נודנע רעגן־טראָפּנס, וואָס האָבן אין מעשעך פון יאָרן שוין באוויזן אויסצולעכערן אין אים א גריבעלע, נעמען דרעלן זײַן מויעך.

און ווען איך זע, ווי פון צײַט צו צײַט טריפט אראָפּ א טראָפּן פון דער רינווע און בויערט זיך מיט ווייטעק ארײַן אין דעם שארבן פונעם שטיין — דאכט זיך מיר, אז אונטער יעדן טריף ציטערט דער שטיין אוף און עס דערגייט צו מיר זײַן שטומע קלאָג:

„זאָלן זיי מיך פארטויבן, די שטורעמס! זאָלן זיי מיך פארכלינען, די פלייצרעגנס! דאָס אלץ קאָן איך פארטראָגן. ניט צום פארטראָגן אָבער איז די פּאמעלעכע און נודנע פּײַן, וואָס טריפט און דרעלט טאָג־אײַן, טאָג־אויס, יאָר־אײַן, יאָר־אויס...‟

דאָס האַרץ זאָל ניט וויי טאָן

דאָ ניט לאַנג האָב איך זיך ערשט דערוווּסט, אַז איך האָב אַ האַרץ. אַז דאָרטן, אין דער לינקער זײַט פון ברוסט־קאַסטן, געפינט זיך אַ פליישזעקעלע די גרייס ווי אַ פויסט; אַ זעקעלע, וואָס וועגט דרײַ הונדערט גראַם, גיט זיבעציק שלאָג אין אַ מינוט און קאָן דערצו שטאַרק וויי טאָן. דער דאָקטער, וואָס האָט מיך צום ערשטן מאָל אין לעבן אײַנגעהייליקט אין דער מיסטעריע פון קאַמפער־אײַנשפּריצונגען, האָט געוואָרנט:

— און פון איצט אָן — פּאַמעלעך גיין, שטיל ריידן... איר הערט?

הייסט עס, איך דאַרף אָנהייבן לעבן ווי אַ גאָרטן־שנעק. אָט ווי יענער מענטש, וועמען כ׳באַגעגן אָפטמאָל אין סקווער, ווי ער גייט מיט געמאָסטענע טריטעלעך, אָנגעשפּאַרט אין אַ שטעקן. און זעצט ער זיך צו — רעדט ער שטענדיק מיט די שכנים אויף דער באַנק בלויז וועגן זײַן סטענאָקאַרדיִע. וועגן דעם, ווי מע ווייסט ניט וויִאַזוי אים צו היילן, ווי ער פאַרשטייט מער פון די דאָקטוירים... פון זײַנע ליפּן פּערלט אָן אויפהער: „איך... מיר... מיך...״ ער איז אַזוי פאַרטאָן מיט זיך, אַז אַפילו בייס ער טוט אַ נאָס און מ׳ווינטשט אים „צו־געזונט״, זאָגט ער אָנשטאָט אַ דאַנק: „יאָ, זאָל מיר טאַקע זײַן צו־געזונט״...

צי שוין־זשע בין איך פון איצט אָן אויך פאַרמישפּעט צו פירן אָט אַזאַ קורצזיכטיק און לאַנגווײַליק לעבן? צי שוין־זשע וועל איך אויך אַרומגיין מיט אַזעלכע פּאַמעלעכע טריטעלעך, ניט מיטהאַלטן מער מיטן אימפּעטיקן שפּאַן פונעם אָרום? צי שוין־זשע... אוי!

מײַן האַרץ דערלאַנגט מיטאָמאָל אַ טיאָכק. מיר איז קלאָר, וואָס דער ווייטעק באַטײַט. ער איז אַרויסגערופן דורך דער גרויליקער פאָרשטעלונג, אַז איך קאָן נאָך אויך ווערן ענלעך צו יענעם פאַרשוין.

און עס בלײַבט בײַ מיר:

וואָס עס זאָל ניט זײַן — דאָס פײַער פון האַרצן וועל איך ניט פאַרלעשן! איך וועל בעשום־אויפן ניט דערלאָזן, אַז די גליוועדיקע וואָכעדיקײַט זאָל פאַרפּירן דעם הייסבלוטיקן שלאָג זײַנעם! איך וויל, אַז דאָס פלייש־בײַטעלע אין מײַן ברוסט, וואָס וועגט קוים דרײַ הונדערט גראַם, זאָל אַרײַנעמען אין זיך די וואָג פון אַ וועלט מיט אירע פריידן און ליידן! איך וויל, אַז יעדער איינער פון די זיבעציק שלאָגן פון מײַן האַרץ זאָל מיך באַהעפטן מיט אַלדאָס שיינע און דערהויבענע, צוליב וואָס עס לוינט צו לעבן אונטער דער זון!

אופגעהויבענע אויגן

אָפט באַגעגן איך יאַטעלעך פון אַ דערבײַיִקן קינדערגאָרטן גײן אַפן שפּאַציר. פּאָרווײַז קײַקלען זײ זיך, אַזוי ווי פּילפּאַרביקע פּענכערלעך, האַלטן זיך בײַ די פּוכקע הענטלעך און פּלאַפּלען אָן אַ שיר. זײ ריידן וועגן אַלץ, וואָס זײ באַגעגענען אַפן וועג. דאָסראָוו אָבער דרייען זיך זייערע געשפּרעכן אַרום אַזעלכע זאַכן, וואָס זײ דערזעען בײַם אופהייבן די אויגן אין דער הייך.

— גיב אַ קוק אַף דעם בערדיקן זיידעלע! — ווײַזט איינער אָן, און עטלעכע צענדליק צעשטיפטע אייגעלעך טוען זיך אַ הייב אויבנצו און פּאַרטוליען דעם אַלטיטשקן אין וואָרעמקײַט: — אָט אַזוי ווי דער זיידע־פּראָסט! אויך אַזאַ פריילעכער, אַזאַ גוטער...

— זע, אַפן דאַך גייט אַרום אַ קוימענקערער! אָט אים איז גוט, ער זעט אַזוי ווײַט!

און עס טוען אַ פּלאַטער נאָך אויבן צעשטראַלטע, בלויע, שוואַרצע, ברוינע, גרויע בליקן פון היספּײַלעס.

— יענער פליִער אין אַעראָפּלאַן זעט נאָך ווײַטער! איכ׳ל אויך זײַן אַ פליִער!

— קוק אַף דער וואַנט! ווי עס שפּרינגט אַרום דאָס זון־העזעלע! אָט לויף איך עס אָנכאַפּן!

און אָט אַזוי האַלטן זײ אָין איין קוקן. אין איין שלינגען אַלץ מיט די אויגן. אַלץ איז נײַ פאַר זײ, פאַר די פריילעכע שטיפערלעך. אַלץ וועקט זייער נײַגער. אַלץ שפּײַזט זייער פאַנטאַזיע. ניט דערפאַר, ווײַל זײ זעען דאָס צום ערשטן מאָל — איטלעכן טאָג זעען זײ דאָך אַעראָפּלאַנען, און קוימענקערערס, און בערדיקע אַלטיטשקע — נאָר ווײַל קעדיי דאָס צו דערזען, דאַרפן זײ אופהייבן די אויגן. און קוקט מען העכער פון זיך — זעט מען שטענדיק אויסטערלישע און ניט אַלטעגלעכע זאַכן, וואָס פאַר־וווּנדערן און באַגײַסטערן, זאַכן, וואָס באַפליגלען די פאַנטאַזיע.

הייבט מען אָבער ניט אוף די אויגן — דערזעט מען ניט אַ סאַך פון דעם, וואָס איז מעסוגל אַרויסצורופן היספּײַלעס און באַוווּנדערונג. אַזוי געשעעט טאַקע מיט פיל דערוואַקסענע, וועלכע הייבן זעלטן אוף זייערע בליקן, קעדיי דערזען עפּעס איבער זיך. זײ האַלטן, אַז העכער פון זײ איז קיין זאַך ניטאָ.

וואָס א פינטעלע באטײַט

מיט דער הילף פון קלעצעלעך, מיט אָנגעקלעפּטע אף זיי באציפערטע פּאפּירלעך, האָט מײַן מוטער מיך געלערנט לייענען ציפערן.

— געדענק — האָט זי געזאָגט — א פּאסיקל באטײַט אן איינס. א צוויי איז א קײַקעלע אף א פּיסל, וואָס גליטשט זיך אף א שליטעלע. און א דרײַ זעט אויס, ווי צוויי אָפּגעביסענע בייגעלעך וואָלטן געלעגן איינער אפן אנדערן...

אלץ האָב איך באנומען גוט. אז ס'איז אָבער געקומען צום זעקס און צום נײַן, איז מיר די זאך געוואָרן קאָשע.

— עפּעס אזעלכע מאָדנע... — האָב איך ניט געקאָנט שאָלעם מאכן מיט זיי — דרייט זיך אזוינער איןביידע זײַטן און דו קאָנסט קיינמאָל ניט וויסן, וואָס ער איז — א זעקס, צי א נײַן... ניט קיין ריכטיקע זײַנען זיי!

— מע דארף נאָר אוועקשטעלן בא זייער זײַט א פּינטעלע — האָט מיר די מאמע דערקלערט — דעמלט ווערן זיי ריכטיקע. א פּינטעלע בא דער זײַט פון פּיסל — איז א נײַן. שטעלסט ווידער אוועק דאָס פּינטעלע בא דער זײַט פונעם בײַכל — האָסטו א זעקס.

דעמלט האָב איך גאָר גיך זיך אויסגעלערנט שטעלן די פּינטעלעך און אָנווײַזן דעם זעקס און דעם נײַן זייערע ערטער. איצט אָבער איז מיר דאָס שוין ניט אזוי לײַכט. און ווי נייטיק ס'וואָלט אָפּטמאָל געווען אוועקצושטעלן דעם געהעריקן פּינטעלע בא דער זײַט פון עמעצן, וואָס איז ניט מער, ווי א זעקס, אָבער ער הייבט זיך ארויס מיט זײַן בײַכל נאָך אויבן און האלט, אז ער איז א גאנצער נײַן! און אן אנדער מאָל ווידער פּאָדערט זיך שטארק אוועקצושטעלן א פּינטעלע בא דער זײַט פון א נײַן, וואָס ווערט פארגרעבט, דרייט זיך איבער מיטן קאָפּ אראָפּ און פארוואנדלט זיך אין א זעקס מיט א בײַכל.

אין טעאטער

ווען איך בין אלט געווען א יאָר אכט, האָט מײַן עלטערע שוועסטער מיך צום ערשטן מאָל גענומען אין טעאטער. דעם אונטערשייד צווישן לעבן און טעאטער האָב איך נאָך ניט געוווּסט, און דעריבער בין איך זיכער געווען, אז אלץ וואָס דאָ קומט פאָר, פּאסירט אף אן עמעס: אז די באסמאל־קע האָט טאקע פארבלאָנדזשעט אין וואלד; אז זי ווערט טאקע דורכן בייזן מענטשן־פרעסער אוועקגעשלעפּט אין זײַן הייל; אז די גוטע קארליקלעך ראטעווען זי... כ׳האָב דאָס אלץ איבערגעלעבט אפן שארפסטן אויפן — אין געוויסע ערטער אפילע אופגעשפּרונגען, געצופּט מײַנע שכיינים בא די ארבל, און אין א באזונדערס שפּאנענדיקן מאָמענט, ווען דער מענטשן־פרעסער האָט מיט א מוירעדיקן פלאָקן געפּויקט אין טיר און די קארליק־לעך האָבן געציטערט פאר שרעק, האָב איך ניט אויסגעהאלטן און א געשריי געטאָן אפן גאנצן זאל:

— אוי, לאָזט אים נאָר ניט ארײַן!

ארום איז געוואָרן א טומל, מע האָט גענומען צישן פון אלע זײַטן, און איינער א שאָכן האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און שטיל געפרעגט:

— יינגעלע, דו שרעקסט זיך שטארק פאר דעם מענטשן־פרעסער?

— ווי זאָל איך זיך ניט שרעקן? — האָב איך איבערגעפרעגט, און מיט טרערן אין שטים צוגעגעבן — אז ער איז אזא גרויסער... אזא מוירעדי־קער...

— ווילסט, — האָט יענער געזאָגט שטילערהייט — ער זאָל ווערן א קליינטשינקער, א גאָרנישטל?.. נא, גיב נאָר א קוק!

מיט די ווערטער האָט ער אופגעהויבן צו מײַנע אויגן עפּעס א צוויי־רעריקן קוקערל, און דורך אים האָב איך מיטאמאָל דערזען דעם שרעקלעכן מענטשן־פרעסער אזא פּיטשעמאָנטשינקן! ווי ער שטייט אזוי אף שטרויענע פּיסעלעך און פאָכעט מיט א שטעקעלע, די גרייס ווי א שוועבעלע. דערצו איז ער נאָך געווען אזוי ווײַט פון מיר, אז כ׳האָב אים קוים געקאָנט כאפּן מיטן בליק!

„אָט פאר דעם פּיפּערנאָטערל האָב איך זיך דאָס געשראָקן?“ — האָב איך א טראכט געטאָן און הילכיק זיך צעלאכט. אזוי הילכיק, אז מע האָט זיך ווײַטער גענומען אומקוקן אף מיר. אָבער דער פעטער בא מײַן זײַט האָט מיר שוין ווידער געררימט אפן אויער:

— און איצט, יינגעלע, גיב נאָר א קוק אף די קארליקלעך! וועסט זיי דערקענען?

ער האָט א דריי געטאָן די האַנט, האָט פּונדאָסנײַ צוגעטראָגן דעם קוקערל צו מײַנע אויגן, און איך האָב דערזען — שוין איינמאָל דערזען! קיין קאַרליקלעך זײַנען שוין מער ניט געווען בענימצע, און האַרט באַ מיר האָב איך געזען שטיין גרויסע צעוואַקסענע ריזן, גיבורים מיט מעכטיקע מוסקולן, און איצט בין איך זיכער געווען, אַז — אָהאָ! זיי וועלן שוין בײַקומען יענעם נעבעכדיקן מענטשן־פּרעסערל!

מײַנע אויגן זײַנען פאַרנעפּלט געוואָרן פון פריידיקע טרערן און מיט דאַנק האָב איך אַרופּגעקוקט אַף דעם גוטן מעכאַשעף באַ מײַן זײַט, וואָס האָט אַזוי לײַכט און אַזוי גיך, מיט איין האַנט־אומדריי, אופגעשטעלט די גערעכטיקײַט אַף דער וועלט!

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך ניט איין מאָל געבענקט נאָך יענעם קישעפדיקן קוקערל. מיר האָט זיך געוואָלט דאָס גוטע זען גרויס און נאָענט, און דאָס שלעכטע — קליין און ווײַט. אָבער ניט שטענדיק האָט זיך דאָס אײַנגעגעבן! גאָר אָפט האָט מיר דאָס לעבן געוויזן דאַפּקע דאָס בייז פאַרגרעסערט און דאָס גוטס פאַרקלענערט...

גערטריישאפט

אין מעשעך פון די ווינטער־כאדאָשים פאלט ער ניט אראָפּ בא זיך, דער שפּערל. מונטער און שטיפעריש שפּרינגט ער ארום איבער פארפרוירענע הרודעס און גיט דערבײַ מיט קיין מינע ניט ארויס, אז דאָס טוט ער קעדיי צו דערווארעמען זײַנע דינינקע פיסעלעך... און די קינדער, ווענעמען זײַן זאָרגלאָזער געצוויטשער פארשאפט אזויפיל פרייד, ווייסן ניט, אז דערמיט זוכט ער צו פארהילכן דעם נאָגנדיקן הונגער, ווײַל שווער קומט אויס אָט דעם קלייניקן נעפעשל זיך צו ראנגלען פאר זײַן עקזיסטענץ.

אומעטיק אָבער ווערט דער שפּערל גראָד דעמלט, ווען אין דער לופטן הייבן אָן ווייען פרילינג־ווינטעלעך. איצט, דאכט זיך, וואָלט ער שוין געקאָנט אָנהייבן לײַכטער לעבן, אָבער ווען ער דערמאָנט זיך, אז באלד וועלן די וואנדער־פייגלען זיך צוריקקערן — ווערט אים שווער אפן הארצן. ער ווייסט, אז זיי וועלן זיך אָנהייבן גרייסן, דערציילן די ווונדער, וואָס זיי האָבן געזען אין דער פרעמד. ער אָבער וועט ניט אופגענומען ווערן אין זייער סוויווע. ווײַל וואָס קאָן דען אזא באשיידענער שפּערל, אזא שטוב־זיצער, זיי דערציילן פאר א נײַס — זיי, די פיל־בארײַזטע און פיל־דער־פארענע?

וועט זיך אָבער אײַנגעפינען עמעצער, וואָס זאָל אופקלערן דעם שפּערל, אז ער דארף ניט אראָפּפאלן בא זיך? אז דאפקע בא אים, בא דעם קליינעם און אומבאמערקטן דארף מען זיך לערנען געטרײַשאפט און העל־דישקײַט? ווײַל דעמלט, ווען די אלע גרויסארטיקע פייגלען אנטלויפן פון זייער היים, ווי נאָר עס נעמען בלאָזן הארבסטיקע ווינטן — באהאלט ער געטרײַשאפט צום לאנד, ווו ער איז אויסגעוואקסן און צו די, וואָס האָבן אים אלעמאָל געשפּײַזט. און האגאם ער ווייסט, אז עס ווארטן אף אים הארבע ווינטערדיקע צײַטן — בלײַבט ער דאָך, קעדיי מיט זײַן שפּילעוודיקן שפּרינגען און מונטערן צוויטשערן צו וועקן און אופצוהאלטן אין לאנד און אין מענטשן די האָפענונג אף פרילינג און אף פריידיקער דערוואכונג.

לעבנס־דערפאַרונג

כ'האָב אָנגעהויבן מערקן, אַז מײַנע פרײַנט וואַרפן אויף מיר בליקן פול מיט באַדויערונג און מיטגעפיל. אָפטמאָל אַפילו האָט עמעצער פון די ייִנגערע אַ מורמל געטאָן עפּעס וועגן „אָנגעקליבענער לעבנס־דערפאַרונג" און וועגן דעם, אַז „יעדער עלטער האָט זײַנע פריידן..."

אין אָנהייב איז מיר דאָס געווען ניט פאַרשטענדלעך. אײַנגיכן אָבער האָב איך אײַנגעזען, וואָס די מיטפילנדיקע בליקן באַטײַטן: דער שפּיגל האָט געוויזן, אַז מײַנע קרויזן ווערן שיטערער.

„הייסט עס, זי גייט שוין אויף מיר, די לעבנס־דערפאַרונג!" — האָב איך שווער אָפּגעזיפצט און מיט ביטערניש געטראַכט, אַז האגאם לעבנס־דער־פאַרונג איז אַ גוטע זאַך און איז נייטיק ווי לעבן, אָבער די פּרײַז פאַר איר איז אַ ביסל צו הויך...

נאָר יאָ הויך, ניט הויך — כ'האָב געצאָלט. און נאָך ערגער איז געוואָרן, ווען די אַלטע וואָכערניצע, די צײַט, איז שוין גאָר אַרײַן אין שוווּנג, און נאָכן כאַרעוו מאַכן מײַנע האָר־קרויזן, זיך פאַרמאָסטן אויך אויף מײַן גאַנג. כ'האָב זיך אַפילו געפּרוּווט דינגען, אָבער געהאָלפן האָט דאָס ניט, און איך האָב געמוזט נעמען אין איין האַנט אַ שטעקן, אין דער צווייטער — אַ נײַ פּעקל לעבנס־דערפאַרונג.

— נו — האָט מיר די צײַט געטרייסט — איצט מעגסטו זײַן צופרידן: האָסט שוין לעבנס־דערפאַרונג אויף דײַן גאַנצן רעשט לעבן!

— אָבער מײַן געדיכטן טשוב און מײַן פלינקן גאַנג האָב איך דאָך ניט! — האָב איך אויסגערופן אין פאַרצווייפלונג — הערסט אַ מײַסע?! מיך בעדיל־האַדאַל געשטעלט, אָפּגענומען בא מיר אַזעלכע אַנטיקלעך, און דערפאַר דערלאַנגט עפּעס אַ פאַרלעגענע סכוירע...

— שווײַג! — האָט די גאַזלענטע איבערגעשלאָגן — לעבנס־דערפאַרונג איז פאַר אים „עפּעס אַ פאַרלעגענע סכוירע!" דאָס איז דאָך מער ווערט ווי די אַלע פּוסטע שמאַכטעס, מיט וועלכע דו האָסט זיך אין דײַן נאַריש־קײַט שטענדיק גרויס געהאַלטן!

— גיט זיי מיר אָפּ, אָט די פּוסטע שמאַכטעס! — האָב איך געגוואַלדעוועט — די מינוט קערט זיי מיר אום! וועט איר ניט אָפּגעבן מיט גוטן — וועט זיך אָפּטאָן כוישעך!

די צײַט האָט זיך צעשמייכלט מיט אַלע אירע קנייטשן און געלאָזן אָפּגעענטפערט:

— שא־שא, ניט געהיצט זיך... אָט דערמיט באוווײַזסטו טאקע, אז דיר פעלט לעבנס־דערפארונג! דו ווייסט אפילע ניט פון דעם קלאל, אז אויב איך נעם עפּעס צו — מעג מען זיך שוין געזעגענען דערמיט אף אייביק...

אָבער זעענדיק, ווי איך הייב אָן זיך בײַטן אין פּאָנעם, אז אָט־אָט פאל איך אין כאלאָשעס — האָט זי גוטמוטיק צוגעגעבן:

— נו, וויבאלד דו נעמסט זיך אזוי צום הארצן, האָב איך באשלאָסן דיר לאָזן צורו! כאָטש דעם עמעס גערעדט, האָב איך זיך אָנגעמערקט נאָך ניט איין געשמאקע זאך אָפּצונעמען בא דיר...

זי האָט געהאלטן וואָרט, די צײַט, און מער שוין בא מיר נישט אָפּגענו־מען: ניט דעם אומרו פון הארצן, ניט דעם אופּבּרויז פון געמיט, ניט די אומדערזעטלעכע וויסנגיריקײַט. צוזאמען מיט דעם האָט זי מיר אויך איבערגעלאָזן דעם פרישן לײַכטזין פון די יונגע יאָרן. מע זאָגט, אז צונויפגעפּאָרט מיט לעבנס־דערפארונג שטעלט דאָס אלץ מיט זיך פאָר א היפּשן ווערט. מע זאָגט אפילע, אז קאָלזמאן דאָס אלץ איז פאראן באם מענטשן, איז נאָך זײַן יוגנט ניט אוועק.

איך בין מאסקים מיט די, וואָס האלטן אזוי. איך טרייסט זיך דערמיט. פונדעסטוועגן דערמאָן איך נאָך אָפּט מיט א זיפץ יענע צײַטן, ווען די לעבנס־דערפארונג מײַנע איז געווען שיטערער — דערפאר אָבער זײַנען מײַנע האָר געווען געדיכטער.

פריצײַטיקע וועלקונג

דער דעמב אין מײַן סאָד האָט האיאָר דער ערשטער דערפילט דעם דערווײַל נאָך ווײַטן הארבסט, און דעמלט, ווען דער זומער האָט נאָך געהאלטן אין רעכטן גרינען, האָב איך שוין געמערקט אָף די צווײַגן פונעם אלטן דעמב עטלעכע געלרויטע בלעטער — דעם ערשטן אָנזאָג... די יונגע ביימלעך און קוסטעס, וואָס זײַנען צעוואָרפן געוועזן איבערן סאָד, האָבן נאָך אפילע מיט קיין איין אָדערל ניט געשפירט דעם אָנקום פון הארבסט. און קוקנדיק אָף דער בורשטינענער געלקײַט און דעם זשאווערדיקן רויט, וואָס האָט ארויסגעפינטלט פון צווישן דער דעמבענער באבלעטערונג, האָבן זיי פארוווּנדערט און גרינגשעציק געצוקט מיט די גרינע אקסלען.

„ווי קומט דאָס”, האָבן זיי געשאָרכעט, „ווי קומט דאָס, וואָס דו, אלטער דעמב, וועמען מ׳שטעלט שטענדיק ארויס פאר א מוסטער פון מעיושעוודי־קײַט, וועמען מ׳האלט פארן קרעפטיקסטן אין אונדזער מישפּאָכע, זאָלסט זיך אזוי לײַכט אונטערגעבן און נאָך איידער וואָס־ווען, בעשאס קיינער פון אונדז טראכט נאָך אפילע ניט וועגן הארבסט, האָסטו שוין דערלאָזט דײַנע בלעטער זשאווערן און וועלקן? מיסטאמע ביסטו גאָרניט אזוי מעכ־טיק און אויסהאלטעוודיק, ווי מע רעדט וועגן דיר, און מיר, יונגע, זײַנען שטארקער: מיר זײַנען נאָך אינגאנצן גרין, און מיר וועלן נאָך לאנג אזוי זײַן!”

דאָס ווינטעלע האָט דערטראָגן די דאָזיקע לײַכטזיניקע רייד צום דעמב, און ער האָט טרויעריק געשאָקלט מיט זײַן אלטן קלוגן קאָפּ און גערוישט מיט שטילן פארדראָס. ניין, ער איז ניט באליידיקט פון דעם, וואָס די יונגע האלטן, אז מאכמעס שוואכקײַט גיט ער זיך אונטער דער פריצײַטיקער וועלקונג... אָ, ער איז גענוג מעכטיק, קעדיי אופצוהאלטן זײַן גרין לענגער פון זיי. אָבער צוליב אן אנדער סיבע האָט ער זיך צוגעײַלט ארופצוציִען די פארבן פון הארבסט. ער וויל באווײַזן דער יוגנט, וואָס אָף איר ווארט. זאָלן די יונגע אין זייער גרויסהאלטערײַ ניט מיינען, אז זיי וועלן אייביק בלײַבן גרין. זאָלן זיי אײַנזען, אז אין דעם רעכטן בלי פון זומער דארף מען זיך אויך דערמאָנען אין הארבסט.

שוואַרצע ברילן

אין אַ צעבליטן, זוניקן, מיט אַלע פּראַכטן אָנגעזאַפּטן טאָג האָב איך אים באַגעגנט מיט שוואַרצע ברילן אַף די אויגן.

— קוק אים נאָר אָן! — האָב איך אויסגערופן מיט פאָרוווּרף — אַ באַלאַנעס זיך אַזוי צו פאַרשוואַרצן די וועלט... אַף וועלכע רוכעס דאַרפט איר זיי, די פּעסימיזמען?

— איך דאַרף זיי, — האָט ער ערנסט געענטפערט, — ווײַל איך וויל האַנאַע האָבן פון דער וועלט!

— און אָט די שפּאַקולן העלפן אײַך דערצו? — ביך איך געווען דער־שטוינט.

אָנשטאָט אָן ענטפער, האָט ער אַראָפּגענומען די ברילן און זיי אָנגעטאָן מיר אַף די אויגן — און מיטאַמאָל בין איך ווי אַרײַנגעזונקען אין אַ טהאָם. ס'זײַנען פאַרווישט געוואָרן אַלע פאַרבן און אָפּגעטויט געוואָרן איז די פרייד פון דעם צעשטראַלטן טאָג. איך האָב אָפגיך צוריק אַראָפּגעכאַפּט די גלעזלעך, און דאָ האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די זון שײַנט גאָר העלער, אַז דער הימל שפּרייט זיך גאָר בלויער, אַז די ביימער גרינען גאָר זאַפטיקער...

— איצט פאַרשטייט איר שוין, צוליב וואָס איך טראָג די ברילן? — האָט ער געזאָגט, זעענדיק, ווי איך שטיי אַ פאַרגאַפטער פון דער נײַער אַרומיקער שיינקײַט, — איך טו זיי אומישנע אָן, קעדיי אַף אַ ווײַלע צו זען די וועלט אַ פאַרטונקלטע. דערפאַר אָבער ווען איך נעם זיי אַראָפּ, דערפיל איך, אָט אַזוי ווי איר איצט, מיט נאָך מער שאַרפקײַט די פילפאַר־ביקע פּראַכט אַרום מיר... פאָלגט מיך, טוט אַזוי, און איר וועט דערזען די וועלט פונדאַסנײַ!

אָבער איך האָב אים ניט געפאָלגט, און קיין שוואַרצע ברילן ניט אָנגעטאָן. פאַר מיר איז די וועלט שיין און פרעכטיק און צעשטראַלט יעדע מינוט, יעדע מינוט פון מײַן לעבן אַנטפלעקט זי זיך פאַר מיר אין אַלץ נײַע וווּנדערלעכע געשטאַלטונגען, און דאָס צו דערזען און צו באַוווּנדערן נייטיק איך זיך ניט אין קיין קינסטלעכע מיטלען.

א קרוג וואסער

א פרײַנט מײַנער, מיט וועמען מיר האָבן יאָרנלאנג געלעבט צוזאמען אין א פון דאָרשט פארסארפעטער אזיאטישער שטאָט, ווו וואסער איז געווען מיט גאָלד צוגלײַך, האָט אלעמאָל, ווען ער איז געגאנגען אָנשעפן וואסער פאר זיך (דער ברונעם האָט זיך געפונען ווײַט פון אונדזער דירע), נאָכן אָנטרינקען זיך, מיטגעבראכט א קרוג פריש וואסער און ארופגעשטעלט אפן טיש.

— איך האָב טאקע געלאָשן מײַן דורשט — האָט ער דערבײַ געזאָגט, און מיט א באשיידענעם שמייכעלע צוגעגעבן: — מ'טאָר אָבער ניט פאר־געסן, אז כוץ מיר וויל נאָך עמעצער אויך טרינקען...

מע האָט מײַן פרײַנט צוגעשריבן קאָלערליי הינטער־קאוואָנעס צוליב אָט דעם איידעלן שטריך זײַנעם. און ווי ס'פירט זיך שוין, האָבן מער פון אלעמען זיך געפלײַסט דאפקע די, וואָס האָבן געטרונקען פון זײַן קרוג.

— אָט א פוסטער לעץ — איז געווען דער טיפזיניקער פסאק פון די כאכאָמים, וואָס ווייסן אלעמאָל אלץ בעסער — האָט צוגעטראכט די גאנצע זאך נאָר צוליב דעם, מ'זאָל אים לויבן און רימען ווי א גרויסן מענטשן־פרײַנט.

— וויל פאר זײַן קריגל וואסער זיך אײַנקויפן אוילעמהאבע — האָבן געכויזעקט לייצים — געוויס, קיין וואסער זשאלעוועט ער ניט. פרווו אָבער בעטן בא אים א גלאָז ווײַן, וועלן מיר דעמלט זען זײַן גוטסקײַט.

— זאָרגט ניט, מינאסטאם לוינט אים דער אייסעק — האָבן פראקטישע מויכעס געמאכט א כעזשבן — דערווײַל טיילט ער טאקע אומזיסט וואסער. אָבער, נישקאָשע, ס'וועט קומען א צײַט און ער וועט אײַנמאָנען...

אָט אזוי איז מײַן פרײַנטס איידלקײַט פארשפאָט און באשפיגן געוואָרן. ס'איז דאָך די גרינגסטע זאך כויזעק צו מאכן פון יעדער אנטפלעקונג פון מענטשלעכקײַט און אײַנצוזען אין דעם א באהאלטענע אומרײנע קאוואָנע, וואָס ליגט דעם אָפשפעטער אליין אמנאָענטסטן צום הארצן.

שפּרונגען

מײַן אייניקל, פאַרטיפט אין לייענען, האַלט אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ. מיטאַמאָל צעוואַרפט ער די דלאָניעס אױפן טיש, צעהוידעט זיך אױפן שטול און פּלאַצט אַרויס אין אַ געלעכטער.

— גיב נאָר אַ קוק, זיידע, — טײַטלט ער אין בוך — דאָ איז באַשריבן, ווי עס שפּרינגען פאַרשיידענע כײַעס. איז אָט אַ פלוי... — און ער קאַטשעט זיך אַזש פון געלעכטער — איז איר שפּרונג, כאַ־כאַ... צוויי הונדערט מאָל לענגער פון איר אַליין! פאַרשטייסט? און אַ לייב — באַטראַכט זיך נאָר: אַ לייב! שפּרינגט ניט ווײַטער, ווי דרײַ מאָל לענגער פון זיך אַליין... נו?

— וואָס „נו"?

— קומט דאָך אויס, אַז אַ פלוי איז פלינקער און העלדישער פון אַ לייב! — שיסט אַרויס דער קליינער זאַאָלאָג און גיט ערנסט צו — איז דאָך גאָר אַ ליגן וואָס מ'זאָגט, אַז אַ לייב איז דער שטאַרקסטער און דער פלינקסטער...

איך דערקלער דעם יינגל, אַז דער שפּרונג פון אַ פלוי, וואָס איז טאַקע צוויי הונדערט מאָל לענגער פון איר אַליין, באַטרעפט קוים אַ האַלבן מעטער. אָבער דעם לייבס שפּרונג, וואָס איז בלויז אין דרײַען לענגער פון אים אַליין, באַטרעפט גאַנצע פינף מעטער.

— און אויף וויפל מאָל לענגער פון זיך שפּרינגט אַ מענטש?

— אַ מענטש?.. — דאָ פאַרטראַכט איך זיך — ווי וועלכער מענטש... דאָס יאַטל קוקט מיר אָן מיט כידעש:

— וואָס הייסט? זײַנען דען ניט אַלע גלײַך?..

יאָ, דערווײַל איז אים דאָס טאַקע אומפאַרשטענדלעך, אָבער עס וועט קומען אַ צײַט און ער וועט זיך דערוויסן, אַז עס זײַנען פאַראַן מענטשן, וואָס שפּרינגען אומזיסט און אומגעשט פון דער הויט. פאַראַן אָבער אַזעלכע, וואָס טוען געמאָסטענע שפּרונגען — אָבער אין יעדן שפּרונג פון אַזוינעם זעט מען, אַז דאָס איז אַ לייב.

טעג פארלאָרענע, טעג געפונענע

יעדן פרימאָרגן באַגריסט מיך פונעם קאַלענדאַר אויף מײַן טיש דער נײַער אָנקומענדיקער טאָג. באַגריסט מיך מיט אַ שאַלקהאַפטיק־צוגע־קוועטשט אייגל און מיט אַ שפּיציק־נײַגעריקער מינע אויפן מונטערן גלאַטן פּאָנעם, אַזוי ווי זאָגנדיק:

— כ'בין אַ באַלן צו וויסן, וואָס וועסטו הײַנט באַוויזן אויפצוטאָן?

אין אָוונט, ווען איך קער שוין איבער דאָס בלעטל, טוט עס אַ מידן שאָקל מיטן קאָפּ צום לעצטן גרוס. און מיר דאַכט זיך, אַז איך הער אַרויס פון זײַן שאָרך:

— איז וואָס זשע האָסטו הײַנט פּאָרט אויפגעטאָן?

אין די טעג, ווען איך האָב יאָ עפּעס באַוויזן, איז דער שאָרך פון דעם איבערגעקערטן בלעטל אַ מונטערער, אַ האָפערדיקער, דעמאָלט זאָגט ער:

— ניט אומזיסט, הייסט עס, האָב איך געלעבט אויף דער וועלט! איך גיי אַוועק — אָבער אַ זייכער נאָך מיר בלײַבט!

נאָר ניט שטענדיק הער איך אַזעלכע רייד. אַמאָל גייט אַוועק אַ טאָג אין גיוועץ, פאַרלויפט ווי אַ שאָטן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ פּוסטקײַט. און ווען איך קער איבער דאָס בלעטל פון אַזאַ פאַרשווענדטן טאָג, דער־הער איך אין אומעטיקן שאָרך:

— וואָס האָסטו געמאַכט פון מיר? — קלאָגט ער. — געקומען צו דיר בין איך אָן אָנגעלאָדענער מיט האָפענונג, און מיט וואָס גיי איך אַוועק? עך, דו!

אַ כאַרפּע און אַ בושע באַפאַלן מיך דעמאָלט, און איך זאָג הייליק צו אין דער צוקונפט שוין קיין איין טאָג ניט לאָזן פאַרלאָרן גיין. און דאַכט זיך, — איך הייב אָן צו האַלטן וואָרט. ווײַל אויב אָט די עטלעכע שורעס וועלן עמעצן באַוועגן צו פאַרטראַכטן זיך — איז שוין דער טאָג, וואָס כ'האָב אָפּגעגעבן אויף אָנצושרײַבן זיי, ניט אינגאַנצן קיין פאַרלאָ־רענער.

דער שטראַל

די זון צילעוועט זיך פון איר בלענדנדיקן פײַלנבויגן און שיסט אַרויס אַ שטיפערישן שטראַל, וועלכער שנײַדט זאָרגלאָז דורך די בלאָע לופט און נעמט אומגעשטערט שוועבן איבערן וועלט־רוים.

און ווי ער פליט זיך אַזוי, אַ צעשמייכלטער און צעהוליעטער, דערזעט ער מיטאַמאָל אַף זײַן וועג אַן אָפענעם פענצטער, שפרינגט אַהין אַרײַן און שטויסט זיך אָן אין אַ געשליפענעם קרישטאָלענעם הענגל פון אַ ליוסטרע. דעמלט לאָזט ער זיך אַרײַן אין אַ געפעכט מיט דער שטרויכלונג — און צעשפּילט זיך מיטאַמאָל אַף די געשליפענע קרישטאָל־פלאַכן מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן.

אייגנטלעך זײַנען דאָס די קאָלירן, וועלכע האָבן שוין פון שטענדיק געגליט אין דעם שטראַל, נאָר דעמלט, ווען דער וועג האָט זיך אויסגעלייגט פאַר אים גלײַך און גלאַט, האָט מען זיי ניט אַרויסגעזען. ערשט איצט, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באַגעגנט מיט שוועריקייטן און זיך פאַרנומען אַף אַ געראַנגל מיט זיי — האָט ער זיך צעשעמערירט מיט די אַלע ווונדערלעכע פאַרבן, וואָס זײַנען אין אים געווען פאַרבאָרגן.

מײַן צווייטער איך

איך קוק זיך אײַן אין שפּיגל — און אין דער זעלביקער רעגע ווערט אָף זײַן זילבערנער אויבערפלאַך קעגן מיר געבאָרן מײַן צווייטער איך. דער יעניקער, וואָס מאַכט נאָך יעדע באַוועגונג מײַנע, יעדע מינע, יעדן קער און ריר. ער מאַכט דאָס אַזוי קונציק און אַזוי פּינקטלעך, אַז איך קוועל גאָר אָן און טראַכט דערבײַ:

„אָט דאָס איז טאַקע דער עמעסער געטרײַער פרײַנט! אַ פרײַנט ניט מיט ווערטער, נאָר מיט מײַסים!"

אָבער אין מײַן גרויס היספּײַלעס באַמערק איך ניט איין קלייניקײַט, — אַז באַ זײַן גאַנצן פּינקטלעכן נאָכמאַכן, טוט מײַן צווייטער איך אין שפּיגל אייגנטלעך גאָר דעם היפּעך, וואָס איך... ווען איך באַוועג די רעכטע האַנט — מאַכט ער אַ באַוועגונג מיט דער לינקער; פינטל איך מיטן לינקן אויג — פינטלט ער גאָר מיטן רעכטן. און אַזוי אין אַלץ.

וואָלט איך אָבער ניט אַזוי פאַרבלענדט געוועןן פון דער קלוימערשטער פּינקטלעכקײַט און געטרײַשאַפט אין זײַן אָפּשפּיגלען מיך, וואָלט איך דאָך געמעגט וויסן, אַז אַזוי איז שטענדיק: שטייט עמעצער קעגן מיר, איז אויב אַפילע ער פּרוווט נאָכטאָן יעטווידן ריר און קער מײַנעם און זוכט מיך אײַנצושמועסן, אַז ער איז מיר געטרײַ ביז גאָר — קאָן ער מיר אָבער דאָך ניט זײַן געטרײַ. אַן עמעסער פרײַנט קאָן זײַן נאָר דער, וואָס גייט מיט מיר זײַט בײַ זײַט, אין איין ריכטונג, צו איין ציל.

צוויי רייען קנעפּ

צווישן מיר און דעם שנײַדער, וואָס האָט מיר אָראָפּגענומען א מאָס אַף א מאַנטל, זײַנען אַנטשטאַנען כלוקעדייעס. ער האָט געהאַלטן פון א צווייבאָרטיקן בעגעד. איך אָבער האָב געהאַלטן אין איין טײַנען: נייט מיר א מאַנטל מיט איין ריי קנעפּ!

— איז וואָס זשע קאָן דאָ זײַן פאַר א סיבע אַזאַ? — האָט ער זיך געכידעשט — פאַרוואָס ווילט איר גיין קעגן א וועלט? אַלע טראָגן דאָך מאַנטלען מיט צוויי רייען קנעפּ!

— דאָס איז דערפאַר, ווײַל איך וויל ניט טראָגן אַף זיך קיין לײַדיק־גייערס!

— לײַדיקגייערס?.. — האָט ער געקוועטשט מיט די פּלייצעס — אַף זיך?.. איך פאַרשטיי ניט...

— זאָגט מיר נאָר, — האָב איך אים א פרעג געטאָן, — צוקנעפּלען זיך וועל איך אַף איין ריי קנעפּ, אָדער אַף ביידע?

— אַף איינער, פאַרשטייט זיך...

— הייסט עס, אַז נאָר איין ריי קנעפּ וועט ברענגען נוצן, וועט צוזאַמענהאַלטן מײַן מאַנטל און וועט מיך באַשיצן פון רעגן און קעלט, יאָ? וואָס וועלן אָבער טאָן די קנעפּ פון דער צווייטער ריי?

— אַז זיי דאַרפן גאָרנישט טאָן, — זיי זײַנען בלויז א צירונג...

— אַהאַ, א צירונג?! און איך האַלט, אַז ניט זיי, די לײַדיקגייערס, זײַנען א צירונג — א צירונג זײַנען דאַפקע די האָרעפּאַשניקעס פון דער ערשטער ריי!..

אַזוי האָבן מיר זיך לאַנג געאַמפּערט. דער שנײַדער האָט אַלץ ניט געוואָלט נאָכגעבן, האָט פאַראַקשנט זיך געקלאַמערט אָן דער צווייטער ריי. צום סאָף אָבער, זעענדיק, אַז ער קאָן מיך ניט איבערריידן, האָט ער געלאָזט גיין ווי עס גייט און מיר אויפגענייט א מאַנטל אַף איין ריי קנעפּ, נאָר געזען האָב איך, אַז ער קוקט אַף מיר ווי אַף א ניט אינגאַנצן קלאָרן...

נו מיילע, זאָל ער קוקן ווי ער וויל. אַבי איך טראָג איצט דעם דאָזיקן איינרייִיקן מאַנטל, און יעדן מאָל באַם אָנטאָן אים טראַכט איך וועגן דעם, אַז ס׳איז ניט שווער זיך צו באַפרײַען פון די קנעפּ־לײַדיקגייערס אין א מאַנטל. שווערער אָבער איז פּאָטער צו ווערן פון די מענטשן־לײַדיקגייער אין לעבן. און ביפראַט נאָך, אַז א סאַך האַלטן אַזוי, ווי יענער שנײַדער, אַז די צירונג זײַנען גאָר די לײַדיקגייערס.

דער בוים פון לעבן

ווי מיט א מאגניט ציט מיך שטענדיק צו יענעם קליאָן, וואָס וואקסט באם ברעג טײַך. מיך ציט זײַן צעצווײַגטקײַט, די פארכאָלעמטקײַט, מיט וועלכער ער שפיגלט זיך אין מילדן וואסער. שאָענלאנג קאָן איך שטיין און באטראכטן אים, און דעמלט דאכט זיך מיר, אז ער צענעמט מיט גרויס וווּנדער אלע פינף צארטע פינגער פון יעדן דורכזיכטיקן בלאט זײַנעם און האלט אין איין כידעשן זיך:

„וויאזוי איז דאָס מעגלעך, אז מײַן בילד בלײַבט שטענדיק אף איין און דעם זעלביקן אָרט, אין דער צײַט ווען דאָס וואסער, אין וועלכן איך שפיגל זיך, שטראָמט און שטראָמט און פליסט אוועק אלץ ווײַטער?"

הײַנט גיי קלער אוף דעם דאָזיקן איינמאָל פאר אלעמאָל פארוווּנדערטן בוים, אז אין אָט דעם שטייענדיקן בילד זײַנעם אף די באוועגלעכע וואסערן איז פארבאָרגן אן אייביקער סאָד. אז פונקט ווי אָט דער שטראָם, פליסן אָפּ און פליסן צו די דורעס, און אז אין אלע אוועקגייענדיקע און אָנקומענ־דיקע שפיגלט זיך אָפּ איין בילד, וואָס בלײַבט אומפארענדערט, — דער בוים פון לעבן.

דער לײַכט־טורעם

אין א פינצטערער נאכט בין איך געשטאנען אפן ברעג יאם און געזען, ווי פון צײַט צו צײַט לייגט זיך אויס איבער די כוואליעס א קישעפדיקער סנאָפּ ליכט, געוואָרפן פון א ווײַטן לײַכט־טורעם. מיט פריידיקער שפּאנונג האָב איך זיך צוגעקוקט, ווי העלדיש די בלענדיקע שײַן קעמט מיטן קאם פון ליכט די צעפּאטלטע כוואליעס און ווײַזט אָן די אין ווײַטקײַטן בלאָנד־זשענדיקע שיפן זייער וועג איבער יאמיקע טהאָמען.

נאָר וויפל איך האָב געזוכט צו דערזען דעם לײַכט־טורעם גופע, — יענעם גיבער, וואָס שיט אזוי ברייטהארציק אופבליצן איבערן יאם און האלט אָפּ אזעלכע וואונדערלעכע ניצכוינעס איבערן כווישעך — האָב איך אים אָבער ניט געזען. געזען האָב איך נאָר זײַן ליכט, — דער לײַכט־טורעם אליין איז געבליבן אומבאמערקט און באשיידן. אזוי ווי ס'איז באַ־שיידן יעדער בעעמעס גרויסער ליכט־ברענגער. יעדער, אין וועמענס שטראלן עס לויכט אוף דער ארום.

מײַן זייגער

ווען איך בין געווען א ייִנגל, האָב איך מעקאַנע געווען יעדן איינעם, וואָס האָט ארויסגענומען פון וועסטל־קעשענע א ציבעלע־זייגער, מיט א גרויסאַרטיקער באַוועגונג אופגעעפנט דאָס זילבער־דעקל און נאכלעסיק א מורמל געטאָן צו דעם, ווער ס׳האָט אים געפרעגט וויפל ס׳איז דער זייגער:

— אָט, אָן פינף מינוט צען... מײַן זייגער, זאָלט איר וויסן, גייט פּונקט אף א האָר!

אף אזא גליקלעכן זייגער־באַזיצער האָב איך געקוקט, ווי אף אן אויס־דערוויילטן, און דער כאָלעם פון מײַן לעבן איז געוואָרן אויך צו זײַן איינער פון די אויסדערוויילטע.

און די צײַט איז דערווײַל געגאַנגען. ציבעלע־זייגערס זײַנען ארויס פון דער מאָדע, זייער אָרט האָבן פאַרנומען בראַסלעט־זייגערס, און איצט האָב איך שוין אָנגעהויבן מעקאַנע זײַן יענע גליקלעכע, וואָס פאַרמאָגן עלעגאַנטע בראַסלעטן.

דעמלט בין איך שוין געווען א באָכער, און מײַן „זייגערלאָזיקײַט" האָט מיר נאָך מער ווי געטאָן, ווײַל מאכמעס דעם האָב איך שטענדיק פאַרזאַמט אף אָפּגערעדטע טרעפונגען, און ווען כ׳בין א פאַרסאָפּעטער שוין געקומען אפן ראַנדעוווּ מיט א היפּשער פאַרשפּעטיקונג, האָט דאָס מיידל געזאָגט מיט פאַריבלדיק־פאַרצויגענע ליפּעלעך:

— איך זע, אז אײַער זייגער איז היפּש אָפּגעשטאַנען! אינטערעסאַנט, וויפל ווײַזט ער איצט?... באַווײַזט נאָר...

הײַנט גיי זײַ זיך מוידע, אז דו האָסט קיין זייגער ניט און האָסט אים קיינמאָל ניט געהאַט! און א סאַך יונגע ליבעס זײַנען מיר טאַקע דורך דעם פאַר דער צײַט פאַרשניטן געוואָרן...

א גאַנץ לעבן קאָן אָבער א מענטש דאָך אָן א זייגער ניט בלײַבן, און ענדלעך, נאָך מערערע יאָרן, איז געקומען דער גליקלעכער טאָג, ווען כ׳האָב זיך אײַנגעשאַפט א זייגער. מער דאַרף איך שוין קיינעם ניט זײַן מעקאַנע. אָבער, א מאָדנע זאַך — מיט הארצווייטעק און שטילן טרויער דערמאָן איך זיך אין יענע צײַטן, ווען כ׳האָב נאָך קיין זייגער ניט פאַר־מאָגט, ווען כ׳האָב מעקאַנע געווען, ווען כ׳האָב אפילע פאַרזאַמט אף ראַנ־דעוווּען...

ווײַל איצט דינט מיר דער זייגער בלויז אף צו וויסן פּינקטלעך די צײַט, ווען אײַנצונעמען רעפואָס.

דער געבורטסטאָג

מיט א צײַט צוריק האָב איך באגעגנט א באקאנטע פרוי. איינע פון די, וואָס האָבן אריבערגעלעבט די צײַטן פון אומקום... זי איז געגאנגען אין באגלייטונג פון א שיינעם, שווארצכיינעוודיקן יונגנמאן. איך האָב זי באגריסט און געוואָלט גיין ווײַטער, אָבער די פרוי האָט מיך אָפּגע־שטעלט.

— באקענט זיך מיט מײַן זון! — האָט זי געזאָגט און צוגעגעבן מיט שטאָלץ — א יונגער דאָקטער איז ער.

מיר זײַנען געגאנגען א שטיקל וועג צוזאמען. באלד האָט דער דאָקטער זיך אנטשולדיקט און איז אוועק, איבערלאָזנדיק מיך מיט דער מוטער.

— א שיינער זון בא אײַך — האָב איך געזאָגט — ווי אלט איז ער?

— יאָרן האָט ער זעקס־און־צוואנציק — האָט זי שטיל און פארטראכט געענטפערט — אָבער געבאָרן איז ער מיט דרײַ־און־צוואנציק יאָר צוריק... וויאזוי, וועט איר פרעגן? וויאזוי? אָט ווי...

א ווײַלע האָט זי געשוויגן, פארטיפט אין זיך. נאָכדעם אָנגעהויבן:

— ווען ס'איז געקומען די צײַט איבערצוואנדערן אין געטאָ, האָט א לעטישער פרײַנט פון מײַן שוין פריער דערמאָרדעטן מאן באהאלטן אין א האָלץ־קעלער מיך מיט מײַן יינגעלע, אָט דעם זעלביקן. געווען איז ער דעמלט נאָך ניט קיין פולע צוויי כאדאָשים. אין דער באהעלטעניש האָבן מיר געלעבט... יאָ, געלעבט... אין מעשעך פון יאָרן, אָן ליכט, אָן לופט, קימאט אָן באוועגונג... דאָס קינד איז געוואקסן, אָפּטמאָל געוואָלט א שטיף טאָן, נאָר איך האָב אים געהאלטן אין איין אײַנשטילן, אין איין האמעווען. ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָב איך בא דער שײַן פון קוים־פּינטלענדיקן לעמפּל פאר אים פאָרגעלייענט א ביכל. מיט אויסגעצערטע פינגער האָט דאָס קינד געטײַטלט אף די בילדער און מיט פארשמאכטע ליפּן מיר נאָכגערעדט:

„א הינטעלע. א הינטעלע מאכט האו־האו".

— א הינטעלע? — האָט דאָס קינד פארכידעשט געפרעגט — וואָס איז דאָס א הינטעלע? וויאזוי מאכט ער האו־האו? ווײַז מיר א הינטעלע, מאמינקע...

— איך קאָן דיר דאָס איצט ניט ווײַזן, מײַן קינד... — האָב איך געענטפערט א פארקלעמטע — שפּעטער וועסטו עס זען, שפּעטער...

דאָס אייגענע איז געווען מיט די בילדלעך פון א קאץ, פון א פערד, פון

א קו... און מיר איז פון טאָג צו טאָג אַלץ שווערער געוואָרן אים צו ענטפערן...

ענדלעך איז געקומען די באַפרייַונג און מיר זייַנען אַרויס פון אונ־דזער קעלער, האָבן דערזען די זון, דערהערט שטימען פון לעבן. מייַן ייִנגעלע האָט צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיט דער ליכטיקער וועלט, און ווען אַף אונדזער ערשטן שפּאַצירגאַנג איז אונדז אַנטקעגן געלאָפן אַ פערד, האָבן באַם קינד זיך צעשטראַלט די אויגן.

— זע נאָר! זע נאָר! — האָט ער אויסגערופן מיט אַ פרייד, וואָס כ׳האָב צום ערשטן מאָל דערהערט אין זייַן שטים — אַ פערדעלע! פונקט ווי דאָרטן, אין ביכל... אָבער עס לויפט דאָך!

אין אַ ווייַלע אַרום האָט ער געזען און געהערט נאָך וווּנדערלעכע זאַכן, אָן אַ שיר וווּנדער.

— גיב נאָר אַ קוק, מאַמינקע! — האָט ער מיך געהאַלטן אין איין צופּן באַם קלייד — אַ הינטעלע! און עס לויפט דאָך אויך! און מאַכט האַו־האַו! אוי, ווי גוט... האַו־האַו! האַו־האַו!

און ער איז אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן נאָכגעלאָפן. אַליין אויך ווי אַ יונג לאַשעקל, וואָס רייַסט זיך אַרויס פון די פּענטעס און שפּרינגט און טאַנצט אַנטקעגן דער זון.

— און טאַקע דעמלט — האָט די פרוי פאַרענדיקט — דעמלט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען די לעבעדיקע, זון־באַשטראַלטע וועלט, איז ער דאָך אַף אַן עמעסן געבאָרן געוואָרן. דעמלט, מיט דרייַ־און־צוואַנ־ציק יאָר צוריק, איז אויסגעפאַלן זייַן אייגנטלעכער געבורטסטאָג...

אדרעסן

— האָסטו ניט צופעליק דעם אדרעס פון ק.? — האָב איך געפרעגט מײַנעם א פרײַנט.

— וואָס הייסט „צופעליק"? — האָט יענער זיך באַליידיקט. — בא מיר קאָנסטו געפינען די אדרעסן פון אלע מײַנע באַקאַנטע!

ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע א גראָב ביכל און מיר געוויזן, ווי אָנגעפּיקעוועט עס איז מיט נעמען, אדרעסן און טעלעפאָנען. די זײַטלעך זײַנען געווען געדיכט באַשריבן אין דער לענג און אין דער ברייט, און אפילע די טאָוולען זײַנען געווען באַטינטלט מיט נאָטיצן.

— אָט איז ער, מײַן אדרעסן־בוך! — האָט ער מיט שטאָלץ געזאָגט.

— נו — האָב איך א שמייכל געטאָן — האָסט דאָס א ביסל באַקאַנטע, קיין אײַנהאָרע. אינגיכן וועט דאָך שוין בא דיר אין בוך קיין אָרט ניט קלעקן.

— וועל איך אײַנפּירן א צווייטן! און מעגסט מיר גלייבן — אין יענעם וועט אויך גאָר גיך קיין אָרט ניט זײַן. ס'קומען צו אלץ נײַע נעמען, נײַע אדרעסן.

מ'דאַרף צוגעבן, אז דער דאָזיקער שמועס איז פאָרגעקומען מיט פיל יאָרן צוריק.

נאָכדעם איז איבער דער וועלט אריבער א בייזער שטורעם, איך בין אף לאַנג צעשיידט געוואָרן מיט מײַן פרײַנט. און ווען מיר האָבן ענדלעך זיך ווידער באַגעגנט אין אונדזער שטאָט, זײַנען זײַנע ערשטע ווערטער געווען:

— געדענקסט מײַן בוך מיט די אדרעסן? ווי ער איז שוין אינגאַנצן פול געווען, איך האָב זיך געקליבן אײַנפּירן א נײַעם? איצט גיב א קוק...

מיט א זיפץ האָט ער ארויסגענומען פון קעשענע א דאַרינק נאָטיץ־ביכעלע, מיט א ציטערדיקער האַנט א פּיר געטאָן איבער דעם און ביטער געזאָגט:

— אָט אין דעם ביכעלע גייען ארײַן אלע מײַנע אדרעסן... און ס'בלײַבן נאָך איבער א שפּאָר ביסל ליידיקע זײַטלעך. דאָס איז אלץ, וואָס מ'האָט מיר איבערגעלאָזט... דאָס איז אלץ...

די גוטע, ליבע זון

אין די קינדער־יאָרן איז מיר איינמאָל אין א ווינטער־פארנאכט אויס־געקומען גיין צוזאמען מיט מײַן פאָטער איבער א שליאך. פון איין זײַט וועג האָט זיך געצויגן א טונקעלער, סוידעסדיקער וואלד, פון דער אנדע־רער זײַט — א פעלד, וואָס איז געלעגן פארטוליעט אין אן ענדלאָזער שניי־קאָלדרע, און מיר ביידע האָבן געשטעלט אונדזערע טריט אפן שליטן־וועג און געשפאנט און געשפאנט אינמיטן פון אָט־דער אין שטיל־קײַט און קעלט פארקאָוועטער פרעכטיקער וועלט.

און ווי איך האָב אזוי געהאלטן אראָפּגעלאָזט די אויגן אפן שניי, האָב איך מיטאמאָל צו מײַן שטוינען געזען, ווי איבער זײַן ווײַסקײַט שפרייט זיך פאמעלעך אויס א צארט־ראָזער שלייער. איך האָב אופגעהויבן דעם בליק און דערזען, ווי ווײַט־ווײַט, איבערן פאס, ווו עס באגעגענען זיך הימל און פעלד, איז גאָר נידעריק און גרויס ווי א ראָד געהאנגען א רויטע צעפלאַמטע זון. א זון אזא, ווי איך האָב זי קיינמאָל אין אונדזער שטאָטישן הויף ניט געזען. און אויסגעדאכט האָט זיך מיר, אז זי קוקט אזוי אומעטיק און אזוי ווי פארשעמט.

— פארוואָס איז די זון אזא אומעטיקע? — האָב איך געפרעגט דעם פאָטער.

ער האָט זיך א ווײַלע פארטראכט און אָנשטאָט צו ענטפערן גאָר א פרעג געטאָן בא מיר:

— זאָג, דיר איז הײַנט געווען קאלט?

— אוודע, א גאנצן טאָג האָב איך געהאלטן אין איין פרירן...

— אָט דערפאר טאקע איז זי אומעטיק, די גוטע זון — האָט מײַן פאָטער מיר אופגעקלערט — זי האָט דיך דאָך אזוי געוואָלט דערווארעמען! אָט אזוי ווי זי טוט דאָס זומער. אָבער אירע קאלטע און בלאסע ווינטער־דיקע שטראלן האָבן קיין קויעך ניט געהאט, און אזוי האָט זי זיך ארומגע־דרייט א גאנצן טאָג און קיינעם איז פון איר ניט געוואָרן אף א האָר אפילע ווארעם. און דערפאר איז זי איצט, פארן אוועקגיין, פארשעמט און אומעטיק...

איך האָב איר שטארק מיטגעפילט, דער אָרעמער זון. און כ׳דערמאָן זיך, אז איך האָב אפילע אינדערשטיל אונטערגעכליפעט.

ס׳איז אוועק א ביסל צײַט און דער ווינטער האָט זיך גענומען געזע־גענען. נאָכדעם האָט שוין די זון מיט א ווארעם שמייכעלע גענומען ארײַנ־

קוקן צו אונדז אין הויף. פון טאָג צו טאָג האָב איך געזען, ווי זי קומט אַלץ מער צו די קרעפטן.

דעמלט האָט מײַן פֿאָטער מיר געזאָגט:

— געדענקסט יענעם ווינטערדיקן פֿאַרנאַכט, ווי אומעטיק די זון איז געווען? און זע נאָר, ווי זי שײַנט און שטראַלט איצט. דאָס שטראַלט זי פֿון פֿרייד און נאַכעס, ווײַל ס'איז געקומען איר צײַט צו לײַכטן און צו וואַרעמען. מער וועט זי שוין ניט דאַרפֿן צוקוקן זיך, ווי א וועלט פֿרירט, מער וועט איר ניט אויסקומען צו שעמען זיך, וואָס זי קאָן מיט גאָרנישט העלפֿן...

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך זיך באַקענט מיט די געזעצן, וואָס הערשן אין וועלט־רוים. מיר זײַנען ניט פֿרעמד די באַגריפֿן „עקליפּטיק", „פֿרילינג־פּונקט", „הימל־עקוואַטאָר". געוויס איז די זון אַדאַנק זיי מיר געוואָרן נעענטער און דאָס וועלט־בילד פֿאַרשטענדלעכער. אָבער אינדערעמעסן דערנעענטערט צו מיר די זון האָט יענע נאַיווע און האַרציק וועלט־בילד, וואָס מײַן פֿאָטער האָט מיר אין דער קינדהײַט אויסגעמאָלט. אַזוי דערנעענטערט, אַז כ'אַטש נעם און שטעק איר אָפּ אַ שאָלעם־אַלייכעם, דער גוטער, ליבער זון.

פוסטע פיש

אין יענעם טאָג פון מײַן פריִער קינדהײַט, ווען כ׳בין צום ערשטן מאָל ארויס אף פישפאנג, האָט מײַן ווענטקע, ווי עס שײַנט, קעסיידער אָנגעטראָפן אף געניטע פיש. אף פיש, וועלכע האָבן גוט פארשטאנען די קונץ פון ארויסדרייען זיך פון יעדער סאקאָנע, ווײַל וויפל מאָל עס האָט געפיקט און וויפל מאָל די ווענטקע איז שוין שווער געוואָרן אין מײַן האנט — ארויסגעצויגן אָבער האָב איך זי שטענדיק א לײַכטע און א ליידיקע. דער סאָף איז געווען, אז נאָכן אָפּזיצן אומזיסט און אומנישט לאנגע שאָען באם טײַך, בין איך אוועק אהיים א דערשלאָגענער און פארשעמטער, טראָגנדיק א פוסט קוישל אין האנט. און נאָך מער האָט מיר פארקלעמט באם הארץ, ווען מײַנע שוועסטערלעך האָבן מיר געמאכט דעם עמעסן קאבאָלעספּאָנעם.

— מאזלטאָוו דיר, גרויסער פישכאפּער וואָס דו ביסט! — האָבן זיי געכויזעקט — אָט וועלן מיר דאָס הײַנט עסן פיש פון דײַן פאנג! די עמעסע געשמאקע פיש...

— און מיר וועלן דאָס טאקע עסן! — האָט די מאמע געזאָגט ערנסט און שטיל און מיטן פארטעך מיר אויסגעווישט די הייסע טרערן. — ווי מיינט איר, ער וועט אײַך זשאלעווען פיש? א פולן קויש האָט ער דאָך געבראכט צו טראָגן!

— געבראכט?!.. געבראכט... פיש?! — האָבן די שוועסטערלעך דערשטוינט איבערגעפרעגט, און מיר האָט מאמעס אויסגעפעלט אָטעם. כ׳האָב אפילע פארגעסן, אז כ׳דארף וויינען...

— יאָ — האָט מײַן מוטער דערקלערט. — ער האָט געכאפּט אזעלכע פיש, וואָס ניט אלע זעען דאָס. פוסטע פיש הייסט דאָס. אָט וועל איך זיי אויסקאָכן צו וואַרמעס, און איר וועט האנאָע האָבן...

און אונדזער מישפּאָכעלע האָט טאקע געהאט האנאָע. מיר האָבן געהאט האנאָע און נעבעך ניט געוווסט, אז דאָס עסן מיר א פּאָשעטע בולבעיויך, אָן א שפּור פון פיש, פארקאָכט בלויז מיט פעטרישקע און צוגעווירצט מיט פעפער און ציבעלע. א מאָגערע אָרעמאנסקע יויך אונטער א צוגעטראכטן אָפּנארערישן נאָמען...

...יאָרן זײַנען אוועק, און דער אמאָליקער פישפאנגער איז געוואָרן א שרײַבער. ער האָט ווײַטער אָנגעהויבן פארוואַרפן זײַן ווענטקע. איצט אָבער ניט אף צו כאפּן פיש — נאָר געדאנקען. און אויך אזוי ווי דעמלט — געלינגט אים ניט שטענדיק דער פאנג: עס טרעפט, אז ער זיצט אָפּ זייער

לאנג אין דערוואַרטונג, און וויפל מאָל אים דאַכט זיך, אַז אָט איז ער שוין דאָ, דער געדאַנק — ציט דער פישער אַרויס אַ גרינגע און ליידיקע ווענטקע. דעמלט איז ער דערשלאָגן און פאַרשעמט און ס׳קומט אים אויף די דערמאָנונג אין די פוסטע פיש פון זײַנע קינדער־יאָרן.

„און וואָס וועט זײַן — טוט אים אַ דראַפּ אין פאַרקלעמטן האַרץ אַ בייזער טײַוול — וואָס וועט זײַן, ווען דו וועסט אויך אַזוי, ווי דײַן מאַמע, די פוסטע פיש, פאַרוואַנדלען דעם פוסטן געדאַנק אין אַ פּאָטראַווע? קיין בייז ניט, מע וועט אופּעסן... מעגלעך, נאָך מיט מער האַנאָע, ווי אַן עכטן געדאַנק...

און איך בין זיך מודה: אַמאָל פאַל איך אַרונטער אונטער דעם ניסאָיען און פּרוּוו צוגרייטן אַזאַ געקעכץ. אָבער דאָס גייט זיך ניט אײַן. ווײַל דאָס, וואָס עס קאָן געמאַכט ווערן מיט פיש, לאָזט זיך ניט אָפּטאָן מיט געדאַנקען. דאָ קאָן מען קיינעם ניט נאַרן, און פון אַ פוסטן געדאַנק לאָזט זיך קיין געריכט ניט מאַכן.

ליקע־כאמע

צום ערשטן מאָל האָב איך געזען א זון־פֿאַרטונקלונג, ווען כ׳בין נאָך געווען א קליין ייִנגל. איך בין דעמלט געלעגן א שלאָפער, און מײַן פֿאָטער האָט מיך, אָן אײַנגעוויקלטן אין קאָלדרע, ארויסגעהויבן פֿון בעטל און צוגעטראָגן צום פֿענצטער. ער האָט מיר פֿאַרשטעלט די אויגן מיט א פֿארויכערט גלעזל און געהייסן קוקן אף דער זון, אף וועלכער ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן ארופּצורוקן עפּעס א שווארצער טעלער און אלץ מער און מער פֿארשטעלט איר שײַן.

איך בין געוואָרן א פֿארציטערטער און מיט שרעק ארומגעכאפּט דעם פֿאָטערס האלדז.

— אוי, כ׳האָב מוירע, וואָס איז דאָס פֿאר אזא שווארצע באָבע־יאכנע, וואָס קריכט אף דער זון און וויל זי אופֿרעסן?!

— שרעק זיך ניט, מײַן קינד! דאָס איז ניט קיין באָבע־יאכנע, דאָס איז די לעוואָנע.

— די לעוואָנע? — האָב איך אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגן — די לעוואָנע קען איך דאָך, זי איז א זילבערנע... פֿארוואָס איז זי מיטאמאָל געוואָרן אזא שווארצע?

— זי איז אלעמאָל אזא — האָט מײַן פֿאָטער מיך גענומען באקענען מיט אסטראָנאָמיע — און וואָס דו זעסט זי שטענדיק א זילבערנע, איז דאָס ניט איר אייגן ליכט. זי באָרגט אלעמאָל ליכט בא דער זון.

דאָס האָט זיך שוין ווײַטער ניט געלייגט אף מײַן קינדישן סייכל און כ׳האָב אויסגערופֿן דערשטויגט:

— וויבאלד זי באָרגט, איז דארף זי דאָך זאָגן א דאנק דער זון, אזוי ווי דו זאָגסט שטענדיק דעם פֿעטער ליפֿע, בייס ער באָרגט דיר עפּעס... איז פֿארוואָס פֿרעסט זי זי גאָר?

נו, דעמלט בין איך נאָך געווען א טמימעסדיק קינד און געמעגט א סאך זאכן ניט וויסן. איצט פֿארשטיי איך שוין, אז דער, וואָס פֿארמאָגט ניט קיין אייגן ליכט, פֿארמעסט זיך אָפּט צו פֿארשטעלן און אופֿצופֿרעסן יענע, אין וועמענס שטראלן ער לעבט.

א פּאַשעט סטעאַרין־ליכטל

ווען די אָוונט־שאָטנס האָבן שוין געגומען געדיכט הויערן איבער מײַן צימער, האָב איך מיט דער געוווינטער באוועגונג א דריק געטאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל. אָבער דאָסמאָל האָט איבער דער שטוב זיך ניט געטאָן א שווענק די שײַן — די עלעקטריע איז קאַליע געוואָרן. איך האָב אויסגעזוכט ערגעץ א פאַרוואַלגערטע סטעאַרין־ליכט, און בא איר פּינטלענ־דיקער שײַן זיך געזעצט צום שרײַבטיש. נאָר מײַנע אויגן זײַנען שוין אָפּגעוווינט געוועןן פון אזא מין צאַנקענדיק פלעמל, און דאָס שרײַבן איז געווען ניט לײַכט: כ׳האָב זיך אליין פאַרשטעלט מיטן שאָטן פון מײַן האַנט, די אויגן זײַנען מיר גיך אײַנגעמאַטערט געוואָרן, און אָנשטאָט אויסיעס האָבן זיך באַקומען קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס... איך האָב אָפּגעלייגט די פּען, אָנגעלענט דעם קאָפּ אין טיש און זיך איבערגעגעבן טרויעריקע געדאַנקען וועגן דעם אין ביוועץ־פאַרגאַנגענעם אָוונט.

און דאָ האָט זיך דאָס אָנגעהויבן.

עפּשער האָב איך אײַנגעדרעמלט און ס׳איז געווען א כאָלעם. מעגלעך, אז דאָס איז געשען אף דער וואָר... אָבער גאָר אומדערוואַרט האָט פון דעם לײַכטער, ווו דאָס פלעמל האָט געצאַנקט און אונטערגעשפּרונגען, זיך דערטראָגן צו מיר א שטילע שטים:

„עפּעס... געפעלסטו מיר ניט... — האָב איך דערהערט א שעפּטש, וואָס איז איבערגעשלאָגן געוואָרן דורך א לײַכט טראַסקען — מ׳זאָגט... דו ביסט א שרײַבער... איז דאַרפסטו דאָך שרײַבן... און דאָ זיצסטו גאָר... אראָפּגע־לאָזן דעם קאָפּ... און טוסט גאָרנישט!"

„אז דײַן שײַן איז אזוי טונקל — האָב איך זיך באַקלאָגט — מיר טוען וויי די אויגן!"

„אַך אזוי... דיר טוען וויי... די אויגן?.. און דעריבער... קאָנסטו ניט טאָן... וואָס דו דאַרפסט... — האָט די שטים איראָניש זיך אָפּגערופן און צוגעגעבן: — נו, הער זיך אָקאָרשט צו!"

איך האָב זיך צוגעהערט. פון דעם לײַכטער האָט זיך געטראָגן א זשיפּען און א צישן, גלײַך ווי עמעץ וואָלט מיט זשעדנע ליפּן עפּעס ארומגע־לעקט.

„הערסט? — האָט די שטים געפרעגט. און ווי ס׳וואָלט זיך רעדן וועגן גאָר א פּאָשעטער, זעלבסטפאַרשטענדלעכער זאַך, האָט זי צוגעגעבן: — דאָס פרעסט דער פלאַם מײַן לײַב... ער לעקט מיך גיריק ארום, און אונטער יעדן טויטלעכן לעק זײַנעם צאַנקט מײַן לעבן אַלץ מער. אָבער אויסגייענ־

דיק, גיב איך פונדעסטוועגן שײַן, באַלײַכט אויף דעם שטיקל טיש, אַף וועלכן דו דאַרפסט שרײַבן — און שרײַבסט ניט...״

א פאַרשעמטער האָב איך זיך אַ ריס געטאָן צו דער פען. ווו איז אַהינגעקומען מײַן מידקײַט, דער ווייטעק אין די אויגן, די טונקלקײַט, פאַר וועלכער כ׳האָב אָקאָרשט זיך אַזוי געשראָקן? מיט פלאַם און ברען האָב איך גענומען שרײַבן בײַ דער צאַנקענדיקער און פינטלדיקער שײַן פון ליכטל, וואָס האָט מיר געלויכטן ביז דער לעצטער אָטעם איז אים אויסגעגאַנגען.

אָט אַזוי האָט אין יענעם אָפּדערנאַכט די סטעאַרין־ליכט מיר באַוויזן, ווי אַ לעבן דאַרף אויסגעלעבט ווערן.

א שמועס מיט מײַן פּאָרטרעט

אין איינעם אַן אָוונט, ווען איך האָב אופגעהויבן די פאַרמאַטערטע אויגן פונעם קסאַוויאַד, האָב איך מיטאַמאָל דערזען, ווי מײַן פּאָרטרעט, וואָס הענגט איבערן שרײַבטיש, קוקט אף מיר מיט א מין באַדויערן... אין ערשטן מאָמענט בין איך גאָר צעטומלט געוואָרן. אָבער באַלד בין איך אַרויס פון די קיילים און מיט כּאַס זיך צעשריִען:

— וואָס איז דאָס עפּעס פאַר א ראַכמאָנעסדיקער בליק?! וואָס, אייגנט־לעך, באַדויערסטו מיך?

געזאָגט האָב איך דאָס גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, נאָר קעדיי זיך אַראָפּ־צורײדן פון האַרצן, און נאַטירלעך אף קיין ענטפער ניט געוואַרט. צו מײַן גרויסער שטוינונג אָבער האָב איך מיטאַמאָל דערהערט, ווי דער פּאָרטרעט זאָגט שטיל:

— איך זע, אַז די לעצטע צײַט האָט זיך אײַנגעקאַרבט א נײַער קנייטש אין דײַן שטערן און ס׳זײַנען דיר צוגעקומען גראָע האָר... יאָ, דו ווערסט אַלץ עלטער. אָבער א מאָדנע זאַך — איך בין מיט דיר איין לײַב און איין נעשאָמע און איך בין נאָך אַלץ יונג! נאָך אַלץ ווי דעמאָלט, ווען איך בין באַשאַפן געוואָרן. אָן איין קנייטש, אָן איין גראָער האָר... אָן...

— הער צו! — האָב איך אים שאַרף און ביטער איבערגעשלאָגן: — אַנשטאָט מיר צו שיטן זאַלץ אף די ווונדן, וואָלט עפּשער גאָר געוועזן א פּלאַן, זאָלסט מיר גרינגער מאַכן מײַן לעבן און איבערנעמען אף זיך מײַן עלטער ווערן? דיר וועט עס דאָך ניט וויי טאָן...

דער פּאָרטרעט, ווי עס שײַנט, ניט גאָר אומבאַהאַוונט אין ליטעראַטור, האָט פלינק אָפּגעענטפערט:

— די מײַסע מיטן פּאָרטרעט פון דאָריאַן גריי לאָז אָפּ! שוין אַוועק די צײַטן, ווען אונדזער איינער האָט זיך מאַקריוו געווען... איך אַליין וויל אויך בלײַבן יונג! אָבער איך קאָן דיר געבן אַן אייצע ווי דו זאָלסט זיך פאַרלײַכטערן די לאַסט פון דײַנע יאָרן, און וועסטו מיך נאָר פאָלגן — וועסטו אויך אַזוי ווי איך שעמערירן מיט אַלע פאַרבן פון דער יוגנט!

— איז וואָס דאַרף איך דערצו טאָן? — האָב איך געפרעגט אומגע־דולדיק.

— טאָן? פאַרקערט — דאַרפסט אופהערן צו טאָן! לייג אַוועק דײַן אַרבעט, וואָס קאָסט דיר אַזויפיל געזונט; הער אוף זיך נעמען צום האַרצן אַלץ, וואָס אַרום דיר טוט זיך; לאָז ניט צו צו זיך קיין פרעמדן צאַר;

רעאגיר ניט מיט שארפקייט אף אוולעס; באגייסטער זיך ניט, האָב ניט האַלט און האָב ניט פיינט, זיי צו אלץ גלייכגילטיק...

— אך, אזוי?! — האָב איך אים ניט געלאָזט ווייטער ריידן — ניט ליב האָבן און ניט פיינט האָבן?! זיין גלייכגילטיק? ניין! איך וויל ניט זיין גלייכגילטיק! איך וויל לעבן מיט די זאָרגן פון מיינע מיטמענטשן, איך וויל ווייטעקן מיט זייערע צאָרעס און זיך פרייען מיט זייערע סימכעס! — איך וויל מיט אלע מיינע קויכעס זוכן צו לינדערן די ווונדן פון דער וועלט — און מעג דאָס מיר קאָסטן מיין לעבן!..

דער פאָרטרעט האָט אומצופרידן צונויפגעשנירלט די ליפן, האָט מיך קרום אָנגעקוקט — און זינט יענעם באנאכטיקן שמועס שוין מער אף מיר מיט באדויערן ניט געקוקט. איצט קוק איך שוין אף אים מיט באַדויערן. איך באדויער אים, וואָס ער איז אלע מאָל דער זעלביקער, וואָס דאָס לעבן גייט אים פארביי, רירט אים ניט אָן... איך אָבער — זאָל זיין מיט גראָע האָר, מיט א צעקנייטשטן שטערן... אָפטמאָל מיט ביטערניש ארום די ליפן — איך בין אָבער גליקלעך, וואָס כ׳געפין זיך אין קאָך און ברויז פונעם לעבן און וואָס מיינע טעג און יאָרן ווערן ניט אומזיסט אויסגעלעבט.

דער ווינט אין פּנים

מיט מעשונעדיקן אימפּעט יאָגט דער ווינט מיר אנטקעגן, שמײַסט מיט בלוט־גליווערנדיקער פאַרביסנקײַט אין פּנים, שנײַדט זיך אײַן מיט שפּיציקע נעגל אין מארך פון די בייגער און שלײַדערט מיר אין די אויגן היפּנס שטעכיקן שנייִקן געווירבל. אָט ווי עס וואָלט אים געגאַנגען אין לעבן ניט צו דערלאָזן מיך זיך באַוועגן פאָרויס.

„קוק נאָר אָן דעם העלדז״ — הילכן זײַנע גרילצן אין מײַנע פאַרטויבטע אויערן. — זע נאָר, ווי ער דערוועגט זיך דאָס צו שטעלן טריט קעגן מיר! וואָלסט בעסער געטאָן ווי יענע, וועלכע האלטן זיך מיט מיר און גייען אין מײַן ריכטונג... גיב א קוק, ווי גרינג זיי שפּרײַזן — דאָס טראָג איך זיי אָף מײַנע פליגל! טו אויך אזוי און פאַרלאָז זיך נאָר אָף מיר, איך וועל דיך שוין ברענגען...״

„וווהין וועסטו מיך ברענגען? — שלאָג איך אים איבער און כאַפּ טייקעף א פּאַטש פאר מײַן האַזע. — דו וועסט מיך דאָך ברענגען ניט אהין, וווּ איך וויל! וועסט מיך טראָגן אָף צוריק, אָבער איך, — גיב איך צו מיט שטאָלץ, — איך וויל גיין פאָרויס!״

„איז גיי, אויב דו ווילסט און קאָנסט! — ברומט ער ארויס און טוט פונדאָסנײַ גאזלאָניש זיך א וואָרף אָף מיר, און גיט צו מיט בײַסיקער וואָרענונג, — אָבער פאַרגעס ניט, אז דאָס גייסטו קעגן מיר!״

צי קאָן איך אָבער דאָס פאַרגעסן, וויבאלד ער דערגייט מיר אזוי די יאָרן? איך ראַנגל זיך מיט אים, גיב זיך ניט אונטער זײַנע צאָרנדיקע שטויסן, יעדער טראָט קומט מיר אָן מיט יעסורים, — אָבער איך רוק זיך דאָך פאָרויס! אין דעם פאַרביטערטן געראַנגל וואַרעמט מיך און טרייסט מיך די האָפענונג: ווען איך וועל סאָפּקאָלסאָף דערגרייכן מײַן ציל און וועל נאָכדעם זיך פאַרנעמען אָף צוריקוועגס — וועט דער ווינט שוין מער ניט באַשווערן מײַן גאנג, דעמלט וועט ער מיך דאָך אונטערשטופּן פון רוקן...

און אָט בין איך מיט מי און מאַטער שוין אָנגעקומען. א צעפּאַטשטער, א צעשמיסענער, א פאַרכאַלעשטער — אָבער א צופרידענער, וואָס כ׳האָב זיך ניט אונטערגעגעבן! און איצט דאַרף מען זיך נעמען אָף צוריק, אפּן גוטן און לײַכטן וועג...

אָבער — צו אלדי רוכעס! — ווי נאָר איך האָב זיך אויסגעקערעוועט, האָט זיך אויך אויסגעקערעוועט דער ווינט און האָט ווײַטער אָנגעהויבן

יאָגן מיך אנטקעגן און מיך שמײַסן אין פּאָנעם נאָך מיט גרעסערער אכזאָריעס, ווי פריִער.

„האָסטו מיך אזוי מיִעס אָפּגענארט, ווינטו! — זאָג איך אים מיט פארביטערונג, — איך האָב דאָך געהאָפט, אז דו וועסט אף מײַן צוריקוועגס יאָגן אין מײַן ריכטונג, און דו האָסט, מיר, אף צולאָכעס, זיך געטאָן א קער! ווו איז דײַן באשטענדיקײַט, ווינטו?"

„כא־כא־כא! — האָט דער ווינט געשטשירעט די ציין, — אף מײַן באשטענדיקײַט האָט ער געהאָפט! זײַ וויסן, אז באשטענדיק בין איך נאָר מיט יענע, וואָס גייען מיט מיר... די אָבער, וועלכע פּרווון גיין קעגן מיר, — זיי האָבן אויך מיך שטענדיק קעגן זיך! איך האָב פײַנט אקשאָנים, וואָס פאָלגן ניט!"

ער האָט זיך העפקערדיק צעפּאָכעט און צעהוליעט, מיך געיאָגט און געפּײַניקט, און דעם גאנצן וועג האָב איך שוין קיין מינוט מענוכע ניט געהאט.

מוטערשאַפט

ערגעץ אויף אַ פּאַרוואָרפענער מיטלאַזיאַטישער סטאַנציעלע האָב איך געזען אַ יונגע מאַמע, וועלכע האָט אין די עוואַקואַציע־וואָגלענישן פאַרלאָרן איר זויג־קינד. זי איז געזעסן אַ צעשויבערטע, אַ פאַרשטאַרטע אין איר צאַר, אין די ניטפינטלדיקע אויגן האָט מיט טרוקענער ווילסטקייט געגליט ייִעש, און אויף איר בלוזקע זײַנען זיך צעשוואומען צוויי פּליאַמעס און זיך אַלץ פאַנאַנדערגעוואַקסן. דאָס האָט די מוטער־מילך געפלאָסן פון אירע בריסט, געפלאָסן און געגאַנגען אין ניוועץ.

אויף דער באַנק אַנטקעגן איר איז געזעסן אַ צווייטע מאַמע, אַן אוזבעקין, און האָט געהאַלטן אַן אײַפּעלע אין איר שויס. דאָס קינד איז אײַנגעטוליעט געווען אין וואַרעמען שלאָף, האָט זיס אונטערגעמורמלט, און איבער די גריבעלעך פון זײַנע פּוכקע בעקלעך האָט אַרומגעפלאַטערט אַ שמייכעלע. די יונגע מאַמע האָט אָנגעקוואָלן, זיך שפּיגלענדיק אין איר קינד, אָבער זי האָט קעסיידער געוואָרפן אומרויִקע און מיטפילנדיקע בליקן אויף דעם שווערמוטיקן געשטאַלט אַנטקעגן און צײַטנווײַז האָט פון איר אויג אַרויסגעפּערלט אַ דורכזיכטיקע טרער. איינע אַזאַ טרער האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט אויפן פּענעמל פון איר שלאָפנדיקן קינד און אים אָפּגעבריט... דאָס קינד האָט מיטאַמאָל זיך צעוויינט, אופגעהויבן זײַן קעפּעלע, זוכנדיק דעם וועג צום קוואַל, פונוואַנען עס שטראָמט אין אים שטענדיק אַרײַן די באַלעבנדיקע שעפע.

נאָר דאָס מאָל האָט די מאַמע דעם קוואַל פאַר אים ניט געעפנט. זי האָט האַסטיק זיך אַ הייב געטאָן און צו צו דער פאַרשטאַרטער פרוי קעגניבער און, ניט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט, מיט גרייטקײַט אַרײַנגעלייגט אין איר פאַרבענקטן שויס דאָס וויינענדיקע קינד.

און ס'איז געשען דער נעס. דערפילנדיק די וואַרעמע מאַסע פון דעם צאַפּלדיקן קלומעקל, האָט די עלנטע אופגעציטערט, געוואָרפן אַ צעטומלטן בליק אַרום זיך און אופכאַפּנדיק דעם ווײַסציינערדיקן ליבהאַרציקן שמייכעלע פון דער, וואָס האָט איר געבראַכט די ווונדערלעכע מאַטאָנע, האָט זי מיט פאַרכאַלעשטע און אומגעדולדיקע פינגער גענומען אופשפּיליען איר בלוזקע. ווי אַ זון פון הינטער כמאַרעס, האָט פונדאָרטן אַרויסגעקוואָלן אַ לויכטנדיקע ברוסט און האָט טייקעף געפונען איר וועג צו די זשעדנע לעפּצעלעך, וואָס האָבן מיט אַ פריילעך פאַרכלינעטן מרוקען אָנגעהויבן אַריבערציִען אין דעם אופקוועלנדיקן גופל די פלייצנדיקע לעבנס־זאַפטן.

דעמלט האָט פון דער האַרצן פון דער האָדעווענדיקער פרוי זיך אַרויסגעריסן

א זיפץ פון פארלײַכטערונג. ווײַל דאָס קליינע פריילעכע פרעסערל האָט זי באפרײַט פון קלעם און צוריק זי באהעפט צו די פריידן פון מוטערשאפט. און די מאמע פונעם קינד, די וואָס האָט אליין אים אריַינגעלייגט אין דעם אומבאקאנטן שויס, האָט אין אָנהייב א ביסל א פארלאָרענע זיך צוגעקוקט צו דעם, ווי אין איר אויפעלעס לײַבעלע שטראָמען ארײַן פרעמדע זאפטן — ס׳האָט איר א שטאָך געטאָן אן אייפערזוכט... אָבער דאָס דאָזיקע געפיל האָט פארשאָטנט איר געמיט נאָר אף איין רעגע, און באלד האָבן פרייד־טרערן געגומען לויכטן אין אירע מוטערפערלדיקע אויגן: דאָס האָט זי פארכלינעט די דערהויבנסטע פרייד — די פרייד פון פארשאפן דעם מיטמענטשן גליק, טיילנדיק מיט אים דאָס טײַערסטע, וואָס מע פארמאָגט נאָר אליין.

שטעכלדראָט

מיט גרויס גיַיווע באַוויַיזט מיר דער באַלעבאָס זײַן גערוימען סאָד, וואָס איז ארומגעצוימט מיט א הויכן פּארקאַן, איבער וועלכן עס שטשירעט זיך בייז א געדיכטע פארפלעכטעניש פון שטעכלדראָט.

— קומט ווען־ניט־איז ארײַן די זון אין אײַער סאָד? — פרעג איך.

דער באַלעבאָס קוקט מיך אָן פארכידעשט און טוט א מורמל:

— א מאָדנע קאַשע שטעלט איר... מיסטאמע א קאַטאָוועסל, האַ?

— איך מיין עס ערנסט. קאָנען דען די שטראַלן פון דער זון ארײַנדרינגען אהער, ווײַבאַלד דאָ שטייען אף דער וואך אזעלכע שטעכיקע בייזע היטער?

דער באַלעבאָס מעסט מיך אָפּ מיט א ביטלדיקן בליק און נעמט מיך לערנען סייכל:

— נישקאָשע, — זאָגט ער, — האָט קיין אגמעס־נעפעש ניט! די זון קומט אהער, און מײַנע פּיירעס וואַקסן גוט... און וואָס אײַך געפעלן ניט די שטעכיקע היטער — איז שיין וואָלט איך אויסגעזען, ווען איך שטעל ניט אוועק אָט דעם פּארקאַן מיט דראָט, מע וואָלט מיך דאָך בעדיל־האַדאַל געשטעלט... שפּילט זיך מיט די מענטשעלעך, אז אלע זײַנען גאַנאָווים און גאַזלאָנים, אז מע טאָר זיי ניט אָנטרויען פונדאַנען אהין, אז...

ווי עס שײַנט, איז דאָס זײַן באַליבטע טעמע, און ער פארנעמט זיך גאַנץ ברייטלעך. איך שלאָג אים איבער:

— נו, נו... זיי זײַנען גאָרניט אזוי שלעכט, די מענטשן... האָט איר גאָר קיינמאָל ניט געטאָן א טראַכט...

— אז מע דאַרף וועגן זיי וואָס ווייניקער טראַכטן! — רופט ער אויס. — מע דאַרף זיך נאָר אָפּטיילן פון זיי! אָפּשיידן מיט פּארקאַנעס, מיט שטעכלדראָט. איר הערט: מיט שטעכלדראָט!

— אָבער צי ווייסט איר, — דערווידער איך, — אז פונקט ווי ער לאָזט ניט ארײַן, דער שטעכלדראָט, לאָזט ער אויך ניט ארויס? אז איר זיצט הינטער אים, ווי אין א טפיסע?

דאָס באַגרײַפט ער שוין גאָרניט, דער באַלעבאָס, און ער קוקט מיך אָן פארוווּנדערט.

— א טפיסע?.. — מורמלט ער, ניט פארשטייענדיק, — אין מײַן אייגענעם גאָרטן?

— אוודאי זײַט איר אין א טפיסע! — נעם איך ארײַנטײַנען אין אים. — איר פרייט זיך, וואָס צו אײַך קאָן קיינער ניט ארײַנקומען. אָבער צי קאָנט

איר דען ארויס אף צו דערזען א וועלט, צו דערזען מענטשן? איר קוקט אף זיי דורכן שטעכלדראַט, זעען זיי אײַך אויס שלעכט. ווארפט אָבער אוועק דעם שטעכלדראָט, באפרײַט זיך פון דער טפיסע, אין וועלכער איר האָט זיך אליין פארשפארט, און איר וועט דערזען, אז...

ער האָט מיך ניט אויסגעהערט ביזן סאָף און איז אוועקגעלאָפן ברענגען א לייטער. איך האָב געקוקט, ווי ער קלעטערט ארויף אפן פארקאן, און געווארט ער זאָל אראָפּשלײַדערן פון דאָרט דעם שטעכלדראָט. אָבער ער האָט נאָר פאריכט די פארבויגענע שטעכלקעס און זיי נאָך מער פארשפיצט...

א סטאַטיסטיקער

איינער א באַקאַנטער מײַנער איז א גרויסער מײַדים אַף סטאַטיסטיק. ער ווייסט אַלץ אַף דער וועלט, אַלץ וואָס עס לאָזט זיך נאָר וועגן און מעסטן און ציילן. וועקט אים אוף אינמיטן דער נאַכט און טוט אים א פרעג, מיט וואָס פאַר א טעמפּ עס וואַקסן די נעגעלעך בא א יונגן קעצל, אָדער וועד עס באַוועגט זיך געשווינדער — א גלעטשער, צי א העכט, — וועט ער, זיך רײַבנדיק די אויגן, מיט א פאַרשלאָפענער הייזעריקער שטים באַלד אָפּענטפערן:

— די נעגעלעך אַף די לאַפּקעס בא א יונגן קעצל וואַקסן צו אין מעשעך פון א מעסלעס אַף 0,01 מילימעטער...

— א גלעטשער באַוועגט זיך מיט דער שנעלקײַט פון 0,0005 מילימעטער אין א סעקונדע, א העכט שווימט מיט דער גיכקײַט פון 4,4 מעטער אין א סעקונדע...

אָפּגעזאָגט, וועט ער זיך א קער טאָן מיטן רוקן צו דער וואַנט, אריבערציִען די קאָלדרע איבערן קאָפּ און אײַנשלאָפן מיטן רויִקן געוויסן פון א מענטשן, וואָס האָט אויסגעפּילט זײַן שליכעס אַף דער וועלט.

טרעפט איר אים אין גאַס — איז פרעגט יאָ, צי פרעגט ניט, — וועט ער אײַך פאַרשיטן מיט קאָלערליי סטאַטיסטישע ידיִעס: וויפל טאָן עס וועגט א העלפאַנד, און וויפל מיליאַניקע טיילעכלעך פון א מיליגראַם עס וועגט א טיפּוס־באַציל; וועגן דעם סכום גיפט, וואָס קוועלט אָן בייסן ווינטער־שלאָף אין דעם סאַם־פּענכער פון א שלאַנג, און וועגן דעם סכום האָניק, וואָס א בין אַרבעט אויס אין מעשעך פון איר גאַנץ לעבן; ווי טיף עס איז די פעל־קעשענע אַפן בויך פון א קענגורו, און ווי לאַנג עס איז דער ווײַדל פון אַן איכטיִאָזאַוור...

איר פרוווט זיך מיט אַלע מעגלעכקײַטן אַרויסדרייען פון זײַנע הענט. אָבער ער האַלט אײַך פעסט פאַר א קנעפּל און זאָגט גיך־גיך, איר זאָלט כאָלילע ניט באַוויַזן אוועקצוגיין:

— און דאָס ווייסט איר, אַז אין דעם דאָרעם־אַמעריקאַנער אַמאַזאָנקע־טײַך ווידמען זיך זיבן הונדערט מינים פישן? געוויס ניט, און פונוואַנען זאָלט איר דאָס וויסן?.. און אַז אין מעשעך פון א פרילינג־טאָג פּליסט אַרויס פון א בערעזע 5,1 ליטער סאָק?

און אַפילע דעמלט, ווען אײַך געלינגט שוין זיך אַרויסצוראַטעווען און צו אַנטלויפן, איבערלאָזנדיק בא אים אין האַנט אײַערס אַן אַרויסגעריסן קנעפּל, קלינגט אײַך נאָך פונדערווײַטן זײַן שטים:

— און דאָס מעגט איר אויך וויסן, אז אין בלוט פון א רעגן־וואָרעם איז פאראן העמאָגלאָבין אין סכום...

איינמאָל, ווען איך האָב אים באגעגנט און ער האָט, ווי שטענדיק, אָנגעהויבן שיטן מיט ציפערן, האָב איך ניט אויסגעהאלטן און אים איבערגעשלאָגן:

— וויבאלד איר זײַט שוין יאָ אזא בעריע און קלײַבט זיך אזוי גוט פאַנאנדער אין אלע וואָגן און מאָסן און צאָלן אף דער ערד און אין די וואַסערן, און אפילע אין די אינגעווײדן פון אלע באשעפעניש, — וואָלט עפשער געווען א יוישער, איר זאָלט אופקלערן, ווי עס האלט בא אונדז, מענטשן, מיט די מאָסן און מיט די וואָגן?

— וואָס מיינט איר דערמיט? — האָט ער זיך געכידעשט, — איך פארשטיי ניט...

— כ'וואָלט וועלן, אשטייגער, הערן פון אײַך, וויפל טאָן עס וועגט א שווערער מענטשלעכער כאראקטער, און וויפל טײלעכלעך פון א מיליגראם עס וועגט דעם מענטשנס לײַכטזין... ווײַטער ווילט זיך מיר וויסן, וויפל קילאָמעטער עס האלט א מענטשנס געדולד; און, כוץ דעם, ווי טיף עס קאָנען זײַן מענטשלעכע געפילן, ווי ברייט עס איז זײַן נאטור? זײַט מויכל און רעכנט מיר אויך אויס פאריינוועגס, מיט וואָס פאר א געשווינדקײַט עס פליט א מענטשנס געדאנק, ווי הויך עס פארנעמט זיך זײַן פאנטאזיע, ווי גרויס עס איז זײַן אייגנליבע? און וואָס פארא דרוק עס קאָן אויסהאלטן זײַן שטאָלץ, און וויפל גראד היץ האלט זײַן צאָרן... איר האָט אויסגעכעזשבנט, וויפל סאָרטן פיש עס וידמען זיך אין דעם ווײַטן אמעריקאנער טײַך — אָבער פארוואָס רעכנט איר בעסער ניט אויס, וויפל טויזנטער מינים מענטשן עס גייען ארום זײַט בא זײַט מיט אונדז? איר וועגט און מעסט אלץ — איז פארוואָס וועגט איר ניט און מעסט ניט די גוטסקײַט און כאווערשאפט, וואָס אונדזערע מענטשן טראָגן אין הארצן איינער פארן אנדערן? די העלדישקײַט, וואָס זיי ווײַזן ארויס בא זייער טאָגטעגלעכער מי? די פעסטקײַט און זיכערקײַט, מיט וועלכער זיי שפאנען צו דער ליכטיקער צוקונפט?.. און אָנשטאָט דעם אלעמען פארמיסטיקט איר גאָר אײַער מויעך און דרייט אונדז א ספאָדעק מיט די אלע ציפערן וועגן די ווײדלען פון איכטיאָזאווערן און וועגן די בלוטן פון רעגן־ווערעם!

אויסגעהערט מיך, האָט דער סטאטיסטיקער זיך א קראַץ געטאָן אין פייע און אין פארלעגנהײַט געבומען מורמלען:

— מענטשן... געפילן... געדאנקען... וועגן דעם, זעט איר, האָב איך גאָר קיינמאָל קיין קלער ניט געטאָן... פאָשעט, קיין צײַט ניט געווען דערוף. איך בין דאָך אזוי פארנומען, אזוי פארנומען...

צוטרוי

פון טראַמוויַ בין איך אַראָפּ מיט א האַרץ, פול ביטערניש. קיין ליגנער, דאַכט זיך, בין איך ניט, און דאָ האָט מען מיר אַרויסגעוויזן אומצוטרוי, פאַרגעוואָרפן א ליגן און געצוווּנגען צו באַצאָלן שטראָף פאַר א נישט־באַגאַנגענעם כעט! פאַרשטייט זיך, אַז ניט דער געלט־היזעק האָט מיר וויי־געטאָן, נאָר געקלעמט באַם האַרצן האָט מיך די איבערגעלעבטע פּײַנלעכע באַגעגעניש מיט מענטשלעכן פאַרשטיינערטן אומצוטרוי. און געשען איז דאָס אַזוי:

אין דער שטופּעניש פון וואַגאָן האָב איך אומבאַמערקט פאַרלאָרן מײַן בילעט, דער קאָנטראָליאָר אָבער האָט בעשום־אופן ניט געוואָלט מיר גלייבן. ס'האָבן אים ניט איבערצײַגט מײַנע דערקלערונגען, ס'האָט אויך ניט געהאָלפן דאָס איידעס־זאָגן פון עטלעכע מיטפאָרער, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי כ'האָב אַרײַנגעוואָרפן אין קעסטל א מאַטבייע און אָפּגעריסן א בילעט. דער דאָזיקער נעפעש איז געווען קאַלט און אומדערשיטערלעך ווי אַן אײַזבאַרג. און מיט דעם גאַנצן פונויבנאַראָפּ־ביטל פון א גײַוועדיקן און שמאָלקעפּיקן מאַכטהאָבער, האָט ער פון צווישן די ציין אַרויסגעזײַט זײַן ענדגילטיקן פּסאַק:

— איר זענט געפאָרן אָן א בילעט, איז צאָלט, זײַט מוחל, שטראָף.

איך בין אַראָפּ פון טראַמוויַ מיט ביזיוינעס און געשפּרײַזט איבער גאַסן, אַליין ניט וויסנדיק וווּהין. אַזאַ שווערן און צעטומלענדיקן אײַנדרוק האָט געמאַכט אויף מיר דאָס אָקאָרשט איבערגעלעבטע...

„ווען וועלן מענטשן אָנהייבן אַרויסווײַזן צוטרוי איינער צום אַנדערן?" האָב איך געטראַכט, און אין מײַן אַנטוישונג געקומען צום פאַרצווייפלטן געדאַנק, אַז מענטשן וועלן אייביק זײַן קאַלט און פּײַנטלעך און וועלן זיך קיינמאָל ניט אויסלערנען אַרויסווײַזן צוטרוי איינער צום אַנדערן...

אַזוי שפּאַנענדיק אין צערודערטקײַט האָב איך מיטאַמאָל דערפילט, ווי אין מײַן אויפגערעגט־ציטערנדיקער האַנט רוקט זיך אַרײַן עפּעס ווייכס און וואַרעמס. און דאָ האָב איך דערזען, ווי א קליינער מענטש פון א יאָר דרײַ־פיר לויפט מיט דריבנע טריטלעך בײַ מײַן זײַט, קוקט אויף מיר פון אונטן אַרויף מיט גרויסע ליבהאַרציקע אויגן, רוקט מיט זיכערקײַט זײַן קליין וואַרעם הענטל אין מײַן האַנט, און פּלאַפּלט דערבײַ עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכע זיסע פּלאַפּלערײַ.

געדויערט האָט דאָס אַלץ א רעגעלע, ווײַל באַלד האָט אונדז אָנגעיאָגט

א יונגע פרוי, א כאפּ געטאָן מײַן אומדערוואַרטן באַגלייטער פאַרן פרײַען הענטל, און א פאַרפּרייכטע און א ביסל א פאַרשעמטע זיך געווענדט צו מיר:

— אנטשולדיקט... איך האָב זיך א ביסל פאַרקוקט, איז מײַן שטיפער אנטלאָפן און צוגעשטאַנען צו אײַך! לאָז שוין אָפּ דעם פּעטערס האַנט, הערסט?

אָן באַזונדערן כיישעק האָט דאָס יינגעלע אַרויסגענומען זײַן הענטל פון מײַן האַנט און אוועקגעשפּאַנט מיט דער מאַמען. ער האָט זיך אָבער אַלע ווײַלע אומגעקוקט, מיר אַלץ צוגעווונקען, און איך האָב געזען, ווי זײַנע פרישע ליפּעלעך באַוועגן זיך, און מיר האָט זיך אַפילו אויסגעדאַכט, אַז איך הער, וואָס זיי שעפּטשען...

„אַזא גרויסער פּעטער, ווי דו ביסט", האָבן זיי געשעפּטשעט, „אַזא פּעטער, און ווייסט נאָך אַלץ ניט, אַז שוין פון די ערשטע טריט ווײַזן מענטשן אַרויס צוטרוי איינער צום אַנדערן... יאָ, שוין פון זייערע ערשטע טריט!"

„וואָס א ציבעלע די ווערט איז"

„מיט מיר טאָר מען זיך ניט אָנהייבן! — האָט א שארפן טראכט געטאָן די ציבעלע, צוזעענדיק, ווי דער מענטש, שנײַדנדיק פון איר ריפּטלעך, באגיסט זיך מיט טרערן. — שטענדיק האָט ער נאָר געהאלטן אין איין פארלעצן מײַנע איידלסטע געפילן, שטענדיק אין איין כויזעקן איבער מיר מיט זײַן ווערטל „וואָס א ציבעלע די ווערט איז..."; אָט זאָל ער טאקע איצט זען, וואָס איך בין ווערט און וואָס איך קאָן אופטאָן — פון איצט אָן וועט ער שוין אייביק ווײנען!"

און די ציבעלע האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם, א געטרייסטע דורך דעם געדאנק, אז זי האָט שוין איין מאָל פאר אלע מאָל זיך אָפּ־גערעכנט מיטן מענטשן... זי האָט שוין אָבער ניט דערזען, אז ווי נאָר איר ביטערקײַט האָט זיך אויסגעוועפּט און אופגעהערט עסן דעם מענטשנס אויגן — זײַנען אויך אויסגעטריקנט געוואָרן זײַנע טרערן. און פונוואנען זאָל א ציבעלע וויסן, אז טרערן, וואָס ווערן געבוירן פון א דרויסנדיקער ביטערקײַט, טריקענען גיך אויס, און אז בלויז מיט אזעלכע טרערן, וואָס קומען פון אינעווייניק, ווײנט מען לאנג.

קינדער־צייכענונגען

זיי זײַנען, פאַרשטייט זיך, געווען גאַנץ פּרימיטיוו, די צייכענונגען פון דעם זעקסיאָריקן שימעלען, וואָס זײַן באָבע האָט מיט שטאָלץ אונדז באַוויזן און וועלכע מיר, די געסט, האָבן מיט איבערגעטריבענעם אינטע־רעס באַטראַכט און אויס העפלעכקײַט געלויבט. נאָר באַם צוקוקן זיך צו די אַלע הײַזעלעך און שיפעלעך און טראַמווײַען און עראָפּלאַנען, וואָס דער יונגער קינסטלער האָט מיט גרויס זאָרגלאָזיקײַט און מיט ניט צו גרויסן דרערכערעץ צו גראָדע ליניעס אָנגעטינטלט אין דער לענג און אין דער ברייט פונעם פּאַפּיר, האָט אין די אויגן זיך געוואָרפן אַ טשיקאַווע זאַך: די מענטשלעכע געשטאַלטן, מיט וועלכע דער קינדערישער בלײַער האָט באַזעצט די הײַזער און טראַליייבוסן און שיפן פון זײַן פאַנטאַזיע, זײַ־נען שטענדיק געווען גרעסער פון די שיפן און די הײַזער גופא.

— עפּעס האַלט אײַער יונגערמאַן ניט שטאַרק פון פּראָפּאָרציע... — האָט איינער פון די געסט מיט אַ שמייכעלע געזאָגט.

— דאָס איז ניט נאָר ער אַליין! — האָט די באָבע זיך באַליידיקט פאַר איר האָדעוואַניק, — אַלע קינדער צייכענען אַזוי: פיגורן פון מענטשן קו־מען בא זיי אַרויס טאָמיד גרעסער פון אַלץ אַנדערס...

— קינדער בלײַבן קינדער! — האָט אַ צווייטער באַמערקט און טיפּזי־ניק צוגעגעבן: — דעם עמעסן באַגריף וועגן פּראָפּאָרציע באַקומען זיי דאָך ערשט שפּעטער, ווען זיי וואַקסן אויס...

און אַ קוק געטאָן ווי אַ זיגער אַרום זיך. דאָס הייסט — „שאַצט אָפּ ווי געהעריק מײַן שאַרפזינען!"

אָבער ער ווייס ניט, דער דאָזיקער שאַרפזיניקער מענטש, אַז דעם עמעסן זין פאַר פּראָפּאָרציע האָבן טאַקע די קינדער גראָד קאָלזמאַן זיי זײַנען נאָך קינדער, און אַז האַלעווײַ וואָלטן די דערוואַקסענע זיך גע־לערנט בא זיי צו זען דעם מענטשן שטענדיק גרויס.

ווען דער כעזשבן שטימט ניט

מיט אינטערעס קוק איך זיך צו, ווי געשיקט דער בוכהאַלטער יאָגט אַרום די ביינדלעך איבער דער רעכן־ברעט. שטימט דער כעזשבן, בלײַבן די ביינדלעך רוען; שטימט ער ניט, טוט דער באַל־כעזשבן זיי אַ טרײַב אַהין, פונוואַנען זיי זײַנען געקומען, און הייבט אָן רעכענען פונדאָסנײַ. אַזוי עטלעכע מאָל. אַז עס פאַלט צונויף ביז אַ קאָפּעקע, הייבט ער אויף די אויגן און קוקט מיך אָן מיט דער צופרידנקייט פון אַ מענטשן, בײַ וועמען אַלץ איז אין אָרדענונג.

— איך זע, — זאָג איך צו אים, — אַז איר זײַט שטאַרק קאָנטעט מיט דעם, וואָס דער כעזשבן שטימט...

— אוואַדע! — ענטפערט ער און גיט צו מיט אַ פולער זיכערקײַט, — פרײַער צי שפּעטער מוז דאָך דער כעזשבן שטימען!

— אויף דער רעכן־ברעט געוויס! — רוף איך אויס, — אין לעבן אָבער גייט ניט אַלעמען אַזוי. דער מענטש קאָן מיט זײַנע טעג ניט טאָן דאָס אייגענע, וואָס איר טוט מיט די רעכן־ביינדלעך...

— און וואָס, אַשטייגער, וואָלט ער באַדאַרפט טאָן? — קוקט מיך אָן דער בוכהאַלטער מיט כידעש.

אָבער אָנשטאָט צו ענטפערן דירעקט, טו איך אים גאָר אַ פרעג:

— ווי האַלט איר, באַגייט דער מענטש אין זײַן לעבן טאָעסן?

— דאַכט זיך, אַז יאָ. עפּשער נאָך מער, ווי מיר אין אונדזערע גראָס־ביכער...

— אוואַדע זײַט איר גערעכט! — בין איך מאַסקים, — אָבער ווען בײַ אײַך שטימט ניט דער כעזשבן, וואָס טוט איר? איר רעכנט איבער איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז ער גייט זיך צונויף... זאָגט מיר אָבער, וואָס קאָן טאָן אַ מענטש, ווען ער באַגייט אַ טאָעס אין לעבן און דער כעזשבן בײַ אים שטימט ניט? ער קאָן דאָך ניט צוריקיאָגן די טעג און אָנהייבן פונדאָסנײַ!

— טאַקע עמעס. אָבער דערצו איז פאַראַן אַ מיטל, אַ פּאָשעטער מיטל. איידער מע גייט עפּעס טאָן, דאַרף מען אָפּצופרײַער אין קאָפּ און אין האַרצן גוט באַרעכענען... דעמלט וועט זיך אין סאַכאַקל קיין טאָעס ניט אַרײַנכאַפּן!

געוויס איז ער גערעכט, דער בוכהאַלטער. טויזנט מאָל גערעכט. און אַלע ווייסן וועגן אָט דעם מיטל. מע באַנוצט זיך אָבער מיט אים ניט אָפט, און דעריבער שטימט דער כעזשבן ניט שטענדיק.

פאַרבײַגײער

אױף אַ באַנק אין סקװער האָב איך געזען זיצן אַן עלטערן מענטשן. ער איז געזעסן אײַנגעהױקערט, האָט געשטאַרט פֿאַר זיך מיט אַן אומבאַװעג־לעכן, פֿאַרװײטיקטן בליק. איך האָב זיך צוגעזעצט אױפֿן אַנדערן עק באַנק, אַ װײַלע זיך צוגעקוקט פֿון אַ זײַט, און נאָכדעם אים געפֿרעגט:

— איר פֿילט זיך ניט גוט? אײַך העלפֿן מיט עפּעס?

ער האָט זיך פּאַמעלעך אױסגעדרײט צו מיר, מיט אַ בלאַסן שמײכל מיך אָנגעקוקט און אַרױסגעבראַכט מיט אַ שװאַכער שטים:

— יאָ, כ׳האָב זיך טאַקע... געפֿילט ניט מיט אַלעמען... אָבער איר האָט מיר שױן געהאָלפֿן... איך דאַנק אײַך... איך דאַנק אײַך!

— איך?.. געהאָלפֿן!?..— האָב איך זיך געכידעשט, — מיט װאָס האָב איך אײַך, אײגנטלעך, געהאָלפֿן?

— די גרעסטע הילף איז געװען פֿאַר מיר דאָס, װאָס איר זײַט ניט פֿאַרבײַגעגאַנגען... זאָגט מיר, איך בעט אײַך — האָט ער זיך צוגערוקט צו מיר, — איר האָט זיך קײנמאָל ניט פֿאַרטראַכט אױפֿן באַטײַט פֿונעם גרױ־ליקן װאָרט „פֿאַרבײַגײן״?

— גרױליקן? װאָס מײנט איר דערמיט?

— יאָ, יאָ, גרױליקן! — האָט ער געזאָגט און צוגעגעבן מיט באַטאָ־נונג — פֿאַר־בײַ־גײן!.. דאָס באַטײַט דאָך — ניט אַרױסװײַזן קײן אינטע־רעס, ניט לײגן קײן אַכט אױף מענטשן, זײ איבערלאָזן אױף הפֿקר... מיך שרעקן זײ שטענדיק, די יעניקע, די װאָס גײען פֿאַרבײַ. דאָס זײַנען דאָך מענטשן גלײַכגילטיקע, אומבאַטײליקטע. מענטשן, װאָס קוקן אױף אַלץ מיט אַ מינע פֿון „ס׳איז ניט מײַן אײסעק״.

— נו, איר איבערטרײַבט! — האָב איך דערװידערט, — ניט אַלע זײַנען דאָך אַזעלכע פֿאַרבײַגײער...

— צום גליק, ניט אַלע, — האָט ער צוגעגעבן — אָבער אַ סאַך, אַ סאַך... מיר איז דאָך געװען אַזױ שלעכט, אַזױ שלעכט! און — איר װעט מיר גלײבן? — װי נאָר איר האָט זיך צוגעזעצט, איז מיר שױן גרינגער גע־װאָרן... אַ דאַנק אײַך דערפֿאַר, אַ דאַנק!

ער האָט זיך אױפֿגעהױבן, מיר לאַנג געדריקט די האַנט, איז אַװעק מיט זײַן װעג. און איך בין געבליבן זיצן און קלערן װעגן דעם, װי לײַכט, אײגנטלעך, עס איז אױפֿצוריכטן אַ מענטשן, צוגעבן אים מונטערקײט. אױף דעם איז גענוג בלױז אַרױסװײַזן אים אַ קאַפּעלע אױפֿמערקזאַמקײט. מע דאַרף אים נאָר ניט פֿאַרבײַגײן.

בענקשאַפט

דער פיש האָט זיך געצאַפּלט, פון צײַט צו צײַט אַ שפּרונג געטאָן הויך איבערן טיש. ווען ס׳איז אַזוי פאַרבײַ אַ היפּשע ווײַלע און ער האָט נאָך אַלץ ניט געטראַכט אופצוגעבן די כּעזשבוינעס מיט זײַן געפּײַניקט שטיקל לעבן, האָט מײַן פרוי גענומען און אַרופגעשאָטן אויף אים אַ הײַפעלע זאַלץ. דעמלט האָט ער פאַרקאַטשעט אין לעצטן אָטעם די צעלעכצטע לעפצן, דער גלאָץ פון זײַנע אויגן האָט גענומען גליווערן, ער האָט עטלעכע מאָל אופגעציטערט און געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך.

— נו, זיך אָפּגעמאַטערט... — האָט מײַן פרוי געזאָגט. — ווי איז עס מיר פריִער ניט געקומען אויפן סײכל? ס׳איז דאָך אַזאַ פּאָשעטע כימישע רעאַקציע: די זאַלץ האָט אײַנגעזאַפּט די פײַכטקײַט, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן אין די זשאַברעס...

געוויס איז דאָס טאַקע אַ פּאָשעטע כימישע רעאַקציע. די כימיע האָט אָפּגעהאַלטן אַ ניצאָכן איבערן פיש. אָבער עפּשער האָט ער זיך געזעגנט מיטן לעבן ניט נאָר מאַכמעס דער כימישער רעאַקציע? עפּשער האָט אים די זאַלץ דערמאָנט אין דער געזאַלצענער היים זײַנער, אין דער פרײַער צעשטורעמטער היים, וועלכע ער וועט שוין מער קײנמאָל ניט זען?

מיר דוכט, ער איז געשטאָרבן פון בענקשאַפט, דער אָרעמער פיש.

ברייטער די טריט!

א הארב פרעסטל האָט ארויסגעשטופּט דעם פוילן שמעלץ־וועטער מיט אלע זײַנע טריפנדיקע דעכער און צעווייקטע שנייען, און האָט שטײַף פאַרצויגן די ברוקן מיט א בייזן גלאַנץ. מענטשן גייען און פאַלן, גייען און פאַלן. מיר, עמעס, האָט נאָך דערווײַל אָפּגעגליקט, און איך האלט זיך אף די פיס. אָבער אז אָך און ווי צו אזא האלטן זיך: איך מוז פאַכדאָנעס־דיק אײַנצײַען מײַנע טריט, אָנשטאָט דעם געוויינלעכן דרײַסיקסאנטימע־טערדיקן שפּאַן שטעלן א קורצינקן צענסאנטימעטערדיקן, און דערצו קלאַפּט מיר נאָך בא יעדן טראָט מײַן הארץ, ווי בא א גאזלען, און כ׳בא־דעק זיך מיט קאַלטע אנגסטן.

און ווי איך בין אזוי פאַרטאָן מיט לײַב און לעבן אין דעם פּײַנלעכן פאַרויסרוקן זיך, דערהער איך מיטאמאָל א לוסטיקע שטים אויסרופן הינטער מײַן רוקן:

— ברייטער די טריט, פרײַנט!

ס׳איז שוין פינצטער, אָבער לויט דעם קאָל דערקען איך א באקאנטן.

— ווי קאָן איך שטעלן ברייטערע טריט — ענטפער איך מײַן אייצע־געבער — אז אָט־אָט און איך פאַל?

— אי־אײַ! — באַדויערט ער — איך זע, אז איר האָט פאַרלאָרן די זי־כערקײַט אין זיך... און דאָס טויג ניט! איבעריקנס — גיט ער צו מונטער, — באלד איז שוין אויס סאקאָנע. די גאס הינטער דעם ראָג איז אויסגעשאָטן מיט זאמד.

און אזוי ריידנדיק, פירט ער מיך צו ביזן ראָג.

— און איצט — זאָגט ער, — מעגט איר שוין גיין זיכער!

אין מאָמענט פארגעס איך אלע אָקאָרשט איבערגעלעבטע שרעקן און נעם שטעלן ברייטע טריט. דערבײַ זאָג איך צו מײַן באגלייטער:

— ווי ווייניק א מענטש האָט דאָס נייטיק אף צו געווינען די פאַרלוי־רענע זיכערקײַט! אָפּטמאָל קלעקט אף דעם בלויז א ביסעלע זאמד...

ווען איך שטעל זיך אָפּ פאר מײַן הויז־טיר, גרייט שוין ארײַנצוגיין, רופט ער זיך אָפּ אף מײַנע פריִערדיקע ווערטער:

— איר האלט, אז נאָר זאמד? — ניין! זאמד אליין איז ווייניק. אף צו געווינען זײַן פאַרלוירענע זיכערקײַט, דאַרף א מענטש זיך אויסלערנען ברייטער שטעלן די טריט. און איצט, אז איר זײַט שוין דורך אײַער וועג און קיין איין מאָל זיך ניט אויסגעגליטשט, וועל איך אײַך אנטפּלעקן דעם סאָד. דער ברוק, איבער וועלכן מיר זײַנען געגאנגען, איז מיט קיין זאמד ניט באשאָטן.

אין דער טיף

איך האָב ליב געאָלאָגן. איך האָב זיי ליב דערפאַר, ווײַל זיי באַנוגענען זיך ניט מיט דער אויבערפלאַך און גראָבן שטענדיק אין דער טיף. אָבער ווען כ׳האָב איינמאָל זיך דערקלערט אין ליבע מײַנעם א פרײַנט, א געאָ־לאָג, האָט ער מיך אפילע ניט אויסגעהערט ביזן סאָף און אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן.

— זײַ ניט אזוי ניספּאָעל פון אונדזערע אופטועז! — האָט ער אויסגע־רופן, דורכנעמענדיק מיך מיט זײַנע שאַרפע, פון בויערן זיך אין דער טונקעלער ערד געשליפענע אויגן — מעגסט וויסן, אז בא אונדזער גאַנצן גראָבן און נישטערן זײַנען מיר אַרײַנגעדרונגען אין דער טיף פון דער ערד־קאָרע בלויז אף א טויזנט־צוויי־הונדערט־זיבעציקסטן טיילכל פון דעם ערד־ראַדיוס און מיר האָבן נאָך אפילע ניט דערגרייכט ביז צו דער אזוי־גערופענער מאַנטיע, צו דעם אָרט, ווו עס קאָכט און זידט דער אומרו פון דער ערד, ווו עס ווערן געבוירן ערדציטערנישן, ווו שטיינער ווערן אין גרויס יעסורים איבערגעשמאָלצן און איבערגעפּורעמט! פאַר אונדז, געאָ־לאָגן — האָט ער טרויעריק פאַרענדיקט — איז דאָס אַלץ נאָך אומדער־גרייכבאַר, דערפאַר אָבער פאַר אײַך, שרײַבער...

דאָ האָב איך אים איבערגעשלאָגן:

— אַלע טײַנעט איר איינס „פאַר אײַך, שרײַבער" — האָב איך זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן — אָבער וואָס „פאַר אונדז, שרײַבער?" פאַרגעס ניט, אז נאָר בא אײַך, געאָלאָגן, איז אַלץ אויסגעמאָסטן און אויסגערעכנט, און אז נאָך איידער איר נעמט זיך גראָבן און זוכן די אָנשיכטונגען, ווייסט איר שוין פאָרויס, אין וועלכן אָרט און אין וואָס פאַר א סכום דאָרטן זײַנען פאַראַן די און יענע ארצן, די און יענע מינעראַלן, די און יענע כימישע עלעמענטן... אָבער מיר? וואָס וויסן מיר, אָרעמע שרײַבער? ווי אָפט טרעפט זיך, אז מיר זוכן א פרישן קוואַל פון מענטשלעכקײַט — און שטויסן זיך גאָר אָן אף פאַרהאַרטעוועטע אָנלאַגערונגען פון פאַרביסנקײַט און פוסטער גײַווע... וויפל מאָל געפינען מיר אָנשטאָט די געזוכטע ברייט־האַרציקײַט און איידלמוט — זשעדנעקײַט און ניטפאַרגינערײַ! און גראָד דעמלט, ווען מיר נישטערן נאָך געדאַנק און גײַסט — שלאָגט אונדז גאָר אַנטקעגן א רייעך פון פוילעניש און טעמפּקײַט! — און כ׳האָב פאַרענדיקט מיט א פאַרביטערונג — איז אָט האָסטו דיר דעם „פאַר אײַך, שרײַבער"!

דער געאָלאָג האָט אופמערקזאַם אויסגעהערט און צום סאָף פאַרטראַכט געזאָגט:

— וואָס זאָל איך דיר אָף דעם ענטפערן? איך קאָן נאָר זאָגן איינס: אויב פאַר אײַך, שרײַבער, זײַנען אָט די אומדערוואַרטע דערשײַנונגען א שווערקײַט און א שרעק — זײַט איר שלעכטע שרײַבער! פאַר אײַך זײַנען דאָך ניטאָ קיין גרענעצן אַזוי ווי פאַר אונדז, איר קאָנט דערגרייכן צו די טיפסטע טיפעניש ן, איר קאָנט זיך דערגראָבן צום סאַמע מאָקער פון מענטשלעכן אומרו, ביז צו דעם קאַלך־אויוון, ווו עס לײַטערן זיך די געפילן... איז שרײַבט אַזעלכע ביכער, וואָס אין זייער היץ זאָלן צעשמאָלצן ווערן די פאַרהאַרטעוועטקײַטן פון זשעדנעקײַט, סינע, טעמפּקײַט און פון אַלע אַנדערע מיִעסע אָנלאַגערונגען, וואָס שטערן דעם מענטשן זיך צו אַנטפּלעקן אין זײַן גאַנצער שיינקײַט און גרייס! שרײַבט אַזעלכע ביכער, וואָס זאָלן צעצינדן אין גײַסט און געמיט איידעלע געפילן, וועקן פרוכּ־פּערדיקע און שעפערישע געדאַנקען! ווער נאָך אַזוי ווי איר, שרײַבער, איז באַרופן מיטן קויעך פון אײַער וואָרט אויסצולײַטערן און איבערצוגע־שטאַלטיקן דעם מענטשן?..

אָף דעם האָב איך אים ניט געקאָנט דערווידערן, מײַן פרײַנט, דעם געאָלאָג, וואָס קוקט אין דער טיף. אַוואַדע זײַנען מיר, שרײַבער, באַרופן צו טאָן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אויסגערעכנט. אָבער טוען מיר דאָס טאַקע אין דער געהעריקער מאָס?..

א מענטשלעך האַרץ

איבערלייענענדיק אַן אַרטיקל וועגן דעם, ווי אַ באַרימטער ספּעציאַליסט מאַכט אָפּעראַציעס, אַרויסרופנדיק בײַ די פּאַציענטן אַ צושטאַנד פֿון אומנאָרמאַל־נידעריקער קערפּער־טעמפּעראַטור, האָב איך זיך ניט געפֿוילט און אָנגעשריבן אַזאַ בריוול:

„כאָשעווער פּראָפעסאָר! געלייענט, אַז איר אָפּערירט מענטשן, אָפּקילנדיק דעם קערפּער ביז צוועלף גראַד. איז מיר אויפֿגעקומען אַ פֿראַגע: דראָעט ניט בײַ דער נידעריקער טעמפּעראַטור אַ סאַקאָנע, אַז דאָס האַרץ זאָל פֿאַרפֿרוירן ווערן אויף אייביק?" אויף דעם האָב איך באַקומען אַן ענטפֿער:

„אַזאַ געפֿאַר איז ניט פֿאַראַן. וועדליק די פֿעסטשטעלונגען פֿון דער וויסנשאַפֿט, קאָן אַ האַרץ איבערטראָגן די נידעריקסטע טעמפּעראַטורן".

און אַ צושריפֿט איז געווען אין בריוו: „איז דען פֿאַראַן אויף דער וועלט אַ זאַך, וואָס קאָן נאָך אַזוי קאַלט זײַן, ווי אַ מענטשלעך האַרץ?".

נאָכן באַקומען דעם ענטפֿער האָב איך ווײַטער אָנגעשריבן:

„איך דאַנק פֿאַר דער אויפֿקלערונג. און איצט וויל איך נאָך עפּעס פֿרעגן: גוט, דאָס האַרץ וועט טאַקע אויסהאַלטן די אײַנפֿרירונג. וועט אָבער בײַ אַזאַ טעמפּעראַטור דער קערפּער ניט פֿאַרפֿרוירן ווערן אויף טויט?"

דער ענטפֿער איז געווען:

„אויסגעשלאָסן. דאָס האַרץ וועט דערצו קיינמאָל ניט דערלאָזן. ווײַל, — און דער פּראָפעסאָר האָט פֿאַרענדיקט מיט אַ פֿילאָסאָפֿישער מאַקסימע, — איז דען פֿאַראַן אויף דער וועלט אַ זאַך, וואָס קאָן נאָך אַזוי הייס זײַן, ווי אַ מענטשלעך האַרץ?".

זעענדיק, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט אַ מעדיצין־טוער, וואָס איז נאָך דערצו אַ פֿילאָסאָף, בין איך שוין געווען טשיקאַווע צו הערן, וואָס ער וועט מיר ענטפֿערן אויף נאָך אַ פֿראַגע.

„כאָשעווער פּראָפעסאָר, — האָב איך זיך ווידער געווענדעט צו אים, — אין איין בריוו האָט איר מיר געשריבן, אַז דאָס האַרץ איז קאַלט, אין צווייטן — אַז עס איז הייס... וויבאַלד איר זאָגט, גלייב איך, אַז אַזוי איז דאָס. דערקלערט מיר אָבער, ווי קאָנען זיך אין האַרץ אײַנלעבן אַזעלכע צוויי קאָנטראַסטן? איז דאָס ניט קיין צו שווערע, אומדערטרעגלעכע אָנלאָדונג פֿאַרן האַרצן?"

דאָס מאָל איז דער ענטפֿער געווען:

„אײַער באַאומרויִקונג וועגן אַ מעגלעך צו שווערער אָנלאָדונג איז ניט באַגרינדעט, ווײַל — איז דען פֿאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ שווערקייט, וואָס אַ מענטשלעך האַרץ זאָל ניט קאָנען איבערטראָגן?"

אפן שפּאָר־ביכל

אין דער שפּאָרקאַסע איז מיר אויסגעקומען א לאַנגע צײַט וואַרטן, ביז ס׳וועט דערגיין צו מײַן ריי. דער יעניקער, וואָס איז געשטאַנען פאַר מיר, האָט אָן אופהער געוואָרפן אויגן אף די מענטשן אַרום אים, און מיטאַמאָל האָט ער זיך געווענדעט צו מיר:

— ווייסט איר, וואָס איכ׳ל אײַך זאָגן? די דאָזיקע ריי געפעלט מיר!

— אַזוי גאָר? — האָב איך אים אָנגעקוקט מיט כידעש, — אַזאַ ליבהאָבער פון לאַנגע רייען זײַט איר?

— דאָס דאַפקע ניט! אָבער אָט די ריי, זעט איר, געפעלט מיר. זי באַווײַזט דאָך, אַז מענטשן קאָנען זיך פאַרגינען אָפּלייגן א גראָשן...

— יאָ, דערמיט זײַט איר טאַקע גערעכט, — האָב איך אים צוגעגעבן, און נאָך א ווײַלע קלערן א פרעג געטאָן: — אָבער זאָגט מיר, וואָלט דאָ אויך געווען אַזאַ ריי, ווען...

— וואָס „ווען״? — איז ער נײַגעריק מיר אַרײַנגעפאַלן אין די רייד.

— אָט שטעלט זיך אף א מאָמענט פאָר, — האָב איך אים גענומען אויסמאָלן א בילד, — אַז מע וואָלט דאָ, אין דער קאַסע, אַכוץ געלט, קאָנען אָפּלייגן אפן ביכל אויך אַנדערע אָפּשפּאָרונגען, אַז מע וואָלט דאָ אָנגענומען, לעמאָשל, אָפּגעשפּאָרטע געפילן, געדאַנקען, פּרינציפּן... מאָלט זיך אויס, אַז מענטשן טראָגן דאָס אַלץ אַהער אָפּצולייגן אפן שפּאָר־ביכל, קעדיי שפּעטער, ווען זיי וועלן זיך נייטיקן אין א געפיל, צי אין א געדאַנק, אָדער דערשפּירן א באַדערפעניש אין א פּרינציפּ, — דאָס ביסלעכווײַז אַרויסנעמען, אַזוי ווי מע נעמט אַרויס אָן אָפּגעשפּאָרטן גראָשן, און...

ער האָט מיך אָבער ניט געלאָזט דערריידן און אויסגערופן אָן אופגעבראַכטער:

— צו אַלדע רוכעס זאָל גיין אַזאַ שלימאַזלדיקע קאַסע, ווו ס׳וועלן ליגן אין די סייפן אָפּגעשפּאָרטע געפילן און געדאַנקען! צו אַלדע רוכעס, הערט איר? ווער ווייסט דאָס ניט, אַז קעדיי אויסצולעבן א לעבן, ווי נייטיק איז, טאָר מען ניט זײַן שפּאָרעוודיק מיט געדאַנקען און געפילן?!

שניי־שטורעם

נעכטן האָט געבושעוועט א שניי־שטורעם. דער ווינט האָט געפּײַפט און געברומט, געטראָגן אף זײַנע מעכטיקע פליגל אומגעהויערע ווײַסע מאכנעס. זיי האָבן זיך געריסן פון דער ערד, מיט אימפּעט אטאקירט די הייכן, אין ברען פון שלאכט צוריק אראָפּגעפאלן. אָבער אלץ פונדאָסנײַ אומגעדולדיק און אומדערמידלעך זיך געוואָרפן אין געראנגל.

מיט מאטערניש האָב איך זיך דורכגעשלאָגן דורך דער צעוויכערטקײַט. דער צעיושעטער, פון גליק פארשיקערטער שניי האָט מיר געשמיסן אין פּאָנעם, העפקערדיקע גרילצן האָבן געדרעלט דעם מויעך, און דורך דעם ארומיקן ווילדן געווירבל און וואויעניש האָט זיך געריסן א צעהוליעטער רוף:

— או־הו־הו... ווי גוט איז זיך אָפּצורײַסן פון דער ערד! ווי גוט זיך צו טראָגן, פליִען מיטן שטורעם! דערלאנגען צו די העכסטע הייכן! או־הו!

הײַנט ליגן זיי שוין שטיל, די אָנגעוואליעטע שנייען, ליגן האכנאָעדיק און צערטלען זיך אונטער די שטראלן פון א ווינטערדיקער זון. בלויז די אָנגעוואָרפנקײַט זייערע דערמאָנט נאָך דעם נעכטיקן אופברויז. ער־טערווײַז שמעלצן זיי זיך שוין צוביסלעך און ס׳זעט אויס, ווי דער שניי־וואָלט שטיל באוויינען זײַן איבערגעריסענעם גײַוועדיקן פארמעסט.

שפּעטער, ווען די זון איז פארצויגן געוואָרן מיט כמארעס, און דעם טאָג האָט פארוויקלט א גראָקײַט פון שמעלץ־וועטער, — האָבן די צערײַעטע בערג שניי זיך שוין פארצויגן מיט א ברודיק הײַטל, גענומען מערקבאר אײַנגעשרומפּן ווערן, און טיפע שפּאלטן האָבן זיך אין זיי אײַנגעשניטן.

מיט נאָגנדיקן אומעט קוק איך זיך צו צו דעם גראָ געוואָרענעם, פּאַ־מעלעך זיך אין קויט פארוואנדלענדיקן שניי און צו די טיפע ריסן אין זײַן לײַב, אין דעם לײַב, וואָס נעכטן האָט אזוי געבלענדט מיט זײַן אומבאַ־רירטער צארטקײַט, און מיר דוכט זיך: דאָס האָט געפּלאצט זײַן הארץ. ווײַל ווייטעקדיק איז דאָך נאָך א שטורמישן לעבן, פול מיט אימפּעטיקן פלי צו די הייכן, אראָפּגעשלײַדערט צו ווערן אף דער ערד און זיך פארוואנדלען אין קויט.

אין איין רײ

איך זיץ אַף א בענקל אין סקווער און קוק זיך צו, ווי לעבן מיר לערנט א זיידע דעם אייניקל ציילן. דער זיידע נעמט אַרײַן דעם אייניקלס הענטל אין זײַנער, פֿאַרבייגט אים איין פֿינגער:

— זעסט, דאַדיקל, דאָס איז איינס...

און מיטן שטעקן שרײַבט ער אָן אַפֿן זאַמד אַן איינס.

דאָס אייגענע טוט ער מיטן צווייִ, מיטן דרײַ, מיט אַלע ציפֿערן. און ווען עס קומט צום צען, פֿאַרבייגט דער זיידע דעם אייניקלס מיזיניעצל, שרײַבט אָן אַפֿן זאַמד די צאָל צען און דערקלערט:

— קעדיי אָנצושרײַבן צען מוז מען נעמען אַן איינס און צושטעלן צו אים אָט דאָס לענגלעכע קײַלעכל, וואָס הייסט נול. מיט זײַן הילף ווערט דער איינס צען מאָל גרעסער, ווי ער איז ביז איצט געווען.

— וואָס איז דאָס אַזוינס א נול? — פֿרעגט דאָדיקל, — זאָג, זיידע, וועלכן פֿינגער דאַרף מען פֿאַרבייגן, ווען מע וויל האָבן א נול?

— אַף צו באַצייכענען א נול, — דערקלערט דער זיידע, — דאַרף מען קיין פֿינגער ניט פֿאַרבייגן, א נול איז גאָרנישט, א פּוסט אָרט.

— וויבאַלד ס'איז גאָרנישט, — כידעשט זיך דאָס יינגל, — טאָ פֿאַרוואָס ווערט מיט זײַן הילף דער איינס צען מאָל גרעסער?

אַף אַזאַ קלאָץ־קאַשע פֿאַרטראַכט זיך דער זיידע שטאַרק. נאָכדעם ווײַזט ער אָן מיטן שטעקן אַף דער צאָל צען אַפֿן זאַמד און זאָגט:

— קוק זיך נאָר צו, מײַן קינד, ווי דער איינס שטייט זײַט בא זײַט מיטן נול און טו א טראַכט: ער, דער איינס, איז דאָך עפּעס! און וואָס איז דער נול? גאָרנישט שעבעגאָרנישט! פֿונדעסטוועגן קווייקלט זיך ניט דער איינס צו שטעלן זיך אין איין רײ מיט אַזוינעם, וואָס איז נידעריקער פֿון אים. און אַדאַנק דעם, וואָס זיי שטייען צוזאַמען אין איין רײ און העלפֿן איינער דעם אַנדערן, באַרײַכערן זיי איינער דעם אַנדערן און וואַקסן ביידע אויס.

ווּנדן

נאָכן ארויסציִען דעם וואָרצל, וואָס איז מיר געזעסן אין דער יאסליע פּעסט, ווי אן אײַזן, האָט דער סטאָמאטאָלאָג באטראכט די ווונד אין צאָן־פלייש און מיך געטרייסט:

— נו, קיין בייז ניט... ביז מאָרגן וועט דאָס פארגיין!

— אײַך... איז לײַכט.. צו זאָגן.. — האָב איך קוים ארויסגעבראכט מיט א שטײַפער צונג פון דער נאָוואָקאִין־אײַנשפּריצונג. — מיר אָבער... טוט שטארק וויי... אוי, ווי ס'טוט וויי!

— שא, שא, די סאקאָנע איז ניט גרויס! — האָט ער מיך בארוִקט און צוגעגעבן: — א ווונד אין מויל, זאָלט איר וויסן, פארהיילט זיך גיך... ניט אזוי ווי א ווונד, וואָס ווערט פארורזאכט דורך א מויל. פון אזא מין ווונד קומט אויס אָפטמאָל צו לײַדן א גאנץ לעבן...

אפישן

— וווהין גייט מען הײַנט אָוונט?

איינעם נאָכן אנדערן לייען איך די אפישן אפן רעקלאַמע־סלופּ, און די אויגן לויפן זיך פאנאנדער: אָט זײַנען באַשיידענע מעלדונגען וועגן קאָנ־צערטן, וועגן טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וועגן ליטעראַרישע אופטריטן, און זײַט בא זײַט מיט זיי — טומלדיקע אפישן וועגן פארמעסטן אין באָקס און כאָקיי, וועגן פערד־געיעגן. אין נאָענטער שכיינעס מיט פידל־ווירטואָזן, פּיאַניסטן און מײַסטערס פון קינסטלערישן וואָרט הויזן בויכריידער, אַט־לעטן און קלאָונען...

דאָ, אפן רעקלאַמע־סלופּ, שפּילט זיך אָפּ אן אָנופּהעריקער געפעכט צווישן גײַסטיקײַט און גאַשמיִעס, צווישן פיזישן קויעך און אינטעלעקט. א גאַנצן טאָג האַלטן די אַלע אפישן מילכאָמע איינער מיטן אנדערן: זינ־גער פּרוּוון פאַרהילכן די טראַסקערײַ פון מאָטאָרן; פוטבאָליסטן זוכן וויל־יונגעריש אריבערשרײַען א סימפאָנישן אָרקעסטער, באַלערינעס פלײַסן זיך פאַרטונקלען די בלענדעניש פון צירק־אַטראַקציעס...

ווען עס קומט אָבער דער אָוונט, און די שלאַכט טראָגט זיך אריבער פון דעם אפישן־סלופּ צו דעם באַלויכטענעם זאַל, געהערט שוין דאָס לעצטע וואָרט אין דער מילכאָמע א דריטן צאַד. יענעם צאַד, וואָס שטייט באַטאָג אין אומאַנטשלאָסנקײַט פאַר די אפישן און פרעגט זיך: „וווהין גייט מען הײַנט אָוונט?..״ דעם צאַד, פאַר וועמען עס זינגען די זינגער און עס יאָגן די פוטבאָליסטן, פאַר וועמען עס שפּילן די ווירטואָזן און עס טאַנצן די באַלערינעס און עס בלענדט די פילפאַרביקײַט פון צירק... דער צאַד פאַר וועמענס ווילגעניגטקײַט דאָס אַלץ ווערט געמאַכט און געוויזן און צוליב וועמענס אפּלאָדיסמענטן די אַלע טאַלאַנטן פון גײַסט און פון וואָרט, פון מוסקול און פון פלינקײַט האָרעווען און איבן זיך א גאַנץ לעבן.

באַנאַכט ווידער, ווען די פאַרמעסטן אין די זאַלן הילכן אָפּ און אַלע ליכטער פאַרלעשן זיך, באַווײַזט זיך באַם רעקלאַמע־סלופּ גאָר א שפּאָגל־נײַער אָנטיילנעמער פון דער אייביקער מילכאָמע: דער אפישן־קלעפּער. ער נעמט מיט זײַן גרויסן פּענדזל שמירן איבער אַלץ און אַלעמען, קיינעם ניט שאַנעווענדיק. ער פאַרקלעפּט אַלעמען גלײַך, ער האָט ניט קיין רעס־פּעקט אפילע פאַרן גרעסטן אפיש און פאַר די גלענצנדיקסטע נעמען אף אים. ער איז האַרט און גרויזאַם, פונקט ווי דער גוירל אַליין, און אונטער דעם האַרבן, שווערן פּענדזל פאַרכאַפּט בא אַלע אפישן דער אָטעם, און דאָ

הויכן זיי אלע אויס זייער לעבן — דאָס לעבן, וואָס האָט אזוי פיל צו־געזאָגט.

און אף מאָרגן שעמערירט שוין דער רעקלאמע־סלופ מיט נײַע אפישן, וואָס זאָגן אָן דער וועלט וועגן נײַע קינסטלער, וועגן נײַע אופטריטן, וועגן נײַע דערגרייכונגען, און מענטשן שטעלן זיך פונדאָסנײַ אָפּ און פרעגן זיך אין אומאנטשלאָסנקײַט „וווהין גייט מען היינט אָוונט?.. וווהין גייט מען״. — קעדיי מיט באַגײַסטערטע אפלאָדיסמענטן צו באקרוינען דעם קינסטלער אָדער מיט גרינגשעצונג צעטרעטן אין שטויב זײַן מי.

אָבער דער אָנהייב פון דעם פארמעסט איז געלייגט אָט דאָ, אפן פּאַ־פּירענעם שלאכטפעלד, באם סלופּ, פון וועלכן עס שעמערירן אראָפּ די פיל־פארביקע אפישן און דערציילן וועגן דער פילפארביקײַט פונעם לעבן.

פֿאַרביקער שניי

יענעם ווינטער האָב איך געוווינט אין א שטיבעלע אפֿן ראַנד פֿון דאָרף. פֿון מײַן פֿענצטער האָט זיך געעפֿנט אַן אויסבליק אויף אַן אומענדלעך פֿעלד, וואָס איז ביזן סאַמע האָריזאָנט פֿאַרדעקט געוועזן מיט א דיקער קאָלדרע טיפֿן, צאַרטן שניי, און איך האָב אָפֿטער זיך צוגעקוקט צו דעם שניי, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין אָפּשפּיגלען די וווּנדערלעכע קאָלירן פֿון דער אַרומיקער וועלט.

אין די פֿראָסטיקע פֿרימאָרגנס, ווען די זון האָט אָקאָרשט געהאַט אַרויסגעריבן דעם נעפּל פֿון אירע נאָך פֿאַרשלאָפֿענע אויגן — האָט זי שוין אין צאַרטער ליבשאַפֿט געגלעט דעם שניי מיט רויטלעך־גאָלדיקע פֿינגער, און אונטער איר צערטלעכקייט האָט ער אויפֿגעלויכטן און אַרויסגעשטראַלט אין דער וועלט די מילדע ראָזקייט, מיט וועלכער זי האָט אים באַלײַטזעליקט.

באַטאָג, ווען איבערן פֿעלד האָט מאַיעסטעטיש געשפּאַנט א לויטערער פֿראָסט און געטראָגן אויף זײַן מעכטיקן שטערן א קרוין פֿון קאַלטער שטאָלצער זונשײַן — האָבן פֿון דעם שעמערירנדיקן צודעק, אונטער וועלכן ס׳האָט זאַפּטיק זיך געשפּרייט די בלענדיקע שנייִקע ראַכוועס, אַרויסגעפֿינקלט און שאַלקהאַפֿטיק אונטערגעפֿינטלט מילי־מיליאַסן פֿאַרפּירערישע שמייכעלעך פֿון געשמאָלצענעם גאָלד.

און ווען ס׳האָט זיך גענעענט די אָפּשייד־שאָ פֿון דער זון און אפֿן פֿעלד, וואָס איז געלעגן פֿאַרכאַלעשט אין אייגענער פּראַכט, האָט געציטערט איר צעפּלאַמטער צאַרן פֿאַרן צו־פֿרײַען אַוועקגיין — האָט איבערן שניי זיך צעגאָסן א צונטערדיקער אָפּשײַן, אַזוי ווי א ריזיקער קרוג מיט רויטן קלאָרן ווײַן וואָלט זיך אויסגעקערט און פֿאַרכלינעט א וועלט מיט שיקערער פֿרייד.

און אַפֿילע דעמלט, ווען דער ווינטער־טאָג האָט זיך שוין איבערגעבויגן אויף יענער זײַט וועלט, שוין גענומען פֿאַרלעשן זײַנע קאָלירן, און פֿאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן אָנגעהויבן יאָגן און זיך קוילערן איבערן פֿעלד — האָט איבערן שניי, ווי א לעצטע מאַטאָנע, זיך אויסגעשפּרייט דער שלייער פֿון דורכזיכטיקער, צעזונגענער בלויקײַט.

און צוקוקנדיק זיך צו דעם, ווי דער צאַרטער און ווײַסער שניי שפּיגלט אָפּ און גיט איבער ווײַטער אין דער וועלט אַרײַן אַלע פֿאַרבן פֿונעם טאָג, האָב איך געטראַכט וועגן דעם, אַז וואָס צאַרטער און ווײַסער ס׳איז א מענטשנס געמיט — אַלץ גיריקער זאַפּט ער אײַן און אַלץ פֿרײַגיביקער פֿאַרטיילט ער אַלע וווּנדערלעכע קאָלירן, מיט וועלכע א לעבן באַגליקט אים.

רעצעפּטן

מיט יאָרן צוריק, ווען איך בין נאָך געווען א יונגערמאַן, האָב איך איינמאָל אָנגעהויבן שטאַרק הוסטן. אָבער ווי הוסטן! מיט א לאַנגן אויסגעצויגענעם קריי, מיט א פאַרקײַכטן פײַף, מיט א זשאַווערדיקן סקריפּ פון א קאַליע־געוואָרענעם זייגער... כ׳בין אַוועק צום דאָקטער, ער האָט מיך אויסגעקלאַפּט, געפונען בא מיר עפּעס א לאַטײַנישע קרענק. מיט א דאָקטערישן קאָטשערע־קסאַוו האָט ער אויסגעשריבן א לאַנגן רעצעפּט, און ס׳האָט טאַקע געהאָלפן: דער הוסט איז שפּורלאָז פאַרשוווּנדן.

אָבער מיטאַמאָל, נאָך א סאַך יאָרן, האָט ער זיך צוריקגעקערט צו מיר, דער שוין פון לאַנג פאַרגעסענער כריפּענדיקער הוסט, האָט מײַסע אַלטער באַקאַנטער זיך ברייט צעלייגט און מיך ווײַטער גענומען ווערגן.

האָב איך גענומען נישטערן צווישן מײַנע פאַרוואַלגערטע פּאַפּירן, געפונען דעם פאַרגעלטן רעצעפּט און אַוועק דערמיט אין אַפּטייק. דער פּראָוויזאָר האָט געדרייט דעם צעטל, אים באַקוקט פון אַלע זײַטן, נאָכדעם מיר אים אומגעקערט און געזאָגט.

— גייט צום דאָקטער און באַקומט א נײַעם רעצעפּט!

— וואָס דאַרף איך א נײַעם? — האָב איך געפּרוּווט זיך שטעלן אַנטקעגן,— וואָס דאַרף איך א נײַעם, ווײַבאַלד אָט דער אַלטער האָט מיך געראַטעוועט?

— זייער מעגלעך,— האָט דער אַפּטייקער דערווידערט,— אַז דעמלט האָט דער רעצעפּט אײַך טאַקע געראַטעוועט, אָבער ווען איז דאָס געווען? — און אַרופקוקנדיק אױף מיר מיט א שמייכל, האָט ער צוגעגעבן: — איר זײַט דאָך נאָך דעמלט געווען א יונגערמאַן... ניין, דער רעצעפּט טויג שוין מער ניט, גייט צום דאָקטער און באַקומט א נײַעם!

נאָכדעם ווי א דאָקטער האָט מיך אונטערזוכט, בין איך מיטן נײַעם רעצעפּט אַוועק אין דער זעלבער אַפּטייק.

— זעט איר,— האָט דער פּראָוויזאָר מיר דעמלט געזאָגט, — אַז איך בין געווען גערעכט: דאָ איז שוין פאַרשריבן גאָר עפּעס אַנדערש! ס׳איז דאָך באַוווּסט, אַז קורירן זיך לויט אַן אַלטן רעצעפּט, אַפילו ווי גוט ער איז ניט געווען אַמאָל, קאָן מען ניט...

און פאַרקלערט צוגעגעבן:

— אַזוי ווי מע קאָן ביכלאַל ניט לעבן לויט אַלטע רעצעפּטן...

צווישן בערג

א ווונדערלעך געפיל נעמט ארום א מענטשן באַם שטײַגן אַף א הויכן בארג. וואָס העכער ער הייבט זיך ארוף, אלץ ווײַטער און ברייטער שפּרייט זיך פאר אים די וועלט, אלץ פריידיקער צעשפּארט זײַן ברוסט דער שטאָלץ, וואָס ער איז אויך א טייל פון אָט דער גאנצער גרויסקײַט און פּראכט, וועלכע ציט זיך אונטער אים אָן א ברעג און אָן א סאָף. אין אזעלכע מאָמענטן קומט אוף אין הארצן אן איידעלע בענקשאפט צו דער ערד און אירע מענטשן מיט זייערע אופטועכן און שטרעבונגען. דעריבער זײַנען מיר שטארק ניט געפעלן געוואָרן די רייד פון איינעם, וועלכער האָט נאָכן אומקערן זיך פון א בארגיקער געגנט צווישן אנדערע רײַזע־אײַנדרוקן דערציילט:

— צופוסנס פון דעם בארג, וועלכן איך האָב אין יענעם פרימאָרגן באַשטיגן, האָבן מענטשן עפּעס געטאָן: געהאקט דעם וואלד, וואָס וואקסט אַף די שיפּועים, צי געגראָבן, צי עפּעס דורכגעלייגט... איך ווייס ניט וואָס, און דאָס האָט מיך אויך ניט אינטערעסירט. מיך האָט אינטערעסירט עפּעס אנדערש, — און ער האָט מיט ביטל זיך פאנאנדערגעלאכט, — וואָלט איר געזען, ווי קליין זיי זײַנען געווען! קארליקלעך, און גאָר! און וואָס העכער איך האָב זיך אופגעהויבן, אלץ קלענער און קלענער זײַנען זיי געוואָרן... איך קאָן אײַך גאָרניט אויסמאָלן, וואָס פאר א פארגעניגן ס׳איז צו זען די מענטשעלעך אונטער זיך, ווי זיי ווערן אלץ קלענער און קלענער, פּונקט ווי די מורעשקעלעך... דעמלט דערפילט מען זיך אזוי דערהויבן, אזוי אויסגעוואקסן, העכער פון אלעמען... אויב איר ווילט איבערלעבן אזא אויסטערליש געפיל, וואָס מ׳לעבט דאָס ניט אָפט איבער, איז לאָמיר צוזאמען אונטערנעמען אזא נעסיע. איר וועט מיר דאנקבאר זײַן!

— ניין! — האָב איך זיך אָפּגעזאָגט. — איך וועל מיט אײַך אין די בערג ניט פאָרן!

— פארוואָס אזוי שארף? — האָט ער באליידיקט געפרעגט.

— ווײַל מיר געפעלט ניט צו זען די מענטשן קליין! איך וויל זיי זען אלעמאָל גרויס. גרויס — אזוי ווי זיי זײַנען און, דעריקער, ווי זיי זײַנען ווערט צו זײַן. און דאָס, וואָס איר זאָגט, אז איר פילט זיך גרויס, בייס איר זעט זיי קליין, — איז האָט איר א טאָעס: קיינער איז נאָך ניט אויסגעוואקסן אדאנק דעם, וואָס ער קוקט אַף מענטשן פון אויבן אראָפּ!

קאָנטאַקט

עמעצער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ס׳איז זייער שווער אָנצובינדן מיט מענטשן אַ האַרציקן קאָנטאַקט.

— זיי זײַנען אַזעלכע מאָדנע, די מענטשן... — האָט ער געטײַנעט — מ׳קאָן זיך גאָר מיט זיי ניט פאַרשטענדיקן! אַז זיי טוען גאָרנישט, קעדיי זיך צו דערנענטערן...

— און איר וואָס טוט? — איז איינער אים אַרײַנגעפאַלן אין די רייד — וואָס גיט איר די מענטשן, מיט וועמען איר ווילט דערגרייכן פאַרשטענדי־קונג?

— איך? פאַרוואָס עפּעס איך?

אָנשטאָט אַ דירעקטן ענטפער, האָט יענער אים אַ פרעג געטאָן:

— אײַך איז דאָך געוויס באַקאַנט, וואָס עס באַטײַט „סטאַלאַקטיטן" און „סטאַלאַגמיטן"?

— דעם עמעס... כ׳האָב שוין אַ ביסל פאַרגעסן...

— וועל איך אײַך בעקיצער דערמאָנען. סטאַלאַקטיט הייסט אַ פאַר־שטיינערטער צאַפּן, וואָס הענגט אַראָפּ פון דאַך פון אַ הייל. פון אָט דעם צאַפּן טריפן אַראָפּ טראָפּנס קאַלך, וועלכע ווערן פאַרגליווערט, זאַמלען זיך אָן איינער אויפן אַנדערן אַזוי, אַז אויפן פונקט אַנטקעגן דעם סטאַלאַק־טיט נעמט סטאַרטשען אַ בערגל, דער דאָזיקער אונטערשטער צאַפּן הייסט סטאַלאַגמיט.

— אַ יאַשערקעוויעד אײַך — האָט יענער מיט לײַכטער איראָניע באַ־דאַנקט — וואָס איר האָט דאָס אָפּגעפרישט אין מײַן זיקאָרן... אָבער וואָס אייגנטלעך פאַר אַ שײַכעס...

— וואַרט, כ׳האָב נאָך ניט דערזאָגט! — האָט דער אַנדערער אים איבערגעשלאָגן — הערט ווײַטער: אויפכאַפּנדיק די טראָפּנס, וואָס פאַלן פונעם סטאַלאַקטיט, צעוואַקסט זיך דער סטאַלאַגמיט אַלץ העכער, קומט אַלץ נענטער צום סטאַלאַקטיט. צום סאָף באַגעגענען זיי זיך אויפן האַלבן וועג. און אָט אַזוי — האָט ער פאַרענדיקט — דאַרפט איר אויך טאָן. ווילט איר בעעמעס אײַנשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט אַ מענטשן — זײַט מוחל און קומט אים אַנטקעגן, אָט אַזוי ווי יענער סטאַלאַגמיט!

גראָווע קעפּ

די סאָסנעס האָבן, ווי עס שײַנט, איבערגעלעבט א גרויסן אומגליק, ווײַל איבער נאַכט זײַנען זייערע קעפּ גראָוו געוואָרן, דער גרינער סכאך איז ארומגעוואקסן געוואָרן מיט טוי־געפּריר. עס האָט אויסגעזען, ווי פון נעפּל קוקן ארויס געליטענע מענטשן, באלאָדענע מיט פּריצײַטי־קער גראָווקײַט, וואָס וועט שוין אלעמאָל בלײַבן אף זיי.

אָבער די גראָווקײַט פון די סאָסנעס איז געווען אן איבערגייענדיקע. ווײַל שפּעטער־צו, ווי נאָר די זון האָט דורכגעריסן דעם נעפּל און פאַר־בלאָנדזשעטע שטראלן האָבן זיך ארײַנגעפּלאָנטערט צווישן די גראָווע קעפּ, האָבן זיך צוריק ארויסגעשיילט די פריילעכע גרינע נאָדל־בינטלעך, פון צווײַג צו צווײַג האָבן גענומען זאָרגלאָז ארומשוועבן וועווריקלעך, און די שטאָלצע קרוינען האָבן מיט אופגעוועקטער האָפערדיקײַט זיך צע־וויגט אונטער די גינגאָלדענע זון־שמייכלעך.

...דרייט זיך ארום א מענטש צווישן די שטאלטנע סאָסנעס און בעט זיי אנטפּלעקן אים דעם סאָד, ווי מע קאָן אזוי געשווינד אומקערן זיך צו א נײַ לעבן און צו נײַער האָפענונג נאָך א דורכגעלעבטן אומגליק, פון וועלכן מע ווערט איבער נאַכט גראָוו... און ער הערט פליסטערן:

— זאָפּ אײַן מיט אלע דײַנע כושים די פרייד, וואָס די זון ברענגט... זאָל אונטער איר גאָלדענעם שמייכל צעגיין דײַן לייד און צאר... אזוי ווי מיר!

— וועט די גראָווקײַט פון מײַן קאָפּ דעמלט פאַרשווינדן? — פרעגט ווײַטער דער מענטש מיט פאַרטײַעטן אָטעם.

די ביימער שאָקלען טרויעריק מיט די זון־באשטראלטע קרוינען און ענטפערן ניט. און וואָס קאָנען זיי ענטפערן? זיי ווייסן דאָך, אז פון דעם מענטשנס קאָפּ וועט די גראָווקײַט קיינמאָל אונטער קיין שום זון ניט פאַרשווינדן... און שווײַגנדיק פאַרבייגן זיי פאַרן מענטשן זייערע גרינע קעפּ. זיי אנערקענען, אז זײַן אופטו איז גרעסער פון זייערן. ניט שווער איז אין גרינע האָפערדיקע צווײַגן לאָזן שפּילן א צעשמייכלטע זון. שווע־רער אָבער איז צו טראָגן אין הארצן ברויז און ברען דעמלט, ווען דער קאָפּ איז שוין פאַרצויגן מיט ניט־פאַרגייענדיקער גראָווקײַט.

און דאָס קאָן באווײַזן נאָר דער מענטש.

שײַטלעך האָלץ

אין איינעם א קאלטן פארנאכט האָב איך אויסגעלייגט אין אייוועלע יאָדערדיקע, מיט סמאָלע שמעקנדיקע שײַטלעך האָלץ, צווישן זיי ארײַנגע־רוקט שטיקלעך קאָרע און קינעלעך, די לויזע ערטער פארשטאָפּט מיט פּאפּיר און אונטערגעצונדן. אין איין מאָמענט האָט דער שײַטער זיך צעפלאַ־קערט, ס׳האָט אָנגעהויבן קנאקן און זשומען, און מיך האָט אלץ מעכײַע־דיקער דורכגענומען א ווארעמקײַט, וואָס האָט געשטראָמט פון דער אײַנ־געהייצטער הרובע.

מיטאמאָל — א קלונג אין טיר. א ניטצופרידענער פון דער שטערונג, האָב איך פארלאָזט מײַן געמיטלעך ווינקעלע, אוועק עפענען, — און צו־זאמען מיט דער קעלט פון דער אופגעפראלטער טיר, האָט אין שטוב זיך ארײַנגעוואליעט א מענטש נאָך א קעלטערער: איינער א באקאנטער, וואָס האָט א טעווע שטענדיק צו ווירקן אף די נערוון מיט זײַן אײַנגעגעסענער סינע צום מין מענטש. אלעמאָל קומט מיר אויס מיט אים זיך צו אמפּערן.

איצט בין איך אָבער געווען אין א לײַטזעליקער שטימונג. כ׳האָב אוועקגעמאכט מיט דער האנט אונדזערע שטענדיקע ווידעראנאנדן, אים פרײַנטלעך ארײַנגעבעטן אין צימער און צוגערוקט פאר אים א שטול צום אייוועלע. און ווי נאָר ער האָט זיך צוגעזעצט און א ביסל געקומען צו זיך פון דער דרויסנדיקער קעלט, האָט ער גענומען ריידן אונטערן אקאָמפּאנעמענט פון דער קנאקערײַ אין דער הרובע.

— א וועטערל... א קעלט אביסעלע... — האָט ער געזאָגט, זיך רײַבנדיק די הענט, — אונטערשיידט זיך ניט פיל פון די מענטשעלעך, וואָס מע באַ־געגנט. זיי זײַנען אויך אזוי קאלט, פארביסן, ניטפארגינעריש... א שרעק, זאָג איך אײַך!

אהא, עס הייבט זיך שוין אָן! אָבער איך האָב ניט געוואָלט לאָזן אָפּ־נעמען בא זיך די אופגעלייגטקײַט און האָב גוטווילִיק אים איבערגע־שלאָגן:

— עט, שוין צײַט, כ׳לעבן, אופצוהערן מיט אײַער מיזאנטראָפּיע! פאר־וואָס, אייגנטלעך, פארגלײַכט איר די מענטשן מיטן שלעכטן וועטער אין דרויסן? פארגלײַכט זיי בעסער מיט דער ווארעמקײַט אין שטוב! יעדער מענטש קאָן דאָך... אָ! — האָב איך זיך אליין איבערגעשלאָגן, זעענדיק דורך דער עפענונג אין אויוון־טירל, ווי די פײַער־גלוט הייבט זיך אָן רויט־לען, — זיך פארעדט און גאָר פארגעסן, אז מע דארף צולייגן האָלץ.

אין דעם צעעפנטן גליִענדיקן פּיסק פון הרובע האָב איך ארײַנגערוקט

נאָך עטלעכע שײַטלעך האָלץ און קוקנדיק, ווי זיי כאַפּן אויף פײַער און ברענען זיך פאַנאַנדער, האָב איך געזאָגט צום מיזאַנטראָפּ:

— גיט נאָר א קוק אין דעם אײוועלע, און איר וועט דאָ געפינען אַן ענטפער אויף אײַערע ווערטער...

— אַן ענטפער? — ער האָט מיך פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט און זיך צובייגנדיק צום אײוועלע, צוגעגעבן: — אַז איך זע דאָ נאָר ברענענדיקע שײַטלעך, ניט מער... און איר רעדט גאָר וועגן עפּעס אַן ענטפער!

— אָט די שײַטלעך מיין איך טאַקע! אָקאָרשט, דאַכט זיך, זײַנען זיי דאָך געווען בלויז טרוקענע, האַרטע שטיקער האָלץ. אָבער זעט, וואָס פאַרא וואַרעמקײַט זיי פאַרשפּרייטן איצט! ווי אָפט באַגעגנט איר אויך מענטשן, וואָס זעען אויס פון ערשטן בליק האַרט און טרוקן. געפינט אָבער דעם נייטיקן האַרציקן צוגאַנג, פאַרשטייט נאָר צו פאַרוואַרפן א פונק פײַער אין זייער געמיט, — און איר וועט אליין שטוינען, ווי זיי צעפלאַמען זיך, וואָס פאַרא וואַרעמקײַט זיי הייבן דעמלט אָן אויסצושטראַלן!

ווארעמער אָטעם

אין דעם דורך און דורך פאַרפּרוירענעם טראַמוויַ זיצט אַ פּאָטער מיט אַ יינגל. דער קליינער דרייט זיך אומגעדולדיק אַף זיַין אָרט, ריַיסט זיך ארויסצוקוקן פון דעם פענצטער, אָבער ער זעט גאָרנישט — די שויב שטייט אַ פאַרקאָוועטע אין איַיז און פראָסט.

— ווי זיַינען מיר, טאַטע? — פרעגט דאָס יינגל — גאָרנישט צו זען! אוי, איך וויל זען!

דער פּאָטער בייגט זיך צו צו דער שויב, נעמט הויכן אַף איר, און אונטער זיַין ווארעמען אָטעם שמעלצט זיך אָפּ אַ קליין ווינקעלע, ברייטערט זיך אַלץ אויס, ביז אַפן גלאָז וואַקסט זיך פאַנאַנדער אַ דורכזיכטיק אָרט, פון וועלכן מ׳קאָן ארויסקוקן.

איצט איז שוין דעם יאַטל ניט אָפּצוריַיסן פון פענצטער. ער קוקט און קוקט דורכן אָפּגעטיַיעטן קריַיז אַף דער שויב, און באַוווּנדערט אַלץ, וואָס ער זעט.

— אוי, טאַטע! — האַלט ער אין איין ריידן — אָט איז די גאַס, די מענטשן, די מאַשינעס! אַזוי קלאָר זע איך זיי! און איך ווייס — גיט ער צו מיט אַ גנייוויִשן פינטל — איך ווייס, ווי דו האָסט דאָס געמאַכט...

— נו ווי?

— דו האָסט אַן אָטעם געטאָן, אָט אַזוי ווי יענער מעכאַשעף אין דעם מיַיסעלע...

— יאָ, קינד — ענטפערט דער פּאָטער — האָסט רעכט... כ׳האָב געאָטעמט — געאָטעמט מיט ווארעמקיַיט...

און גיט צו ערנסט, ריידנדיק מער צו זיך, ווי צו דעם יינגל:

— און אָטעמט מען מיט ווארעמקיַיט — צעשמעלצט זיך דאָס איַיז און עס עפנט זיך אַ ווינקל, פונוואַנען מ׳דערזעט די מענטשן... פונוואַנען מ׳דערזעט די וועלט...

קומט צו מיר צוגאסט!

דעם עמעס מוז מען זאָגן, אז ביז דאָ ניט לאנג בין איך אלע מאָל ניט שטארק צופרידן געווען, בייס אין אָוונט זײַנען געקומען צו מיר געסט. כ'בין געווען אופגעבראכט, וואָס עס ווערט מיר פארטאכלעוועט די בעסטע ארבעטס־צײַט, און כ'האָב זיך פארהאלטן אזוי, אז שטענדיק איז מײַן שלעכטע שטימונג ארויסגעשווומען, ווי בוימל אפן וואסער. מיטאמאָל אָבער איז דאָס געוואָרן אנדערש. און געענדערט האָט זיך עס אדאנק איינעם א געשפרעך.

— וואָלסט נאָר געזען דײַן זויערן פּאָנעם נעכטן אין אָוונט, בייס די געסט זײַנען געזעסן בא אונדז! — האָט מײַן פרוי מיר געזאָגט, — און שטענדיק ביסטו אזא, ווען מע קומט צו אונדז אין אָוונט... ניט שיין איז דאָס!

— אָבער קאָן איך דען זײַן אנדערש? — האָב איך געפרעגט, — וויבאלד מע רויבט בא מיר צו מײַן טײַערע צײַט?! ווען איך זע, ווי די, וואָס לויפן ארײַן צו מיר, אזוי צו זאָגן „אפן פײַערל"...

— ווארט נאָר, ווארט! — האָט מײַן פרוי מיך איבערגעשלאָגן, — זײַ ניט אזוי היציק און טו נאָר א קלער וועגן דעם וואָרט, וואָס דו האָסט דאָ אָקאָרשט ארויסגעזאָגט! „אפן פײַערל"... „אפן פײַערל"... א גוט וואָרט... א טײַער וואָרט!

— וואָס זעסטו אין דעם פארא גוטס? — האָב איך זיך געכידעשט.

— ביסט א מייוון, וואָס דאָס הייסט „קומען צו דיר אפן פײַערל"? — האָט זי געפרעגט, און באלד זיך אליין געענטפערט: דאָס הייסט דאָך, אז בא דיר איז ווארעם, ליכטיק, אז פון דײַן פענצטער שטראלט ארויס אזא געמיטלעכקײַט, אז מענטשן ציט ארופצוגיין צו דיר זיך דערווארעמען...

— זע נאָר, ווי פײַן דו האָסט דאָס אָפּגעשילדערט! — בין איך ניספּאָעל געוואָרן, — ביסט דאָך אן עמעסער ליטעראט!

— דער ליטעראט ביסטו דאָך! — האָט זי אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן — און ווען־ניט־ווען, אויב ניט א שרײַבער, דארף גאָענט זײַן אָט דער באגריף „אפן פײַערל"? ווײַל וואָס איז דען ווערט דעם שרײַבערס גאנצע מי, אויב זי ווארפט ניט קיין שײַן ארום זיך, אויב זי לאָקט ניט אָן מענטשן צו קומען און ווארעמען זיך בא זײַן פײַערל?..

נאָך אָט דעם געשפרעך האָב איך שוין אופגעהערט צו מאכן א זויערן פּאָנעם בייס מע לויפט ארײַן צו מיר „אפן פײַערל".

אויב איר גלייבט ניט, — קומט ארײַן צו מיר אין אָוונט, וועט איר זיך איבערצײַגן.

דוירעס

יעדן יאָר קומט פונסנײַ אָן די צײַט, ווען לאַקסן, געבוירענע אין אײַן און דעם זעלביקן טײַך און שפּעטער אויסגעוואַנדערטע פון דאָרטן אין יאַם, פאַרבענקען זיך אַהיים, קעדיי אין דער שטילקײַט פון דעם זיסן, היימישן טײַך־וואַסער זיך איבערצוגעבן דער קישעפדיקער שפּיל פון ליבע און פאַרוואַרפן די רויגן פאַר אַ קומענדיקן דאָר. דעמלט פאַרלאָזן זיי דעם שטורמישן יאַם, וואָגלען אַ לאַנגע צײַט, ביז זיי קומען אָן צו דער לעפּצונג פון דעם טײַך, פונוואַנען זיי זײַנען אַלס ערשטגעבוירענע לאַקסעלעך אַוועק אין דער ווײַטער יאַם־וועלט, און אויסגעמאַטערטע פון דער לאַנגער נעסיִע, באַגריסן זיי זייער אַלטע היים, נעמען זיך אָן מיט האַרץ און הייבן אָן שווימען שטראָם־אַרוף.

נאָך דעם, ווי ס׳זײַנען שוין אָפּגעשפּילט געוואָרן אַלע כאַסענעס און ס׳זײַנען אָפּגעוואָרפן געוואָרן אַלע רויגן — באַקומען די לאַקסן ווידער כיישעק צו פאַרלאָזן זייער אַלטע היים. זיי האָבן זיך פאַרבענקט נאָך די געזאַלצענע טיפענישן פון יאַם, און זיי פאַרנעמען זיך אָפּן צוריקוועג.

נאָר אויב אָפּן וועג אַהער האָט דער דראַנג און די לוסט צום לעבן, צו ליבן און צו פּרוכפּערן זיך זיי געטראָגן קעגן שטראָם — קאָנען זיי שוין איצט, אָן אָט דעם דראַנג, אַפילע מיט דעם שטראָם ניט שווימען, און אויסגעשעפּטע קומען זיי אום אָפּן וועג. און שפּעטער, ווען פון די רויגן, וואָס זיי האָבן פאַרוואָרפן, וואַקסט אויס אַ יונגער קרעפּטיקער דאָר, שווימט ער שוין אַרויס אין יאַם אָפּן אָרט פון זײַנע אומגעקומענע פאָר־גייער.

אָבער זיי, די יונגע, ווייסן ניט, אַז קעדיי צו וואַרפן די רויגן, האָבן די עלטערן דורכגעמאַכט אַזאַ לאַנגן און האַרבן וועג קעגן שטראָם און האָבן דערפאַר באַצאָלט מיט זייערע לעבנס... אים, דעם יונגן דאָר, איז גוט, ער הוליעט אין יאַם און נוצט אויס דאָס לעבן, וואָס די אַלטע האָבן אים געשענקט, אָף געראַנגל, געיעג און שטיפערײַ. ביז עס קומט אייַנמאָל אַ טאָג, ווען אויך אין זיי, איצט שוין דערוואַקסענע לאַקסן, כאַפּט זיך אוף די בענקעניש נאָך די וואַסערן, ווו זיי זײַנען געבוירן, זיי פאַרנעמען זיך אויך אָף דער ווײַטער געפערלעכער נעסיִע, קעדיי צו פאַרוואַרפן רויגן פאַר אַ קומענדיקן דאָר. און דעמלט, ווען אָף זייער גוירל פאַלן אויס אַלע שוועריקײַטן, זעען זיי ערשט אײַן, וואָס פאַר אַ פּילגעפּרווטן וועג קעגן שטראָם דער אַוועקגעגאַנגענער דאָר האָט דורכגעמאַכט אָף צו ברענגען דעם נײַעם דאָר אָף דער וועלט.

קונסט

אף דער אויסשטעלונג האָב איך דערזען שטיין לעבן זיך עמעצן. ביידע האָבן מיר באטראכט איין בילד. אויך ער האָט, פונקט ווי איך, מיט באגײַסטערונג זיך אײַנגעזויגן מיט די אויגן אין דעם פּרעכטיקן לעבנס־פריידיקן נאטורמאָרט: עטלעכע מיט זאפטן קוועלנדיקע עפּל; א קאַוועגע, וואָס איר קווערשניט האָט געפלאַמט, ווי א זיך זעצנדיקע זון; א פּאָר ענגלעך דורכזיכטיקע, אין אייגענער זיסקײַט פארכאלעשטע ווײַנטרויבן און אין דער זײַט — א וואזע מיט בלאס־פיאָלעטע אסטרעס, פון וועלכע עס האָט געוווּנקען די מילדע אָנגעזעטיקטקײַט פון הארבסט... דאָס ניט־גרויסע געמעל האָט אופגעפראַלט פאַרן צוקוקער לויכטנדיקע פענצטער אין א וועלט פון צײַטיקײַט און פרייד, האָט גערופן צום לעבן, האָט דערציילט, אז די גאנצע שעפע פון דער נאטור איז געגעבן דעם מענטשן, אז אלץ לעבט און בליט פונזײַנעטוועגן, פאר זײַן וווּיל און גליק.

— ווי איך זע, פארשאפט אויך אײַך דאָס בילד גרויס פארגעניגן? — האָט דער שאָכן זיך געווענדעט צו מיר מיט א פראגע און באלד אליין באַ־שטעטיקט, — און ווי קאָן דאָס זײַן אנדערש? וואָס מער מע שפּיגלט זיך אין דעם געמעל, אלץ מער שפּירט מען דעם געווירציקן טאַם און רייעך פון לעבן, ניט עמעס?

— איר האָט רעכט, — האָב איך אים געזאָגט, — דאָ דערפילן מיר באזונ־דערס שאַרף אונדזער צונויפגעבונדנקײַט מיט דער נאטור. דורך אזעלכע נאטורמאָרטן...

— אָט דאָס וואָרט וויל איך ניט הערן! — האָט ער מיך איבערגע־שלאָגן, — בעשום־אויפן ניט! זעט איר, וועגן דער פארבונדנקײַט מיט דער נאטור האָט איר געזאָגט ריכטיק. פאַרוואָס אָבער באנוצט איר דעם מיִעסן, אומווירדיקן נאָמען „נאַ־טור־מאָרט"?! מאָרט... דאָס באטײַט דאָך טויט! נאטור — און טויט! אָט דאָס בילד — און טויט! פילט איר דען אליין ניט, אז דאָס איז א פארשוועכונג?!

ער האָט גערעדט אלץ העכער, זשעסטיקולירט אלץ העפטיקער. עטלע־כע באזוכער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, מע האָט זיך גענומען קלײַבן ארום אונדז.

— זאָגט אליין, — האָט ער זיך געווענדעט צו זיי, אָנווײַזנדיק אף דעם בילד, — איז דען ניט קיין פאַרברעכן אָנצורופן אזא לעבעדיק, שטראַלנדיק געמעל מיט יענעם טויטן נאָמען? ווי פּאַסט עס גאָר?

— איך מיין, אז דאָס פּאַסט יאָ! — איז איינער פון דער גרופּע צוגע־

שטאנען צום געשפּרעך. דאָס איז געווען אזוי אומדערוואַרט, אז דער היציקער קונסט־ליבהאָבער האָט אין דעם ערשטן מאָמענט זיך גאָר פאַרלוירן. דערנאָך האָט ער איראָניש א פרעג געטאָן:

— ווי זאָל מען דאָס פאַרשטיין?

יענער אָבער האָט זיך ניט באַליידיקט און געדולדיק גענומען אַנטוויקלען זײַן געדאַנק.

— דער קינסטלער, זעט איר, — האָט ער געזאָגט, — מאָלט דאָך אף זײַנע נאַטורמאָרטן זאַכן, וואָס זײַנען אויסגעוואָרצלט פונעם לעבן: פּיירעס, אָראָפּגעריסענע פון ביימער; אָראָפּגעשניטענע בלומען, געשאָכטענע אויפעס... אָבער ברענגען אונדז דען די בילדער דעם גרוס פון טויט און פירן זיי אונדז דען אַרויף אף אָט דעם געדאַנק? מיטן קויעך פון דעם מאָלערס מײַסטערשאַפט שטייט דאָס אַלץ אויף צו א נײַ לעבן, צו א לעבן פול מיט פרייד. טאַקע אָט די נאַטורמאָרטן באַווײַזן אונדז אפן בוילעטסטן אויפן, ווי אַלמעכטיק די קונסט איז.

אף דער באַשולדיקונגס־באַנק

דער סעקרעטאַר פון געריכט האָט געלייענט די באַשולדיקונג.

— דער אָנגעקלאָגטער, — האָט ער אָנגעהייבן, — האָט קיינמאָל ניט אָנגערירט יענעמס, וואָס א האָר איז ווערט. זײַן ערלעכקײַט איז באַוווּסט...

איך האָב א שמייכל געטאָן און זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן פון איבער־שלאָגן אים מיט אַן אויסרוף:

— דאָס איז די באַשולדיקונג קעגן מיר?! א פּײַנע באַשולדיקונג, כ׳לעבן.

דער ריכטער האָט מיר באַפוילן שווײַגן, און דער סעקרעטאַר האָט ווײַטער געלייענט:

— ...ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז דער אָנגעקלאָגטער איז זײַן גאַנץ לעבן געווען ניט מער און ניט ווייניקער ווי א פּאָשעטער גאַנעוו...

איך בין אופגעשפּרונגען. א גאַנעוו?! וואָס נאָך וועט מען אויסטראַכטן אף מיר?! נו, דאָס איז געוויס א טאָעס! באַלד וועט זיך דאָך געוויס אַלץ אופדעקן...

ווען דער ריכטער האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט דער פראַגע, צי איך אַנערקען זיך פאַר שולדיק, האָב איך אויסגערופן אין גרויס אופרעגונג:

— ניין! טויזנט מאָל ניין! ס׳איז א שענדלעכער בילבל! ס׳איז...

— מאַכט זיך נאָר ניט טאַמעוואַטע! — האָט דער ריכטער שטרענג איבערגעשלאָגן. — פאַראַן קעגן אײַך שווערע באַווײַזן!

און, בלעטערנדיק דאָס היפּשע פּעקל אַקטן, וואָס איז געלעגן אפן טיש, האָט ער אָנגעהויבן:

— זאָגט מיר נאָר, אָנגעקלאָגטער, אף וואָס האָט איר אין משך פון א גאַנץ לעבן באַנוצט אַזאַ שאַרפזיניקן מעכאַניזם, ווי דער מוח? אָדער דעם הייסבלוטיקן אַפּאַראַט, וואָס טראָגט דעם נאָמען האַרץ? און וואָס האָט איר געטאָן מיט אַזאַ ראַפינירט געצײַג, ווי גײַסט, און מיט אַזעלכע צאַרטע אינסטרומענטן, ווי נערוון?.. ווײַטער, וואָס פאַרא געברויך האָט איר געמאַכט פון אַזעלכע קאָמפּליצירטע אַגרעגאַטן, ווי די רייד־קראַפט און די רײַע?.. פון די אַקטן זע איך אַרויס, אַז אָנשטאָט דעם איר זאָלט מיט דער הילף פון אָט די וווּנדערלעכע מאַטאָנעס, וואָס די נאַטור האָט אײַך געגעבן, אײַנזאַפּן אין זיך א וועלט פון דערהויבנקײַט און פּראַכט און דאָס פאַר־טיילן צווישן מענטשן, האָט איר זיי גאָר אויסגענוצט אף צו באַפרידיקן פאַרשיידענע קליינלעכע אינטערעסן, פאַרשווענדט אף נישטיקע צוועקן, פאַרטאַכלעוועט אף גאָרנישט מיט נישט... נו, זײַט איר דען ניט קײן גאַנעוו?

— אָבער איך פארשטיי ניט...— האָב איך זיך אָפּגערופן,— איך קאָן מאסקים זײַן, אז איך האָב עפּשער ניט גענוג געשאַנעוועט די אָנגערופענע מעכאַניזמען... אָבער זיי זײַנען דאָך מײַנע אייגענע! איז וועמען האָב איך באַגאַנוועט?

— וועמען, פרעגט איר? — האָט דער ריכטער אויסגערופן מיט א דונערדיקער שטים.— זיך האָט איר באַגאַנוועט! און ניט נאָר זיך אליין, איר באַגאַנוועט אַלעמען, ווער עס וואָלט געקאָנט געניסן פון אײַערע דער־גרייכונגען, ווען איר וואָלט אויסגענוצט ווי געהעריק די אַלע אייגנשאַפטן! יאָ, איר זײַט א פּאַשעטער גאַנעוו! צום באַדויערן, איז קיין ספּעציעלער פּאַראַגראַף פאַר אײַער פאַרברעכן אין שטראָף־קאָדעקס נאָך דערווײַל ניטאָ! אָבער, — און ער האָט געשווינד, מיט גרויס אופרעגונג גענומען בלעטערן דאָס געזעץ־בוך, — מיר וועלן שוין אויסגעפינען...

צו וואָס פאַר א שטראָף איך בין צוגעמישפּעט געוואָרן האָב איך זיך ניט דערוווּסט, ווײַל גראָד אין דעם מאָמענט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. אָבער זינט דעמלט האַלט איך זיך אין איין ברעכן דעם קאָפּ: וואָס פאַר א שטראָף קומט מיר? וואָס פאַר א שטראָף קומט א מענטשן, וואָס האָט א גאַנץ לעבן באַגאַנוועט זיך אליין?

עפּשער וועט איר מיר זאָגן, וואָס פאַר א שטראָף מיר קומט?

געפוצטע שיך

אין א צעשטראַלטן מײַ־טאָג בין איך געזעסן אױף א באַנק אין שטאָט־גאָרטן און זיך מעכײַע געווען, אַרויסשטעלנדיק מײַן פאַרבענקט נאָך וואַרעמקײַט פּאָנעם אַנטקעגן די לײַטזעליק־גלעטנדיקע פינגער פון דער זון. לעבן מיר איז געזעסן נאָך עמעצער. געזעסן ברייטלעך, פאַרלייגט א פוס אויף א פוס. ווען איך האָב צופעליק געוואָרפן א זײַטיקן בליק אויף מײַן שאָכן, האָב איך דערזען, אַז ער באַטראַכט אויפמערקזאַם דעם שפּיץ פון זײַן שוך, וואָס בלישטשעט אין די שטראַלן פון דער זון. איך האָב א מורמל געטאָן, ווי סתּם אַזוי, אין דער וועלט אַרײַן:

— מאָדנע מענטשן פאַראַן... אָנשטאָט זיך צו קוויקן מיט דער זון...

מײַן געמורמל איז דערגאַנגען צו אים, און ער האָט זיך געווענדט צו מיר:

— פונוואַנען ווייסט איר, אַז איך קוויק זיך ניט מיט דער זון?

— מיר האָט זיך געדוכט, אַז איר קוויקט זיך מיטן שפּיץ פון אײַער שוך...

— און פאַרוואָס טאַקע ניט? — האָט ער זיך פאַנאַנדערגעשמייכלט, — זע איך דען דאָרטן ניט די זעלבע זון, וואָס איר? און אפילו נאָך בעסער פון אײַך... איר ווערט דאָך נאָר פאַרבלענדט, אָבער איך קאָן קוקן אויף איר, ווײַל איך טראָג די זון בא זיך, אָט־דאָ...

מיט א קלעצלדיקן, האָריקן פינגער האָט ער צערטלעך א גלעט געטאָן דעם שפּיץ פון זײַן בליציק־אויסגעפוצטן שוך און פאַרענדיקט:

— פאַר מיר קלעקט אַזאַ זון, ווי איך זע דאָ! איך בין זייער צופרידן. מער דאַרף איך ניט...

— איך זע טאַקע, אַז מער דאַרפט איר ניט... — האָב איך געזאָגט און בין אַוועק, קעדיי צו זײַן וואָס ווײַטער פון דעם פאַרשוין, וועמען עס קלעקט די אָפּשפּיגלונג פון דער זון אין דעם שפּיץ פון זײַן אָפּגעפוצטן שוך...

טירן

כ'האָב זיך אײַנגעקוקט אין דעם נומער פון הויז: יאָ, דער אדרעס שטימט. דעמלט בין איך אַרײַן אין דעם ליכטיקן קאָרידאָר, בין אַרויף מיט די גלײַכע טרעפּ. אָט איז די דירע, וועלכע איך זוך. אָנגעקלונגען — האָט זיך די טיר ברייט געעפנט, מ'האָט מיך אַרײַנגעבעטן אין שטוב. איך האָב איבערגעגעבן דעם געבראַכטן גרוס, און די שטוביקע האָבן מיך פרײַנטלעך אויסגעהערט און געווען דאַנקבאַר.

פון דער שטוב בין איך אַרויס אַ גוט־אויפגעלייגטער, אַ צופרידענער מיט דער דורכגעפירטער שליכעס, וואָס איז מיט אַזאַ פרייד אויפגענומען געוואָרן.

נאָך אַ גרוס האָב איך געהאַט איבערצוגעבן, און כ'בין אַוועק לויטן צווייטן אדרעס. דאָ איז שוין דער אַרײַנגאַנג ניט געווען פון גאַס, און ס'איז מיר אויסגעקומען לאַנג אַרומבלאָנדזשען אין און אָפּגעלעגענעם, מיט שפּיציקע שטיינער אויסברוקירטן און מיט אָפּפאַלן באַשמוצטן הויף. איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבער פאַרשלומפּערטע קאָרידאָרן, געטאַפּט מײַן וועג אויף קאָפּשווינדלדיקע, אויסגעקרימטע טרעפּ מיט קלעפּיקע פּאָרענטשעס. ענדלעך, מיט מאַטערניש זיך דערקליבן צו אַ מיט ברודיקע שמאַטעס פאַרלייגטער טיר — האָב איך אַ צײַט געדריבזלט מיטן הייזעריקן גלעקל, ביז פון יענער זײַט האָבן זיך דערהערט שלעפּנדיקע טריט. אין טיר האָט זיך געעפנט אַ שפּעלטעלע בלויז אַזוי ברייט, אויף וויפל ס'האָט דערלאָזן די פאַרזיכערונגס־קייטל, און אַ סקריפּעדיקע שטים האָט אַ פרעג געטאָן שטרענג און אומצוטרוילעך:

— וועמען דאַרפט איר?

מיר איז אָפּגעפאַלן דער כיישעק אַרײַנצוגיין אין דער דאָזיקער שטוב. און דער באַלעבאָס האָט אויך ניט אַרויסגעוויזן קיין פאַרלאַנג מיך אַרײַנצובעטן אַהין. האָב איך טאַקע, אַזוי שטייענדיק פון דער זײַט טיר, אָפּגעמורמלט דעם גרוס, און ניט וואַרטנדיק אויף קיין דאַנק, וועלכער וואָלט סײַווי ניט געקומען, אָפּגיך זיך אויסגעקערט מיטן רוקן צו דער פאַרמוכלטער טיר מיט איר פאַרמוכלטן באַלעבאָס... און אין אַראָפּגיין פון די געדרייטע גליטשיקע טרעפּ געטראַכט וועגן דעם, ווי פאַרשיידן עס זײַנען די טירן, דורך וועלכע מ'קאָן אַרײַנגיין צו מענטשן. פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס דער צוגאַנג צו זייער האַרץ און געמיט פירט דורך אַ ברייטן ליכטיקן הויפּט־אַרײַנגאַנג. דאָס זײַנען מענטשן אָפענע, דורכזיכטיקע, פרײַנטלעכע. און אַנדערע ווידער זײַנען דאָ, וואָס מע מוז לאַנג זוכן דעם וועג צו זיי

דורך פארפלאָנטערטע הינטערהויפן. און קלינגט מען שוין צום סאָף אָן אין דער טיר פון אָט די פארביסענע, אין זיך פארשלאָסענע, — עפנט זיך אוף מיט א סקריפ נאָר א שמאָל שפעלטעלע. ווײַל ברייטער דערלאָזט ניט די קייט, וועלכע טיילט אָפ זייער קליין, בידנע וועלטל פון דער ארומיקער גרויסער וועלט.

באגריסונגען

אויך דאָס מאָל האָב איך, ווי שוין שטענדיק באַם ארויסגיין אין גאַס, באגעגנט מערערע באַקאַנטע, און יעדער איינער האָט זיך באגריסט מיט מיר אַף אַן אנדער אויפן. איינער האָט צערעמאָניעל אראָפּגענומען די הוט און דערבײַ העפלעך געשמייכלט. א צווייטער האָט פרײַנטלעך צוגעבויגן דעם קאָפּ און מײַסע גוטער־ברודער א פּינטל געטאָן מיט אַן אויג. א דריטער ווידער האָט שוין פונווײַטן אופגעשטראַלט, געלאָפן אנטקעגן מיט אָפענע אָרעמס און מיר לאנג געדריקט די האַנט.

אָבער נאָך אָט די אַלע פרײַנטלעכע באַגריסונגען, פון וועלכע כ׳האָב זיך געקאָנט אײַנשמועסן, אַז איך בין זייער א לײַטישער, אלגעמיין־באַליבטער מענטש און אַז מיך צו באַגעגענען — איז פאַר יעדן איינעם א גרויסע פרייד, האָב איך אָנגעטראָפן איינעם א פרײַנט, וועמען כ׳האָב שוין א לאנגע צײַט ניט געזען. איך האָב אים באַגריסט, געגרייט זיך אָפּשטעלן א שמועס טאָן, — אָבער ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, זעענדיק, אַז ער קוקט מיך אָן בארויגעז און ענטפערט קוים אַף מײַן גרוס. איך בין אוועק פון אים, ווי אַן אויסגעפּאַטשטער, און פון דעמלט אָן האָב איך שוין קיין רו ניט געהאַט. ענדלעך, נאָך לאנגע גריבלענישן, איז מיר דאָך אופגעפאַלן עפּעס, מיט וואָס כ׳האָב מעגלעך אים באַליידיקט, אָבער בײַסמײַסע גאָר קיין אכט אַף דעם ניט געלייגט. נו, האָב איך פאַרבויגן מײַן אייגנליבע, אוועק צו אים, זיך אויסגעשמועסט, זיך אנטשולדיקט — און אונדזער אַלטע פרײַנטשאַפט איז אופגעשטעלט געוואָרן. אופגעשטעלט נאָך מיט מער האַרציקײַט, ווי פריִער. ווי עס געשעט שוין שטענדיק נאָכן אויסריידן זיך אַף קלאָר און בעטן אנטשולדיקונג.

און ווען איך קלײַב איבער אין זיקאָרן די באַגעגענישן און באַגריסונגען פון יענעם טאָג, קום איך צום אויספיר, אַז אָט דער אָנגעכמורעטער בייזער שאָקל מיטן קאָפּ איז מיר ליבער און מער אײַנגעבאַקן אין האַרצן, איידער יענע באַגריסונגען, וואָס האָבן מיך אײַנגעשמועסט, אַז איך בין גוט און וויל. ווײַל גראָד אַזעלכע אָנגעברויגעזטע באַגעגענישן באַווײַזן, ווי עס האַלט בא דיר מיט דײַנע מענטשלעכע באַציִונגען און דערמאָנען אין באַגאַנגענע אוולעס, וועלכע דאַרפן פאַריכט ווערן.

דער רייעך פון ערלעכקייט

אין מיינע קינדער־יאָרן האָב איך אַן אויסטערלישע ליבשאַפט געשפּירט צו מיין פּאָטערס האַרעפּאַשנע הענט. באַזונדערס דערפאַר, ווייל יעדן מאָל, ווען ער האָט אַריינגענומען צווישן זיינע קרעפטיקע, וואַרעמע פינגער מיין קינדיש הענטל, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך אָטעם אַריין דעם רייעך פון פרישן קאָרנענעם ברויט. איך האָב ניט געקאָנט באַנעמען דעם סאָד דערפון, און אויף מיין פראַגע, פונוואַנען דאָס נעמט זיך, האָט דער טאַטע נאָר געצוקט מיט די אַקסלען:

— גיי, גיי, וואָס דו קאָנסט אויסטראַכטן!

און מיט אַ טרויעריקן שמייכל צוגעגעבן:

— אַז פונוואַנען קומט צו מיר ברויט?

יאָ, ברויט איז בא אונדז אין שטוב ניט געווען קיין צו אָפטער גאַסט... דעריבער איז מיר נאָך אומפאַרשטענדלעכער געווען דער דאָזיקער רייעך, וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרן אַזוי מאַמאָשעסדיק, אַז אין מינוטן פון הונגער האָב איך געדאַרפט נאָר איינקנורן מיין פּאָנעם אין דעם טאַטנס וווּנדערלעכע הענט — און מיר האָט זיך שוין געדוכט, אַז איך וועל זאַט!

ווען איך האָב בא דער מאַמען געוואָלט זיך דערוויסן, וואָס דאָס איז פאַרא נעס, האָט זי זיך אָפּגעקערט און מיט אַ ציטערדיקער שטים שטיל אַרויסגעבראַכט:

— איז דען אַ וווּנדער, אַז דער רייעך פון ברויט גייט נאָך דעם הונגעריקן קינד אויף יעדן טראָט?..

אַזוי האָב איך אין מיין קינדהייט צו קיין קלאָרן ענטפער זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן. אָבער די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן מיר דעם באַשייד געבראַכט. איצט ווייס איך, וואָס דער רייעך פון ברויט באַטייט: דאָס איז דער רייעך פון ערלעכקייט. איך ווייס, אַז ס'איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיין ערלעכער פון פּאָשעטן, זעטיקן און באַשיידענעם ברויט. פון ברויט — און פון די טמימעסדיקע, ליבהאַרציקע, לויטערע פאָלקס־מענטשן, וואָס מיט זייער שווערער ערלעכער מי שפייזן זיי די וועלט מיט ברויט.

איצט ווייס איך אין וואָס עס איז געלעגן דער סאָד פונעם ברויט־רייעך, וואָס די האַרעפּאַשנע הענט פון מיין טאַטן האָבן פאַרשפּרייט אַרום זיך: דאָס איז געווען דער אָטעם פון ערלעכקייט, וואָס האָט אים באַגלייט זיין גאַנץ לעבן.

שוואַנען־ליד

פאַמעלעך און פאַרכאָלעמט שווימט דער שוואַן איבער קלאָרע וואַסערן און טראָגט פאָרויס זײַן שטאָלטנעם, צירלעך־אויסגעבויגענעם האַלדז, וואָס האַלט ווי א פראַגע־צייכן אין איין דערגרונטעווען זיך בײַ דעם שטילן טײַכל:

„זאָגט מיר, דורכזיכטיקע וואַסערן, ווו זאָל איך געפינען די ווונדער־שיינע פרײַנדן, וועגן וועלכער איך טרוים און מיט וועמען איך וויל זיך באַהעפטן אױף אייביק?"

און דער וואַסער־שפיגל גיט אים באַלד אָפּ דעם אָן ענטפער. ווײַל ווען דער שוואַן לאָזט אַראָפּ די אויגן, דערזעט ער אונטער זיך שווימען א צווייטן. אויך אַזאַ צאַרטן, ווי ער אַליין איז, אויך מיט אַזאַ שלאַנקן בייגעוודיקן האַלדז און מיט אַזאַ ציכטיק־באַפעדערטער, איידעלער ברוסט. און ווי נאָר ער דערזעט זײַן באַשערטע, נעמט ער שוין פון איר ניט אַראָפּ די פאַרקישעפטע בליקן, און אַזוי לאָזן זיי זיך אַוועק אין שווימען ענג באַהעפט, און פון צײַט צו צײַט גיסן זיי צונויף די לעכצנדיקע לעפצן אין א לאַנגן אונטערוואַסערדיקן קוש.

אָבער אויפן באַגראָזטן ברעג פון טײַך שפּילן זיך קונדייסים, און אין פאַרווײַלונג־לוסט וואַרפן זיי שטיינדלעך אױפן שוואַן, קעדיי אים אונטער־צוטרײַבן. פון דער אָפּגעהויבענער צערודערונג ווערט דער שוואַן צע־טומלט, קוקט זיך אומרויִק אַרום, און ווען איין שטיינדל טרעפט אין אים, נעמט ער פּאַטשן מיט די פליגלען. ניט פון אייגענעם ווייטעק, נאָר פון צאַר באַם צוזען, ווי די געליבטע, מיט וועלכער ער איז באַהעפט, ווערט צע־פּיצלט און צעריסן. און וועלנדיק ראַטעווען זײַן פרײַנדן, הייבט ער אָן, א צעטומלטער, זיך טראָגן פון זײַט צו זײַט און וואַרפט זיך צום סאָף צוזאַמען מיט איר אַרויס אויפן ברעג.

איצט זײַנען שוין די פאַרפאָלגער געבליבן אױף יענער זײַט טײַך, זייערע שטיינער דערגרייכן ניט ביז דעם באַגראָזטן אָרט, ווו דער שוואַן שטייט אױף איין פוס און פוצט די צעפּאַרשקעטע פעדערן: ער וויל זיך דאָך באַווײַזן פאַר דער אָפּגעראַטעוועטער פרײַנדן אין זײַן גאַנצער פרײַערדיקער שיינקײַט. אָבער ווען ער ברענגט זיך שוין אין פולער אָרדענונג און גיט א קוק אונטער זיך — רײַסט זיך אַרויס בײַ אים א יאָמער־געשריי: ניטאָ דאָרטן די שיינע מיטשווימערן זײַנע, זי בייגט ניט איר פּרעכטיקן האַלדז אים אַנטקעגן אין דערוואַרטונג פון זײַנע צערטלעכקײַטן — מ׳האָט זיי צעשיידט...

דעמלט שפּאַנט אַוועק דער עלנטער שוואַן מיט צעוואַקלטע, אומבאַ־האָלפֿענע טריט, ער צעטרייסלט דעם אָרום מיט זײַנע פֿאַרצווייפֿלטע קורלי־רופֿן, און נאָך לאַנגע אומזיסטע זוכענישן פֿאַלט ער ווי אַן אונטער־געשניטענער אַוועק אין גראָז, באַהאַלט זײַן פֿאַריאָסעמטן קאָפּ אונטערן ציטערדיקן פֿליגל און וויינט מיט זודיקע טרערן.

אַזוי ליגט ער, אַ פֿאַרצאַרטער און פֿאַריאָמערטער, און ווייסט ניט, אַז אייגנטלעך דאַרף ער שטעלן נאָר אַ פּאָר טריט און ווידער אַרײַן אין וואַסער, — און די באַשערטע וועט פֿונדאָסניי אופֿלעבן פֿאַר אים, און ער וועט ווידער איבערלעבן זײַן טרוים און זײַן גליק. ער ווייסט ניט, אַז די לעכצונג נאָך שיינקייט און טרייסט קאָן אין פֿאַרבענקטן געמיט געשטילט ווערן נאָר דעמלט, ווען מ׳קוקט אַרײַן אין לויטערע טיפֿקייטן.

אַן אומבאַקאַנטע שטים

טרררר... האָט זיך דער טעלעפאָן צעקלונגען און אַף פּיצלעך צעריסן די שטילקייט פונעם צימער. איך האָב אומצופרידן אָפּגעלייגט די פען, גענומען דאָס טרײַבל און אַרײַנגעברומט:

— האַלאָאָאָ...

פון די ערגעצן האָט מען געבעטן צורופן צום טעלעפאָן אַן אומבאַקאַנטן עמעצן...

— אַ טעאָעס! — האָב איך בייז אָפּגעשניטן, און נאָך איידער כ'האָב באַוויזן אוועקצוּוואַרפן דאָס טרײַבל, האָב איך געהערט, ווי אַף יענער זײַט דראָט אַנטשולדיקט מען זיך העפלעך:

— זײַט מיר מויכל...

און די פאַרבינדונג האָט זיך איבערגעריסן.

אָבער אַ מאָדנע זאַך — גראָד אין דעם מאָמענט האָב איך זיך דערפילט אַף אַן עמעסן פאַרבונדן מיט יענעם אומבאַקאַנטן! און בלײַבנדיק אַזוי זיצן אַ פאַרשעמטער און צעשטרייט דרייענדיק דאָס טרײַבל אין האַנט, האָב איך געפילט אַ פאַרלאַנג צו זאָגן דעם דאָזיקן צופעליקן מענטשן אַ גוט וואָרט, אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל אים פאַרגיטיקן פאַר דער אומפרײַנט־לעכקייט און אָפּגעריסענעם טאָן, מיט וועלכע כ'האָב אים מיט אַ מינוט פריִער אָפּגעבריט.

נאָר גיי זוך אים...

דעריבער טאַקע האָב איך אָנגעשריבן אָט די שורעס. עפּשער וועלן זיי אַרײַנפאַלן צו אים, — איז זאָל ער וויסן, אַז אַ וואַרעם וואָרט — מעג דאָס זײַן בלויז איין וואָרט, און מעג דאָס קומען פונוואַנען — געפינט שטענדיק אַן אָפּקלאַנג אין מענטשנס האַרץ.

„זײַ אַזוי ווי אַלע!"

די שנייעלעך שוועבן אינדערלופטן פאַרקלערטע און פאַרזאָרגטע. ווי זיי וואָלטן זיך שלאָגן מיט דער דייע — אַראָפּלאָזן זיך אויף דער ערד, צי ניט. און נאָך אַ רעגעלע טראַכטן קומען זיי צום אויספיר, אַז דאָס בעסטע און רויִקסטע אָרט איז פּאָרט אונטן. דעמלט פאַלן זיי פּאַמעלעך אַראָפּ, קנורן זיך אײַן אין דער ווײַסער קאָלדרע, וואָס ליגט אונטן אויסגעשפּרייט און וואַרט אויף זיי, און דאָ בלײַבן זיי ליגן אָן באַוועגונג.

בלויז איין שנייעלע האָט זיך פאַראַקשנט און וויל בעשום־אופן ניט אַראָפּנידערן אויף דער אומבאַוועגלעכער ווײַסקייט. דאָס שנייעלע דערמאָנט זיך, ווי אַפן וועג אַהער האָט עס אין די הייכן באַגעגנט אַ ווירבלווינט, און אין זײַן צירלעך־געצירקלט הערצעלע אָטעמט נאָך דער שטורעם, דער צעברויזטער אימפּעט, וואָס האָט זיך אין אים אַרײַנגעכאַפּט, און דעריבער גלוסט זיך ניט דעם שנייעלע אײַנשלאָפן און פאַרגעסן אָן אַלץ. דאָס שנייעלע ווייסט, אַז קאָלזמאַן עס איז אינדערלופטן, באַהאַלט עס נאָך זײַן אייגן געשטאַלט און דעם ברויז פון זײַן האַרצן. נידערט עס אָבער אַראָפּ — איז אויס מיט אַלץ.

און פון אויבן קומען קעסיידער אָן אַלץ נײַע שנייעלעך, קרײַזן פאַרן אַראָפּפאַלן אַ רעגעלע פאַרקלערט, און זײַנען שוין גרייט זיך אַראָפּצולאָזן. אָבער דאָ דערזעען זיי מיטאַמאָל דאָס בונטאַרישע שנייעלע, וואָס טראָגט זיך אַרום אינדערלופטן פאַרבײַ זיי און וויל צוזאַמען מיט זיי אַראָפּפאַלן. דעמלט נעמען זיי אומצופרידן מורמלען:

„וואָס דרייט ער זיך דאָ אַרום, דער שלימאַזל, און וויל זיך ניט אַראָפּ־לאָזן, אַזוי ווי מיר אַלע? וואָס איז ער עפּעס פאַר אַ יאַכסן און ווער האָט אים געגעבן רעכט צו זײַן אַנדערש, ווי מיר?!"

און מיט אַן אויסרוף „נידער מיטן ווידערשפּעניקן!" באַפאַלן זיי דעם שנייעלע פון אַלע זײַטן און שטופּן אים אַזוי לאַנג, ביז עס לאָזט זיך אַראָפּ צוזאַמען מיט זיי אויף דער ווײַסער שטומער ערד און בלײַבט אַזוי ווי זיי אַלע אומבאַוועגלעך ליגן אין דעם שטומען שויס.

א שמייכעלע

אין איינעם א טאָג האָט די זון מיט א שמייכל אָנגעזאָגט דער וועלט, אז דער פרילינג קומט אָן. און די וועלט האָט געגלייבט אָט דער פריילעכער בסורע: די ביימער האָבן ווי אויסגעגלײַכט זיך און אין זייערע דורכן ווינ־טער פארכאלעשטע פארצווײַגונגען האָט מיטאמאָל זיך ארײַנגעפלאָנטערט א פּיאָלעט־גאָלדיקע פארנעפלטקײַט; עס האָבן געגומען לויפן און זיך בלעזלען ריטשקעס, וואָס זײַנען ביז איצט געלעגן פארקאָוועט אין בייזן אײַז; באַ־פרײַטע פון די שטײַגן זון־העזעלעך זײַנען שוין פארהאוועט ארומגעשפּרונגען איבער מויערן, ווענט, און אָ צווײַג פון יעשאָנבוים, וואָס האָט דעם גאנצן ווינטער א שווערבאלאָדענע מיט שניי ארײַנגעקוקט צו מיר אין פענצטער און געהאלטן אין איין דערציילן, ווי זי כאָלעמט וועגן פרילינג, האָט איצט, א באפרײַטע פון איר מאסע, מונטער און אופגעלייגט זיך צעשאָקלט.

„זיך דערוואַרט...״ האָט זי מיר האָפּעדיק צוגעוווּנקען, „מײַן טרוים איז שוין פארווירקלעכט...״

באלד האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז דער שמייכל האָט אָפּגענארט און די פרייד איז געווען פריצײַטיק. אף מאָרגן נאָך אָט דעם צעשטראלטן טאָג, איז דער הימל גאָר אומגעריכט פארצויגן געוואָרן מיט גרויקײַט, און באלד האָט געגומען שיטן א געדיכטער שניי. ס׳האָט לאנג ניט געדויערט, און די נעכטן אזוי אופגעריכטע צווײַג פאר מײַן פענצטער, איז שוין ווידער גע־שטאנען א געבויגענע, א באלאָדענע און אומעטיקע.

„אָ, ווי שווער...״, האָט פון אונטערן דיקן שניי־צודעק זיך דערטראָגן איר זיפץ, „ווייסטו? ווינטער איז מיר גאָר ניט געווען אזוי שווער און ביטער, ווי הײַנט... פארוואָס איז דאָס אזוי?״

מיר דאכט זיך — איך ווייס פארוואָס. איך ווייס, אז באזונדערס שווער ווערט דעמלט, ווען מע לאָזט זיך פארפירן פון א צוזאָגנדיקן שמייכעלע, און דאָס שמייכעלע נארט אָפּ.

קאשאלאָטן שטאַרבן אױפֿן זאַמדיקן ברעג

אין א פילם־כראָניק איז באַװיזן געוואָרן ווי א גרויסע מאַכנע קאַשאַ־לאָטן ליגט אפן זאמדיקן ברעג יאם און צאפּלט זיך אין גסיסע־ווייען. און דערציילנדיק וועגן דעם, ווי די וואלפיש זיינען דורכגעשוווּמען א מעהאַ־לעך פון טויזנטער מײַלן, קעדיי דאָ אויסצוהויכן זייער לעצטן אָטעם, האָט דער דיקטאָר צוגעגעבן, אז פון יאָר צו יאָר כאַזערט זיך איבער די דאָזיקע מערקווירדיקע דערשײַנונג, און די וויסנשאַפט איז נאָך אלץ ניט בעקויעך אופצוקלערן די סיבע פון דעם.

איך ווייס ניט, וואָס פאַר א דערקלערונג די וויסנשאַפטלער וועלן סאָפקאָלסאָף געפינען דערפאַר. מײַן פאָשעטער סייכל זאָגט מיר אָבער אונטער אזא מין לייזונג פון דער רעטעניש:

ווען די קאשאלאָטן דערפילן, אז ס'דערנעענטערט זיך פאַר זיי די צײַט אוועקצוגיין פון דער וועלט, נעמען זיי זיך צונויף אין מאַכנעס און הייבן אָן שווימען צום ברעג. זיי גלוסט זיך ניט שטאַרבן אין יאַם, ווײַל קאָנען דען אָט־די אייביקע יאם־וואָגלער און יאם־באַהערשער אײַנגיין אף דעם, אז אלע פּיצינקע פישעלעך, וואָס האָבן א גאַנץ לעבן זיי נאָר געדינט פאַר שפּײַז, זאָלן צוזען ווי זיי, די באַוועגלעכע ריזיקע בערג, קערן זיך אָנמעכ־טיק איבער און ווערן פאַרשטאַרט? און זיי קלײַבן אויס א טויט אפן ווײַטן זאמדיקן ברעג, א שווערן טויט, דערפאַר אָבער ווייסן זיי, אז זיי וועלן בלײַבן פאַרקריצט אין זיקאָרן פון אלע פיגמייעלעך, ווי די מעכטיקע אומשטערבלעכע געוועלטיקער איבער אָפּגרונטן...

מיט אָט־דער האַשאָרע מײַנער האָב איך זיך געגרייסט און געהאַלטן, אז זי איז די איינציק ריכטיקע. אָבער ווען איך האָב זי אַרויסגעזאָגט פאַר איינעם א דיכטער, וואָס האָט אויך געזען דעם פילם וועגן קאַשאַלאָטן־טויט, האָט ער פאַרענטפערט די דאָזיקע רעטעניש אף אן אנדערן שטייגער.

— עס קומען אוף צײַטן — האָט ער געגנומען אימפּראָוויזירן — ווען די קאַשאַלאָטן דערעסט די צעשויבערטקײַט פון זייער לעבן, דאָס אייביקע אַרומטראָגן זיך אף די צעברויזטע כוואַליעס, און עס פאַרגלוסט זיך זיי איינמאָל פאַר אלעמאָל אָפּרוען. אמאָל האָבן זיי געהערט, אז ערגעץ איז פאַראן א ברעג, וווּ מ'קאָן געפינען רו, און אָט נעמט זיך צונויף א מאַכנע און שווימט דורך דעם מעהאַלעך פון טויזנטער מײַלן, און ווען זיי דער־גרייכן דעם געלעכצטן ברעג, ציִען זיי זיך אויס אפן זאַמד און גרייטן זיך אזוי אָפּלעבן די רעשט יאָרן אין רו און זיכערקײַט... אָבער ווי לאַנג קאָן דען דער יעניקער, וואָס האָט שוין איינמאָל פאַר אלעמאָל אײַנגעזאַפּט

דעם זיך אלץ ביַיטנדיקן העפטיקן שטורעם און ברויז און איז פארשיקערט פון דעם ליַידנשאפטלעכן אָטעם פון טהאָם, זיך איבערגעבן דער לאנגוויַי־ליקער רו אף א זיכערן, פלאכן ברעג? און דעמלט הייבט זיי אָן אומבעראכ־מאָנעסדיק נאָגן די כאראָטע אפן פארלאָזן זייער צעשטורעמטע היים, די צעכוואליעטע ראכוועסן, און זיי פרווון זיך א הייב טאָן, קעדיי זיך ווארפן צוריק אין וואסער אריַין. אָבער דער זאמד האָט זיי שוין אריַינגעזויגן און לאָזט זיי ניט אָפּ, און דאָ דערפילן זיי מיט ווייטעק און שאנד, אז זייער גאנצע מעכטיקייַט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך געראנגלט מיטן צעשטו־רעמטן יאם קלעקט ניט אף אָפּצוריַיסן זיך פון דעם שטילן, גלאטן, אלץ־אריַינזויגנדיקן זאמד.

און די קאשאלאָטן, וואָס האָבן אזוי ליַיכטזיניק פארלאָזט זייער אומענדלעכע היים און קאָנען זיך צו איר מער ניט צוריקקערן, שטארבן דעמלט מיט א שווערן זאמדיקן טויט. מיטן שווערן ביטערן טויט פון בענקשאפט.

לײַדנשאַפטן

דער פראָסט איז נאָך אַלץ שטאַרק, אָבער דער שטורעם, וואָס האָט געבור־שעוועט אין מעשעך פון עטלעכע טעג, האָט זיך שוין אײַנגעלייגט, און פון ברעג פונעם שטיל געוואָרענעם יאַם זײַנען אין ווילדער צעשויבערטקײַט אַנגעוואַלגערט ריזיקע הרודעס אײַז. זיי זעען אויס, ווי פאַנטאַסטישע באַשעפענישן, בא וועמען ס׳איז אָפּגענומען די בייזקײַט. און בייזקײַט האָבן זיי פאַרמאָגט אַ סאַך, אָט די קריזעס, בייס זיי האָבן מיט קריצעניש זיך אַרומ־געטראָגן איבערן צעשטורעמטן יאַם און געפּרוווט פאַרפירירן און פאַר־קלעמען זײַן צעברויזטע לײַדנשאַפט. אָבער ס׳האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן — זייער רישעסדיקער ווילן איז געוואָרן צעשטערט דורך דעם אימפּעט פון די כוואַליעס, וועלכע האָבן זיי אַרויסגעשווענקט און אַרויסגעשפּיגן אויפן ברעג.

אין דער זון־באַשײַנטער פראָסטיק־צעקלונגענער שטילקײַט שטײַג איך אַרויף אף איינעם פון די פאַרגליווערטע ריזן און קוק אַראָפּ אפן יאַם. ער שפּרייט זיך אומבאַוועגלעך. ער איז פאַרפרוירן.

און כ׳דערמאָן זיך די טעג, ווען ער האָט געשטורעמט און געברויזט און בונטאַריש געוואָרפן פון זיך די קריזעס, וואָס האָבן אים געוואָלט פאַרפּענ־טען. דעמלט האָט אויסגעזען, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט אונטערגעבן. ס׳איז אָבער גענוג געווען איין שטילער טאָג, אַ טאָג אָן ברויזיקע כוואַליעס, און ער איז שוין פאַרשטײַפט און פאַרפרוירן געוואָרן.

מיסטאָמע איז דער יאַם אַזוי ווי אַ האַרץ. קאָלזמאַן עס צאַפּלט זיך און שטורעמט — איז ניטאָ קיין סאַקאָנע, אַז דער פראָסט וועט אים באַצווינגען. פאַרצויגן מיט אײַז ווערט עס דעמלט, ווען דער ברויז און די לײַדנשאַפטן ווערן אײַנגעשטילט.

אן אָפּגעבראָכן צווײַגל

אינמיטן ווינטער שטייט אפן פענצטער־ברעט אין א וואזע וואסער א קאשטאן־צווײַג. אן אומעטיקע און פארטראכטע קוקט זי ארויס פון דער וואזע, איר פײַניקט די דערמאָנונג וועגן יענער גרויזאמער מינוט, ווען מע האָט זי אָפּגעבראָכן פון בוים. אָפּגעבראָכן — און נאָך געהאלטן, אז מע האָט איר געטאָן דערמיט א טױווע. ווײַל זי הערט נאָר, ווי ארום ריידן אלע:

— גוט, וואָס מיר האָבן דעם צווײַגל אָפּגעראטעוועט פון פראָסט און ווינט! דאָרטן, אין וואלד, וואָלט זי דאָך אומגעקומען... אין אונדזער ווארעמער שטוב בליט זי אָבער, ווי אין אירע בעסטע צײַטן!

קאָנען אָבער די מענטשן באגרײַפן, אז דאפקע אין אָט דער ווארעמער שטוב זייערער האלט זי אין איין טראכטן וועגן דעם, וואָס פאר א גליק עס איז צעטרייסלט און צעציטערט צו ווערן פון העפקערדיקע ווינטן, צו פילן אין זיך די שטײַפקײַט, וואָס גרימיקער פראָסט פלייצט אײַן, און מיטן אָנשטרענג פון אלע קויכעס אײַנצואָטעמען די פרישע זאפטן פון דער ערד?..

אָט אזוי עסט איר די בענקשאפט, זי ווערט צעהאָרבעט און אײַנגע־צויגן. ניט לאנג אָבער האלט אָן איר פארצווייפלונג, ווײַל אינמיטן פון ביטערסטן ייִעש דערשפירט זי מיטאמאָל אין אירע אָדערן שפילן און יוירן יענע קויכעס, מיט וועלכע איר מעכטיקער פאָטער דער בוים האָט איר באשאָנקען. דעמלט ווערט זי מונטער, די שפּראָצן אָף איר גלײַכן זיך אויס מיט פרישקײַט און שטאָלץ, און זי ווייסט — אויב זי איז אפילע אָפּגע־בראָכן פון דעם בוים, וואָס האָט זי געבוירן און אויסגעטראָגן, אָבער קאָל־זמאן עס שפּײַזן זי נאָך די זאפטן, מיט וועלכע איר פאָטער־בוים האָט איר גענערט, וועט זי ניט אופהערן וואקסן.

אָפּשפּיגלונג

די ווערבע אפּן ברעג טײַך האָט זיך שטאַרק געכאַוועדעט מיט איר אייגענער אָפּשפּיגלונג, וואָס האָט אַרופּגעקוקט צו איר פון וואַסער. פון אײַנדערפרי ביז באַנאַכט האָבן ביידע ווערבעס געהאַלטן אין איין זעלבסטצופרידענעם שמייכלען איינע צו דער אַנדערער. בײַ יעדן לינדן ווינטעלע האָבן ביידע כייגעוודיק געשאָקלט מיט די געקרויזטע קעפּ, מילד צווינקענדיק מיט די בלעטער, און אין מעשעך פון די זומער־כאַדאָשים האָט צווישן זיי זיך אײַנגעשטעלט אַזאַ ריירנדע, אומצערײַסלעכע פרײַנטשאַפט, אַז הימל און ערד האָבן פּאַשעט געמעגט מעקאַנע זײַן.

אָבער ווען דער זומער האָט זיך פאַרענדיקט, האָט צו דעם אידילישן צוזאַמענלעבן פון די צוויי ווערבעס געגומען אַ סאָף. דער האַרבסט האָט מיט זײַנע ווינטן אַראָפּגעטרייסלט פון זיי די צירלעכע מאַלבושים, און איינמאָל איז אָנגעקומען גאָר אַ באַזונדערס קאַלטער פרימאָרגן, ווען די ווערבע פונעם ברעג האָט צו איר גרויסן שרעק די טײַך־ווערבע שוין ביכלאַל מער ניט געזען, ווײַל איבער נאַכט איז דער טײַך פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ שיכט אײַז.

אָט אַזוי האָט די ווערבע מיטאַמאָל פאַרלאָרן איר אָפּשפּיגלונג און איז געבליבן שטיין אפּן ברעג טײַך איינזאַם און פאַריאָסעמט. אַזוי ווי עס בלײַבן שטענדיק איינזאַם און פאַריאָסעמט די יעניקע, וועלכע האָבן אַ לעבן זעלבסטצופרידן זיך געשפּיגלט בלויז אין זיך אַליין.

רייפן אפן וואסער

דער הימל איז פארצויגן מיט כמארעס, און די לופט איז אָנגעזאפּט מיט פײַכטקײַט אין דערווארטונג פון רעגן. און אָט גיט עמעצער א צופּ די סטרונע, טראָפּנס צעטאנצן זיך איבערן טײַך און אין אלע זײַטן פון זײַן שפּיגל לויפן זיך פאנאנדער שטיפערישע רייפן. זיי ווינקען האָפערדיק, ווי פריילעכע מעכוטאָנים, און זאָגן אָן דער וועלט די בסורע, אז די טראָפּנס, וועלכע האָבן זיך געהאט אָפּגעריסן פון זייער שטאם און זײַנען פרעמד געוואָרן צו אים, זיך פארוואנדלענדיק אין וואָלקנס, האָבן זיך צוריק אומגעקערט אהיים. און דער טײַך נעמט אויף די געקומענע מיט באגײַסטערונג, שיקט אנטקעגן יעדן פון אויבן אראָפּגעפאלענעם טראָפּן א צעשפּילט און צעהוליעט זײַלכל וואסער, וואָס כאפּט זיך ארום מיט דעם געקומענעם, צעקושט זיך מיט אים און זיי גייען צוזאמען אוועק אין א מונטערן טאנץ.

און ווען איך זע דאָס אלץ צו, דוכט זיך מיר, אז דער סאָד פון אָט דעם פריידיקן רייפן־טאנץ איבערן טײַך בייסן רעגן ליגט עפּשער ניט נאָר אין די אלגעמיין אָנגענומענע הידראָדינאמישע געזעצן... אז עפּשער ליגט דער סאָד פון דעם אין דער פרייד פונעם טײַך בא דער באגעגעניש מיט זײַנע פארוואָגלטע און ווידערגעפונענע קינדער.

נאפטאלין

מײַן מוטער האָט קיין כימיע ניט שטודירט און קיין מינדסטע אנונג ניט געהאט וועגן דעם, אז נאפטאלין איז א קוילנהידראט, וואָס זײַן פאָר־מולע איז $C_{10}H_8$ פאר איר איז דאָס געווען עפּעס אנדערש, און אָט די פאָרשטעלונג אירע האָט זי מיר איבערגעגעבן אפן גאנצן לעבן.

...איך זיקאָרן שווימט מיר אויף א טאָג פון מײַן קינדהײַט, ווען כ׳בין פארבײַגעלאָפן אין אונדזער קאָרידאָר פארבײַ די אָפענע טיר פון דעם צימערל, ווו ס׳האָט געווינט אונדזער שכנה, די אלטע קארגע טראשטשע, און פון דאָרטן האָט מיר א שלאָג געטאָן אנטקעגן עפּעס א מעשונעדיקער, צעפרעסנדיקער רייעך. א צעטומלטער בין איך געלאָפן צו דער מאמען זיך ראטעווען.

— עפּעס האָט מיט דיר פּאסירט? — האָט זי געפרעגט, זעענדיק מײַן בלייך, צעשראָקן פּאָנעם און פארקרימט נעזל.

אָנשטאָט אן ענטפער האָב איך בלויז גענאָסן, געשפּיגן, און צום סאָף שטאמלענדיק ארויסגעבראכט:

— אָט דאָרטן, בא־בא טראשטשען... דע־דערשטיקט צ־צו ווערן...

— אָ, דאָס מיינסטו? יאָ, כ׳האָב טאקע געזען, ווי זי לופטערט הײַנט אויס איר קאסטן. פאראן דאָרטן א היפּש ביסל נאפטאלין.

— נא־נאכטעלין? — האָב איך נאָכגעפרעפלט, — איז צו וואָס קלײַבט זי אין איר קאסטן אָט דעם נאכטעלין? וואָס איז דאָס פאר אזא פּאסקודסטווע, אָט דער נאכטעלין?

— דאָס איז אזא סאמעמאָוועס, וואָס טויט אָפּ מאָלן — האָט די מאמע דערקלערט, און שטיל צוגעגעבן: — און מענטשן טויט ער אויך אָפּ...

— ווי?! — האָב איך זיך דערשראָקן — וועט די מומע טראשטשע אויך אָפּגעטויט ווערן?!

— שרעק זיך ניט, מײַן קינד, — האָט די מאמע מיך בארויִקט, — טראשטשען וועט כאָלילע קיין בייז ניט געשען... זי פירט נאָר א פארנאפּ־טאלינעוועט לעבן! ווײַל וויסן זאָלסטו, אז וואָס מער איבעריקע שמאטעס א מענטש קלײַבט אָן, אלץ מער ווערט זײַן לעבן פארנאפּטאלינעוועט...

אָט די ווערטער האָבן שוין אָף אלעמאָל פארוואָרפן אין מײַן הארצן די זוימען פון ווידערווילן צו פארנאפּטאלינעוועטע פארשוינען. צו די יענע־קע, וועמעס מענטשלעכקײַט ס׳איז צעפרעסן געוואָרן דורכן קוילנהיד־ראָט $C_{10}H_8$, צו מענטשן, פון וועמען עס טראָגט אָף מײַלן דער צעפרעסנדיקער רייעך פון גיריקײַט, פון זשעברעווען, פון וועלן ארײַנכאפּן א וועלט.

א מענטש גייט

די דאָזיקע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין איינעם א ליכטיקן טאָג, ווען איך בין געזעסן אף א באַנק אין סקווער און געלייענט. ארום האָט געפּילדערט און געזשומעט דער קינדערישער בינשטאָק און מיט אלע פאַרבן זיך געמינעט אין די בלענדיקע זון־שטראַלן. אף דער באַנק בא מײַן זײַט האָט א יונגע מאַמע באַגײַסטערט געגאַפּט אף איר פּיצל קינד, וואָס האָט ארומגעטראַמפּלט דאָ דערבײַ, און האָט מיט פרייד און ציטער אים געשפּרייט אַנטקעגן אירע אָרעמס. איך האָב אָפּגעלייגט מײַן בוך און גענומען צוקוקן זיך צו דעם נעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ פאר מײַנע אויגן, — דעם נעס, ווי א מענטש שטעלט זײַנע ערשטע אָנגעשטרענגטע, וואַקלדיקע טריט אין לעבן, און א פאַרשיקערטער און א ביסל א צעשראָקענער פון דעם פאר אים אזוי אומגעריכטן וווּנדער, פאַלט ער איטלעכע ווײַלע ארײַן אין דער מאַמעס צעשפּרייטע אָרעמס מיט א צופרידענעם און צעהוליעטן קוויטש, ווי אויסרופנדיק צו דער וועלט: „זעט, וואָס פארא בעריע איך בין!..״

דאָ איז צו אונדזער באַנק צוגעקומען אַן אלטער מידער מאַן. זיך דער־שלעפּט מיט שלאַבעריקע טריט, שווער אָנגעשפּאַרט אפן שטעקן, זיך צוגע־זעצט און א צײַט נאָך געפּרײַכט און צעבראָכן געהוסט. נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צוקוקן צו דעם שפּרײַזנדיקן יינגעלע, זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט ווארעמקײַט און ער האָט זיך געווענדט צו מיר:

— וואָס זאָגט איר, האַ? שוין איינמאָל א כוואַט...

און באַלד זיך צערעדט:

— איר זײַט א מיליון אף דעם, וואָס עס טוט זיך? אָט שטעלט א מענטש זײַנע ערשטע טריט, און דאָ — ער האָט מיט א ביינערדיקן פינגער אָנגע־טײַטלט אף זיך, — שטעלט א מענטש זײַנע לעצטע טריט... יאָ, די לעצטע...

אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, האָט ער שטיל און טרויעריק צוגעגעבן:

— און ווי שווער מענטשן שטעלן דאָס אָט די ביידע מאָל זייערע טריט! באַם אָנהייב ווי דער־אָ, און באַם סאָף — אָט ווי איך... און די אלע טריט, וואָס ווערן געשטעלט צווישן די ביידע פּונקטן, דאָס וואָס מיר רופן „לעבן״, זײַנען בלויז...

ער האָט ניט פאַרענדיקט, ווײַל אין דעם מאָמענט האָט דער קליינער כעוורעמאַן פאַרלוירן זײַן גלײַכגעוויכט, א טיאָפּ געטאָן זיך אפן זאַמד און פאַרצווייפלט זיך צעוויינט. די דערשראָקענע מאַמע איז אופגע־

שפרונגען, אים געשטעלט אף די פיס, בארוזקט, און דער שטיפער האָט באלד, אזוי ווי גאָרנישט געווען, ווײַטער גענומען שפּאנען און קוקן אף דער מאמען מיט לויכטנדיקע אויגן, פול צופרידנקייט מיט זיך און מיט זײַנע דערגרייכונגען. דעמלט האָט די מאמע ארויסגענומען פון טעשל א שאָקאָ־לאדקעלע, דערלאנגט דעם העלדישן פוסגייער און געזאָגט מיט א שטים, צעוואַרעמט פון גליק און צערטלעכקייט:

— נא דיר, מײַן בעריעלע... פאר דײַנע ערשטע טריט...

דאָס קינד האָט אויסגעשטרעקט א פּוכקע הענטל, א כאַפּ געטאָן די מאטאָנע און טייקעף ארײַנגעפּאקט אין זײַן צעשמייכלט מײַלכל.

דער גרײַז האָט שווײַגנדיק און מיט ווייטעקדיקן שמייכל באטראכט די סצענע, און נאָכדעם צו מיר געזאָגט:

— ווי איר זעט, האָט דער מענטש שוין באקומען א פּרעמיע... נו, פאר די ערשטע טריט באקומען מיר דאָס אלעז אָבער קריגן מיר דאָס אויך באם סאָף, ווען מיר שטעלן די לעצטע טריט? ניט אלעמען זאָגט מען דאָך דעמלט: „נא דיר, בעריע, פארן דורכגיין גוט א לעבן!..“ און דאָס ערגסטע דערבײַ איז, — ער האָט שווער אָפּגעזיפצט, — וואָס מיר זעען אָפטמאָל אליין אויך אײַן, אז מיר האָבן קיין צוקערקעלע און קיין גוט וואָרט ניט פארדינט, אוי, ווי ניט פארדינט... אָבער וואָס איז די פּולע, וויבאלד מיר זעען דאָס אײַן צו שפּעט? — און פארטראכט פארענדיקט: — איז טוט טאקע א קלער וועגן דעם, קאָלזמאן עס איז נאָך דאָ צײַט...

ער האָט זיך פארהוסט, מיט מאטערניש אופגעשטאנען און, שווער אָנ־שפּארנדיק זיך אפן שטעקן, אוועק מיט שלעפּנדיקע, אומעטיקע, לעצטע טריט. און דאָ דערבײַ האָט אויך שווער און פּאמעלעך, אָבער מונטער און פריילעך און מיט אלץ וואקסנדיקער זיכערקײַט, א צווייטער מענטש גע־שטעלט זײַנע ערשטע טריט אין לעבן.

דער כאַמעלעאָן

ארום דעם טעראַריום, אין וועלכן עס פּויזעט דער כאַמעלעאָן, קלײַבט זיך א געזעמל. מיט גרויס נײַגער באַטראַכטן אַלע דאָס דאָזיקע אויסטערלישע באַשעפעניש, וואָס בײַט לויט דער באַדערפעניש די הויט־פאַרב און ווערט דאָ גרין, דאָ גראָ, דאָ געל און ברוין — אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אים אויס צו לעבן. אַלע ווילן וויסן, מיט וואָס עס דערקלערט זיך אַזא נאַטור־וווּנדער, אָבער די דערקלערונגען פון דעם עקסקורסיע־פירער וועגן פּיגמענטאַציע, וועגן מימיקריע, באַפרידיקן קײנעם ניט. דאָ האָבן זיך צונויפגעקליבן פּאָשעטע מענטשן, וואָס פאַרשטײען קײן כאָכמעס ניט, און זײ ווילן, מע זאָל זײ דערקלערן דעם איניען צוגענגלעך, בילדעריש.

אינמיטן שמועס ארום אים, טוט דער עקדעש א וואָרף א פאַרלאַנגווײַליקטן בליק פון זײַנע אין פאַרשײדענע זײַטן קוקנדיקע אײגלעך, ווי אײנער זאָגט: „וואָס נודיעט איר מיר דאָ?" און שטעקט ארויס זײַן צונג אין א זײער אומהעפלעכער באַוועגונג. און דאָ ווערן אַלע פאַרכידעשט, צוזעענדיק, ווי לאַנג די צונג איז, ווי זי ציט זיך און ציט זיך און עס נעמט גאָר צו איר קײן סאָף ניט.

און דער עקסקורסיע־פירער דערקלערט:

— די צונג פון דעם כאַמעלעאָן איז, ווי איר זעט, לענגער פון זײַן גאַנצן גוף, און דערצו איז זי נאָך קלעפּיק אויך.

— אָ, איצט פאַרשטײ איך — רופט אויס אײנער פון צווישן דעם געזעמל — האָט מען אַזא לאַנגע צונג, ווי אָט די בריע, און דערצו נאָך א קלעפּיקע, איז קײן ווונדער ניט, אז מע קאָן זיך צופּאַסן צו אַלץ.

דאָ ווערט אַלעמען מיטאַמאָל קלאָר, פונוואַנען עס נעמט זיך אַזא אויסטערלישע צופּאַסונג־פײַיקײַט בא אָט דעם קריכנדיקן באַשעפענישל...

דערציִונג

נוימע — א מיידעלע פון א יאָר פיר — קאָרמעט אין פּארק די טויבן. זי ברעקלט אָפּ שטיקלעך פון איר זעמל, און ארום יעדן אראָפּגעוואָרפּע־נעם ברעקל פּאדיעט א פּילקאָליריק באפעדערט געזעמל, שטופּט זיך און פּיקט אומגעלומפּערט. אָבער קיין סאך ברעקלעך פאלן ניט אריַין צו די טויבן — זיי באוויַיזן זיך נאָך ניט אומצודרייען, ווי אינמיטן פון זייער טשאטע שפּרינגען אריַין פלינקע שפּערלעך, כאפּן ארויס פון אונטער זייערע שנאָבלען די ברעקלעך און פליִען געשווינד אוועק. דעמלט בליַיבט די כאָפּטע באאוולטע טויבן שטיין צעטומלט, אומבאהאָלפן, און ווארפט לעכצנדיקע און נאָך האָפנדיקע בליקן אפן קינדישן הענטל אויבן — עפשער ווועט סאָפקאָלסאָף עפּעס א ברעקל דאָך אריַינפאלן צו זיי.

און דאָס קינדישע הענטל ווארפט קעסיידער ניַיע ברעקלעך, און די שעמעדירנדיקע, באפליגלטע מאכנע ראנגלט זיך אלץ פארצווייפלטער פארן ביסן. נוימעלע האלט דערביַי אין איין פלאפּלען, מונטערט די אומגע־שיקטע טויבן, זידלט די אומפארשעמטע שפּערלעך, און איר געלעכטער קלינגט איבער דער אלייע, ווי א זילבערן גלעקעלע.

אָבער נוימעס באָבע, מיַין שאָכנטע אף דער באנק, ריַיסט איבער די צעהוליעטקיַיט פון איר אייניקל.

—קום אהער, נוימע! — רופט זי, און ווען די קליינע פארלאָזט אירע טויבן און גייט ניט־ווילנדיק צו צו דער באנק, באפעלט די אלטע:

— וויַיז אָקאָרשט, וואָס איז בא דיר געבליבן פון דיַין זעמל?

מיט א שולדיק פּאָנעם באוויַיזט נוימע די נעבעכדיקע רעשטלעך, וואָס זיַינען איר נאָך געבליבן, און די באָבע זאָגט שטרענג:

— פארוואָס טיילסטו אלץ אויס די טויבן? איך האָב דאָך דאָס געגעבן דיר? ווארט, וואַרט, איך וועל שוין זאָגן דעם טאטן!

— באָבינקע! — פארענטפערט זיך נוימע — זיי זיַינען דאָך אזעלכע גוטינקע, די טיַיבעלעך, און אזעלכע הונגעריקע... מיר געפעלט אזוי צו זען, ווי זיי עסן!

— געפעלט, געפעלט... — קרימט די אלטע איבער — א ניַיע גאבעטע זיך איַינגעפונען! זאָרג זיך ניט פאר זיי, עס אליין!

נוימע בלאָזט אָן די ליפּן און שטייט א וויַילע שוויַיגעוודיק מיט אן אומעטיק און שולדיק פּענעמל, נאָכדעם בעט זי שטיל:

— באָבע, גיב מיר נאָך א זעמעלע, איך וויל עסן, איצט וועל איך שוין קיינעם ניט אָפּגעבן...

— מער האָב איך ניט, נוימעלע — ענטפערט די באָבע — אָן עפּל קאָנסטו באקומען, איינעם האָב איך נאָך!

זי נעמט ארויס פון טעשל אן עפּל, נאָכדעם נישטערט זי דאָרטן, געפינט א מעסער, שניידט דעם עפּל איבער אף העלפט און זאָגט:

— און זיך וועל איך אויך נעמען א שטיקל צו פארזוכן...

דאָ ווערט נוימע אויסער זיך.

— די מאמע האָט דאָך דעם עפּל געגעבן פאר מיר! — רופט זי אויס מיט קאס — פאר מיר אליין צו עסן! איך וועל זאָגן דער מאמען!

ניט ריידנדיק קיין וואָרט, גיט איר די באָבע אָפּ דעם גאנצן עפּל. און ווען די קליינע לויפט אוועק, פעסט פארקוועטשנדיק ביידע העלפטן עפּל אין די הענטלעך, קערט זיך די אלטע אויס צו מיר און זאָגט א ביסל פארשעמט:

— אז איך ווייס ניט, פונוואנען אזוינס נעמט זיך גאָר צו איר? דאכט זיך, אזא וויל קינד...

פילקעס

איך קוק זיך צו, ווי קינדער שפּילן אין פּילקעס, ווי זי פליט פריילעך און אימפּעטיק פון איין שפּילער צום אנדערן, פאלט אריַין מיט א זאפּטיקן הילך אין אָפענע דלאָניעס. בא דעם יעניקן, ווער עס כאפּט אוף די פּילקע געלונגען, צעפינקלען זיך די אויגן פון פרייד, און אויך דער, וואָס האָט געטאָן דעם גוטן וואָרף, צעשמייכלט זיך באפרידיקט: עס זיצט!
אָבער אָט האָט איינער פון די שפּילער געטאָן א קרומען וואָרף — און די פּילקע שיסט פארביַי, קיַיקלט זיך אוועק אָן א זיַיט אומבאהאָלפן און פארשעמט. דער שלימאזלדיקער ווארפער און דער ניטגעראָטענער אופכאפּער בליַיבן ווי אָפּגעפּאטשט. נאָך מער אָפּגעפּאטשט און באליידיקט איז אויך די פּילקע: ניט באשערט איר אופצוטאָן דאָס, אף וואָס זי איז באשאפן.
צוקוקנדיק זיך צו דער דאָזיקער שפּיל, קלער איך, ווי ענלעך צו דעם איז דער גורל פון דעם שעפערישן מענטשן. גליקלעך איז דער שעפער דעמלט, ווען זיַין געדאנק און זיַין וואָרט פאלן אריַין מיט פולבלוטיקן קערנדיקן קלאנג אין א לעכצנדיקן מויעך, אין א דאָרשטיק הארץ... אמאָל טרעפט אָבער, אז ער צילעוועט שלעכט, אז זיַין וואָרט ווערט מאכמעס דעם ניט אופגעכאפּט און קיַיקלט זיך אוועק אָן א זיַיט. דעמלט בליַיבן אלע אנטוישט און פארשעמט: דער, צו וועמען דאָס וואָרט איז ניט דערגאנגען, דער, ווער ס'האָט עס ניט ווי געהעריק דערלאַנגט, און מער פוןביידן איז געקריוודעט דאָס וואָרט גופע — דאָס אזוי רומלאָז פארשניטענע וואָרט, וועמען עס איז ניט געגעבן געוואָרן אויסצופילן די שליכעס, צוליב וועלכער עס איז ארויסגערופן געוואָרן צום לעבן.

„אָ, א גאסט!"

איך ווייס א שטוב, וואָס ווען מע זאָל אהין נאָר ניט אַרײַנגיין, ווערט מען צו יעדער צײַט אופגענומען מיט גרויס גאסטפרײַנטשאפט. אלעמאָל געפינט די באלעבאָסטע מיט וואָס מעכאבעד צו זײַן און צו דערפרייען דעם אומגעריכטן גאסט. אָבער צי שוין זשע איז וויכטיק, מיט וואָס מע נעמט אײַך אוף? וויכטיק איז דאָך וואָס איר פילט, אז מע טיילט זיך מיט אײַך מיטן גאנצן הארצן און מע וויל, אז ארויסגיין פונדאנען זאָלט איר א געזעטיקטער און דערוואַרעמטער.

אין שכיינעס מיט זיי וווינט א צווייטע באקאנטע מישפּאָכע. און אין זייער טיר קלינג איך שטענדיק אָן מיט א שמייכל. איך שמייכל, ווײַל איך ווייס שוין לעכאטכילע, וואָס פאר א קאָמישע סצענע דאָ וועט זיך באלד אָפּשפּילן.

— אָ, א גאסט! — באגעגנט מען מיך מיט א פריידיקן אויסרוף — אזא גאסט! וואָס זעט מען אײַך אזוי זעלטן? קומט אַרײַן, קומט אַרײַן!

און ווען איך זיץ שוין אין גאסטצימער, קוקט די באלעבאָסטע זיך איבער מיטן מאן מיט א באדײַטנדיקן בליק און זאָגט נאָכדעם צו מיר:

— אזא גאסט, ווי איר! ווי עס פארדריסט מיר, וואָס גראָד אין דעם מאָמענט איז אין שטוב ניטאָ קיין זאך, מיט וואָס אופצונעמען אזא גאסט! נעכטן זײַנען בא אונדז געווען די פּלעמעניקעס, פארשטייט איר דאָך, יונגוואַרג מיט קיין אײַנהאָרע אפּעטיטן, האָט מען אלץ אויסגעליידיקט...

און באלד גיט זי צו:

— איז הײַנט וועט איר אונדז שוין אנטשולדיקן... אָבער דערפאר בעט איך אײַך קומען צו אונדז אין א כוידעש ארום, ווען מיר נעמען אוף געסט לעקאָוועד מײַן מאנס געבורטסטאָג. פארגעסט נאָר ניט דעם טאָג!

איך זאָג צו און קום ניט. מיר איז ניט צום הארצן אזא גאסטפרײַנט־לעכקײַט, וואָס ווערט ארויסגעוויזן נאָר אין פאראדנע פאלן מיט פײַער־לעכע גאסטמאָלן. איך האלט, אז די עמעסע גאסטפרײַנטלעכקײַט באַ־שטייט, ווי בא יענעם אויבנבאשריבענעם פּאָרפּאָלק, אין דער גרייטקײַט יעדע מינוט אופצונעמען מענטשן און יעדע מינוט זיך טיילן מיט זיי מיט אלץ, וואָס מע פארמאָגט.

אַנגעשפּאָלטענע פּלוימען

ווי אַ ריזיקער בלומען־בוקעט שטראַלט דער מאַרק און שמייכלט מיט דער גאַנצער פּראַכט און שעפע פון דער ברייטהאַרציקער מאַמע־ערד, און געזעמלען מענטשן באַלאַגערן די בערג אַנגעוואַליעטע פּרוכטבאַרקייט און קענען פון זיי ניט אָפּרייסן די אויגן.

אויף איינעם אַ טישל שפּיגלט זיך אין דער זון אַ הויכע פּיראַמידע בלאָע פּלוימען מיט רעטעניש־פולן שימער פון צאַרטן טוי־געפּריר אויף די פּעכקע בעקלעך.

— קויפט צײַטיקע באַטאַמטע פּלוימען! — רופט אויס די פאַרקויפערן אין דער אַרומיקער צעפּילדערטקייט, און פון דעם געווירבל פאַרבײַגייער פאַלן אויף דער פּלוימען־פּיראַמידע בליקן פול אַנציקונג.

נאָר עמעצער מיט אַן אָנגעפּאַקטן פּאָרטפעל אונטערן אָרעם און מיט אַ פּאָנעם פון אַ מענטשן, וואָס זוכט און געפינט אומעטום גרײַזן, זעט אָבער אין די פּלוימען אַ כיסאָרן.

— מומינקע, — זאָגט ער, — אײַער סחורה איז דאָך בראַקאָוונע. איך זע צווישן אײַערע פּלוימען אַ היפּש ביסל אָנגעשפּאָלטענע...

די פאַרקויפערן מעסט אָפּ דעם בראַקירער מיט אַ גרינגשעציקן בליק און וואַרפט אים באַרויגעזדיק צו:

— אַ קנאַפּער מיוון זײַט איר? גראָד די אָנגעשפּאָלטנקייט איז דאָך אַ באַווײַז, אַז די פּלוימען זײַנען צײַטיקע...

און איינער, וואָס שטייט דערבײַ און קוקט מיט באַוווּנדערנדיקע אויגן אויף די אַנלאָקנדיקע פּייִרעס, רופט זיך אָפּ פאַרטראַכט:

— יאָ, צײַטיק זײַנען גראָד די אָנגעשפּאָלטענע, מיסטאָמע מאַכמעס דעם, וואָס נאָכן דורכלעבן אַ ווייטעק, וועלכער צעשפּאַלט זייער האַרץ, ווערן זיי באַזונדערס צײַטיק די פּלוימען...

און גיט צו:

— און ניט נאָר די פּלוימען אַליין זײַנען אַזוי...

פרייד

דער הילכער האָט געהאַלטן אין איין שיטן פּולע זשמעניעס האָפּער־דיקע, באַטויבנדיקע קלאַנגען, וואָס האָבן געדאַרפט אויפמונטערן דעם אוילעם, אים אונטעריאָגן צום פייערדיקן טאַנץ. אָבער ווי עס שיינט, האָט עס אַף די טאַנצנדיקע פּאָרלעך קיין גרויסן רוישעם ניט געמאַכט, ווייל זיי האָבן קאַלט און גלייכגילטיק געשאַרט מיט די פיס אין דער אַרו־מיקער געדיכטער שטופּעניש.

א צייט לאַנג האָב איך זיך צוגעקוקט צו די טענצער — אַלץ יונג־וואַרג — אָבער צום סאָף איז מיר דערעסן געוואָרן די פאַרטראַכטקייט זייערע, און כ׳האָב געזאָגט צו מיין פריינט, מיט וועמען מיר האָבן אריינ־געבלאָנדזשעט אין דעם טאַנץ־זאַל:

— דאָ איז דאָך לאַנגווייליק צום שטאַרבן, קום פונדאַנען!

— ניין — האָט ער זיך אָנגערופן — מיר ווילט זיך דאָ נאָך זיין, איך האָב האַלט צוצוזען, ווי יוגנט פרייט זיך!

— דאָס רופסטו אָן „פרייט זיך״? — האָב איך אים אָנגעקוקט דער־שטוינט — שוין איינמאָל א פרייד! קאַלטע פּנעמער, אויסדרוקלאָזע אויגן, פיס, וואָס שאַרן זיך, ווי ניט היגע... פאַרשטייט דען די יוגנט, וואָס עמעסע פרייד הייסט?

— האָסט א טאָעס! — האָט ער דערווידערט — מעגסט וויסן, אַז פאַר זיי, פאַר די יונגע, איז די פרייד נאַטירלעך, אָט אַזוי ווי פאַרן מענטשן איז אָטעמען... און מיט זייער קלוימערשטער, געמאַכטער גלייכ־גילטיקייט זוכן זיי נאָר צו פאַרדעקן, צו מאַסקירן די פרייד, וואָס ברויזט אין זיי. זיי ווילן מיט אַלע מעגלעכקייטן מאַכן א סאָלידן איינדרוק... זיי ווילן... — און דאָ האָט ער זיך אַליין איבערגעשלאָגן — אָט גיב נאָר א קוק, דאָ האָסטו דעם בעסטן ענטפער אַף דיין טייַנע!

און ער האָט אָנגעוויזן אַף א פּאָרל, וואָס האָט גראָד פאַרבייגעטאַנצט פאַרביי אונדז. דער מאַנצבל, שוין ווייט ניט קיין יונגערמאַן, האָט גע־האַלטן פעסט אַרומגענומען א יונג מיידל, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרזיכערן, זי זאָל פון אים ניט אַנטלויפן, און מיט גרויס היץ און אימ־פּעט זיך געדרייט אין טאַנץ, אויסגעצירקלט קאָלערליי פיגורן, מייסע כוואַט צוגעקלאַפּט מיטן קנאַפּל... מ׳האָט געזען, אַז דאָס אַלץ קומט אים אָן ניט לייכט, אָבער זיין פאַרשוויצט און פאַרמאַטערט פּאָנעם האָט גע־שטראַלט אין האַנאָעדיקער זעלבסטפאַרגעסונג, און מיט יעדן העפּקערדיק־

צעהוליעטן שמייכעלע האָט ער ווי אויסגערופן צו אַלע ארומיקע, און דעריקער צו זײַן פּאַרטנערן:

— זעט נאָר, ווי יונג איך בין! קוקט און באַוווּנדערט, ווי איך פאַרשטיי צו געניסן פון לעבן, זיך צו פרייען און צו פאַרשאַפן דעם אַנדערן פרייד!

— איצט זעסטו שוין — האָט מײַן פרײַנט זיך געווענדט צו מיר — ווער עס קלאַמערט זיך אין דער פרייד פון לעבן און האַלט אין איין באַווײַזן, אַז אָט ער האָט זי געפּאַקט און זי איז שוין זײַנע? ער, אָט דער עלטער־ווערנדיקער הוליאַקע, זוכט מיט ראַש און טומל צו געניסן די — ווי אים דאַכט זיך — פרייד פון זײַנע לעצטע יאָרן... די יונגע אָבער, די, וואָס שאַרן דאָ אַזוי גלײַכגילטיק מיט די פיס, האָבן זיך ניט וואָס צו שרעקן, אַז די פרייד וועט בײַ זיי אָפּגענומען ווערן. יעדנפאַלס, אַזוי דאַכט זיך זיי... און ווי פאַרפראָרן דעריבער עס זאָלן ניט זײַן זייערע פּנעמער, און ווי סאָליד און געמאָסטן זייערע טריט — וועט דאָס ניט פאַרשטעלן זייער יונגע, לײַכטזיניקע פרייד, און זיי וועלן קיינעם ניט אָפּנאַרן... פּונקט אַזוי ווי יענער אַלטער שטיפער וועט מיט זײַן געקינצלטער צעהוליעט־קײַט קיינעם ניט אָפּנאַרן. ניט די אַרומיקע, ניט זײַן פּאַרטנערן, און זיך אַליין אויך ניט.

אויך אין האַרבסט בליִען די ביימער

...יענעם פרימאָרגן האָבן די ביימער אין סאָד גאָר אומדערוואַרט דערזען איינער דעם אַנדערן שטיין פאַרוויקלט אין לופטיקע קאַלע־שלייערן. דאָס האָט די פרילינגדיקע באַנײַונג אין איין רעגנגעבענטשטער נאַכט אַראָפּגעווישט פון זיי די ווינטערדיקע מאָרעשכוירע און זיי אָפּגעשאָטן מיט העל־גרינעם, זאַפטיקן צוויט.

אַלע אַרום האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט אָט דער ראַפּטום־אופגעקומענער צעבליטקײַט. בלויז די יאָדלע, וואָס איז שוין זינט אַ סאַך יאָרן געשטאַנען אָנגעטאָן אין איין און דעם זעלביקן טונקל־גרינעם, אָפּגעטראָגענעם קאָפּטל אַף די דאַרע שפּיציקע אַקסלען, האָט, ווי אַ ניט־פאַרגינערישע יענטע אַף אַ פרעמדער כאַסענע, אַרויסגעזײַט פון צווישן אירע שטעכיקע לעפּצעלעך:

— וואָס, אייגנטלעך, איז מיט אײַך די סימכע? און וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָס ביסל אַרויסגעשפּראָצטע גרינס אײַערס, אַז סאַכאַקל אינגיכן וועט איר פאַרוועלקט ווערן, האַרבסטיקע ווינטן וועלן אַראָפּפליקן אײַערע פאַרגעלטע בלעטער, און אײַערע צווײַגן וועלן בלײַבן שטיין הויל־נאַקעטע?... ניט אַזוי ווי מײַנע צווײַגן, וועלכע זײַנען אויסגעפּוצט מיט פעסט־זיצנדיקע נאָדלען און וועלן גרינען אייביק און איבערלעבן אַלע האַרבסטן און ווינטערס!

הערנדיק די דאָזיקע גרויסהאַלטערישע רייד, האָט אַ לינדנבוים זיך פרײַנטלעך צעשמייכלט מיט אַלע זײַנע כיינעוודיק־צעעפנטע קנאָספּן און מיט אַ ליבלעכער שטים זיך אָנגערופן:

— ביסט גערעכט, שוועסטער יאָדלע, מיר און מײַנע ברידער, די בלעטערביימער, איז טאַקע ניט באַשערט, אַזוי ווי דיר, אייביק גרין צו זײַן... אָבער — אַנטשולדיק מיר — דיר איז ניט באַוווּסט, אַז אויך אין האַרבסט און ווינטער, ווען דו זעסט נאָר אונדזערע אַנטבלויזטע און מיט שניי באַדעקטע צווײַגן, בליִען מיר...

— אויך דעמלט בליט איר?! — האָט די יאָדלע מיט אַ שטאַרק־צווייפלענדיקן טאָן איבערגעפרעגט און ברייט פאַנאַנדערגעפירט אירע נאָדלדיקע פינגער. — פאַרוואָס זשע זע איך דאָס ניט?

— דו זעסט דאָס ניט דערפאַר, — האָט דער לינדנבוים געדולדיק אופגעקלערט, — ווײַל דו טראָגסט קיינמאָל ניט אין זיך קיין האָפענונג אַף אַ נײַער צעבליִונג. דו ביסט אַלעמאָל די זעלביקע. אין אונדזערע שטאַמען אָבער לעבט די דאָזיקע האָפענונג, זי האַלט אונדז אוף אין די

ערגסטע צײַטן, ווען אלעמען — און אויך דיר — דוכט זיך, אז מיר זײַנען טויט, און נאָר אדאנק אָט דער האָפענונג און דערוואַרטונג דערלעבן מיר אלע יאָר א באנייטע פרילינגדיקע פאנאנדערבליִונג!

אף דעם האָט די יאָדלע, וועלכע געפינט שוין שטענדיק מיט וואָס א שטאָך צו טאָן, ניט געהאט וואָס צו ענטפערן. איר האָט פּאָשעט פארכאפּט דער אָטעם פון א פארשיקערנדיקן געדאנק, וואָס איז אופגעקומען אין איר אײַנגעשפּארטן קאָפּ. און — צי איז דאָס געווען אונטערן אײַנדרוק פון דעם לינדנבוימס ווערטער, צי אונטערן צערטלען פון דעם לינדן ווינטעלע — אָבער זי האָט געטראכט וועגן דעם, אז זי וואָלט גרייט געווען זיך אָפּצוזאָגן פון אירע אייביק־גרינע נאָדלען און וואָלט אפילע אײַנגעגאנגען צו שטיין ווינטער א נאקעטע, אָט אזוי ווי אלע אנדערעביימער אין סאָד, אבי נאָר מיט זיסן וויי צו פילן, ווי אין איר שטאם לעבט און בליט און שטראָמט זאפטיק די האָפענונג אפן אָנקום פון א באנײַטער צעבליִונג.

א שפּיגל

— קוקט נאָר, קוקט, — האָט דער שפּיגל געכויזעקט פון דער ביכער־שאַפע, — ווי זי גראָבט זיך דאָס אין אירע ביכער און מיינט, אַז זי האָט אַרײַנגענומען אין זיך די גאַנצע אַלזײַטיקײַט און טיפקײַט פון לעבן... זי ווייסט נעבעך ניט, אַז דאָס עמעסע לעבן שפּילט און ברויזט נאָר אין מײַן טיפקײַט!

און פון גרויס גײַוועה האָט דער שפּיגל זיך אַזוי אָנגעצויגן, אַז עס האָט געפּלאַצט די שטריק, אויף וועלכער ער איז געהאַנגען. ער איז אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן, און דאָ האָט מען דערזען, אַז הינטער אים איז געווען ניט מער, ווי אַ וואַנט.

דעמלט האָט די ביכער־שאַפע מיט ביטל געזאָגט:

— און אָט אַזאַ פלאַכע שטיק גלאָז האָט דאָס געוואָלט אײַנשמועסן, אַז אין איר ברויזט און שפּילט די טיפקײַט פון לעבן?.. אָבער אויף אַרײַנצונעמען אין זיך טיפקײַט, מוז מען דאָך קוידעמקאָל אַליין ניט זײַן פלאַך.

ניטאָ קיין צײַט!

קומט עס צום אריבערגיין א גאס, האָבן די פוסגייער קיינמאָל קיין צײַט ניט, און ניט וואַרטנדיק אַף דעם גרינעם ווונק פון סוועטאָפאָר, שנײַדן זיי זיך שוין מיט מעסירעסנעפעש אַרײַן אין געווירבל פונעם גאסן־פאַרקער. צוזאמען מיט אלעמען האָב איך אויך געפּרוּווט אריבערלויפן דעם וועג, אָבער דאָס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, ווײַל איידער נאָך מיר האָבן דערגרייכט דעם קעגנעבערדיקן טראָטואַר, זײַנען מיר שוין אַרײַנגעפּלאָנטערט געוואָרן אין א גערדיכטן קנויל מאשינעס און געמוזט בלײַבן שטיין, צווויפּגעדריקטע אין א שמאָלינקן דורכגאנג. אזוי שמאָל איז געווען דער קאָרידאָרל, אז די אויטאָס האָבן אין זייער אימפּעטיקן דורכלויפן אונדז שיִר ניט אָנגערירט, און אין אזעלכע מאָמענטן האָבן די צעשראָקענע מענטשן אינסטינקטיוו זיך צוגעטוליעט איינער צום אנדערן, ווי זוכנדיק איינער באַם אנדערן שוץ און זיכערקײַט.

אָבער אָט האָבן די מאשינעס זיך אָפּגעשטעלט אין זייער געלאף — פאַר זיי האָט זיך אָנגעצונדן דאָס רויטע אייגל. און מיר אלע, וועלכע האָבן דאָ אָקאָרשט היימיש זיך געטוליעט איינער צום אנדערן, זײַנען אין איין מאָמענט אָפּגעפרעמדט געוואָרן און זיך פאנאנדערגעלאָפן יעדער אין זײַן זײַט.

מיר האָט דאָס האַרץ עפּעס ניט געלאָזט אזוי פאָשעט נעמען און אָפּרײַסן זיך פון די מענטשן, צוזאמען מיט וועמען כ׳האָב איבערגעלעבט די גורלדיקע רגעס, און איינעם פון זיי האָב איך אָנגעיאָגט און אזוי ווי גלעטנדיק, באַרירט זײַן רוקן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר, מיך אומצופרידן אָנגעקוקט און שטרענג געזאָגט:

— אין אזעלכע פאלן, ווייסט איר, בעט מען אנטשולדיקונג!

— אָבער מיט א ווײַלע צוריק האָבן מיר זיך גאָר נאָענט באַרירט, און דעמלט האָבן מיר ניט געטראַכט וועגן בעטן אנטשולדיקונג איינער באַם אנדערן... דערמאָנט איר זיך, ווי מיר זײַנען דאָרטן, בײַ די מאשינעס, געשטאנען זײַט בײַ זײַט, ווי אונדז האָט געדראָעט איינע און די זעלביקע געפאַר און ווי מיר האָבן געזוכט איינער באַם אנדערן...

— איז וואָס זשע ווילט איר דערמיט זאָגן? — האָט ער מיך אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן.

— איך וויל בלויז זאָגן, — האָב איך אים אופגעקלערט, — אז מיר האָבן דאַן איבערגעלעבט איין גורל... נו, זאָל דאָס זײַן אפילע א מאָמענט, אָבער דער מאָמענט האָט אונדז דאָך, אָן צווייפל, דערנעענטערט... איז

מאכמעס דעם טאקע בא מיר אופגעקומען א פארלאנג זיך צו באקענען מיט אײַך... עפשער װעלן מיר װערן פרײַנט...

דער אומבאקאנטער האָט מיך אָנגעקוקט װילד. נאָכדעם האָט ער אויסגעשאָסן א באלײדיקנדיקן געלעכטער, און צום סאָף מיט שפּאָט אויסגערופן:

— הערסט א מײַסע?! מיר זײַנען „געשטאנענע צוזאמען"... „צוזאמען איבערגעלעבט"... װײסט איר, װאָס איכ'ל אײַך זאָגן? — ער האָט מיט ביטל א מאך געטאָן מיט דער האנט, — איך האָב קײן צײַט ניט מיט אײַך צו טײַנען!

מיט די װערטער האָט ער זיך אויסגעקערט צו מיר מיטן רוקן און גענומען שטעלן האסטיקע טריט.

און איך האָב אים נאָכגעקוקט, ביז ער איז אינגאנצן פארשװוּנדן אין דעם שטראָם פּוסגײער, און מיט אומעט געטראכט װעגן דעם, אז דאָס פארליר איך פון אויג א מענטשן, מיט װעמען איך האָב זיך דערפילט נאָענט אדאנק א געמײנזאמער איבערלעבונג; א מענטשן, װעלכער װאָלט געקאָנט און געדארפט װערן מײַן פרײַנט. אָבער ער איז דאָס ניט געװאָרן, ניט געהאט קײן צײַט אף דעם.

דער וואַסערפֿאַל

מיט ראַש און געפּילדער זינקט דער וואַסערפֿאַל אַראָפּ פֿון דער הייך, און זעענדיק, ווי זײַנע העפֿקערדיק־צעשטיפּטע וואַסערן אַנטלױפֿן פֿון אים, גיסן זיך אַרײַן אין טײַך און פֿליסן אַוועק, צעשפּריצט ער זיך מיט צאָרנדיקן שוים.

— איך פֿאַרשטיי, מײַן פֿרײַנט, — מורמלט געלאַסן דער טײַך, — אױף וואָס דו בייזערסט זיך אַזוי. דיר טוט וויי, וואָס דײַנע וואַסערן רײַסן זיך אָפּ פֿון דיר און שווימען אַוועק... דאַרפֿסט אָבער געפֿינען אַ טרייסט אין דעם באַוווּסטזײַן, אַז צו די ווײַטע וועלטן טראָגן זיי זיך אַדאַנק דער גוווּרע און דעם אימפּעט, וואָס דו האָסט אין זיי אַרײַנגעגעבן!

דער טשוואָק

באַ יעדן זעץ פון האמער האָט דער טשוואָק פונדאָסנײַ זיך צעשריִען און אַלץ טיפער אַרײַנגעדרונגען אין האָלץ, און די פאַרכאַלעשטע בּרעט האָט קרעכצנדיק קוים אַרויסגעזשיפּעט:

— ווײ־ווײ... ווי בּיטער מיר איז... איז דען פאַראַן אױף דער וועלט אַ פּײַן גלײַך צו מײַנער?..

— מיר איז נאָך ערגער פון דיר! — האָט דער טשוואָק געזאָגט און זיך פאַרקרימט פון ווייטעק — נאָך ווייניק, וואָס דער האמער שיט אויף מײַן קאָפּ אומבּעראַכמאָנעסדיקע קלעפּ, יאָגט ער מיך, איך זאָל דיר אויך פאַרשאַפן יעסורים!

דורך א שפּארונקעלע

א קליין גראָ מײַזעלע איז אַף די הינטערשטע לאַפּקעס געשטאַנען פאַר א גרויסער, הויכער טיר, האָט געפּינטלט מיט די שפּיציקע אייגלעך, און גײַוועדיק צעבלאָזנדיק די וואָנצעלעך, אין גרויס צופרידנקײַט מיט זיך געפּישטשעט:

— כי־כי... און אַף וואָס פאַרא גוטיאָר מאַכט מען אײַך נאָר, איר נארישע טירן!? וואָס דאַרף איך דיך, וויבאַלד עס איז פאַראַן א שפּארונ־קעלע, דורך וועלכער איך קאָן אַלעמאָל דורכקריכן?..

דאָס מײַזעלע האָט זיך אויסגעקערט מיטן רוקן צו דער טיר און פלינק זיך דורכגעשלײַכט דורך דער שפּארונקעלע, וואָס זי האָט אויסגע־גריזשעט אין וואַנט.

און איז באַלד ארײַן אין די לאַפּעס פון א קאַץ.

טריט אפֿן אײַז

גייענדיק איבער דער אײַז־פּאַרקאָוועטער גאַס, האָב איך זיך אויסגעגליטשט, א פאל געטאָן און זיך שטארק צעקלאַפּט. פאַרבײַגייער האָבן מיר געהאָלפֿן זיך אופהייבן. איך האָב ווי־עס־איז זיך געשטעלט אף די פיס, און אין דער צײַט, וואָס איך האָב, קרעכצנדיק, געפּרוווט אויסגלײַכן די גלידער, האָט דער אוילעם מיר גערעכט צווישן זיך א שמועס.

— מ׳וואָלט דאָ כאָטש אויסשיטן זאמד,— האָט עמעץ זיך געבייזערט, — מענטשן זאָלן ניט פאלן!

— ניט פון זאמד איז דאָס אָפּהענגיק — האָט אַן אנדערער זיך אָפּגערופן.— די טעווע פונעם מענטשן איז שוין אזא— ער מוז זיך אויסגליטשן און פאלן...

— הערט נאָר א פילאָסאָפיע! פאַרוואָס עפּעס מוז ער?

— גיט א קוק אף דעם שפּערל, — האָט ער געזאָגט, — עס ווייסט ניט, וואָס הייסט אויסגליטשן זיך און פאלן! און פאַרוואָס? ווײַל עס שטעלט לײַכטע טריטעלעך... דער מענטש אָבער גייט מיט שווערע טריט, איז קיין כידעש ניט, וואָס ער גליטשט זיך אויס און פאלט.

— ווי גוט וואָלט געווען, — האָט עמעץ שפּאָטיש א זאָג געטאָן, — ווען דער מענטש גייט אויך אזוי לײַכט און טאנצט אונטער, ווי דאָס שפּערל! ער וואָלט דאָך דעמלט קיינמאָל ניט...

— קיינמאָל ניט געפאלן, האַ? — האָט דער פילאָסאָף ארויסגעכאַפּט בא יענעם דאָס וואָרט. — געוויס וואָלט ער ניט געפאלן! אָבער וואָס מעקאַנע זײַן וואָלט אים דעמלט אויך ניט געווען. גלײַכער שוין צו ריזיקירן אויסצוגליטשן זיך...

אָט אזוי האָבן די מענטשן ארום מיר געשמועסט און זיך געאַמפּערט, און ביסלעכווײַז איז דאָס געזעמל געוואָרן שיטערער און אלע זײַנען איינער נאָכן אנדערן זיך פאנאנדערגעגאנגען.

צום סאָף האָב איך אויך מיט הינקענדיקע טריט פאַרלאָזן דאָס שליפּעריקע אָרט. און אין דער צײַט, וואָס די ביינער האָבן מיר נאָך אלץ געבראָכן און די זײַטן האָבן ווי געטאָן, האָב איך געטראַכט וועגן דעם, אז עמעס, יענער פילאָזאָפיש געשטימטער פאַרבײַגייער איז טאַקע גערעכט: גיין דורכן לעבן דאַרף מען מיט וואָגיקע טריט, מיט טריט, וואָס האָבן א האַפט. פאלט מען אָבער דערבײַ און מע צעקלאַפּט זיך די זײַטן, איז מען פונדעסטוועגן דאָך מעקאַנע די יעניקע, וועלכע גייען דורך דעם זעלביקן לעבן מיט לײַכטע טריט.

אויף א קאָנצערט

ס׳האָט אָפּגעהילכט דער לעצטער אַקאָרד פונעם ערשטן טייל קאָנ־צערט. באַם גאַנצן זאַל מענטשן האָט אויף א רעגע פאַרכאַפּט דער אָטעם, און באַלד האָבן ווי מעוועס אין שטורעם זיך צעפּלאַטערט אַפּלאָדירנדיקע הענט. נאָכדעם איז דער זאַל קימאַט פּוסט געוואָרן — אַלע זײַנען אַרויס אין פאָיע.

— איר גייט גאָרניט אַרויס? — האָט מײַן שאָכן זיך געווענדט צו מיר.

אָנשטאָט אַן ענטפער האָב איך זיך אויפגעהויבן פון מײַן שטול, כּדי אים דורכצולאָזן. אָבער ער איז געבליבן זיצן.

— איר האָט מיר ניט געשטערט דורכצוגיין — האָט ער געזאָגט — מיר האָט זיך פּאַשעט געוואָלט פאַרפירן א געשפּרעך מיט אײַך. מיר זײַנען דאָך קימאַט ווי אַלטע באַקאַנטע, איך באַגעגן אײַך אָפט אויף קאָנצערטן... איז אָט — האָט ער א פרעג געטאָן, אויפמערקזאַם מיך אָנקוקנדיק — צוליב וואָס, אייגנטלעך, גייט איר אויף קאָנצערטן?

די דאָזיקע אויסטערלישע פראַגע האָט מיך איבעראַשט און אומאָנגענעם באַרירט, און מיט א שטיקל פאַרדראָס אין שטים האָב איך זיך אָנ־גערופן:

— דאַכט זיך, די סיבע, צוליב וואָס איך, און איר, און אַלע די, וועמען מיר זעען דאָ, גייען אויף קאָנצערטן, איז פאַרשטענדלעך, און דאָ איז אייגנטלעך ניטאָ וואָס צו פרעגן...

— האָט קיין פאַריבל ניט — האָט ער מיט א שולדיקן שמייכעלע גע־זאָגט — איך האָב זיך ניט ריכטיק אויסגעדריקט... נאַטירלעך, אַז אין דער ערשטער שורע איז דאָ די ליבע צו מוזיק. אָבער בײַ מיר — איר וועט מיך אָנרופן טשודאַק און פאַנטאַזיאָר — בײַ מיר איז אַכוץ דעם...

— וואָס קאָן דאָ נאָך זײַן אַכוץ דעם? — האָב איך אים איבערגעשלאָגן.

— ווי זאָל איך דאָס אָנרופן? אַכוץ דעם ריינעם געניס פון דער מוזיק, פאַרשאַפן מיר קאָנצערטן נאָך א באַגײַסטערונג: איך באַוווּנדער די מוזי־קער און קאָן ניט אָפּרײַסן די אויגן פון די אינסטרומענטן, אויף וועלכע זיי שפּילן...

— נו, דאָ פאַרשטיי איך אײַך גאָרניט! — האָב איך אומגעדולדיק אויס־געשריגן — וואָס פאַרא נײַס אַנטפּלעקט איר? ווער פון אונדז באַוווּנדערט ניט די מוזיקער און קוקט ניט אויף זייערע אינסטרומענטן?

— איך וויל זאָגן דאָס — האָט ער אויפגעקלערט — אַז די אינסטרומענטן, אויסגעבויטע פון האָלץ, פון מעטאַל, פון כײַישע אָדערן, פערדישע האָר,

פעלן — דאכט זיך, ווייַט ניט קיין מוזיקאַלישע מאַטעריאַלן — גיבן דאָך אַרויס אַזעלכע פּרעכטיקע, האַרמאָנישע קלאַנגען, ווען זיי פאַלן אַרייַן אין די הענט פון ווירטואָזן... איצט פאַרשטייט איר שוין מייַן געדאַנק?..

— זאָגן אייַך דעם עמעס, נאָך אַלץ ניט... — האָב איך געקוועטשט מיט די פּלייצעס און שוין געווען פאַרינטערעסירט, וואָס ער וועט דאָ אויס־ברענגען. און ער האָט פאַרטראַכט פאַרענדיקט:

— און קוקנדיק אויף די אינסטרומענטן קלער איך, אַז אַרויסצובאַקומען פּרעכטיקע קלאַנגען פון אַ לעבעדיק, וואַרעם און ציטערדיק מענטשלעך געמיט איז דאָך אַוודאי גרינגער, איידער פון אַ שטומען האָלץ אָדער פון אַ קאַלטן מעטאַל... מ'דאַרף נאָר פאַרשטיין...

אָבער דאָ האָט אומדערוואַרט פאַר אונדז זיך אָנגעהויבן די צווייטע אָפּטיילונג פונעם קאָנצערט, און מיר איז שוין ניט אויסגעקומען צו הערן, וואָס דער דאָזיקער מאָדנער פאַרשוין האָט ווייַטער געוואָלט זאָגן. נאָר גאָר אָפט קומט מיר זינט דעמלט אויס זיך צו דערמאָנען אין יענעם שמו־עס. דעמלט, בייס איך זע עמעצער פּרוווט שפּילן אויף די סטרונעס פון אַ מענטשלעך האַרץ, אָבער אַנשטאָט פּרעכטיקע, האַרמאָנישע קלאַנגען באַקומט זיך גאָר אַ דיסהאַרמאָניע. דערפאַר, ווייַל דער שפּילער איז ניט קיין ווירטואָז.

א סיגאַרעטל

צווישן די ליפּן פון אַ רייכערער האָט געשטעקט אַ סיגאַרעטל. נאָך יעדן צי איז עס געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. דאָס האָבן געזען אַלע, נאָר ניט אַליין דאָס סיגאַרעטל. עס איז גאָר געווען פּאַרטאָן מיט שפּיגלען זיך אין ווינקענדיקן פונק אויף זײַן שפּיץ און דערבײַ האָט עס מיט שטאָלץ געטראַכט:

„פּוף־פּוף... איך שאַף, פּוף־פּוף... איך שאַף! זעט איר ניט, ווי מײַן גײַסט איז פול מיט שעפערישן ברען?..״

און אָט אַזוי, אויפגעפּרעסן פונעם פײַער און נאָך מער פון די גרויסהאַל־טערישע מאַכשאָוועס, איז דאָס סיגאַרעטל אומבאַמערקט דערגאַנגען ביזן סאָף. דעמלט האָט דער רייכערער עס אַוועקגעוואָרפן און נאָך צוגעטראָטן מיטן פוס. און דאָ האָט דאָס גוויסעסדיקע רעשטל פונעם סיגאַרעטל אײַנ־געזען, מיט וואָס עס פאַרענדיקט זיך אַ שאַפונג, וואָס גייט אַוועק מיטן רויך.

דאָס לײַכטזיניקע טײַכעלע

„געגוג צו זײַן צוגעבונדן צו יענעם! — האָט געמורמלט א קליין טײַכעלע, וואָס זײַנע וואסערן האָבן אָן אופהער האסטיק געשטראָמט צום יאם און ארײַנגעפאלן אין אים. — צײַט אָנצוהייבן לעבן פאר זיך אליין!"

און אָנשטאָט צו פליסן מיטן שטענדיקן וועג, האָט דאָס טײַכל זיך אויסגעקערעוועט אין א זײַט, זיך א לאָז געטאָן אין דערברייט און גענומען פארגיסן די ברעגעס. אָבער וואָס מער די וואסערן האָבן זיך דערווײַטערט פון שטראָם און וואָס טיפער זיי זײַנען אַרײַנגעדרונגען אף דער יאבאָשע, אלץ אָפּגעשוואכטער איז געוואָרן דאָס טײַכל און אלץ פּאמעלעכער האָט עס גענומען ריזלען. ביז די ערד האָט עס אינגאנצן אײַנגעזאפּט, און ס'איז פון דעם קיין זייכער ניט געבליבן.

אָט אַזוי האָט דאָס לײַכטזיניקע טײַכעלע באצאָלט מיטן לעבן פארן פּרוּוון אָפּרײַסן זיך פון יאם.

א קוואל ווערט געבוירן

אין דער צײַט פון טריקעניש האָט דאָס טײַכל זיך פאַרוואַנדלט אין א שמאָל ריטשקעלע, וואָס האָט פּאַמעלעך און אומבאַהאָלפן זיך געשלענגלט צווישן אומפּרוכטבאַרע, פון זון פאַרסמאַליעטע ברעגן. זײַן וואַסער איז אזוי אָפּגעשוואַכט געווען, אז ס׳האָט אים אפילו ניט געקלעקט קיין קויעך אַריבערצושפּרײַזן די שטיינער אף זײַן וועג, און עס האָט זיי באַנעצט בלויז ביז די קנעכלעך.

קיין אָפּרו האָט אָבער דאָס נעבעכדיקע ריטשקעלע זיך ניט פאַרגונען, ווײַל באַוווּסט איז אים געווען, אז אָפּשטעלן זיך — באַטײַט אײַנגאַנצן אויס־געטריקנט ווערן און שטאַרבן. און לעבן האָט זיך דאָך געוואָלט! האָט עס דעריבער מיטן גרעסטן אָנשטרענג געפּויזעט אַלץ פאָרויס, און פון זײַן אָנמעכטיקן געריזל האָט זיך אַרויסגעהערט א שטיל כליפּען.

„אַלץ איז שוין פאַרענדיקט... בול־בול־בול... איך בין שוין דער לעצ־טער טײַך... בול־בול־בול...״

און אזוי זיך רוקנדיק מיט די לעצטע קויכעס פאָרויס א פאַרטיפטס אין דער אייגענער פאַרצווייפלונג, האָט דאָס ריטשקעלע אַליין ניט געמערקט, ווי עס דערנעענטערט זיך צו א שפּאַלט, און דאָ האָט עס פּלוצעם זיך אין אים אַרײַנגעגליטשט און דערשראָקן אַראָפּגעזונקען אין די טיפענישן פון דער ערד.

און ס׳איז געשען מיט אים א נעס.

די אונטערערדישע וואַסערן, וואָס זײַנען פאַרבאַהאַלטן געפּאָסן גראָד אין דעם אָרט, דערשפּירנדיק, אז עס טריפט אין זיי אַרײַן וואַסער פון אויבן, האָבן די טראָפּנס אופגעכאַפּט, אָפּגעמינטערט זיי פון דער שוואַכקייט און פון דער שרעק, זיי אײַנגעזאַפּט אין זיך, און מיטגענומען אף די ווײַטע נעסיעס, און נאָך א לאַנגן געמיינזאַמען וואָגלען איבער די טיפענישן, נאָכן דורכבויערן זיך א וועג דורך קאָלערליי אָנשיכטונגען, האָבן זיי ענדלעך זיך אַרויסגעשלאָגן אף דער אויבערפלאַך. דערפילנדיק דעם אָטעם פון פרײַהײַט און אופשטראַלנדיק אין שײַן פון טאָג, האָבן זיי מיט לוסטיקן אימפּעט גענומען שטראָמען, זיך שווענקען און פאַרכלינען אין דער אייגע־נער פרישקײַט און פרייד.

און אין דעם מונטערן געיעג פון די קוואַליקע, שעמערירנדיקע, צע־ברויזטע און צעשטיפטע וואַסערן האָט אויך געפינקלט מיט מיליאָנען שמייכעלעך אונדזער ריטשקעלע. דאָס זעלביקע ריטשקעלע, וואָס האָט שוין געהאַלטן באַם אויסגיין און איז איצט אופגעריכט געוואָרן צו א נײַ

שטראָמיק און שפּרודלדיק לעבן. און מיטן זעלביקן בול־בול, מיט וועלכן עס האָט פריִער באַגלייט זײַן אָנשטרענג זיך צו האלטן אױף דער אויבערפלאך, האָט עס איצט האָפּערדיק און פריידיק ארויסגעזונגען אין דער ארומיקער וועלט:

„אומזיסט האָב איך זיך מעיִאעש געווען... בול־בול־בול... געמיינט אז כ׳בין שוין דער לעצטער טײַך... בול־בול־בול... איך לעב און וועל לעבן... בול־בול־בול... און מײַנע וואסערן וועלן שטראָמען דורך אייביקע צײַטן!״

מײַן באַנאַכטיקער באַגלייטער

ער לויפט מיר נאָך אין א פינצטערער גאַס, יאָגט אין איין אָטעם און קאָן מיך אַלץ ניט איבעריאָגן. אזוי לויפנדיק, פאַרלירט ער צוביסלעך זײַן לעבן, אַלץ שיטערער, דורכזיכטיקער און שוואַכער ווערט ער. ווען איך קום נעענטער צו צום לאַמטערן, וואָס לײַכט אַפּן ווינקל גאַס, און ווען איך קוק זיך אום הינטערוויילעכס, באַווײַזט איך נאָך צו זען, ווי ער מאַכט מיט זײַן האַנט א פאַרצווייפלטע באַוועגונג, און מיר דאַכט זיך, אז איך הער זײַן אָפּשטאַרבנדיקן שעפּטש:

„פאַרשאָלטן זאָלסטו זײַן אַף אייביקע צײַטן! דו לויפסט אהין, וווּ ס׳איז ליכטיק, און איך מוז דעריבער שטאַרבן...״

אָבער אָט האָב איך שוין דערגרייכט דעם לאַמטערן, גיי אים פאַרבײַ און שפּאַן ווידער אַרײַן אין א פאַרטונקלט געסל. און דאָ דערזע איך, ווי דער זעלביקער נעפּעש, וועלכער האָט דאָ אָקאָרשט געפּויזעט הינטער מיר אין גסיסע־ווייען, לעבט צוביסלעך ווידער אויף, טוט מיטאמאָל א שפּרונג פאָרויס, נעמט האַפּערדיק לויפן פאָרויס פון מיר.

„זעסט? — כויזעקט ער און באַווײַזט מיר א צונג, — זעסט, ווי געזונט און קרעפּטיק איך בין און ווי געשווינד כ׳האָב דיך אַריבערגעיאָגט? אַבי דו האָסט געמיינט, אז מיט מיר איז שוין אויס... ניין, ניין, אזעלכע ווי איך שטאַרבן ניט! איצט וועל איך לויפן פאָרויס, און דו וועסט זיך שלעפּן הינ־טער מיר!״

„האָסט א טאָעס! — זאָג איך צו אים. — דו ביסט ניט מער, ווי א נאַרי־שער גרויסהאַלטער. ניט לאַנג וועסטו לויפן פאָרויס...״

„אזוי מיינסטו? אָבער דעם טאָעס האָסטו גאָר!״ — רופט ער זיך אָן מיט האָזע, שפּרייט זיך אויס איבער דער גאַנצער גאַס און קריכט אין זײַן כוצ־פּע אַפּילע אַרויף אַף א גלײַכער וואַנט.

„לייג זיך ניט אזוי פאַנאַנדער, דו! — שרײַ איך אַף אים. — ס׳איז דאָך קיין סאָד ניט, אז א העלד ביסטו נאָר קאָלזמאַן איך שטיי מיטן רוקן צו דער שײַן. אָבער ווען...״

און דאָ דערזע איך מיטאמאָל, אז ס׳איז שוין גאָר ניטאָ מיט וועמען צו ריידן — אזוי אײַנגעשרומפּן, דאַר און קליין ווערט מײַן באַלדאָוועך. איך פאַרשטיי, אז דאָס געשעט מיט אים דערפאַר, ווײַל איך דערנעענטער זיך צום לאַמטערן, וואָס שיקט פון אַן אַנדער ווינקל גאַס זײַן ליכט. איך שטעל א טראָט פאָרויס, און ווען איך וואַרף א קוק אַף הינטן, קעדיי צו זען, וווּ מײַן באַגלייטער האַלט אין דער וועלט, — זע איך נאָר, ווי זײַנע בלאַסע רעשטלעך צעפאַלן זיך.

אָט אזא איז ער שוין, דער שאָטן מײַנער. דער, װאָס יאָגט מיר נאָך אין די אָװנטן און יאָגט מיר נאָך א לעבן. שטײ איך מיטן רוקן צו דער שײַן — װערט ער גרױס בא זיך און שפּרינגט מיט כוצפּע פאָרױס. זעט ער אָבער, אז איך בין נאָענט צום ליכט — פארקריכט ער זיך האכנאָעדיק פון הינטן און װערט אלץ מאכטלאָזער, שיטערער, דורכזיכטיקער, ביז ער פאר־שװינדט אינגאנצן.

באַם געזעגענען זיך

דערהויבן און רירנדיק זײַנען אין דער נאַטור די מאָמענטן פון געזעגענונג: ווען דער אוועקגייענדיקער זומער ווינקט צום אָפּשייד מיט די מילד־פאַלנדיקע בלעטער, ווען די אונטערגייענדיקע זון גלעט מיט פאַרבענקטע שטראַלן די אָפּגעקילטע ערד, ווען די אוועקפליִענדיקע פייגלען ווײנען אויס זייער צער פאַרן אָפּגעריסן ווערן פון דער היים... דאָס אַלץ איז פול מיט טרויעריקער שיינקייט און האָט אַ טיפן זין.

און אויך די געזעגענונג באַם מענטשן איז פאַרהילט אין פּײַערלעכן אומעט. צאַרפול און דערהויבן איז דאָך דער מאָמענט, ווען צוויי פרײַנט דריקן זיך, אין צערודערונג, די הענט, קוקן טיף אַרײַן איינער דעם צווייטן אין די פּײַכטלעך־שעמערירנדיקע אויגן, און אויף זייערע ליפּן ציטערט אַ פאַרלוירן שמייכעלע, וואָס בלאָנדזשעט צווישן פאַרשטיקטן געוויין און געמאַכטער מונטערקײַט.

ניט אַלעמאָל געפינט מען דעמלט ווערטער. אָבער שוין די קאַרגע, פאַרקלעמט־אַרויסגעבראַכטע „זײַ געזונט" און „פאָר געזונט" טראָגן אין זיך דעם דאַנק פאַר טעג און יאָרן, פאַרבראַכטע צוזאַמען אין פרייד און לייד, זײַנען אָנגעלאָדן מיט דער פּאָרויסזאָגונג פון בענקשאַפט, וואָס וועט אויספילן אַלע קומענדיקע יאָרן פון צעשיידונג, און טוליען צו הערצער אַ צוזאָג, אַז דעם ווײַטערדיקן וועג וועלן אַלעמאָל באַלײַכטן זיכרוינעס, וואָס קיין שום נײַ לעבן וועט ניט בעקויעך זײַן זיי צו פאַרטונקלען...

אָבער אַזוי איז געווען אַמאָל. אין יענע צײַטן, ווען נעסיִעס האָבן געדויערט לאַנג, איז אויך די געזעגענונג געווען לאַנג און רירנדיק. איצט, ווען דער מעהאַלעך צווישן די ווײַטסטע ווינקלען איז פאַרקירצט, ווערט דאָס אָפּשייד־נעמען אויך געמאַכט בעקיצער, איז אויסגעליידיקט פון געפילן און אָפּטמאָל טרעפט, אַז די געזעגענונג ווערט ביכלאַל אָפּגעשאַפט און מע פאָרט אוועק אָן אַ זײַ־געזונט.

צי ווייסט אָבער אַזאַ איינער, אַז מיט אָט דעם שפּורלאָזן זייפנבלאָזיקן פאַרשווינדן זײַנעם באַגייט ער אַ פאַרברעכן קעגן דער נאַטור, וועלכע האָט אײַנגעפירט פאַר אַלע אירע באַשעפענישן דאָס אייביקע געזעץ פון רירנדיקער געזעגענונג, און אַז ער באַגאַנוועט אויך זיך אַליין? די דערמאָנונג אין דעם, אַז אים האָט ניט אַרויסבאַגלייט קיין האַרציקער האַנטדרוק, קיין וואַרעמער, פאַרנעפּלטער בליק און קיין צערודערטער „פאָר געזונט" פון אַ פרײַנט, וועט אים אויף די וועגן פון דעם נײַעם לעבן נאָך לאַנג פאַרפאָלגן און פּלאָגן.

אן אומגליקלעכע באקאנטשאפט

געווען איז ער א מענטש אָן אויבער־כאָכמעס. און אזוי־אָ וואָלט ער טאקע אויסגעלעבט זײַן באשערט בינטל יאָרן. האָט אָבער דער גוירל באַשלאָסן אים אָפצוטאָן א שפיצל, און אין איינעם אן אומגליקלעכן טאָג אים באַקענט מיט עמעצן, וואָס האָט איבערגעדרייט זײַן לעבן קאַפויר.

און געווען איז דער דאָזיקער עמעצער א זיס־צעשמייכלטער כניפעניק, וועלכער האָט באלד אף אן אָרט זיך צוגעקלעפט צו אים און אים שוין ניט אָפגעלאָזט. יעדעס מאָל, ווען ער איז באגאנגען א פעלער, פאר וועלכן מענטשן האָבן אים געטאדלט, האָט דער כניפעניק, פארקערט, אים געהויבן אין הימל ארײַן.

— ביסט געווען גערעכט און בלײַבסט אלעמאָל גערעכט! — האָט ער אים געהאלטן אין איין רימען און לויבן. — מ׳דארף זיך לערנען בא דיר ווי צו לעבן און ווי צו באגיין זיך מיט מענטשן... דײַן כאָכמע איז גאָרניט אָפצושאצן, די ביסט דער קליגסטער, דו ביסט דער בעסטער!

די ארומיקע אָבער האָבן געהאט אן אנדער מיינונג. פאר זיי איז ער ניט געווען דער קליגסטער און דער בעסטער, און זיי האָבן אים אָפגעשאצט, ווי ער האָט אינדערעמעסן פארדינט, ווערליק זײַן סייכל און זײַנע מײַסים. נאָר אזויווי ער איז פון דעם כניפעניקס רייד שוין געווען פארסאמט און פארטשאדעט, האָט ער געהאט טײַנעס צו א וועלט, אין וועלכער ער איז ניט אָפגעשאצט געוואָרן ווי געהעריק...

און די פארביטערונג קעגן אלע די, וואָס האָבן זײַן גרויסקײַט ניט אנערקענט, איז אלץ געוואקסן, דער ריס צווישן אים און די ארומיקע האָט זיך אלץ אויסגעברייטערט, ביז ס׳איז געקומען א טאָג, ווען ער איז שוין געבליבן אינגאנצן אליין און איינזאם. און ערשט דעמלט האָט ער אָנגעהויבן אײַנזען, אין וואָס פאר א בלאָטע דער כניפעניק האָט אים ארײַנגעפירט מיט זײַנע זיסע ריידעלעך.

דעמלט איז אין אים אופגעקומען א גרימצאָרן קעגן אָט דעם נידערטרעכטיקן פארשוין, וואָס האָט אזוי צעבראָכן זײַן לעבן. ער האָט אים אָנגעכאפט באם גאָרגל און געוואָלט דערווערגן. און דאָ האָט ער דערפילט, אז ער האָט זיך אליין אָנגעכאפט באם גאָרגל... און צום ערשטן מאָל האָט ער דערהערט, ווי דער כניפעניק רעדט צו אים שוין גאָר אנדערש, רעדט מיט שפאָט און מיט פאָרוואורף:

— וועמען גייסטו דאָ ווערגן, וועמען? זיך אליין?!

איינער א בלײַער

דער בלײַער איז געווען צופֿרידן און שטאָלץ, וואָס מיט אים פֿאַר־שרײַבט דער דיכטער זײַנע לידער. איין זאַך נאָר האָט אים פֿאַרביטערט דאָס לעבן: די אָפֿטע ווייטעקדיקע באַגעגענישן מיטן מעסער.

„פֿאַרוואָס קומט דאָס מיר? — האָט דער בלײַער געוויינט מיט בלײַענע טרערן. — איך דין אָט דעם מענטשן געטרײַ, גיב אָפּ מײַנע בעסטע שטי־קער גראַפֿיט אַף צו פֿאַרשרײַבן אַלץ, וואָס ער באַפֿעלט, און אָנשטאָט מיך צו באַדאַנקען, פֿאַרקירצט ער מיר גאָר די יאָרן!..״

הײַנט גיי קלער אויף דעם בלײַער, אַז מע שניצט און שפּיצט אים דער־פֿאַר, ווײַל ער ווערט אָפּגעטעמפּט, און אַז קעדיי צו זײַן שטענדיק אין שאַרפֿער, שעפֿערישער פֿאָרם, מוז מען צאָלן מיט שטיקער לעבן.

דער אומגעדולדיקער

פון אַלע זײַטן האָבן זיך צונויפגעקליבן כמאַרעס און פאַרצויגן דעם גאַנצן הימל מיט א גרויקייט, פון וועלכער ס׳האָט באַלד אָנגעהויבן פּלייצן א רעגן.

אונטערן געוועלבטן טויער, וווּ איך האָב זיך געראַטעוועט פונעם רעגן, זײַנען אַרײַן צוויי מענטשן — א זאָקן און א ייִנגל. דאָס ייִנגל האָט טייקעף גענומען טאַנצן פון איין פוס אויפן אַנדערן און אומגעדולדיק צופּן דעם אַלטן באַם אַרבל. יענער ווידער איז געשטאַנען שטיל און האַכנאָעדיק, און זײַנע בליקן האָבן, אַזוי ווי אומעטיקע פיש, זיך געפּלאָנטערט אין דער רעגננעץ, וואָס האָט מיט א נאַסן שאָרכנדיקן פאָרהאַנג פאַרצויגן אַלץ אַרום.

— אַז ס׳וועט זיך דאָך קיינמאָל גאָר ניט ענדיקן! — האָט דאָס ייִנגל געטײַנעט. — וואָס וועלן מיר דאָ שטיין און וואַרטן? לאָמיר גיין, זיידע!

— הערסט א מײַסע? זיך לאָזן אונטערן רעגן! — האָט דער זיידע געפּרוּווט איבעררײדן דאָס אייניקל מיט גוטן. — האָב געדולד, מירן אָפּוואַרטן נאָך א ווײַלינקע...

דאָס ייִנגל האָט אָבער ניט געוואָלט וויסן פון קיין זאַך. „מער וויל איך ניט וואַרטן!" — האָט ער אויסגעשריגן. ער איז אַרויסגעלאָפן פון דער באַהעלטעניש און אין איין מאָמענט פאַרשוווּנדן.

— וואָס זאָגט איר אויף דעם? — האָט דער אַלטער זיך געווענדט צו מיר. — אַז קיין ברעקל געדולד האָט דאָס ניט! וואָס וואָלט אים געשאַט, ווען ער וואַרט איבער? פריִער צי שפּעטער וועט דאָך דער רעגן אויפהערן...

— דאָס ווייסט איר און דאָס ווייס איך, — האָב איך דערווידערט, — ער אָבער וויל פון דעם ניט וויסן. פאַרגעסט ניט, אַז ער איז יונג און האָט קיין צײַט ניט צו וואַרטן...

— הערט נאָר! — האָט דער אַלטער א ביטערן שמייכל געטאָן. — ער האָט ניט קיין צײַט! און איך האָב? מיר, הייסט עס, וואָס אונדז איז שוין בכלל קיין סך צײַט ניט געבליבן, מעגן וואַרטן, און זיי, וועמען עס שטייט נאָך פאָר א לאַנג לעבן, אין וועלכן מ׳קאָן נאָך אַזויפיל באַוויזן...

— אָט דערפאַר טאַקע, — בין איך אים אַרײַנגעפאַלן אין די רייד, — ווײַל זיי דאַרפן נאָך א סך באַווײַזן, דאַכט זיך זיי שטענדיק אויס, אַז זיי פאַרזאַמען!

אַזוי האָבן מיר געשמועסט און ניט באַמערקט, ווי אין דעם פאַרכמורעטן הימל האָט זיך געעפנט א שמאָל שפּעלטעלע, און א קלאָר, פריילעך

אײגל האָט פֿון דאָרטן א פֿינטל געטאָן. די לויטערקײַט האָט זיך גענומען געשווינד אויסברייטערן, און ס'האָט לאנג ניט געדויערט, ווי אין אונדזער באהעלטעניש האָט שוין אַרײַנגעקוקט א זון־באשײַנטער פֿירעק.

— זיך דערוואַרט, הייסט עס, — דער אלטער האָט צופֿרידן זיך געריבן די הענט און אומרויִק ארויסגעקוקט פֿון טויער, — און ווו, אײגנטלעך, איז ער, מײַן אומגעדולדיקער האָז?

אין דער רעגע איז דער „האָז" געקומען צו לויפֿן. אינגאנצן א דורכגעווייקטער, אָבער אַן אופֿגערודערטער, א פֿרײלעכער, האָט ער מיט היספּײַלעס אויסגערופֿן:

— אוי, זיידע, ווען דו וואָלסט געוווּסט! ווען דו וואָלסט נאָר געוווּסט!

— וואָס וואָלט איך געוווּסט?

— ווי ליכטיק ס'איז געוואָרן! — האָט דאָס ייִנגל ארויסגעשאָסן.

— אויך א נײַס! — דער אלטער האָט זיך צעשמייכלט. — דו מיינסט אוואדע, אז איך האָב דאָס ניט געזען?

— וואָס האָסטו געקאָנט זען? דו, און אויך אָט דער פּעטער? — דאָס ייִנגל האָט אַף מיר א קוק געטאָן מיט ביטל. — וואָס האָט איר געקאָנט זען, וויבאלד איר זײַט געשטאנען באהאלטן אונטערן טויער? איך בין אָבער געווען אין דרויסן!

— דאָס זע איך, דו ביסט אינגאנצן אַן אויסגעבאָדענער... — האָט דער אלטער געשאָקלט מיטן קאָפּ. — נו, נו, קום שוין אהיים!

און זיי זײַנען אוועק. איך בין אויך ארויס פֿון אונטערן טויער, און נאָכקוקנדיק, ווי עס דערווײַטערן זיך דאָס ייִנגל און דער זיידע, האָב איך געקלערט וועגן דעם, אז אײגנטלעך הערן אוף אלצײנס גיין די רעגנס סײַ פֿאר געדולדיקע, סײַ פֿאר אומגעדולדיקע, און אז פֿארביידן קלאָרט זיך סאָפּקאָלסאָף אויס דער הימל. אָבער די געדולדיקע, וואָס וואַרטן איבער דעם רעגן, אויסבאהאלטנדיק זיך אונטער א טויער, זעען די אופֿגעקומענע ליכטיקײַט נאָר פֿון א באגרענעצטן פֿירעק. די אומגעדולדיקע אָבער, די, וואָס שרעקן זיך ניט ארויסצוגיין אונטערן פֿלייץ־רעגן און אויסגעווייקט צו ווערן, — זיי טונקען זיך אָפּ אין ליכט אינגאנצן, אָט אזוי ווי זיי שטייען און גייען.

דאכט זיך, ברידער?

פון א בארג נידערט אראָפּ א ווינט און ברענגט דעם שניי פון טאָל א גרוס פון דעם בלענדיקן שניי אין די הייכן.

— דײַן ברודער פון שפּיץ בארג האָט מיר דערציילט, — שעפּטשעט דער ווינט, — אז איר ביידע זײַנט געבוירן געוואָרן פון איין כמארע, נאָר בייסן אראָפּפאלן זײַט איר צעשיידט געוואָרן! — ער באדויערט דיך, וואָס דו ביסט נעבעך געצוווּנגען צו לעבן אין דער נידער.

— זאָל ער ניט באדויערן! — שלאָגט אים איבער דער שניי פון טאָל, — מיר אין דער נידער איז דאָך בעסער פון אים אין דער הייך!

— בעסער? — כידעשט זיך דער ווינט. — דיר, אַף וועמען אלע טרעטן?

— יאָ, יאָ! געוויס איז מיר אָפטמאָל ניט לײַכט, — דערפאר אָבער איז מײַן לעבן דאָ רײַך און פריילעך! איבער מיר לויפן ארום אהין און אהער שליטנס. עס גליטשן זיך זאָרגלאָזע שטיפערס און עס שפּאצירן ארום פּאר־כאָלעמטע ליבע־פּאָרלעך... איבער מײַנע ראכוועסן באוועגן זיך שטענדיק מענטשן, און איך קוק זיך צו, ווי אַף מיר און ארום מיר קאָכט און ברויזט די פרייד און די זאָרג, דער ערנסט און די שפּיל פונעם לעבן!

און מיט אן אומעטיקן זיפץ פארענדיקט דער שניי:

— און מײַן ברודער? מײַן אָרעמער ברודער? יאָ, ער לעבט טאקע אייביק, אָבער וואָס טויג אים זײַן אייביק לעבן, וויבאלד ער איז אזוי איינזאם אַף יענע אומדערגרייכבארע הייכן, אזוי איינזאם מיט זײַן גאנצן בלענד און פּראכט?

דער פראָסט

אין מאַרט הייבט אָן דער פראָסט זיך פילן ניט אינגאַנצן געזונט. ער האַלט זיך שוין ניט גאָר פעסט אויף די פיס, הוסט ביסלעכווייַז אונטער, און זייַנע געזונטע הענט, וואָס האָבן פריִער פאַרשטאַנען אַזוי קונציק צו כאַפּן באַם גאָרגל און וואָרגן, נעמען פון עלטער־שוואַכקייַט אונטערצי־טערן... עמעס, פון צייַט צו צייַט פּרוּווט ער נאָך זיך דערמאָנען אין די גוטע פאַרגאַנגענע טעג, ווען אַ וועלט האָט פאַר אים געציטערט. דעמלט מאַכט ער אַ גאַזלאָניש פּאָנעם, גאַנוועט זיך צו צום טערמאָמעטער און טוט אים אַזאַ שטאַרקן קוועטש מיט די בייַנערדיקע פינגער, אַז דעם קוועקזילבער פאַרפעלט אָטעם און ער לאָזט זיך אָן קויכעס אַראָפּ ביז פינף און צוואַנציק און ביז דרייַסיק גראַד אונטערן נול. אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל, דערשרעקט זיך אָבער דער פראָסט פאַר דער אייגענער כוצפּע.

— אַ ביסל צו האַמעטנע... — פּרעפּלט ער מיט אַ שטייַפער צונג צווישן איין הוסט און דעם אַנדערן, — אַ קאַפּעטשקע איבערגעכאַפּט די מאָס... פאָרט איז שוין אויס ווינטער! מיסטאָמע וועל איך שוין כאַפּן אַ פּסאַק פון דער זון...

און ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט. אופגעהויבן די אויגן, דערזעט ער, ווי פון דעם קאַלטן נעפּל קוקט אויף אים אַרויס מיט צאָרן אַ פלאַם־פייַערדיקע זון.

ער נעמט פיבערדיק זוכן אַן אָרט, וווּ צו אַנטרונען ווערן, און דאָ דער־זעט ער מיטאַמאָל אַ פאַרבייַגייער אין אַ טייַערן פוטער און ס׳קומט אים אויף אַ געדאַנק: „עפּשער גאָר זיך אַרייַנכאַפּן צו אים אין בוזעם, טיף אין האַרצן? דאָרטן וועט מיך דאָך די זון געוויס ניט געפינען...”

און ס׳האָט אים אָפּגעגליקט, דעם פראָסט: ער איז אַרייַן צו אַ מענטשן מיט אַ גלייַכגילטיק האַרץ. אין אַזאַ האַרץ, ווי איר ווייסט, פילט זיך דער פראָסט בעעמעס גוט און זיכער...

אנטבלויזטע וואָרצלען

א גאנצן מעסלעס האָט אפן יאם געווילדעוועט א שטורעם. מוירעדיקע כוואליעס האָבן מיט צאָרן זיך געוואָרפן אפן ברעג, דערגרייכט ביז צו די באוועלדערטע דיונעס און זיך פארמאָסטן ארויסצורײַסן און איבערצו־קערן די ביימער. אָבער די ביימער האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן, און די כוואליעס האָבן, שיפענדיק און זידנדיק, געמוזט אָפטרעטן צוריק מיט ליידיקן.

און ווען דער שטורעם האָט שוין אָפגעטאָן זײַנס, זײַנען נאָך אים איבערגעבליבן צעביסענע און צעפרעסענע זאמדיקע ווענט, פון וועלכע עס האָבן ארויסגעשטארצט אנטבלויזטע מעכטיקע וואָרצל־פארפלעכ־טונגען. אָבער אויבן, אף די ווענט, זײַנען אומבאשעדיקט און שטאָלץ געשטאנען די ביימער. אראָפקוקנדיק אף די אייגענע פריִער ניט געזעענע וואָרצלען צופוסנס, האָבן זיי ערשט איצט באגרײַפט, פונוואנען עס וואקסט ארויס זייער געדיכטע פארצווײַגטקײַט און שעפעדיקע באבלעטערונג, ערשט איצט האָבן זיי פארשטאנען ווער ס׳האָט זיי שטענדיק געגעבן קויעך זיך אנטקעגנצושטעלן אלע בייזע ווינטן.

אָבער קעדיי זיי זאָלן דאָס דערזען און אײַנזען, איז נייטיק געווען א שטורעם...

דרויב

פאר דעם וואגאָן־פענצטער שווינדלען פארביַי איינער נאָכן אנדערן פיקעטן — קלייניגקע סלופיקלעך, וואָס מערקן אָפּ יעדע אָפּגעלאָפּענע הונדערט מעטער. נאָך יעדע ניַין אזעלכע פיקעטן וואקסט אויס א גרויסער קילאָמעטער־סלופּ. נאָכדעם הייבט זיך וויַיטער אָן דאָס געלויף פון די קלייניגקע הונדערטמעטערדיקע סלופיקלעך, ביז זיי לייגן זיך פונדאָסניַי צונויף אין א קילאָמעטער.

און אזוי אָן א סאָף.

איך קוק זיך צו פון וואגאָן־פענצטער צו דער יאָגעניש פון די קורצע פיקעטן, צייל זיי אומגעדולדיק איינעם נאָכן אנדערן אוןווארט, עס זאָל שוין ווידער זיך באוויַיזן דער גרויסער סלופּ, וואָס וועט אָנזאָגן אן אָפּגעלאָפענעם קילאָמעטער. פון דער שפּיל ווער איך אזוי פארכאפּט, אז יעדן ניַיעם קילאָמעטער־סלופּ באגעגן איך ניט ווילנדיק מיט א שטילן אויסרוף: „אהאָ!"

מיַין שאָכן אף דער וואגאָן־באַנק פרעגט:

— אינטערעסאנט, וואָס איבעראשט איַיך אזוי אין דעם פארביַילויפנדיקן פּייזאזש?

— מיך אינטערעסירט צוצוזען, ווי די הונדערטמעטערדיקע סלופיקלעך ענדיקן זיך און ס'באוויַיזט זיך דער קילאָמעטער־סלופּ. איך וויל זיי, פארשטייט איר, גיכער אָפּאטערן, די פיטשעמאָנטשינקע פיקעטעלעך...

ער קוקט מיך אָן מיט כידעש.

— איר ווילט זיי גיכער אָפּאטערן? פארוואָס אייגנטלעך?

—דערפאר, — ענטפער איך, — וויַיל איך וויל האָבן צו טאָן מיט א גאנצן קילאָמעטער, ניט מיט קיין צעביטענעם... איך האָב ליב א גאנצע שאָ, ניט קיין צעביטענע אף מינוטן! איך האָב ביכלאל פיַינט דרויב!

— א, איך פארשטיי איַיך! — רופט ער זיך אָפּ — איר ווילט שטענדיק זען זאכן אין זייער גאנצער גרייס און פארנעם? געוויס דארף מען אזא נאטור באגריסן... אָבער זאָגט מיר — טוט ער א פרעג מיט א שמייכל — זיַיט איר אין אלץ אזוי אויסגעהאלטן?

— וואָס מיינט איר דערמיט? — פארשטיי איך ניט.

— איך מיין — דערקלערט ער געלאסן — אז אויב איַיער שטרעבן צו גאנצקיַיט און גרויסקיַיט איז אויסגעהאלטן, זיַיט איר דאָך אָן צווייפל אויך אָן אָנהענגער פון גאנצע, ניט־אויסגעביטענע געפילן, פון ניט־צעשפּליטערטע געדאנקען, פון א ניט־צעבערעקלטן געוויסן, און ביכלאל...

אָבער מיר הייבן אָן ניט צו געפעלן די רייד, מיט וועלכע ער קריכט מיר אין לעבער אַרײַן, און איך שלאָג אים איבער מיט א ברויגעזער פראגע: „און פונוואנען ווייסט איר, אז ס׳איז ניט אזוי?״, און נאָכדעם קער איך זיך דעמאָנסטראטיוו אָפּ צום פענצטער און נעם מיט נאָך א גרעסע־רער פארינטערעסירטקײַט נאָכפאָלגן דעם געלאָף פון די פיקעטן און די קילאָמעטערס. אָבער דעם עמעס גערעדט, איז די פארינטערעסירטקײַט מײַנע נאָר א געמאכטע: איך בין צעשטרייט און מיך הערט ניט אוף נאָגן דער געדאנק וועגן דעם, ווי אָפּט מענטשן — און טאקע איך אויך — צעבײַטן געדאנקען און געפילן, וואָס וואָלטן געקאָנט און געדארפט זײַן גרויסע, קילאָמעטערדיקע, אף קלייניקע, הונדערטמעטערדיקע פיקעטלעך.

אף דער זוניקער זײַט

רייד איך מיט אים, דאכט זיך מיר, ווי עמעצער וואָלט ברייט אופגעפראלט א פענצטער, וואָס קוקט ארויס אף דער זוניקער זײַט.

— וואָלט איר נאָר געוווסט — זאָגט ער באגײַסטערט — מיט וואָס פארא מענטש איך האָב זיך דאָ לעצטנס באקענט! זײַן קלוגשאפט, זײַן בילדונג, זײַן כיין — איך בין פּאָשעט באצויבערט! איך שווער אײַך, אז כ׳האָב נאָך אזא מענטשן ביז איצט ניט באגעגנט!

א צווייטן מאָל רופט ער אויס מיט ניט ווייניקער באגײַסטערונג:
— בין איך די טעג געווען בא איינעם א פרײַנט אין זײַן זומער־וווינונג, איז שווער איך אײַך, אז זינט איך קען זיך מיט דער נאַטור, האָב איך נאָך אזא פּראכט ניט געזען!
אָדער:
— לעצטנס בין איך געווען אף א קאָנצערט, איז וועט איר מיר גלייבן — איך גיי נאָך ביז הײַנט ארום א פארקישעפטער! די קלאנגען האָבן פאר מיר געעפנט א נײַע וועלט! איך בין גרייט צו שווערן, אז זינט איך גיי אף קאָנצערטן...

און זיך צוהערנדיק צו אָט די אלע היספּײַלעסדיקע אויסרופן טראכט איך וועגן דעם, ווי גוט עס איז צו באגעגענען מענטשן, וואָס נעמען אוף מיט באגײַסטערונג אלדאָס ליכטיקע און שיינע אין לעבן! און אויב זיי זײַנען זיך אפילע אָפּטמאָל טויע אין זייער אנציקטער איבערראשצונג — איז מען זיי אויך מויכל, בא זייער זײַט פארגעסט מען, ווי אָפט עס קומט אויס צו טרעפן מענטשן זויערע, וועלכע זאָגן ארויס מיט פארזשאווערטע שטימען פארשימלטע זאָגעכצן; מענטשן גלײַכגילטיקע, וועלכע ווייסן קיינמאָל ניט, וואָס עס הייסט עפענען אין זייער פארמוכלט הארץ א פענצטער פאר דער בלענדיקער שײַן און פרישער ווייעניש פון באגײַסטערונג.

— ווי? — סקריפּעט אזא מין טרוקענער באָקסער — ווי, איר האלט פון אָט דער פאָרשטעלונג? נו, ווייסט איר... דאָרטן איז דאָך ניטאָ קיין פונק טאלאנט, קיין ברעקל אײַנפאל. הוילע נודעניש...

— ווי? יענער טיפ, זאָגט איר, איז אן אינטערעסאנטער? און איך, זעט איר, האלט, אז ער איז נאריש, ווי א באָק, און לאנגווײַליק, ווי א געגנעץ!

— איך באגרײַף גאָרניט, ווי קאָנט איר האָבן א גוטע מיינונג וועגן אזא מין פּוסטן בוך! יעדע שורע אין אים איז דאָך באנאל, איז פארבלאָז. ער קײַט נאָר איבער אלטע עמעסן, און מאכט דאָס טאלאנטלאָז...

הער איך אָט אזעלכע אלץ אראָפּמאכנדיקע רייד, וואָס טריפן מיט דער נודנעקײַט פון א הארבסטיקן רעגן איבער אן אלטן בלעכענעם דאך, בענק איך נאָך די לעבנספריידיקע מינעס, נאָך די בליציקע אויגן און נאָך דער האָפערדיקער שטים פון יענעם באגײַסטערטן, פאר וועמען אפילע דאָס פּאָשעטע, אלטעגלעכע לעבן אנטפּלעקט זיך יעדן טאָג פונדאָסנײַ אין טויזנט געשטאלטן און אין ביז איצט נאָך ניט געזעענע פארבן און קלאנגען.

קיבעצער

ארום די שאָך־שפּילער קלײַבט זיך א געזעמל קיבעצער, וועלכע זײַנען שטארק פארקאָכט אין דעם געראנגל אפן ברעט. די אטמאָספער איז ביז גאָר אָנגעגליט, און ווען איינער פון די שפּילער גרייט זיך מאכן א גאנג, וואָס קוקט אויס עמעצן פון די קיבעצער צו זײַן פאלש, דערטראָגט זיך א פיבערדיקער אויסרוף:

— אוי, וואָס טוט איר?! זעט איר דען ניט, אז איר טאָרט מיטן פערדל ניט גיין?!

און וויפל מאָל טרעפט, אז א קיבעצער כאפּט אָן בא דער האנט דעם שפּילער, וואָס קלײַבט זיך א רוק טאָן א פיגור און שרײַט אויס אין גרויס פארצווייפלונג:

— ווי גאָט איז אײַך ליב, גייט ניט אזוי! דעמלט זײַט איר דאָך א פארפאלענער!

און פאלט איינער פון די קעגנער ארײַן אין א שווערער לאגע, ווערן די קיבעצער אויסער זיך, אלע העלפן אים טראכטן און פון אלע זײַטן זוכט מען אים ארויסצוהעלפן מיט אן אייצע, מיט א וואָרענונג, מיט אן אונטערזאָגן...

אָפטמאָל בלאָנדזשע איך אויך ארײַן אין דעם שאָך־קלוב — און זאָלן מיר די שאכמאטיסטן מויכל זײַן! — מיך ציט אהין ניט אזוי די שפּיל און אפילו ניט די שפּילער, נאָר טאקע די קיבעצער מיט זייער ברייט־הארציקן, לײַדנשאפטלעכן אָנטיילנעמען אין דעם גורל פון די צדאָדים. פון זייערע היציקע אויסרופן הער איך ארויס די גרייטקײַט פון מענטשן צו העלפן יענעם אין א נויט, צו וואָרענען אים קעגן שלעכטס, וואָס לאָ־קערט, צו זוכן פארן אנדערן אן אויסוועג... און דערבײַ נעם איך מיר מאָלן בילדער איינער שענער פארן אנדערן, איינער אָנלאָקנדיקער פארן אנדערן. וועגן דעם, ווי אָט אזא הילפגרייטער קיבעצער כאפּט אָן בא דער האנט א מענטשן, וואָס גייט טאָן א פאלשן טראָט אין לעבן, און ווי ער וואָרנט אים: „ווי גאָט איז דיר ליב, פרײַנט, טו דאָס ניט! גייסטו אזוי — ביסטו א פארפאלענער!" און גיט נאָך צו: „אָט גיי בעסער אזוי, דאָס וועט דיך ראטעווען!"

און זאָגט, וואָס איר ווילט: גלייבט מען, אז אזעלכע קיבעצער זײַנען אין לעבן פאראן, אז זיי וועלן זיך אלץ מערן און מערן — לעבט זיך לײַכטער אף דער וועלט!

שלאָפלאָזיקייט

דעם עמעס מוז מען זאָגן: מיט קיין באזונדערער פריינטלעכקייט צייכן איך זיך ניט אויס, און די ארומיקע האָבן אָפטמאָל אויסצושטיין פון מיר קאַלטס און וואַרעמס... דערפאַר אָבער, ווען דער טאָג גייט אוועק און איך צי אויס אין באנאכטיקער שאָ מיינע מידע גלידער אפן געלעגער, — נעמט מיך ארום א לייטזעליקע שטימונג, און אין מיין שוין האלב־פאַר־טונקלטן מויעך שווימען אוף א סאך גוטע, מילדע ווערטער, וואָס איך נעם זיך פאַר פון איצט אָן צו שיטן ווי פערל פאַר די פיס פון מיינע באקאנטע.

„פון מאָרגן אָן”, מורמל איך אין זיסער זעלבסטפאַרגעסנקייט, „וועל איך שוין זיין פריינטלעך צו אלעמען, כ׳וועל ברענגען מענטשן פרייד... כ׳וועל... כ׳וועל...”

און איינגעוויגט דורך אָט די גוטע ווונטשן, זינק איך אראָפּ אין די טיפע, רויִקע וואסערן פון שלאָף.

קומט אָבער דער מאָרגן — ווערן אלע גוטע קאַוואָנעס אָפּגערוקט אָן א זייט, די וואַרעמע געפילן גייען אויס פון בלוט־אָרעמקייט, און די גוטע ווערטער ווערן ניט ארויסגעזאָגט. איך בין ווייטער אומפריינטלעך צו מענטשן, מיינע רייד רייסן זיך אריין אין הערצער מיט אייזיקער קעלט און מאכן דאָרטן אָפטמאָל אָן א כורבן.

זאָגן, אז דאָס איז מיר אינגאנצן גלייכגילטיק — וואָלט אָבער געווען אומגערעכט לעגאבע זיך אליין. איך בין פונדעסטוועגן ניט צופרידן מיט אָט דעם ריס צווישן מיין באנאכטיקער ליבע צו מענטשן און מיין באטאָגיקער פיינטשאפט, אומפריינטלעכקייט צו זיי. עפּעס נאָגט מיך, און ווען עס קומט ווייטער אָן די באנאכטיקע שאָ, די שאָ פון לייטזעליקייט, און איך צי ווידער אויס אפן געלעגער די מידע גלידער, נעמט מיין געוויסן מיך פּלאָגן.

„איז ווו זיינען זיי”, פרעגט דעמלט מיין געוויסן מיט ביטערן שפּאָט, „ווו זשע זיינען זיי געבליבן, די אלטע גוטע געפילן און מילדע ווערטער, מיט וועלכע דו האָסט נעכטן זיך פאָרגענומען צו דערוואַרעמען מענטש־לעכע געמיטער? אפּאָנעם, זיי זיינען פאַר דיר גילטיק נאָר באנאכט, אף בעסער איינצושלאָפן... אָבער זאָג מיר אָקאָרשט, פאַרוואָס עפּעס הערט מען זיי ניט און מ׳זעט זיי ניט באטאָג, בא העלער שיין?”

דאָ האָט מיין געוויסן מיך געפּאקט! און איך הייב אָן זוכן פוילע טערו־צים און נעם שטאַמלען:

„באַ־טאָג?.. באַ־באַטאָג ב־בין איך אַז־זוי פאַרטאָן... אכוץ דעם שרעק איך זיך... מ׳וועט זאָגן, אַז איך בין סענטימענטאַל...״

„האק ניט קיין טשײַניק!״ רופט זיך אָפּ דאָס געוויסן שטרענג. „ניט דאָס איז די סיבה! ס׳איז פּאָשעט דערפאַר, ווײַל דו ליבסט ניט די מענטשן! דאָ איז דער הונט באַגראָבן!״

און זעענדיק, אַז איך וויל עפּעס דערווידערן, שלאָגט ער מיך איבער און רעדט ווײַטער:

— „זאָלסט וויסן, אַז מיט די אַלע גוטע געפילן און גוטע ווערטער, וואָס דו טראַכסט צו פאַרן אײַנשלאָפן — ווערסטו ווייניק וואָס אופּטאָן. אויב דו ווילסט אַרויסווײַזן עמעסע ליבע צום מענטשן — ברענג צו אים גוטע געפילן און זאָג אים גוטע ווערטער באַטאָג!״

זינט דעמלט האָב איך טאַקע אָנגעהויבן זיך איבעראַנדערשן און גענומען טראָגן צו די מענטשן גוטע געפילן און גוטע ווערטער באַטאָג. אָבער איך מוז זאָגן, אַז אויב מײַן געוויסן פּלאָגט מיך טאַקע ניט מער, — פּלאָגט מיך אָבער איצט די שלאָפלאָזיקײַט. ווײַל גאָר אָפּט קומט מיר אויס גאַנצע נעכט זיך דרייען אַף מײַן געלעגער און טראַכטן, פאַרוואָס נעמען ניט אַלע מענטשן אויף ווי געהעריק די גוטע געפילן און גוטע ווערטער, וועלכע מע טראָגט זיי אַנטקעגן...

ניט מער, ווי א מיק...

מיט א פריילעכן טרומייטערן איז דער מיק צוגעפלויגן, ארײַנגעשטאָכן זײַן שנעבעלע אין מײַן שטערן, און אין איין מאָמענט איז דער מיק געוואָרן פול אָנגעגאָסן. אין גרויס צאָרן האָב איך אופגעהויבן אף אים מײַן האנט.

— אהא, געפאקט! — האָב איך אויסגערופן — אָט וועל איך דיך מיימעסן, דו בלוטזויגער!

— בלוטזויגער... רופסטו מיך... — האָט דאָס זאטע מיקעלע קוים ארויסגעזשיפּעט — עפשער ביסטו טאקע גערעכט... אָבער זאָג מיר נאָר, וואָס פארא באטרעף האָט אָט דאָס נישטיקע טראָפּנדל, וואָס איך האָב בא דיר גענאשט, אין פארגלײַך מיט די פולע עמערס בלוט, וואָס איר, מענטשן, צאפּט אויס איינער באם צווייטן?.. איז פארוואָס הייבסטו דײַן שטראָפנדיקע האנט דאפקע קעגן מיר, הא?..

אוואדע איז די טײַנע געווען א גערעכטע. אָבער ארויסגעבראכט זי האָט דאָך נאָר א מיק, ניט מער, ווי א מיק... האָב איך אראָפּגעלאָזן מײַן האנט אף אים און געמאכט א סאָף צו זײַן לעבן צוזאמען מיט זײַן לאָגיק. בענעגייע מיקן איז דאָך דער דין אן אנדערער, ווי בענעגייע מענטשן: זיי מוזן אלעמאָל טייקעף אפן אָרט באצאָלן מיט לײַב און לעבן פארן טרינקען יענעמס בלוט.

סקלעראַז

צוויי בייזע פענסיאָנערן — איינער שוין גאָר א זאָקן, דער צווייטער א ביסל א ייִנגערער — זיצן אף א באנק אין שטאָט־גאָרטן, און יעדערער פרוווט דעם אנדערן עפּעס דערציילן. אָבער ווײַטער פון דעם פּרוווּ גייט עס ניט. ווײַל ווי נאָר איינער הייבט אָן, טוט דער אנדערער אים א צופּ באם ארבל, שלאָגט אים איבער, און ביידע נעמען ריידן מיטאמאָל.

— לאָזט מיך! — רופט זיך היציק אָן דער עלטערער. — ווייסט איר דען ניט, אז איך האָב סקלעראָז, און אויב איך וועל טייקעף ניט דערציילן, וועל איך פארגעסן?!

— און איך, מיינט איר, וועל געדענקען? — גיט דער ייִנגערער ניט נאָך. — איך מוז אויך טייקעף דערציילן, אניט...

— וואָס „אניטעט" איר מיר דאָ? — שלאָגט אים יענער איבער. — איר׳ט מיר אוודע זאָגן, אז בא אײַך איז אויך סקלעראָז?

— און איר האָט געמיינט, אז נאָר בא אײַך שטייט ער אײַן, האָ?

— צײַטן! — צעלאכט זיך דער זאָקן מיט א ציטערדיק, אָנציינערדיק געלעכטערל. — יעדער צוציק גרויסט זיך מיט זײַן סקלעראָז און לאָזט דעם אנדערן א וואָרט ניט ארויסריידן! ניטאָ בא אײַך קיין סקלעראָז, יונגערמאן, דאָס האָט איר אויסגעטראכט! הערט בעסער, וואָס עס האָט זיך געטראָפן מיט מיר... געוועזן איז דאָס סאכאקל מיט א יאָר פערציק... און עפשער די גאנצע...

אָבער דער „יונגערמאן" לאָזט אים ניט ריידן ווײַטער, הייבט אָן אליין עפּעס דערציילן, שרײַט אים אריבער, און זיי נעמען ווידער זיך אמפּערן און גוואלדעווען... צום סאָף הייבט זיך דער ייִנגערער אוף אומגעדולדיק און זאָגט מיט קאס:

— גענוג! מיר איז דאָס שוין דערעסן! א מענטש זאָל ניט לאָזן אויס־ריידן א וואָרט!

ער דערלאנגט זײַן קאָלעגע קאלטע צוויי פינגער צום אָפּשייד און גייט פּאמעלעך אוועק מיט שלעפּנדיקע טריט. אָבער באלד קערט ער זיך אום צוריק.

— פארגעסן מײַן שטעקן... וואָרטשעט ער און נעמט שארן מיט פּאָדאג־רישע פינגער איבערן לען פון באנק.

— אהא, זעט איר? — רופט זיך אָן מיט ניצאָכן אין שטים דער זאָקן. — איך בין טאקע געוועזן גערעכט, כע־כע... ס׳איז אן אויסגעטראכטער

סקלעראַז באַ אײַך... אױסגעטראַכט, קעדײ ניט לאָזן דעם צװײטן עפּעס זאָגן.

יענער קוקט אים אָן מיט בײזע אױגן. און דער זאָקן, שטאַרק צופֿרידן מיט זײַן אײַנפֿאַל, צעשמײכלט זיך מיט אַלע קנײטשן פֿון זײַן פֿױגל־געזיכט און ברענגט אַרױס, פֿאַרכלינענדיק זיך אין אַ האַנאָעדיקן געלעכטערל:

— װײַבאַלד איר דערמאָנט זיך נאָך, כע־כע, אַז איר האָט פֿאַרגעסן, איז האָט איר אַ פּײַג, כע־כע, ניט קײן סקלעראָז! דער עמעסער סקלעראַז, מעגט איר װיסן, האָט ליב, כע־כע, מ׳זאָל אַפֿילע פֿאַרגעסן, אַז מ׳האָט פֿאַרגעסן... אָט אַזױ איז דאָס, כע־כע... און איר זאָגט נאָך...

גרינע ביכער

זי איז אַרײַנגעלאָפן אין בוכהאַנדלונג — אַן עלעגאַנטע, אַ פּאַרפֿו־מירטע, אַ זעלבסטצופֿרידענע — און מיט אַ מינע פֿון אַ מענטשן, וואָס שטייט העכער פֿון דעם אַלעמען, נאָר איז גרייט פֿון דערעך־שאַלעם־וועגן אײַנצוגיין אַף אַ פּשאָרע, האָט זי מיט אירע קאָסמעטיש־פּאַרלענ־גערטע אויגן גענומען אַרומבלאָנדזשען איבער די ביכער־פּאָלי־צעס.

ווען דער בוכהענדלער, אַ ביסל אַ פֿאַרוווּנדערטער באַם זען אַזאַ באַזו־כערן, צו וועלכער ער איז ניט געוווינט געווען, האָט געפֿרעגט, וואָס איז איר באַגער, האָט זי אַרויסגעזונגען מיט אַ ווונדערלעכער וויִאָלאָנטשעל־שטים:

— איך דאַרף האָבן אַ צאָל ביכער, אַזוי אַ פּערציק — פּופֿציק שטיק... געבונדענע אין גרין, מיט גאָלדשניט... — און, קאָקעטיש שמייכלענדיק, צוגעגעבן, — און עס זאָל ניט טײַער קאָסטן!

— איר פֿאַרלאַנגט ניט ווייניק, מאַדאַם! — האָט דער בוקיניסט אויס־געראָפֿן מיט געמאַכטער שרעק. — אָבער נישקאָשע, אין אונדזער בוכהאַנד־לונג וועט איר געפֿינען אַלץ, וואָס איר דאַרפֿט האָבן. נאָר אַנטשולדיקט מײַן פֿראַגע: פֿאַרוואָס זוכט איר גראָד ביכער אין אַ גרינעם אײַנבונד מיט גאָלדשניט?

— ווײַל איך וויל, — האָט די דאַמע מיט שטאָלץ פֿאַר איר געשמאַק געזאָגט, — אַז די ביכער זאָלן זײַן צוגעפּאַסט צו מײַנע פּאָרטיערן פֿון סאַלאַט־גרין־קאָליר, באַשפּרענקלטע מיט גאָלד!

— אָ, וויבאַלד אַזוי, האָט איר רעכט! — איז דער פֿאַרקויפֿער מיט גרייטקייט מאַסקים געווען, און נאָך אַ רעגעלע טראַכטן האָט ער זייער ערנסט געפֿרעגט: — צי איז אָבער אײַך באַוווּסט, מײַן דאַמע, אַז ניט בלויז מיטן אײַנבונד אַליין דאַרפֿן די ביכער צוגעפּאַסט זײַן צו די פּאָר־טיערן?

— מיט וואָס נאָך? — איז זי געוואָרן פֿאַרינטריגירט.

— מיטן אינהאַלט, מײַן דאַמע, מיטן אינהאַלט! — האָט דער פֿאַרקוי־פֿער אויפֿגעקלערט. — מענטשן לייגן אַף דעם געוויינלעך גרויס אַכט, און אײַך ראַט איך אויך זיך אײַנצושאַפֿן נאָר אַזעלכע ביכער, וואָס זאָלן מיט זייער אינהאַלט, אַזוי ווי מיט זייער אײַנבונד, צוגעפּאַסט זײַן צו אײַערע פּרעכטיקע סאַלאַט־פֿאַרביקע פּאָרטיערן מיט דער גאָלדענער באַפּוצונג!

— און וועלן זיך געפינען בא אײַך אזעלכע פאסיקע ביכער? — האָט די קויפערן פארזאָרגט געפרעגט.

— אזעלכע פאסיקע?.. — האָט דער אנטיקוואר זיך פארטראכט און גענומען אונטערמורמלען פאר זיך: — זאָל איך אײַך אָנבאָטן א קאָמפּלעקט טאָלסטאָי? עמעס, ער איז טאַקע אײַנגעבונדן אין גרין, אָבער דער אינהאלט איז עפּעס ניט אינגאנצן צוגעפּאסט... עפּשער דאָסטאָיעווסקי? ניין, ער פּאסט זיך אויך ניט אַרײַן אין גרינע פאָרטיערן... באלזאק? נאָר ער איז בא אונדז אָן גאָלדשניט... ווארט, ווארט! — האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן פארן שטערן. — איך האָב פאר אײַך דאָס פאסיקסטע! ווארט נאָר א ווײַלינקע!

ער איז ארויסגעלאָפן, זיך געזאמט א ביסל און צוריקגעקומען א פארסאָפּעטער, טראָגנדיק א גרויסן פּאק ביכער.

— אָט דאָס, מאדאם, איז פּונקט פאר אײַך! — האָט ער זיך געווענדט צו איר.

— זיי זײַנען דאָך אָבער ניט אײַנגעבונדן! — איז זי געווען אומצופרידן. — איך האָב אײַך דאָך שוין געזאָגט, אז איך דארף האָבן געבונדענע ביכער!

— דאָס איז קיין מעניע ניט, — האָט דער פארקויפער זי בארויִקט, — אַלץ וועט געמאכט ווערן לויט אײַער ווונטש! דעריקער איז דאָך, וואָס זיי זײַנען צוגעפּאסט פאר אײַך לויט זייער אינהאלט... איז וועל איך זיי לאָזן אײַנבינדן, און אין צוויי וואָכן ארום האָט איר זיי פיקס־און־פארטיק, ווי איר ווילט, אין גרין מיט גאָלדשניט און צוגעפּאסט צו אײַערע פאָרטיערן! און קאָסטן וועט אײַך דאָס אויך ניט טײַער.

— נו, באשטעל איך זיי בא אײַך! — איז די קויפערן געווען צופרידן און, שוין האלטנדיק באם ארויסגיין, האָט זי נאָך א פרעג געטאָן: — און וואָס זײַנען דאָס, אייגנטלעך, פארא ביכער, וועלכע איר האלט פאר אזוי צוגעפּאסט?

מיט א העפלעך שמייכעלע האָט דער בוקיניסט געענטפערט:

— דאָס זײַנען קאָכביכער, מאדאם!

ער גייט זיך אײַנקויפן

אין איניאַנים פון אײַנקויפן זיך איז ער קיינמאָל קיין גרויסער בעריע ניט געווען. נאָך אין די ייִנגלשע יאָרן, ווען ער האָט אַף די מיט מאַטערניש אָנגעקליבענע גראָשנס געקויפט נאַשערײַען, אָדער שפּילצײַג, האָט ער אַלעמאָל איבערגעצאָלט און דערצו נאָך באַקומען ניט קיין געהויבענע סכוירע: ווי עס שײַנט, האָט דער קרעמער, זעענדיק די פרייד און היס־פּײַלעס פון דעם יונגן קוינע, באַלד דערקענט, אַז אַזעלכן קאָן מען אָפּנאַרן... און ניט אומזיסט האָבן די שטוביקע געזאָגט וועגן אים, אַז ווען א נאַר גייט איבער די קראָמען, פרייען זיך די קרעמער...

עמעס, פאַר קיין נאַר האָט מען אים ניט געהאַלטן, אָבער געוווּסט האָבן אַלע, אַז ווען נאָר ער גייט עפּעס אײַנקויפן, בלײַבט ער שטענדיק דער נאַר.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען זײַנע קניעס האָבן זיך שוין ניט באַגרענעצט בלויז מיט נאַשערײַ און שפּילצײַג, האָט זיך די לאַגע נאָך מער פאַרערגערט און ער האָט בײַסן אײַנקויפן עפּעס געליטן איין מאַפּאָלע נאָך דער אַנדערער. אָבער ניט געקוקט אַף די אַלע דורכפאַלן, איז די פרייד פון קויפן בא אים ניט געמינערט געוואָרן, און שטענדיק, ווען ער האָט זיך אײַנגעשאַפט עפּעס נײַס, איז ער געווען באַפליגלט, אַזוי ווי דאַפקע א דאַנק אָט דעם קעגנשטאַנד וואָלט ער דערזען די וועלט אין גאָר א נײַ ליכט.

איצט איז ער שוין גראָ און אַלט, אָבער די פּאַשעטע כאַכמע פון אײַנ־קויף האָט ער זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעלערנט. אַזוי ווי אין דער קינד־הײַט און דער יוגנט, איז יעדער נײַער כייפעץ פאַר אים א ווונדער, וואָס פאַרשיקערט אים מיט נאָך ניט געזעענער פּראַכט און ברענגט אים איבעראַשנדיקע גרוסן פון א פונדאַסנײַ־אַנטפּלעקטער וועלט. און אַזוי ווי אין זײַן קינדהײַט, קאָן ער אויך איצט ניט באַהאַלטן פון די קרעמער זײַן פרייד און באַגײַסטערונג, און זיי מאַכן בישטיקע כויזעק פון אים.

און אַזוי שפּילט ער זײַן גאַנץ לעבן די ראָל פון דעם נאַר, וואָס פרייט די קרעמער, דערבײַ אָבער ווייסן ניט די פלינקע קרעמער, אַז זייער פרייד מיטן אָנשטאָפּן פולער די טײַסטערס איז גאָרנישט ווערט לעגאַבע זײַנער — דער פרייד פון זען קעסיידער נײַע ווונדער און אָן אויפהערן זיך באַגײַסטערן מיט זיי.

אַנדערע זאָגן אַפילע, אַז ס'איז גוט א גאַנץ לעבן צו זײַן אַזאַ נאַר.

די אייביקע פען

גרויס איז געווען מײַן פרייד, ווען כ׳האָב באַקומען אַ מאַטאָנע אַ גאָלדענע פילפעדער, און גרויס איז געווען מײַן אַנטוישונג, ווען די פען איז מיר אין איינעם אַ טאָג קאַליע געוואָרן. אייגנטלעך, ניט אינגאַנצן קאַליע געוואָרן, ווײַל שרײַבן האָט זי ניט אויפגעהערט, אָבער זי האָט עפּעס ווידערשפּעניקט, געקלעקט, אָנגעהויבן שרײַבן ניט ווי מיט מײַן האַנטשריפט. דעמלט האָב איך אַוועקגעטראָגן די פען אין רעמאָנט. ווען דער מײַסטער האָט זי באַטראַכט פון אַלע זײַטן און אויסגעפּרוּווט, ווי זי שרײַבט, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— נאָר איר אַליין שרײַבט מיט דער פען, אָדער איר גיט אַנדערע אויך שרײַבן מיט איר?

— אַמאָל קומט אויס...

— אָט דאָס, זעט איר, האָט אַ פען פײַנט! איר דאַרפט וויסן, אַז ווען אָט אַזאַ גאָלדענע פען געוווינט זיך צו צו עמעצנס קסאַוו, פאַרבינדט זי זיך מיט אים טאַקע אויף אייביק און זי דינט ווי געהעריק נאָר דער דאָזיקער האַנטשריפט!

— אָבער, — האָב איך זיך פאַרענטפערט, — די, וועמען איך האָב געגעבן שרײַבן מיט מײַן פען, זײַנען אַלץ מענטשן מיט אײדעלע האַנטשריפטן. זייער קסאַוו איז אָפּטמאָל שענער פון מײַנעם...

— מעגלעך! — האָט דער מײַסטער איבערגעשלאָגן און מיך שטרענג אָנגעקוקט פון איבער די שפּאַקולן. — מעגלעך, אַז זייער קסאַוו איז שענער, אָבער ער איז ניט אײַערער! און געדענקט, יונגערמאַן, אַ קסאַוו מוז מען האָבן אַן אייגענעם! ווען איר וועט שטענדיק שרײַבן נאָר מיט אײַער אייגענעם קסאַוו, וועט די פען אײַערע אויך בלײַבן אײַער אייביקע פען!

א קוש

אן אײַזצאפּנדל איז אראָפּגעהאנגען פון א װינקל דאך און איז אין מעשעך פון דעם גאנצן װינטער פארשטײַפט געװאָרן פון פראָסט. בא יעדן שטורעם־אויסבראָך האָט דאָס האַרץ פונעם אײַזצאפּנדל, װאָס איז פון געבאָרן געװען צאַרט און פײַנפילעװדיק, אופגעציטערט און פארצאַפּלט זיך אין װײטעק. און עפּשער ניט אזוי פון קעלט און שרעק, װי פון ביטערער פארצװײפלונג, װאָס קײנער ליבט עס ניט און שענקט דעם ניט קײן ברעקל װאַרעמקײַט.

נאָר װען ס'איז געקומען דער פרילינג, און דאָס פארבענקטע אײַז־צאפּנדל האָט דערפילט אף זײַן באַק דעם ערשטן אומגעריכטן קוש פון דער צעשמײכלטער זון, האָט אין דעם זיך צעטאַנצט א פרײד, און זײַן צעװאַרעמט האַרץ האָט זיך צעקלונגען און צעזונגען, װי א האַרפע:

„הײסט עס, ניט אף אײביק בין איך געװען פארגעסן און פארלאָזן! די זון האָט זיך דערמאָנט אין מיר, טוליעט מיך אין ליבע און װאַרעמ־קײַט און רוימט מיר אײַן, אז פון איצט אָן איז מיר באשערט א לאַנג און גליקלעך לעבן!"

ס'האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און דאָס אײַזצאפּנדל איז אינגאַנצן שוין צעשמאָלצן געװאָרן אונטער די שטראַלן, און פאַרן ענדגילטיקן אײַנגעזאַפּט װערן דורך דער ערד האָט עס זיך צעװײנט מיט ביטערע טרערן:

„פארװאָס איז מיר באשערט גראָד איצט אויסצוגײן? גראָד איצט, װען דער ליבע־קוש פון דער זון האָט מיר צוגעזאָגט א לאַנג און גליקלעך לעבן?.."

און װאָלט דען דאָס אויסגײענדיקע אײַזצאפּנדל געגלײבט, װען עמעץ זאָגט אים, אז דאָס לעבן האָט אים פארקירצט דאַפקע אָט דער װאַרע־מער קוש?

די אָפּשאַצונג

דרײַ שרײַבער זײַנען געזעסן בײַ אַ טישל אין קאַפע און געקיבעצט. זיך דערציילט ליטעראַרישע אַנעקדאָטן, דורכגעלופטערט ליטעראַרישע פּליאָטקעס. דערבײַ איז, פאַרשטייט זיך, אויך באַרירט געוואָרן די אייביקע פראַגע וועגן דעם, ווי־אַזוי דער קליינבירגער שאַצט אָפּ די אַרבעט פונעם ליטעראַט. און דאָ האָט דער ראָמאַניסט דערציילט אַזאַ אַנעקדאָט:

— אַלעקסאַנדער דיומאַ האָט איינמאָל, פאָרנדיק אין אַ דראָזשקע, זיך צערעדט מיטן קוטשער, אים אויסגעפרעגט וועגן זײַן אַרבעט, זײַנע פאַר־דינסטן. דער פורמאַן האָט אים אויסדערציילט אַלץ וועגן זיך, און נאָכדעם האָט ער געפרעגט: „און וואָס איז אײַער באַשעפטיקונג, מײַן הער?" „איך שרײַב", — האָט דיומאַ געענטפערט. „ווו? — האָט דער פורמאַן געוואָלט וויסן. — אין אַ קאָנטאָר? אין אַ באַנק?" „ניט אין אַ קאָנטאָר און ניט אין אַ באַנק, מײַן ליבער. איך שרײַב ביכער..." „אָבער, מ׳סיע, — האָט דער קוטשער אויסגערופן אַנטוישט, — דאָס איז דאָך קיין אַרבעט ניט! בײַ וואָס זשע אייגנטלעך אַרבעט איר?"

— אײַער וויץ, — האָט זיך אָנגערופן דער עסייִסט, — איז טאַקע כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר דער באַצייִונג פונעם קליינבירגער צו דער אַרבעט פו־נעם שרײַבער. נאָר ער איז דאָך, ווי אַלע וויצן, אויסגעטראַכט... דאַרף מען דען אָבער צוטראַכטן וויצן אויף דער טעמע, ווײַבאַלד דאָס לעבן אַליין שאַפט וועגן דעם טראַגיקאָמישע אַנעקדאָטן? אָט וועל איך אײַך דערציילן אַ פאַקט פון מײַן אייגענעם לעבן.

און אָט וואָס ער האָט דערציילט:

— אין יענעם טאָג האָט זיך באַוויזן אין דרוק מײַן ערשטער פעליע־טאָן. נו, איר ביידע האָט אויך געהאַט אין אײַער לעבן אַזאַ ערשטן טאָג, וועט איר דאָך פאַרשטיין, ווי איך האָב זיך געטראָגן איבער גאַסן, גרייט צו פאַלן קושן יעדן באַגעגנטן, וואָס האָט געהאַלטן אַ צײַטונג אין האַנט, ווײַל איך בין זיכער געווען, אַז ער האָט געלייענט מײַן פעליעטאָן און איז ניספּאָעל פון מײַן געניאַליטעט! און ווען איך בין נאָכן פאַרסאַ־פעטן אַרומלויפן איבער אַלע קיאָסקן, קעדיי זען, ווי עס פאַרקויפט זיך מײַן צײַטונג, אַ צעשטראַלטער פון גליק געקומען אַהיים, האָב איך גע־טראָפן בײַ אונדז אין שטוב זיצן איינעם אַ ייִדן אַ האַלץ־הענדלער. מײַן פאָטער האָט אים דערלאַנגט די צײַטונג, זאָגנדיק דערבײַ מיט שטאָלץ: „וואָס זאָגט איר אויף מײַן זון, פאַן אַלטשולער? גיט נאָר אַ קוק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן!" פאַן אַלטשולער האָט געלאָזן אַרופגעזעצט אויף דער נאָז

די שפּאַקולן, פּאַמעלעך און מיט גרויס מעיושעוודיקייט דורכגעשטודירט דאָס אַרטיקל און נאָכדעם האָט ער מיט אַ גרינגשעציקער באַוועגונג אָפּ־געדרוקט פון זיך דעם בלאַט און אַ זאָג געטאָן: „פּכע! גיט מיר אַ גראָשן פאַר דעם, וואָס מע דרוקט איצט... ווען איך האָב נאָר צייט, וואָלט איך געשריבן בעסער!״

איצט איז געקומען די ריי פון דעם פּאָעט.

— איך וועל דערציילן גאָר בעקיצער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ביי־טערן שמייכל, — וועגן אַ מיינונג, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן די טעג. איך בין געזעסן אין שטול בא מיין פאַבריקמאַכער און, אַזוי ווי אַלע פאַבריקמאַכערס אין דער וועלט, האָט ער בייסן גאָלן גערעדט און גערעדט. ווען ער האָט שוין אַרומגערעדט אַלץ אין דער וועלט, איז ער לעסאָף אַרי־בער צו דערציילן וועגן זיך, וועגן זיין שווער לעבן, וועגן די זאָרגן, וואָס לאָזן אים ניט שלאָפן קיין נעכט. און נאָכן אַראָפּריידן זיך אַזוי פון האַרצן, האָט ער צוגעגעבן מיט אַ זיפץ: „אָט אייך איז גוט! איר האָט ניט וואָס צו טראַכטן און וואָס צו קלערן און לעבט זיך אָן זאָרג — איר שרייבט דאָך נאָר...״

ווען ס'איז געקומען די צייט אַוועקצוגיין, האָט יעדער איינער פון די שרייבער זיך געזעגנט מיט זיינע קאָלעגן מיט די ווערטער פון זיין אָקאָרשט אַרויסגעפּירטן פּערסאָנאַזש.

— זעט צו האָבן אַ סאַך פרייע צייט, — האָט דער אויטאָר פונעם האַלץ־הענדלער געזאָגט, — דעמלט איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז איר וועט אָנ־שרייבן עפּעס רעכטס...

דער דערציילער פונעם דיומאַ־אַנעקדאָט האָט צוגעגעבן:

— איר זאָלט ניט זיין קיין לײדיקגייערס, ניט זיצן אין דער היים און פּוסטעפּאַסעווען באַם שרייבן ביכער!

— און דערביי זאָלט איר ניט פאַרגעסן, — האָט דער דריטער שטרענג געוואָרנט, — דעם אָנזאָג פון מיין פאַבריקמאַכער: ניט טראַכטן און ניט קלערן...

מע איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט אַ געלעכטער. אָבער דאָס איז גע־ווען אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס, ווייל אומעטיק איז געוואָרן אויפן האַרצן פון אָט די דערציילטע אָפּשאַצונגען, אָפּשאַצונגען, מיט וועלכע עס קומט אויס זיך גאָר אָפט צו באַגעגענען... און האַגאַם דער פּאָעט האָט גע־וואָרנט ניט טראַכטן און ניט קלערן, האָבן אונדזערע דריי שרייבער פונ־דעסטוועגן זיך שטאַרק פאַרטראַכט.

און אין רעזולטאַט פון דעם פאַרטראַכטן זיך זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אָט די שורעס.

צוויי מאָל צוויי איז פינף

באלד פון די ערשטע טריט אין דער וועלט פון ציפערן און צאָלן האָבן זיך אָנגעהויבן בא מיר שאַרביקע באַציִונגען מיט דעם איין מאָל איינס, און באַזונדערס מיט די גראָדע צאָלן אין אים, מיט די, וואָס פאַרענדיקן זיך מיט א צוויי, מיט א פיר, מיט א זעקס און מיט אן אכט... מיר איז עפּעס לאַנגווייַליק געווען מיט אָט די פריזירטע צאָלן, וואָס ווי דו זאָלסט זיי ניט דרייען, בלייַבן זיי אלעמאָל אזוי סטאַטעטשנע און זיכער אין זייער פעלערלאָזיקייַט. עפּעס האָבן זיי מיר דערמאָנט אין קעץ, וואָס ווי מע זאָל זיי ניט וואַרפן, בלייַבן זיי שטענדיק שטיין אף אלע פיר...

דערפאַר אָבער זייַנען מיר געווען צום האַרצן די אומגראָדע צאָלן, די, וואָס באַם סאָף זייערן שטייט אן איינס, א דרייַ, א זיבן... זיי האָבן זיך ניט געלאָזט אויסמושטירן אין גראָדע זעלנערישע רייען, זיי האָבן זיך ניט אויסגעלייגט אין צוויי מאָל צוויי. זיי האָבן זיך מיר שטענדיק פאָרגעשטעלט ווי צעשויבערטע קונדייסימלעך, וואָס יעדע רעגע קאָן מען זיך ריכטן בא זיי עפּעס אף א נייַעם שפּיצל...

יענע נאַיווע פאָרשטעלונג פון די קינדער־יאָרן איז מיר פאַרבליבן ביז הייַנטיקן טאָג, און די גאַנצע וועלט אַרום פאַרטייל איך נאָך אלץ אין גראָד און אומגראָד. ווייַל נודנע און לאַנגווייַליק איז דאָרטן, ווו עס הערשט די באַלעבעסלדיקע גראָדקייַט, ווו אלץ איז אָפּגעוויגן און אויסגעמאָסטן, ווו אף אלץ איז שוין געגעבן א פון פאָרויס באַשטימטער ענטפער, ווו צוויי מאָל צוויי איז שטענדיק און אלעמאָל פיר... דער אומגראָד אָבער רייצט די פאַנטאַזיע, נעמט מיט אף זייַן פלי אין נאָך אומבאַקאַנטע וועלטן און זאָגט צו אומדערוואַרטע אַנטפּלעקונגען און איבעראַשונגען...

יאָ, עס טרעפט, ווען צוויי מאָל צוויי איז פינף איז מיר מער צום האַרצן...

העמשעך

דער הארבסטיקער ווינט צעשאָקלט די צווײַגן, רײַסט און פליקט פון זיי די בלעטער, וועלכע פלאַטערן אַראָפּ מיט שטילער האכנאָע. בלויז איין לעצטער בלאַט, וואָס האלט זיך נאָך מיט מאַטערניש אפן שפּיץ בוים און עס קלאַפּט אים א צאָן אָן א צאָן פון קעלט, קרעכצט אַרויס:

— איך זע, האָסט אַראָפּגעריסן... אַלע מײַנע ברידער... זיי זײַנען אומגעקומען שטיל... איך אָבער ... איך וועל זיך ראַנגלען, זיך האלטן... דיר אף צולאָכעס!

— קוק נאָר אָן דעם גיבער! — צעבּרומט זיך דער ווינט מיט צאָרן און שפּאָט. — ער וויל ניט! און ווו בין איך?! אין א רעגע אַרום וועסטו דאָך שוין מער אף דער וועלט ניט זײַן, און דער בוים, אף וועלכן איר אַלע זײַט אזוי כוצפּעדיק אויסגעוואַקסן, וועט בלײַבן אייביק שטיין אָן אָפּגעצופּטער, א נאַקעטער, אָן אויסגעטריקנטער!

און ער וואַרפט זיך אַרוף אפן ווידערשפּעניקן בלאַט מיט גרויס רעציכע, כאַפּט אים אַרײַן אין זײַן וואַרגנדיקער זשמעניע און טוט א שלײַדער צו דער ערד — און דער בוים בלײַבט שוין אינגאַנצן אָן אָפּגעצופּטער, אָן אָפּענער פאַר אַלע ווינטן.

...אָבער ווען ס'האָט אָפּגעשטורעמט דער האַרבסט און זיך אַוועקגעגליטשט דער ווינטער, האָט דער זעלביקער בוים זיך אָנגעגאָסן מיט נײַע זאַפטן, פונדאָסנײַ אויפגעבליט, ס'האָבן זיך געעפנט אף אים קנאָספּן און זיך צעשפּראָצט נײַע בלעטער.

נאָר דאָס האָט דער בייזער ווינט, וועלכער האָט פּאַראַיאָרן געקערט וועלטן, שוין ניט געזען. ווײַל פון אים איז קיין זייכער ניט געבליבן. א ווינט האָט דאָך ניט קיין העמשעך. ווי שטאַרק און ווי בייז ער זאָל ניט זײַן.

עפּל

באַם קױפֿן די עפּל האָב איך װײניקער פֿון אַלץ געטראַכט װעגן װעלט־געשיכטע. אָבער אַ באַקאַנטער, װעלכן איך האָב באַגעגנט, האָט מיר אין דעם דערמאָנט.

— איַיך איז ניט שװער צו טראָגן? — האָט ער זײער ערנסט גע־פֿרעגט, — עפּעס אַ קלײניקײט, אַ פֿולער קאָשעק מיט קאַפּיטלעך געשיכטע פֿון דער מענטשהײט!

— איר פֿאַרעדט זיך... — האָב איך אים אָנגעקוקט מיט אַ שטיקל כשאַד, — זעט איר דען ניט, אַז איך טראָג אין קאָשעק עפּל?

— איך זע, איך זע! — האָט ער אױסגערופֿן, — און אָט זײ, די עפּל, מײַן איך טאַקע! זײ, די אומשולדיקע עפּעלעך, האָבן דאָך געשפּילט גאָר אַ װאַזשנע ראָליע אין דער געשיכטע... אָ! — האָט ער זיך אַלײן איבערגע־שלאָגן. — פֿײַנע ראַנעטן באַ איַיך, עס נעמט אַזש אָן אַ כײשעק צו פֿאַר־זוכן...

און אָן איבעריקע מאַכזאָקעס האָט ער אַרױסגעכאַפּט פֿון מײַן קאָשעק אַן עפּל, געשמאַק אַרײַנגעביסן אין אים און מיט אַ פֿול מױל עפּלזאַפּט זיך צערעדט:

— מיסטאָמע איז איַיך דאָך נאָך פֿון די קינדער־יאָרן באַװוּסט, אַז מיט אַן עפּל, און אַװדאי מיט אַזאַ כײנעװדיקן ראַנעט, װי דער, האָט אונדזער מוטער כאַװע פֿאַרפֿירט אָדאָמען, און דערפֿאַר טאַקע זײַנען אונדזערע אור־עלטערן פֿאַרטריבן געװאָרן פֿון גאַנײדן?... און פֿון דער גריכישער געשיכטע װײסט איר דאָך אױך, אַז די סיבע פֿון דעם טראָיאַנער קריג איז געװען אַן עפּל, װאָס פּאַריס האָט גאַלאַנט צוגעטראָגן דער װענוס און דערמיט געמאַכט אַן אָנהײב צו דער אײביקער מילכאָמע פֿון די פֿרױען און פֿאַר די פֿרױען... און דער אױפֿשטאַנד פֿונעם שװײצאַרישן פֿאָלק קעגן זײַנע עסטרײַכישע אונטערדריקער איז דאָך, װי איר װײסט, אױך אױסגעבראָכן אַדאַנק אַן עפּל, װאָס דער טיראַן האָט באַפֿױלן דעם פֿאָטער טעל אַראָפּ־שיסן פֿון זײַן קינדס קאָפּ! און הײַנט װאָס װעט איר זאָגן — און דאָ האָט מײַן מיטשמועסער פֿאַרגלײַזט די אױגן אין גרױס באַגײַסטערונג — אָף ניר־טאָנס עפּעלע, האַ?.. אַזאַ פּאָשעט עפּעלע, דאַכט זיך, און איבערגעדרײט אַלע באַגריפֿן! אַן עפּעלע פּונקט װי אײַערס דאָ...

און מיט די װערטער האָט דער היסטאָריקער זיך אױסגעקליבן אַ צװײטן עפּל פֿון קאָשעק און צװישן אײן האַסטיקן ביס און דעם אַנדערן גענומען װײַטער שיטן מיט רײד:

— און דאָס, מיין איך, ווייסט איר דאָך, אז אָט די אלע עפּל־געשעע־נישן האָבן באַגײַסטערט אי שילערן, אי האָמערן, אי מילטאָנען אף אָנ־צושרײַבן זייערע בארימטע ווערק! אזויארום, איז דאָס עפּעלע א ביז גאָר כאָשעווע זאַך און איז ווערט, מ׳זאָל עס אָפּשאַצן ווערדליק זײַנע פאַר־דינסטן...

און קעדיי צו באַווײַזן, אז ער שאַצט עס טאַקע אָפּ, האָט ער זיך צוגע־כאַפּט צו א דריטן עפּל פון מײַן קאָשעק און דערבײַ אומגעריכט מיך א פרעג געטאָן:

— און איר וואָס שווײַגט? פאַרוואָס, אייגנטלעך, זאָלט איר לויט אײַע־רע קויכעס זיך ניט נעמען צו אָט דער עפּל־טעמע? א סאַך אַזעלכע גאָלדע־נע טעמעס וואַלגערן זיך?

איך האָב אים באַדאַנקט, געזאָגט, אז קיין טעמעס פעלן מיר ניט, און געפּרוּווט זיך געזעגענען, קעדיי אָפּצוראַטעווען די פּאָר איבערגעבליבענע עפּל. אָבער ער האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן, אַרויסגעכאַפּט פון קאָשעק נאָך אַן עפּל און, געשווינד צעמאָלנדיק אים צווישן די ציין, ווײַטער גערעדט:

— הערט נאָר, כאַוועריִ שרײַבער, דערציילט מיר ניט קיין מײַסעס! איך פיל דאָך, אז איר זוכט א טעמע... איז באַטראַכט זיך נאָר: דווירעס קומען און פאַרגייען, מילכאָמעס פלאַקערן אויף און פאַרלעשן זיך, די געשיכטע כאַזערט זיך איבער אָן אויפהער, — און די סיבע פון אָט די ווענדפּונקטן איז אַזוי אָפט בלויז אַן עפּל. און אויב ניט אַן עפּל איז עפּעס אַן אַנדער קלייניקײַט... נו, — האָט ער פאַרענדיקט מיט טריומף, — האָב איך אײַך ניט געגעבן קיין טײַערע טעמע? וועגן דעם לאָזט זיך דאָך שרײַבן און איך וועל דערפאַר זיך נעמען נאָך אַן עפּל...

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קאָשעק דעם לעצטן עפּל און איז אוועק.

אָט אַזוי האָט מײַן טשיקאַווער באַקאַנטער אויפגעגעסן דאָס גאַנצע ביסל וועלט־געשיכטע פון מײַן קאָשעק און מיר איבערגעלאָזט בלויז די טעמע.

אייביקייט

צום פארכמורעטן פעלדז, וואָס איז געשטאַנען זיכער אין זײַן אייגע־נער אייביקייט, איז צוגעפלויגן אַן איינטאָגיק פליגעלע, האָט מיט צאַרטער באַרירונג זיך אַוועקגעשטעלט אױף זײַן האַרטן, פאַראַקשנטן שטערן און מיט איידעלער זשומערײַ זיך צעזונגען:

מײַן גאַנץ אייביק לעבן
האַלט איך אין איין שוועבן...״

— כאַ־כאַ־כאַ! וואָס זאָגסטו אױף דעם?! אַזאַ ניוויזיקל, לעבט ניט מער, ווי אַ טאָג, און האָט די האָזע אפן שטערן פון מײַן אייביקייט צו ריידן וועגן זײַן, מישטיינסגעזאָגט, אייביק לעבן! קאָן דען דײַן נישטיק גופעלע טראָגן כאָטש אַ פּיצל אייביקייט?

— ז־זײַט ניט ב־בייז... כ־כאָשעווער פ־פעלדז! — האָט דאָס פליגעלע אין שרעק געגומען שטאַמלען. — אָבער איך מ־מוז... אײַך זאָגן... אַז־ז איך ק־קאָן טראָגן ד־די איי־אייביקייט... איך האָב ד־דאָך פליגלען...

— פליגלען... פליגלען...— האָט דער פעלדז אומגעדולדיק נאָכגעצי־קרימט: — זײַ וויסן, אַז פליגלען אליין זײַנען נאָך ווייניק פאַר דער אייבי־קייט, אַז אייביק קאָן מען זײַן, נאָר ווען מע איז ווי איך — ערנסט, שטרענג, אומבאַוועגלעך!

דאָ איז דאָס פליגעלע גאָר צעטומלט געוואָרן.

— שטרענג... אומבאַוועגלעך... — האָט עס געפּרעפּלט. — און איך האָב געמיינט, אַז אין פלי און שפּיל איז אויך פאַראַן אייביקייט... איז דאָס ניט אַזוי? אָבער זאָגן אײַך דעם עמעס, כאָשעווער פעלדז... ווײַבאַלד אַזוי... איז האָט דאָס גאָר קיין זין ניט פאַר מיר... ווײַל איך גאָרניט...

— איז טראָג זיך אָפּ! — האָט דער פעלדז זיך צאָרנדיק צעברומט. — טראָג זיך שוין אָפּ פון מײַן אייביקייט! הערסט?!

אונדזער פליגעלע איז פאַרציטערט געוואָרן, האָט אויסגעשפּרייט די דינינקע, דורכזיכטיקע פליגעלעך און איז אַוועקגעפלויגן צו זײַן באַוועג־לעכן און פריילעכן איינטאָגיקן לעבן, וואָס איז פאַרן פליגעלע געווען אַן אייביק לעבן. דער פעלדז אָבער איז געבליבן ווי שטענדיק ערנסט און שטרענג צוגעשמידט צו דער האַמעטנער אייביקייט.

נאָר זינט אָט דעם קורצן שמועס מיט דעם פליגעלע האָבן זײַן אייביקן שטערן פאַמעלעך אָנגעהויבן דורכשנײַדן קרייץ און קווער שפּאַלטן. דאָס זײַנען געווען ספּייקעס אין זײַן אייגענער אייביקייט.

מאלינעס־זאפט

קינדווייז האָב איך שטארק ליב געהאט מאלינעס־זאפט. און כ׳בין זיך מודע: איצט אויך. אָבער אין יענע ווייטע יאָרן איז די דאָזיקע ליבע פאַרבונדן געווען מיט נאָך עפּעס. בייסן פּרעגלען מאלינעס, און נאָכדעם, באַם אריבערגיסן דעם זאפט אין די סלאָיִקעס און ארומבינדן זייערע העלדזער מיט פּאטשיילקעס, האָט די מאמע שטענדיק פרום צוגעגעבן: „מ׳זאָל דאָס ניט באדארפן“, און דאָס איז מיר געווען שטארק כידעשלעך — פארוואָס זאָל מען אזא מין געשמאקע זאך ניט באדארפן?

— דאָס זאָג איך דערפאר, — האָט די מאמע דערקלערט, — ווייל מאלינעס־זאפט נוצט מען בייס א קרענק, ניט פאר קיינעם געדאכט. ס׳איז א נאשערייַ ניט פאר געזונטע...

פאר געזונטע צי ניט פאר געזונטע — וואָס זאָלן מיר זיך דאָ נארן? — מיר האָט זיך גאָר אָפט געוואָלט זיין ניט געזונט, אבי נאָר די מאמע זאָל מיר צוטראָגן א לעפעלע מעכייעדיקן, שמעקעוודיקן סאָק, וואָס צעגייט זיך אין אלע גלידער... און ווען דאָס איז געשען, האָב איך אדאנק דער ביטערקייט פון דער קרענק מיט באזונדערער האנאָע געפילט די זיסקייט פון דעם זאפט. די מינוטן, ווען אָט דיביידע טאמען האָבן זיך אין מיר באגעגנט, זיינען, ניט געקוקט אף דעם פארדראָס פון ליגן אין בעט מיט אן איבערגעבונדענעם האלדז, געווען פון די גליקלעכסטע אין מיין קינדעריש לעבן.

אָבער ניט בלויז אין מיין קינדעריש לעבן, אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך זיך איבערצייגט, אז ניט אין הוילער זיסקייט איז דאָס גליק. דאָס העכסטע גליק האָבן מיר געבראכט גראָד יענע מינוטן, ווען דורך בלייענע כמארעס האָבן זיך דורכגעשלאָגן ליכטיקע זונשטראלן, און ווען אף א פארטרערטן ליבן פרויען־פּאָנעם האָט אופגעבליט א מילדער שמייכל און ווען א פרייד, דורכגעוועבט מיט צארטע פעדעם פון טרויער, האָט פארפולט מיין הארץ.

און נאָר דעמלט, ווען אין דעם בעכער זיסקייט זיינען געווען פארמישט אויך ביטערע טראָפּנס, האָב איך באזונדערס שארף דערפילט דעם באגייסטערנדיקן עכטן טאם פון לעבן. אָט אזוי ווי קינדווייז האָט מיך בייס א קרענק באזונדערס דערקוויקט דער זיסער טאם פון מאלינעס־זאפט.

קינע

א לעבנלאנג האָט ער שווער געליטן פון דעם, וואָס אים האָט געפּלאָגט די ביטערע קינע־קרענק. אָבער באפרײַען פון איר האָט ער זיך בעשום־אויפן ניט געקאָנט, און איז אים נאָר ארײַנגעפאלן אין אויג עמעצנס רײַכקײַט, צי קלוגשאפט, צי שיינקײַט, צי דערפאָלג — מיט איין וואָרט, אלץ, וואָס ער אליין האָט ניט פארמאָגט, אָדער אפילע יאָ פארמאָגט, נאָר ווען דליק זײַן אײַנזען, אין א קלענערער מאָס, ווי יענער, — האָט די קינע, ווי א שלאנג, זיך ארײַנגעכאפּט צו אים אין הארצן און גענומען סאמען און נאָגן.

— באפרײַט זיך פון דער דאָזיקער מיִעסער מידע, זי וועט אײַך דאָך סאָפּקאָלסאָף אופעסן מיט הויט און ביינער! — האָב איך אים געזאָגט אייני־מאָל אין אן אינטימען שמועס, בייס ער האָט זיך אראָפּגערעדט פון הארצן, און דערציילט, ווי די קינע מאטערט אים, — גיט א קוק, ווי ווויל און גרינג עס לעבט זיך מענטשן, וועלכע ווייסן ניט, וואָס דאָס הייסט מעקאנע זײַן יענעם!

מײַן קאוואָנע איז געווען געוויס א גוטע, אָבער קיין גוטס איז פון דעם ניט ארויסגעקומען. ווײַל ווען כ׳האָב אים אין א שטיק צײַט ארום באַ־געגנט, איז ער, א נאָך מער פארכווישעכטער און פארצאָרעטער ווי שטענ־דיק, צו צו מיר, און אָנשטאָט א באַגריסונג ארויסגעזײַט פון צווישן די ציין:

— א דאנק... א שיינעם דאנק אײַך פאר דער גוטער אייצע, וואָס איר האָט מיר געגעבן...

— זי האָט אײַך געהאָלפן? — האָב איך זיך דערפרייט.

— נאָך א מין העלפן! — האָט ער פארצווייפלט א מאך געטאָן מיט דער האנט, — איצט איז מיר צו די אלע קינעס, וועלכע האָבן מיך שטענדיק געפּײַניקט, אדאנק אײַך צוגעקומען נאָך א נײַע אָנשיקעניש: איך בין מע־קאנע מענטשן, וועלכע זײַנען ניט מעקאנע...

רײַפקײַט

איבער די אָנגעוואַליעטע בערג עפּל אין מאַרק האָבן זיך געקנוילט לאָקנדיקע רייכעס פון האַרבסטיקער זעטיקײַט. די האָרעפּאַשנע זון, וואָס האָט אַ גאַנצן זומער געהאָרעוועט אויף אַרויסקישעפּן די פּרוכט פון דער ערד, האָט איצט, ווי אַ רוענדיקע באַלעבאָסטע, באַפרידיקט זיך געשפּיגלט אין די פּילפאַרביקע פּוכקע בעקעלעך פון אירע געראָטענע האָדעוואַניקעס און זיי געגלעט און געצערטלט מיט אירע, שוין אַ ביסל אָפּגעקילטע, אָבער נאָך אַלץ מיט מאַמישער וואַרעמקײַט אָטעמענדיקע, שפּיץ פינגער. פאַרשיקערטע פון די זיס־ביטערע, זאַפטיקע און קערנדיקע רייכעס, פאַרפלעפטע פון דער צעשטראַלטער גרין־רויט־אָראַנזש־גאָלדיקער רײַפקײַט אַרום אונדז, זײַנען מיר — מײַן מאַמע און איך — אַרומגעגאַנגען איבער די עפּל־רייען.

פון אַ מוירעדיק־גרויסן זאַק האָבן אַרויסגעשפּאַרט און זיך געכיינדלט פּרעכטיקע אָנגעגאָסענע אַנטאָנאָווער עפּל און מיט אַן איבערגעזעטיקטן, אַ ביסל לעפּישעוואַטן שמייכעלע געלאָקט און גערופן.

— גוטע עפּל בײַ אײַך, מומינקע? — האָט מײַן מוטער געפרעגט בײַ דער מאַרק־זיצערן. געפרעגט אייגנטלעך בלויז אויף יויצע צו זײַן פאַרן אָנגענומענעם מאַרק־ריטואַל, ווײַל די עפּל האָבן שוין גערעדט פאַר זיך און ניט געניטיקט זיך אין קיין באַשטעטיקונג.

— שוין איינמאָל גוטע, באַלעבאָסטיטשקע! — האָט די פאַרקויפערן פאַרלויבט איר סכוירע, און דערלאַנגענדיק מיר אַן עפּל, צוגעגעבן: — אָט זאָל אײַער יינגעלע פאַרזוכן און זאָגן מעווינעס...

איך האָב אַ כאַפּ געטאָן דעם עפּל, אַ זאַפטיקן ביס געטאָן אים, אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן, אַפילו ניט צעקײַענדיק, און מיט היספּײַלעס אויסגערופן:

— אוי, ווי גוט! קויף, מאַמינקע, קויף!

די מאַמע האָט זיך אָבער ניט געאײַלט און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— דו בײַס נאָר נאָכאַמאָל אָפּ און צעקײַ גוט! דעמלט וועסטו זאָגן דײַן מעווינעס...

איך האָב נאָכאַמאָל קרעפּטיק אײַנגעביסן, גוט צעקײַט, און ווען איך האָב ווידער באַשטעטיקט, אַז עס איז גוט, האָט די מאַמע די עפּל צו מײַן גרויסער פרייד געקויפט...

אַ ביסל האָב איך זיך דעמלט באַליידיקט אויף דער מאַמען, וואָס זי האָט ניט געוואָלט גלייבן מײַן ערשטן היספּײַלעסדיקן אָפּרוף וועגן דער גוטס־

קײַט פון די עפּל. ערשט מיט יאָרן שפּעטער איז צו מיר דערגאַנגען דער סײכל דערפון. דעמלט, ווען דאָס לעבן האָט מיר גענומען באַווײַזן, ווי איבערפלעכלעך עס איז גאָר אָפט דער ערשטער בליק, ווי ניט באַטאַמט עס איז צײַטנווײַז דער ערשטער ביסן, ווי צו אײַליק עס איז אַמאָל דער ערשטער טראָט... יעדער טאָג האָט מיר פונדאָסנײַ באַוויזן, אַז פון דער ער־שטער היספּײַלעס לאָזט זיך אָפּטמאָל אויס אַ טײַך, און אַז נאָר דעמלט, ווען נאָכן ערשטן אינסטינקטיוון בליק, ביסן אָדער טראָט ציט צו טאָן אַ צווייטן, שוין אַ צילבאַוווּסטן און באַטראַכטן, דערפילט מען דעם עמעסן רײַפן, אויסגעטראָגענעם און פילזאַפטיקן געשמאַק פון לעבן.

קאַפּשווינדל

אונטער די קלאַנגען פון הילכיקער, טראַסקענדיקער מוזיק שוועבט יונגוואַרג אויף הוידלקעס און דרייט זיך אין וויכערדיקן קאַראַהאָד אויף א שווינדלדיקער הייך. אַרום דעם אַטראַקציאָן שטייען א סאַך צוקוקער, גאַפן און טיילן זיך מיט איינדרוקן.

— אַט דרייט מען זיך דאָס א ביסל! — איז איינער אַן עלטערער מענטש ניספּאָעל. — אַז איך קאָן אַפילע ניט נאָכקוקן זייער פלי, מיר פאַרדרייט זיך דער קאָפּ שוין פון קוקן אליין... מיסטאָמע איז פליִען און האַלטן דעם קאָפּ אין דער הייך אַן איינִיען בלויז פאַר יונגע! מיר, אַלטע, מוזן נאָר שטיין אויף אַן אָרט און קוקן אַראָפּ...

— פאַרוואָס עפּעס „אַראָפּ"? — בייזערט זיך אויף אים א צווייטער. — פאַרוואָס דאַרפן נאָר די יונגע קוקן אין דער הייך, און מיר, עלטערע, בלויז אַראָפּ? א מאָדנע פילאָסאָפיע בא אייַך, פעטער!

דערווײַל הערט אויף די מוזיק צו דונערן און קלאַפּן, די הוידלקעס פאַר־לאַנגזאַמען זייער פלי, ביז זיי שטעלן זיך אָפּ אינגאַנצן, און די צעהיצטע כעוורע קערט זיך אום צוריק אויף דער ערד.

צום „פילאָסאָף" לויפט צו א יינגעלע מיט א פאַרפלאַמט פּענעמל.

— נו, ס'איז גוט? — פרעגט אים דער אַלטער, — ביסט צופרידן?

— שוין אייַנמאָל גוט, זיידע! — ענטפערט דאָס יינגל באַגײַסטערט, — נאָר ווען איך האָב געפּרוווט אַראָפּקוקן אויף דיר, ווי דו שטייסט דאָ אונטן, האָט מיר פאַרשווינדלט א ביסל דער קאָפּ...

דאָ קוקט זיך דער פילאָסאָפישער זיידע אַרום מײַסע זיגער און רופט אויס האַפערדיק:

— זעט איר, אַז איך בין געווען גערעכט? אַט האָט איר א באַווײַז, אַז יוגנט מוז קוקן נאָר אין דער הייך! אַראָפּקוקן איז ניט פאַר יונגוואַרג... — און צום יינגל: — האָסט ניט געדאַרפט אַראָפּקוקן, מײַן קינד, דו דאַרפסט קוקן נאָר אין דער הייך...

— און איך האַלט, אַז ער האָט יאָ געדאַרפט אַראָפּקוקן! — דערווידערט דער בייזער אַלטער. — ווי הויך די אייניקלעך זאָלן ניט פליִען, טאָרן זיי קיינמאָל ניט פאַרלירן פון אויג די זיידעס!

— אָבער מ'דאַרף דערבײַ ניט פאַרגעסן, — גיט צו נאָך איינער פון די דערבײַשטייענדיקע, — אַז מיר, זיידעס, מוזן אויך זיך באַמיִען אויפצוהייבן די אויגן אויף נאָכצופאָלגן דעם פלי פון די אייניקלעך. אַפילע ווען עס שווינדלט דערבײַ דער קאָפּ.

געוויסן

דער אַלטער מאַן איז געזעסן אין דעם פאַרנאַכטיקן גאָרטן און אונטער־געשטעלט זײַן געבויגענע פּלייצע דער פאַרגייענדיקער האַרבסטיקער זון. אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט געזעגענונג — די בלייכע זונשטראַלן, די שוין היפּשלעך אַנטבלויזטע צווײַגן פון דיביימער, די רויטע און געלע בלעטער, וואָס האָבן מיט שטילן שאָרך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם צוגע־לעגענעם וועלקנדיקן גראָז... דעם אַלטנס שטאַרע בליקן האָבן פאַרלאָרן אַרומגעבלאָנדזשעט, און אין זײַן האַלבפאַרלאָשענעם מויעך האָבן אין דער שאָ אויפגעלעבט זיכרוינעס פון אַמאָל. אַן אײַנגעמאַטערטער און צערודער־טער פון דער שעפע אויפגעקומענע דערמאָנונגען און בילדער, וועלכע ס'איז אים ניט לײַכט געווען צו באַהערשן, און אַ פאַרוויגטער דורכן שאָרך פונעם בלעטערפאַל, האָט ער פאַמעלעך אײַנגעדרעמלט אין זײַן געפּלאָכ־טענער שטול, און, שוין האַלטנדיק אין אײַנשלאָפן, נאָך אַלץ געשעפּטשעט: „סאַקאָנעס... געפאַרן... באַזײַטיקט... באַזיגט...״

און דאָ האָט אינמיטן פון זײַן זיסן דרעמל מיטאַמאָל זיך אַרײַנגעריסן אַן אומבאַקאַנטע שטים. אַ שטים, וועלכע ער האָט גאָר קיינמאָל אין לעבן ניט געהערט.

„קאָנסט מיר ניט זאָגן, וועלכע סאַקאָנעס האָסטו באַזײַטיקט און באַ־זיגט? — האָט די שטים בײַסיק אַ פרעג געטאָן און באַלד זיך אַליין אויך גע־ענטפערט: — דאָך נאָר די, וואָס האָבן געדראָעט דיר, דיר אַליין! יאָ, די סאַקאָ־נעס האָסטו גוט פאַרשטאַנען צו באַזײַטיקן... אָבער האָסטו געפּרוווט ווען־ניט־איז באַזײַטיקן אויך יענע, מיט וועלכע דו ביסט געווען געפערלעך פאַר אַנדערע?״

„איך... פאַר אַנדערע?.. — האָט דער אַלטער זיך געכידעשט. — מיט וואָס בין איך געווען געפערלעך פאַר אַנדערע?״

„מיט וואָס, פרעגסטו? — האָט די שטים זיך אָנגערופן שטרענג. — נו, אויב דו געדענקסט ניט, וועל איך דיר העלפן זיך דערמאָנען!״

און דאָ האָבן פאַרן אַלטן זיך גענומען איבערבלעטערן זיכרוינעס וועגן דעם, ווי ער האָט אַזוי אָפט אין לעבן אַרויסגעוויזן לעגאַבע מענטשן גלײַכ־גילט, קאַלטבלוטיקײַט, אומפאַרשטענדעניש, רישעס... ווי אים איז קיינמאָל אַפילע ניט אַרויפגעקומען אויפן זינען צו באַקעמפן אין זיך אָט די בייזע אייגנשאַפטן, און ער האָט קיינמאָל ניט אַ טראַכט געטאָן וועגן די ליידן, וואָס ער פאַרשאַפט דערמיט די אַרומיקע.

„אַז איך האָב דאָס גאָרניט געמערקט... — האָט דער אלטער זיך פאַרענטפערט. — דאָס זע איך צום ערשטן מאָל ערשט איצט...“

„אהא, ערשט איצט! — האָט די שטים אויסגערופן צערייצט. — אָבער איצט איז שוין שפּעט, מײַן פרײַנט... דאָס לעבן איז פאַרבײַ, דײַן סאָף איז נאָענט!“

„נאָענט, זאָגסטו?.. — האָט דער אלטער מיט שרעק קוים ארויסגעבראכט. — פאַרוואָס... נאָענט? מיר ווילט זיך נאָך אזוי לעבן! כאָטש א קליין ביסעלע... איצט וועל איך שוין...“

„גענוג! — האָט די שטים איבערגעשלאָגן. — זײַ וויסן, אַז יעדן איז געגעבן ניט מער, ווי איין־איינציק לעבן, און דאָס מוז אויסגעלעבט ווערן, ווי געהעריק! הערסט? ווי געהעריק!“

באַ אָט די לעצטע ווערטער פון זײַן אופגעוואכטן געוויסן האָט דער אלטער א ציטער געטאָן, געעפנט די אויגן און מיט צעטומלטע בליקן גענומען בלאָנדזשען איבער די קופּעס בלעטערפאל, איבערן פאַרוועלקטן גראָז, אַף וועלכן עס האָבן זיך געמינעט די בלייכע, אויסצאַנקענדיקע שטראַלן, און אין דעם אָפּשטאַרבן פון דער ארומיקער נאַטור האָט ער מיטאמאָל אײַנגעזען, אַז דאָס אַלץ, אַף וואָס ער האָט שטענדיק געקוקט, ווי אַף ניט־לעבעדיקן באַשאַף — די ביימער, די בלעטער, די גראָזן, די זונשטראַלן, — אַז זיי אַפילע גייען אוועק פון דער וועלט נאָך דעם, ווי זיי האָבן אופגעטאָן אַלץ, אַף וואָס און צוליב וואָס זיי זײַנען באַשאַפן געוואָרן, נאָך דעם, ווי זיי האָבן געבליט, געוואַרעמט, געשפּרייט ליכט און פרייד... און נאָר ער, דער לעבעדיקער, דער דענקענדיקער, דער מיט געפילן און שטרעבונגען באַשאָנקענער, בלויז ער האָט קיינעם קיין פרייד און קיין וואַרעמקײַט ניט געבראַכט. ער איז געוועזן דער איינציקער אינעם גאַנצן ארום, וועד ס׳האָט ניט געטאָן דאָס, צוליב וואָס ער איז געקומען אַף דער וועלט.

אכזאָריעס

אין יענער נאכט האָט דער פראָסט מיט אזא אכזאָריעס פארקלעמט אָטעמס, אז צום סאָף האָט אים אליין שוין אויך פארפעלט אָטעם, און ער האָט אָנגעהויבן זוכן א ווינקעלע, ווו צו אָטכײַען די פארשטײַפטע גלידער. ניט לײַכט איז אָבער פאר אזא איינעם, וועמען דער גרימצאָרן טראָגט מיט א מוירעדיקן אימפעט און ער האָט שוין איבער זיך אליין קיין שליטע ניט, צו געפינען אן אָפּרו־אָרט. און אזוי האָט ער, דער פראָסט, זיך לאנג ארומגעוואָרפן אין פארביסענע זוכענישן, ביז ער האָט ערגעץ דערזען א באלויכטן פענצטערל, וואָס האָט אים אָנגעלאָקט מיט ווארעמער שײַן.

„אָט אין דעם שטיבעלע וועל איך ארײַן, — האָט דער פראָסט א גיריקן קנאק געטאָן מיט די ציין, — דאָ, דאכט זיך, וועל איך קומען צו זיך...“

מיט אימפעט האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אפן פענצטער און עס מיט זײַן גאנצער מעגושעמדיקײַט א שטופּ געטאָן, קעדיי ארויסצושפּארן די שויב און זיך ארײַנוואליען אין שטוב. אָבער די שויב האָט אויסגעהאלטן דעם שטארקן זעץ, זיך ניט אונטערגעגעבן און געבליבן געטרײַ שטיין אף דער וואך פון דער ווארעמקײַט און געמיטלעכקײַט פון דעם אינווייניק.

דעמלט האָט דער פראָסט זיך אינגאנצן צוזאמענגעקנוילט פון אומדערווארטקײַט: וויז! אים, דעם אלמעכטיקן, וועלכער איז שטענדיק געוווינט אָפּצוהאלטן ניצכוינעס, האָט מען געצווונגען אָפּצוטרעטן?! און ווער? עפּעס א נישטיק, קרוכלע שײַבל, אף וועלכן עס איז גענוג נאָר א בלאָז צו טאָן!..

און ער האָט גענומען בלאָזן מיט אזא אימפּעט, אז די שארפע לופט ארום האָט אזש אופגעציטערט.

אָבער וויפל ער האָט ניט געבלאָזן, איז די שויב אלץ געבליבן פעסט אף איר אָרט. בלויז פון יעדן מעכטיקן בלאָז איז אף דער שויב געבליבן אן אויסגעצירקלטער צייכן, און באלד איז זי אינגאנצן ווי אויסגענייט געוואָרן מיט די איידלסטע האפטן, וועלכע האָבן, באשטראלטע דורך דער שטוביקער שײַן, זיך צעשעמערירט מיט אלע ווונדערלעכע קאָלירן. און אזוי פריילעך און שטיפעריש האָבן די רעגנבויגנדיקע פײַערלעך זיך געמינעט אף די געשליפענע ראנדן פון די אויסגעמאָלטע קווייטן, אז ס'האָט אויסגעזען, ווי די שויב וואָלט לאכן.

„הערסט א מײַסע?!״ איז דער פראָסט נאָך צאָרנדיקער געוואָרן. „איך סטארע זיך מיט אלע מײַנע קויכעס, און אָט די כוצפּעניצע, ניט נאָר וואָס זי גיט זיך ניט אונטער, נאָר זי האָט נאָך די האָזע מיר ארײַנצולאכן אין פּאָנעם ארײַן! נו, נישקאָשע, איך וועל איר שוין באווײַזן, ווער עלטער איז!״

און ער האָט ווײַטער מיט גרויס רוגזע געבלאָזן און געבלאָזן, און די שויב האָט מיט אלע אירע כײנעך געלאכט און געלאכט... ביז עמעץ האָט טאקע געפּלאצט.

אָבער ניט די שויב, נאָר דער פראָסט.

קלאָרע שויבן

א וועלט האלט, אז שויבן זײַנען דורכזיכטיק און קלאָר. צי זעט מען זיי אָבער בעעמעס שטענדיק דורכזיכטיק און קלאָר, די שויבן?

אין דער שאָ פון קאיאָר זײַנען די שויבן פארצויגן מיט א ציטערדיקער בלויקײַט, וואָס פארשווינדט אָבער אינגיכן און טרעט אָפּ איר אָרט דער ראָזקײַט פון דעם זון־אופגאנג. שפּעטער, ווען דער האלבטאָג נעמט גיסן אף דער וועלט צעבערס צעגליטקײַט, — צעשפּילן זיך די שויבן אים אנט־קעגן מיט אָפּגלאנץ פון בורשטין און גאָלד; דער זון־אונטערגאנג, ווידער, לעקט די שויבן גיריק ארום מיט פלאמיקע צונגען; דער אָנקומענדיקער פארנאכט פארוויגט זיי אין גרויקײַט... אינגאנצן אראָפּגעווישט ווערט די דאָזיקע פארבן־שפּיל פונעם טאָג ערשט דעמלט, ווען עס פאלט צו די נאכט, און די פענצטער בלײַבן שטיין פארגאָסענע מיט שווארצקײַט. און נאָר דעמלט, ווען אין די שטיבער ווערט אָנגעצונדן די שײַן, וואָס באלײַכט די שויבן פון אינווייניק, דערזעט מען, אז זיי זײַנען קלאָר און דורכזיכטיק.

אָט אזוי באווײַזט זיך די עמעסע קלאָרקײַט און דורכזיכטיקײַט נאָר אין דעם ליכט, וואָס שטראַלט ארויס פון אינווייניק. דעמלט, ווען דאָס לעבן צינדט אָן זײַן אָוונט־שײַן.

„אײַלט זיך טאָן גוטס!"

ער האָט אלעמען געטאָן טויוועס און געהאט א שעם פון זייער א גוטן מענטשן.

דעריבער איז פאר אונדז געווען אומדערוואַרט, ווען איינמאָל, בײַס ס'איז געקומען צו רייד וועגן אים און זײַן גוטסקײַט, האָט עמעצער א זאָג געטאָן:

— שאַט־שאַט, נאָר אָן היספּײַלעס! עפּעס האלט איך ניט פון זײַן גוטס־קײַט...

— וואָס הייסט „איר האלט ניט?" — האָט מען גענומען פּראָטעסטירן — קאָן דען זײַן נאָך א בעסערער מענטש? שטענדיק, ווי נאָר מ'ווענדט זיך צו אים, איז ער גרייט באַהילפיק צו זײַן!

— אָט אין אזא גוטסקײַט גלייב איך טאקע ניט, — האָט דער סקעפּטי־קער ניט נאָכגעגעבן, — איך גלייב ניט אין די היציקע לײַט, וואָס אײַלן זיך צו טאָן גוטס! דער כיישעק צו זײַן גוט קומט דאָך אויף בא זיי אונטער א מאָמענטאַלער שטימונג, אין צושטאנד פון צערודערונג. גוטסקײַט דאַרף אָבער אויסגעטראָגן ווערן, מוז ווערן באַזיניקט און באַטראַכט...

— און איר? — איז איינער פון די צוהערער אים אַרײַנגעפאלן אין די רייד. — איר טוט גוטס? איר העלפט מענטשן?

— איך? א מאָדנע פראַגע! וואָס פאר א שײַכעס...

— א גרויסע שײַכעס! — האָט אים יענער איבערגעשלאָגן. — ס'איז דאָך אַן איניען, וואָס גייט אָן אײַך, און מיר, און יעדן איינעם פון אונדז! מיר שײַנט, אז פאָלגנדיק אײַער פּרינציפּ וועגן „אויסגעטראָגנקײַט" און „באַ־טראַכטקײַט", לאָזט איר אלעמאָל דורך דעם מאָמענט און טוט קיינמאָל קיין גוטס ניט!

— און וויאזוי זשע, — האָט דער אָנהענגער פון באַטראַכטקײַט גע־פרעגט איראָניש, — וויאזוי דאַרף, לויט אײַער מיינונג, געטאָן ווערן גוטס?

— ניט דורך אויסטראָגן, באַזיניקן און באַטראַכטן! — האָט יענער געענט־פערט. — באַטראַכטן און באַזיניקן דאַרף מען נאָר דעמלט, ווען עס קומט אויף די פינצטערע מאַכשאָווע צו טאָן שלעכטס... קומט אָבער אויף די גע־בענטשטע שטימונג — אָט יענע צערודערטע שטימונג, וואָס געפעלט אײַך אזוי ניט, — צו טאָן גוטס, מוז דאָס אין דער מינוט געטאָן ווערן, און טאַ־קע לײַדנשאַפטלעך, און טאקע היציק, און טאקע באַהאַרצט... אזוי איז דאָס, מײַן פרײַנט, — האָט ער פאַרענדיקט, — טאָן גוטס מוז מען זיך אײַלן! לייגט מען דאָס אָפּ אפילע אף א מינוט — איז אויס מיט דער גאנצער גוטסקײַט...

א באַגעגעניש מיטן יאַם

— היינט וועלן מיר ארויספאָרן צום יאַם! — האָט מיין פאָטער אין א שיינעם פרימאָרגן געזאָגט — זיך באָדן...

וואָס דאָס הייסט „באָדן זיך אין יאַם" האָב איך ניט געוווּסט. איך האָב קיין יאַם קיינמאָל ניט געזען. אין דעם שטויביקן פאַרשטאָט־געסל, ווו כ'בין געוואַקסן, איז אזוינס ניט געווען בענימצע. פאַרשטייט זיך, אז די נייַס האָט מיך פאַרכאַפּט און כ'האָב געפרעגט מיט קינדישן ניַיגער:

— און ווי זעט ער אויס, דער יאַם?

— ווי איך וועל דיר זאָגן, מיין קינד, וועט דאָס אלץ ניט זיין דער יאַם... אָט, וועסט אליין זען!

און כ'האָב אים דערזען, דעם יאַם. און געווען איז ער גאָר אנדערש פון אלץ, וואָס איך האָב ביז איצט געקענט. מיין וועלט — די שטוב, דער הויף, די גאַס — איז פון אלע זייטן געווען ארומגעצוימט מיט האַלב־איַינ־געפאַלענע הייזקעס, מיט כאָרעווע פאַרקאַנעס, מיט בערג אָפּפאַל... אָבער דאָ האָט זיך פאַר מיינע אויגן אנטפּלעקט עפּעס אזוינס, וואָס האָט גאָר קיין סאָף ניט. קוק, וויפל דיר גלוסט זיך נאָר און ווי ווייט דו ווילסט נאָר. קיין זאַך האַלט ניט אָפּ דיין בליק אין וועג...

באַלד האָבן מיר זיך אויסגעטאָן, זיינען אוועק ביז צום סאַמע ראַנד יאַם און אונטערגעשטעלט אונדזערע באָרוועסע פיס דעם פּלעטשערנדיקן גלעט פון וואַסער.

— וואָס מורמלט ער אזוי, דער יאַם? — האָב איך געפרעגט — וואָס וויל ער זאָגן?

— דאָס זאָגט ער אונדז — האָט דער פאָטער דערקלערט — אז מיר זיי־נען בא אים אָנגעלייגטע געסט... איז לאָמיר זיך טאַקע ניט לאָזן בעטן!

מיט די ווערטער האָט ער מיך אָנגענומען פאַר א האַנט און מיר האָבן געשטעלט די ערשטע טריט. אין אָנהייב האָב איך זיך א ביסל געשראָקן. אָבער כ'האָב זיך באַלד צוגעוווינט און אפילו פאַרוואָלט ארויסווייַזן בע־ריעשקייט: איך האָב אָפּגעלאָזן דעם פאָטערס האַנט, און איידער ער האָט נאָך באַוויזן מיך אָפּצוהאַלטן, האָב איך זיך א לאָז געטאָן אהין, ווו די כוואַליעס האָבן זיך געקוליעט און געשטיפּט און מיך געלאָקט מיט אופ־שפּריצנדיקער צאַרטווייַסער מוליעניש. איך האָב געשפּרייַזט האַסטיק און דרייסט, ווייל דאָס וואַסער איז מיר דערגאַנגען נאָר ביז צו די קנעכלעך. אָבער גאָר אומדערוואַרט זיינען מיינע פיס אראָפּגעזונקען אין אן אונטער־וואַסערדיקער גרוב און אן אייזיקע קעלט האָט מיטאַמאָל ארומגעכאַפּט

מײַנע קני. איך האָב זיך אויסגעגליטשט, א געשריי געטאָן — און דער פאָטער, וועלכער איז אפגיך צוגעלאָפן, האָט מיך אונטערגעכאפּט.

— נו, נו, שרעק זיך ניט... — האָט ער מיך בארויִקט — שטעל נאָך א פּאָר טריט, און דו וועסט זיך ווײַטער ארויסהויבן איבערן וואסער!

איך האָב אזוי געטאָן — און באלד איז טאקע דער יאם מיר ווײַטער דערגאנגען נאָר ביז די קנעכלעך. נאָכדעם איז ווידער געוואָרן טיף, נאָכדעם פונדאָסניַי פלאך... איך בין גאָר א צעטומלטער געוואָרן.

— א מאָדנער יאם דאָס איז! — האָב איך פארוווּנדערט געצוקט מיט די פּלייצעס — אמאָל איז אין אים ווייניקער וואסער, אמאָל מער... פארוואָס איז דאָס אזוי?

דער פאָטער האָט מיר דערקלערט, אז אונטערן וואסער זײַנען פאראן אזעלכע זאמד־בענק: דאָרטן, ווו די פוס שטעלט זיך אף א פלאכן אָרט — איז א זאמד־באנק, און ווו דער מעשופּעדיקער זאמד־באנק ענדיקט זיך — ווערט טיפער. און צוגעגעבן:

— ווען דו ווילסט וויסן ווו ס׳איז טיף און ווו פלאך, דארפסטו זיך נאָר צוקוקן, אין וועלכן אָרט די כוואליעס שוימען און רוישן מער...

— איך פארשטיי שוין! — האָב איך אים ניט געלאָזט פארענדיקן — אין יענע ערטער, ווו עס רוישט און שוימט, איז טיף! און דאָרטן, ווו ס׳איז שטיל, איז פלאך, יאָ?

— האָסט ניט געטראָפן, קינד! — האָט דער פאָטער מיר דערקלערט — זאָלסט וויסן, אז דאפקע איבער א פלאכן אָרט רוישט און שוימט און קאָכט... טיף איז דאָרטן, ווו ס׳איז שטיל.

א שטורמיש הארץ

זינט ער געדענקט זיך האָט ער געהאַט צו טאָן מיט זײַן הארץ, ס'איז כאָלילע ניט געווען קיין קראַנק הארץ. זײַן געזונט האַלעווײַ אַף אַלעמען געזאָגט! נאָר ס'איז געווען א בונטאַריש הארץ, און ער האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט זיך ספּראַווען מיט אים. ווען ער איז געווען יונג און פאַר־ליבט — איז דאָך ניט שײַעך! דעמאָלט האָט זײַן הארץ פיבערהאַפט געשלאָגן, געשטורעמט, אײַנגעריסן ווענטן, אים ניט געלאָזן קיין מענוכע־מינוט ניט באַטאָג, ניט באַנאַכט... און ווי ווער איר געפינען א יונג באָכערל, וואָס זאָל זײַן בעקויעך צו צאַמען דעם אימפּעט פון זײַן הייס הארץ.

אָבער אויך אין די רײַפע יאָרן האָט ער זיך ניט אויס־געלערנט צו באַוועלטיקן זײַן הארץ, וואָס האָט נאָך אַלץ העפּ־טיק געצוקט און זיך געצאַפּלט, ווען אים איז אויסגעקומען צוצו־זען אוולעס אָדער ווען ער האָט איבערגעלעבט אַנטוישונגען און אַגמעס־נעפעש אייגענע און פרעמדע. אָדער ווען ער האָט גע־מוזט שטיקן אין זיך זײַן צאַר און צאָרן... דעמאָלט האָט זײַן הארץ אָן שום ראַכמאָנעס ווידערשפּעניקט אין אים, געטאָן אַלץ אַף צוצורײַבן זײַן רו. און ווען אים איז אויסגעקומען צו הערן, ווי מענטשן זאָגן „וואָס איז אונדז נעענטער פון אונדזער אייגן הארץ", האָט ער ביטער גע־שמייכלט: אַזוי קאָנען דאָך ריידן נאָר יענע, וועמענס הארץ עס בונטע־וועט ניט און זיי לעבן מיט אים בעשאָלעם... זײַן הארץ אָבער, האָגאָם עס איז געווען גאָר נאָענט צו אים, וואָס נעענטער קאָן גאָר ניט זײַן, איז אים א סוינע, א פײַנט, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אים צו דערגיין די יאָרן און אָנטאָן געברענטע ליידן.

עמעס, דערווײַל זײַנען דאָס געווען נאָר גײַסטיקע ליידן, ער איז נאָך געווען געזונט קרעפטיק זיך ניט אונטערצוגעבן, און פּונעם בונטעווען פון זײַן שטורמיש הארץ האָט ער קיין פיזישן ווייטעק ניט געשפּירט. אָבער ווען עס האָט זיך אָנגערוקט די עלטער און די יאָרן האָבן אָפּגעשוואַכט דעם גוף, האָט שוין דאָס הארץ מיט באַזונדערער אַכזאָריעס אים פאַר־קלעמט אין אײַזערנע רייפן און גענומען פּײַניקן און פּלאָגן מיט קעסיי־דערדיקע ווייטעקדיקע אָנפאַלן...

„וואָס האָסטו צו מיר?" — האָט ער געקרעכצט, ליגנדיק אַפן קראַנקן בעט. „א גאַנץ לעבן נאָר דו מאַטערסט מיך... האָב איך דיר דען ווען־ניט־איז געשטערט בושעווען, וויפל דיר האָט זיך נאָר געגלוסט? דו האָסט גע־שטורעמט, און איך האָב נאָר געליטן און געשוויגן, — און איצט, ווי איך זע, האָסטו זיך פאַרגענומען מיך אינגאַנצן אומצוברענגען, דו אומדאַנק־

בארע באשעפעניש! אָבער וועגן דעם האָסטו געטאָן א טראכט, אז ווען איך וועל שוין ניט זײַן, איז ווו וועסטו אליין זיך אהינטאָן...״

דאָס הארץ האָט אף דעם ניט געענטפערט, האָט נאָר געשמייכלט, אזוי ווי עס שמייכלט אלעמאָל דער יעניקער, וועלכער ווייסט בעסער.

און אָט איז דאָס טאקע געשעָן.

איינמאָל, ווען ער איז געלעגן אין שווערן האלבדרעמל, האָט זיך אים אויסגעדאכט, ווי עמעץ וואָלט אים אײַנגעפליסטערט א סאָד, אז אים וועט באשערט זײַן איבעראנײַס דורכצושפאנען זײַן לעבנסוועג פון די יונגע יאָרן אָן, און דערצו נאָך וועט אים געשאָנקען ווערן אן אנדער הארץ, א הארץ א רוּיקס, א גלײַכגילטיקס און קאלטבלוטיקס...

„ניין! ניין! — האָט ער זיך צעשרײַען מיט קויל־קוילעס, גאָרניט ווי א קראנקער, — איך וויל ניט קיין אנדער הארץ! איך וויל אזא הארץ, וואָס זאָל דורך מײַן צווייט לעבן אויך שטורעמען און רוישן און קערן וועלטן!״ — און אויסגעשעפּט פון דעם אויסברוך, האָט ער פארכאלעשט פארענדיקט: — „און ווען איך זאָל... אפילע וויסן... אז ס׳וועט מיך ווײַ־טער... ארײַנטרײַבן אין אן אינפארקט...״

און דאָ האָט דאָס הארץ ווײַטער געשמייכלט. ווײַל עס האָט געוווּסט — אָט אזוי, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט — אז דער מענטש וועט קיינ־מאָל ניט וועלן געזעגענען זיך מיט דעם שטורעם אין אים.

א כאָלעם

אַנומלטן האָב איך געזען אַן אויסטערלישן כאָלעם: איך בין געפֿלויגן. און נאָך אויסטערלישער איז דער כאָלעם געווען דערמיט, וואָס צווישן די אַלע ניַיגעריקע, וועלכע זיַינען געשטאַנען אונטן, געגאַפֿט און געשלונגען מיט די אויגן דעם פֿליִענדיקן מענטש, בין איך אַליין אויך געווען! יאָ, שטעלט זיך פֿאָר — איך אַליין בין געשטאַנען דאָ אונטן, מיט שפּאַנונג נאָכגעפֿאָלגט מיַין אייגענעם פֿלי אין דעם בלויען, אומענדלעכן הימל־רוים, און מיַין האַרץ האָט געקלאַפּט אין פֿרייד און באַגיַיסטערונג באַם צוקוקן. ווי איך שוועב אַרום אין די הייכן אַן אָפּגעטונקטער אין זונשטראַלן, אַ באַליַיטזעליקטער פֿון דער שיינקיַיט און די וווּנדער פֿון דער וועלט, וואָס האָט זיך אונטער מיר אויסגעשפּרייט...

און אַזוי שטייענדיק צווישן דעם געזעמל, האָב איך געהערט, ווי די אַרומיקע טיילן זיך מיט איַינדרוקן פֿונעם געזעענעם.

— ווי ער באָדט זיך דאָס אין ליכט! — האָט אויסגערופֿן איינער מיט היספּיַילעס.

און אַ צווייטער האָט צוגעגעבן פֿאַרטראַכט: — יאָ, פֿאַראַן גליקלעכע... ניט אַנדערש, געבאָרן געוואָרן אין אַ העמדעלע...

— און פֿאַרוואָס קומט דאָס דאַפֿקע אים? — האָט אַ דריטער ניט־פֿאַרגינעריש געוואָרטשעט. — מיט וואָס, אייגנטלעך, איז ער בעסער פֿון אונדז?

— נו, וויבאַלד ער פֿליט, — האָט אים דערווידערט אַ שטים פֿון אַ גוט־ווינטשער, — מיסטאָמע פֿאַרדינט ער דאָך דאָס!

דערהערנדיק אַזעלכע אויפֿמונטערנדיקע ווערטער, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז מ׳דאַרף זיך אַריַינמישן אין געשפּרעך, און האָב האָפֿערדיק אויסגערופֿן:

— איצט וועל איך איַיך אויסזאָגן, מיַינע פֿריַינט, אַז דאָס בין איך! אָט דער, וואָס פֿליט! טאַקע אי...

פֿאַרענדיקן אָבער האָב איך ניט באַוויזן — אַזאַ ראַש און געפּילדער האָט זיך אויפֿגעהויבן אַרום מיר.

— קוקט אים נאָר אָן, דעם מעטורעף! — האָט זיך צעליאַרעמט דער ניט־פֿאַרגינער. — אַנדערש פּאַסט אים ניט, ווי נאָר פֿליִען!

— אַז ס׳איז ביכלאַל אַ ליגן די גאַנצע מיַיסע! — האָט מען געשריִען פֿון אַלע זיַיטן. — ער שטייט דאָך דאָ, איז ווי קאָן ער גאָר זיַין דאָרטן אויבן?!

— איך קען אים דאָך, דעם מעשוגענעם, ער איז פון מײַן גאַס! — האָט זיך דערטראָגן א קוויטש. — ווי דערוועגט ער זיך גאָר צו ריידן וועגן פלי‍ִען?!

פארשטייט זיך, אז די אלע געשרייען און דער גאנצער כויזעק און צאָרן האָבן געטראָפן צוגלײַך מיט מיר אויך אים — מיר זײַנען דאָך גע־ווען מיט אים איין לײַב און איין נעשאָמע, — און מיט יעדן נײַעם שפּאָ־טישן אויסרוף איז זײַן פלי געוואָרן אַלץ אָפּגעשוואַכטער, ער איז געזונ־קען אַלץ נידעריקער, ביז ער איז צום סאָף אראָפּגעפאַלן פון די הייכן און א פארלאָרענער און צעטומלטער געבליבן שטיין אף דער ערד.

און דאָ, ווען אלע האָבן דערזען, אז ער און איך זײַנען טאקע איינס, האָט זיך אָנגעהויבן אן עמעסער געיעג אף אונדז ביידן. דאָס הייסט אף מיר אליין — ווײַל ער איז שוין ניט געווען.

— אזא כוצפּע!! — האָט מען געגוואַלדעוועט. — גאָר פלי‍ִען זיך פאר־וואָלט! דאָס איז דאָך א בונט קעגן אלע לײַטישע מענטשן! שלאָגט אים! מאזיקט אים! זאָל ער פארזאָגן א צענטן זײַן קליגער פון אלעמען!

מ׳האָט זיך ארופגעוואָרפן אף מיר מיט שטעקנס און מיט שטיינער, און ווער ס׳האָט ניט געהאט קיין וואָפן אונטער דער האנט, — מיט געבײַלטע פויסטן, מיט פארקרימטע פון רעציכע פּענעמער, מיט גיפטיקע צינגער... און ס׳וואָלט שוין געהאלטן מיט מיר גאָר שמאָל, ווען איך כאַפּ זיך, צום גליק, ניט אוף אן אָפּגעבאָדענער אין קאלטע אנגסטן, מיט א הארץ, וואָס האָט געהאלטן באַם ארויסשפּרינגען, און, דאכט זיך, אפילע מיט צעקלאפּ־טע זײַטן. אָבער א לעבעדיקער.

דעם גאנצן רעשט נאכט האָב איך שוין ניט געקאָנט אײַנשלאָפן, כ׳האָב זיך געדרייט אפן געלעגער און מיט ביטערקײַט געטראכט וועגן מײַן וווּנ־דערלעכן פלי אין די הייכן, וואָס האָט זיך אזוי טרויעריק פארענדיקט אף דער ערד. דערבײַ אָבער האָב איך אויך געטראכט וועגן דעם, אז ניט גע־קוקט אף דער אָפּשפּעטערײַ און דעם צאָרן פונעם אוילעם און אפילע אף זייער גרייטקײַט מיך דוירעס צו זײַן, וואָלט איך פונדעסטוועגן די צעיר־שעטע פארשוינענע אלץ פארגעבן, ווען כאָטש איינער פון זיי טוט מיך א פרעג, וואָס איך האָב געזען בײַס מײַן פלי.

נאָר דאָס האָט זיי דאָך ניט אינטערעסירט. זיי האָבן געוואָלט נאָר איין זאך — מיך אָפּרײַסן פון פלי‍ִען אין דער צײַט, ווען זיי אליין גייען צופוס.

קאָווענעס

ארום די קאָווענעס, וואָס זײַנען געלעגן העפקערדיק אָנגעוואָלגערט אפֿן ראָג פֿון דער גאַס, האָט זיך געטומלט א געזעמל. מענטשן האָבן ארויסגעכאַפּט פֿון דעם בארג די גלאַנצנדיק־גרינע, שמעקעוודיקע קײַלעכן, זיי געקלאַפּט, געדריקט, געקנאָטן, צוגעטראָגן צום אויער.

מיר זײַנען צוגעגאַנגען א קוק טאָן אף דעם קאָווענעס־יאַריד. אָבער קאָן מען דען בא אזא אזשיאָטאַזש לאַנג בלײַבן שטיין אין א זײַט? באַלד זײַנען מיר ארײַנגעצויגן געוואָרן אין דער לעבהאַפֿטער זוכעניש, און מײַן פֿרײַנט האָט אויך גענומען קנעטן און אויסקלאַפּן איין קאָווענע נאָך דער אַנדערער און זיך ניט באַרויִקט, ביז דורך זײַנע שטאַרק באַשעפּטיקטע הענט איז דורך קימאַט דער גאַנצער באַרג. ווי עס שײַנט, האָבן די רעזולטאַטן אים ניט באַפֿרידיקט. ווײַל ניט אויסקלײַבנדיק קיין איינעם, האָט ער מיר א ווונק געטאָן, און מיר האָבן זיך ארויסגעשאַרט פֿון דעם געזעמל.

— פֿאַרוואָס זײַנען די קאָווענעס דיר ניט געפֿעלן געוואָרן? — האָב איך אים געפֿרעגט. — אזא מיִיון ביסטו דען?

ער האָט א ביטלדיקן מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— עט... ווי זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: „ווי א פּירפּיסיקער אף הייוון". און ווער קאָן דאָס ביכלאַל זײַן א מיִיון אף דעם, וואָס עס באַהאַלט זיך אונטער א שאָלעכץ, און נאָך אזא גראָבער שאָלעכץ? ווערסט דאָך פֿרעגן, פֿאַרוואָס האָב איך זיי אזוי אויסגעקלאַפּט, די קאָווענעס? ווײַל שטענדיק איז אזוי, — האָט ער פֿאַרטראַכט געזאָגט, — ווען מע באַגעגנט עפּעס פֿאַרבאַהאַלטנס, ווען מ'וויל זיך דערוויסן, וואָס עס איז פֿאַרבאָרגן אונטער א צודעק, קומט אוף א כיישעק אויסצוקלאַפּן. עפּשער וועט דאָס קלאַפּן העלפֿן זיך דערגרונטעווען... אָט זיי, זעסטו, — האָט ער מיטאַמאָל זיך אַליין איבערגעשלאָגן און אָנגעוויזן אף א דערבײַיִקן טישל, בא וועלכן א פֿאַרקויפֿער האָט געוויגן סאַמעטיק־פּעכקע אבריקאָסן מיט איידל־פּאַרויטלטע בעקלעך, — אין זיי, אין די אבריקאָסן, איז קיין סאָד ניט פֿאַרבאָרגן, דאָ איז אַלץ אָפֿן, ליגט אויבנוף, זיי איז ניט נייטיק אויסצוקלאַפּן.

איך האָב געוווּסט שוין ניט פֿון הײַנט, אז מײַן פֿרײַנט איז א שטיקל פֿילאָסאָף און האָט ליב פֿון אַלץ צו מאַכן ברייטע אויספֿירן, האָב איך אים אונטערגעגעבן היץ, זאָגנדיק מיט א שמייכל:

— איך זע דיך דורך און דורך, און איך ווייס, ווּהין דו צילסט! דו כאַלעשסט דאָך מאַכן א פֿאַרגלײַך צווישן די אבריקאָסן און די קאָווענעס מיט

דעם זינדיקן מענטשן, האָ?.. און ווי איך פאַרשטיי, זײַנען דיר ליבער די מענטשן, וואָס דערמאָנען אבריקאָסן, איידער יענע, וועלכע באַהאַלטן זיך, אַזוי ווי די קאַוונעס, אונטער אַ גראָבער שאָלעכץ?

— האָסט אַ טאָעס, — האָט ער געענטפערט, — אויב דו מיינסט אַזוי. מיר זײַנען גראָד ליבער יענע מענטשן, וואָס באַהאַלטן אונטער אַ גראָבער שאָלעכץ אַ זיסן און צאַרטן סאָד. אָט אַזוי ווי די קאַוונעס. און אַוואַדע זײַנען מיר ניט צום האַרצן די מענטשן מיט פּענעמער און רייד זיסע און ווייכע, וועגן וועלכע איך ווייס אָבער לעכאַטכילע, אַז אונטער דעם ליגט פאַרטײַעט, אַזוי ווי בײַ די אבריקאָסן, אַ האַרטער שטיין.

פון אויבן אראָפּ

א גאַנצן זומער האָבן בלעטער אףביימער מיט ביטל אראָפּגעקוקט אף די מענטשן, וואָס זײַנען געגאַנגען אונטער זיי, און געהאַלטן אין איין גרויסן זיך:

— „קוקט נאָר, — האָבן זיי גײַוועדיק געשאָרכעט, — קוקט נאָר, ווי מיר זײַנען העכער פון אַלעמען! אונטן טוט זיך עפּעס, מענטשן לויפן, אָבער וואָס פאַר א באַטרעף האָבן זיי, אָט די מענטשעלעך? זיי זײַנען דאָך מיט אַזויפיל קעפּ נידעריקער פון אונדז!..

אָט אַזוי האָבן זיי זיך געקוויקט און באַרימט מיט זייער העכערקײַט און אַליין צופרידן זיך געגלעט איבער די גרינע בײַכעלעך.

אָבער אָט איז געקומען דער האַרבסט, אראָפּגעמעקט פון די בלעטער זייער גרינקײַט און פאַרביטן אף געלקײַט. נאָכדעם זיי אויסגעטריקנט, אראָפּגעצופּט פון די אײַנגעזעסענע ערטער, אראָפּגעשלײַדערט אף דער ערד און אויסגעוואַלגערט אין בלאָטע. דעמלט האָבן זיי אָנגעהויבן קרעכצן אונטער די טריט פון די זעלביקע מענטשן, איבער וועמענס קעפּ זיי האָבן אין מעשעך פון זומער אַזוי גרויסהאַלטעריש געשאָרכעט, און באַווייַנענדיק מיט ביטערע טרערן זייער געפאַלנקײַט, האָבן די בלעטער באַגריפן, אַז דעם, ווער עס האַלט זיך אין איין באַרימען מיט זײַן העכערקײַט און קוקט פון אויבן אראָפּ, קומט אָפּטמאָל אויס אראָפּצופאַלן און צו קוקן פון אונטן אַרוף.

נאָר די דאָזיקע אײַנזעעניש איז געקומען צו שפּעט, נאָכדעם, ווי זיי האָבן שוין געהאַלטן באַם אויסהויכן זייער לעצטן אָטעם, און ניט געקאָנט האָבן זיי דאָס דערציילן די קומענדיקע דוירעס בלעטער.

טו איך דאָס. ווײַל אויסגעקומען איז מיר שוין אין לעבן צו זען ניט ווייניק אַזוינס. ווי בא בלעטער, אַזוי אויך בא מענטשן.

פארלאָרן א וועג

איצט קומט מיר שוין ניט אויס פאָרן מיט דעם וועג. פריִער האָט דער טראָלייבוס גאָר אָפט מיך געפירט לויט דעם מארשרוט.

דאָרטן האָט געוווינט מײַנער א פרײַנט, און די שאָ, וואָס כ׳בין געזעסן אין טראָלייבוס אויף דער נעסיִע צו אים, איז שטענדיק געווען פאר מיר א שאָ פון באטראכטן זיך, וואָס איך וועל מיט אים רעדן און ווי כ׳וועל רעדן... ווײַל דער פרײַנט מײַנער איז געווען א מענטש פון גרויס אכרײַעס פארן וואָרט, פון גרויס ליבע צום וואָרט און גלייבן אין זײַן קויעך — א מענטש, וואָס מ׳האָט געדארפט זײַן דערוואקסן צו אים. נאָר דערגרייכן דאָס איז געווען ניט לײַכט, און כאָטש אפן וועג אהין איז דאכט זיך אלץ ארומגעטראכט און ארומגעקלערט געוואָרן, האָב איך אפן צוריקוועג דאָך אָפטמאָל מיט גרויס פארדרוס זיך געכאפט, אז דאָס נויטווענדיקע האָב איך ניט דערזאָגט... דעמלט האָב איך זיך פאָרגענומען באם קומענדיקן מאָל שוין צו זײַן אָפגעהיטער און אופמערקזאמער און מיט מער פינקטלעכקײַט וועגן און מעסטן ווערטער.

„נישקאָשע”, האָב איך זיך אליין בארויִקט, „בא דער קומענדיקער באגעגעניש וועל איך שוין זאָגן דאָס נויטווענדיקסטע...”

אָבער באם צוריקוועג פון א צווייטן באזוך בא אים האָט מיך שוין פונדאָסנײַ געפּײַניקט דער געדאנק וועגן דעם, אז דאָס נויטווענדיקסטע האָב איך ווידעראמאָל ניט דערזאָגט.

אזוי איז מיר אוועק א לאנגע צײַט, אין מעשעך פון וועלכער איך האָב גערעדט און ניט דערעדט, געזאָגט און ניט דערזאָגט, ביז עס איז אָנגעקומען א טרויעריקער טאָג, ווען אָט דאָס נויטוועדיקע וואָרט איז שוין ניט געווען וועמען צו זאָגן: איך האָב מײַן פרײַנט ניט געפונען מער באם לעבן. און ווי אומגלייבלעך דאָס איז — אָבער די אויגן זײַנע, וועלכע האָבן שטענדיק געלויכטן מיט באוווּנדערונג און ליבשאפט צו מענטש און וועלט, זײַנען שוין געווען אויסגעלאָשן; זײַן שטים, וואָס האָט אלעמאָל געקישעפט מיט באגײַסטערונג און הייסן אָנטייל אין אלץ און אלעמען, איז איצט אנשוויגן געוואָרן, און זײַן פּײַנפיליק געהער, וואָס האָט שטענדיק אזוי גיריק און פריידיק אופגעכאפט אלע גערוישן פון לעבן, איז שוין איצט אָפגעשיידט געווען פון אלץ. און צוריקפאָרנדיק פון דעם פארשטאָרבענעמס הויז האָב איך מיט א פארקלעמט הארץ געקלערט וועגן דעם, אז איצט וועל איך אים מער קיינמאָל ניט קאָנען דערזאָגן דאָס ניט־דערזאָגטע, און אז דאָס „קומענדיקע מאָל”, מיט וועלכן איך האָב זיך אזוי אָפט געטרייסט, וועט שוין קיינמאָל ניט קומען. קיינמאָל...

און אזוי איבערכאזערנדיק אָן אופהער דעם „קיינמאָל" און מיט ביטער־ניש טראַכטנדיק וועגן דעם, אַז אָט דאָס געפיל פון ניט־דערזאָגטקייט צו־זאמען מיטן באַוווּסטזיַין, אַז קיינמאָל וועט מען דאָס שוין ניט דערזאָגן, איז דער גרעסטער ווייטעק, וואָס די נאָכגעבליבענע טראָגן אין זיך נאָכן טויט פון א נאָענטן — איז מיר פּלוצעם פאָרגעקומען, אַז בא מיַין זיַיט, אין דעם פולגעפּאקטן טראָלייבוס, זיצט מיַין פריַינט און אַז איך הער אים מיר איַינרוימען:

„עמעס, מיר וועסטו טאקע קיינמאָל מער ניט זאָגן... אָבער", און ער האָט אָנגעוויזן ארום זיך מיט א ברייטן זשעסט, „אָבער עס איז נאָך פאַראַן א וועלט מיט מענטשן, און אויב דו ווילסט, אַז דער וועג צו זיי זאָל דיר ניט פארלאָרן גיין — זאָג זיי דאָס נייטיקע וואָרט אין דער נייטיקער ציַיט!"

געראַטעוועט פון אַ וועלט־אונטערגאַנג

אויף אַ טעלעגראַפן־דראָט, וואָס איז אָנגעצויגן צווישן צוויי סלופּעס, זיצט אַ טשאַטע שפּערלעך און רוט זיך נאָכן מיטיק אין דעם טוווע־פּעלד. די שפּערלעך זײַנען זאַטע און אין אַ גוטער שטימונג, זיי הוידען זיך בעני־מעסדיק אויפן דראָט, און פאַרוויגט פון זײַן לײַכטער הודזשערײַ, גיבן זיי זיך איבער זייערע שפּערלשע כאַלוימעס.

„טשיק... טשיק... טשיק... טשיק־טשיריק... — פּישטשען זיי אין זיסן האַלב־דרעמל. — ווי ווויל ס׳איז זיך צו וויגן אויפן דראָט... ווי מעכײַעדיק ער הייבט אונדז אַרויף און אַראָפּ... און ווי גוט ס׳איז ביכלאַל צו לעבן זאַט און זאָרגלאָז... טשיק־טשיריק...״

דעם אויבנאָן אויפן דראָט פאַרנעמט אַן אַלט שפּערל, דער הויפּטלינג פון דער מאַכנע, און ווען עס דערגייט צו אים אָט די זעלבסטצופרידענע פּיש־טשערײַ, רופט ער זיך אָפּ מיט אַ גײַוועדיק קאָל:

„איך זע, כעוורע, אַז אײַך איז גוט אויפן האַרצן אַדאַנק דעם פּאַמעלעכן און פאַרוויגנדיקן הוידען זיך פונעם דראָט! בין איך טאַקע, טשיק־טשיריק, שטאַרק צופרידן פון דעם... אָבער איר מיינט דאָך אַוודע, אַז דער דראָט וויגט זיך פון זיך? איז האָט איר אַ טאָעס, מײַנע ליבינקע שפּערעלעך! זײַט וויסן, אַז דאָס שאָקל איך אים מיט מײַן קויעך, ווײַל איך זאָרג שטענדיק פאַר אײַך, אַז אײַך זאָל זײַן גוט און ווויל, טשיק־טשיריק...״

„טשיק־טשיריק... — צעפּאָרשקען זיך די שפּערלעך אין היספּײַלעס. — לעבן זאָל דער גרויסער מיילעך, וואָס האַלט אין איין זאָרגן פאַר אונדזער ווויל און גליק! אייביק לעבן זאָל זײַן גרויסער קויעך!״

די באַוווּנדערנדיקע און דאַנקבאַרע פּישטשערײַ צעוואָרעמט שוין אינ־גאַנצן דאָס אַלטע שפּערל.

„טשיק־טשיריק! — גייט ער אַריבער אויף די הויכע טענער. — יאָ, כעוו־רע, שוין איינמאָל אַ קויעך פאַרמאָג איך! ווען איך וויל נאָר, קער איך מיט דעם דאָזיקן קויעך מײַנעם איבער די גאַנצע וועלט!״

הערנדיק אַזעלכע דיבורים, צעפּישטשען זיך די שפּערלעך אין גרויס שרעק, האָרבענען זיך אַזש אײַן, און זייערע פעדערן שטעלן זיך קאַפּויר. און דער הויפּטלינג, אַ צופרידענער פון דעם פּאַכעד, וואָס ער האָט אַרויפ־געוואָרפן אויף זיי, גיט באַלד אָפּ אַ שטרענגן באַפעל:

„נו, כעוורע, גרייט זיך צו דער וועלט־איבערקערעניש! מאַכט נאָר צו אויף אַ רעגעלע די אויגן, און ווען איר וועט לויט מײַן קאָמאַנדע זיי עפע־

נען, וועט שוין ליגן פאר אײַך די וועלט אן איבערגעקערטע, טשיק־טשי־ריק!״

מיט גרויס פאַרכט לאָזן אלע אראָפּ די צארטע הײַטלעך איבער זייערע שווארצע קוקערלעך, און מיט פארטײַעטע הערצער נעמען די שפּערלעך ווארטן אפן אומפארמײַדלעכן סאָף.

און דאָס אלטע שפּערל בלאָזט זיך אָן, צעטאנצט זיך אפן דראָט, טראָמפּלט אף אים מיט זײַנע דינינקע פיסעלעך, — נאָר ווי אפצעלאָכעס בלײַבט די וועלט שטיין אף איר אָרט. דער הויפּטלינג איז א ביסל צע־מישט, אָבער ער פאלט בא זיך ניט אראָפּ, און באלד צעפּישטשעט ער זיך נאָך מיט מער האָפערדיקײַט, ווי פריִער:

„עפּנט אײַערע אויגן, כעוורע, און דאנקט און לויבט אײַער מיילעך, טשיק־טשיריק! זײַט וויסן, אז דאָס האָב איך אײַך געראטעוועט! ווען איך קער מיט מײַן קויעך איבער די וועלט, וואָלט דאָך דער דראָט אויך אי־בערגעקערט געוואָרן, און ווו וואָלט איר דעמלט געזעסן און רויִק און גע־מיטלעך זיך געהוידעט?! האָב איך אין לעצטן מאָמענט באשלאָסן איבער־לאָזן די וועלט אזוי, ווי זי איז... און אלץ צוליב אײַך, פאר אײַער וווּל און גליק, טשיק־טשיריק...״

בא די ווערטער פון זייער מיילעך אָטעמען די שפּערלעך אָפּ פרײַער, עפּענען זייערע שווארצע קוקערלעך, וואָס האָבן איצט זיך צעגלאנצט מיט א באזונדער פרייד, און אין גרויס באגײַסטערונג צעפּישטשען זיי זיך:

„טשיק־טשיריק, טשיק־טשיריק... לעבן זאָל דער גרויסער אומפארגלײַכ־לעכער שפּערל, וועלכער זאָרגט שטענדיק פאר אונדז און האלט אין איין טראכטן און קלערן, ווי לײַכטער און ליכטיקער צו מאכן אונדזער לעבן! טשיק־טשיריק פאר זײַן געזונט!״

„און איצט — גיט דער געריירטער הויפּטלינג אָפּ א באפעל, — לאָמיר זיך אופהייבן און ווײַטער פליִען איבער דער שיינער וועלט, וועלכע איך האָב אָפּגעראטעוועט פון אונטערגאנג! און געטאָן האָב איך דאָס אלץ פאר אײַך און צוליב אײַך, טשיק־טשיריק!״

דער גוטער אײַנפאַל

ער איז אים שטענדיק געקומען צו שפּעט, דער גוטער אײַנפאַל. אַלע־מאָל מיט פינף מינוט נאָך דעם, ווי דער שמועס האָט זיך שוין פאַרענדיקט און זײַן מיטשמועסער איז אוועקגעגאַנגען. דעמלט האָט זיך אים אַרײַנגעגעביסן אין מויעך אַ גיפטיק צינגל, און אַן אומצופרידנקײַט מיט זיך און מיט די אייגענע רייד האָט אים גענומען נאָגן.

„פאַרוואָס האָב איך ניט געזאָגט אָט אַזוי־אָ? — האָט ער זיך געעטערט. — פאַרוואָס איז מיר ניט אײַנגעפאַלן אָט דאָס וואָרט — עס וואָלט דאָך אופגעריסן, ווי אַ באָמבע! אָנשטאָט דעם האָב איך גאָר... אָט בין איך אַ שלימאַזל, קאָן קיינמאָל ניט געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט אין פּאַסיקן מאָמענט!“

און אַזוי האַלטנדיק טאָג און נאַכט אין איין קלערן וועגן דעם, וואָס ער וואָלט געדאַרפט זאָגן, קעדיי עס זאָל „אופרײַסן ווי אַ באָמבע“, האָט ער אָנגעהויבן אײַנשמועסן זיך אַליין, אַז ער האָט דאָס טאַקע געזאָגט.

„האָב איך אים, הייסט עס, אַרײַנגעזאָגט!“ — האָט ער זיך דעמלט געטראַכט, און ער האָט אַלץ פעסטער גענומען גלייבן אין דעם און אַפילע שוין געפונען באַרויקונג און טרייסט אין אָט דעם אויסגעפאַנטאַזירטן אַרײַנזאָגן...

אָבער ניט אויף לאַנג. באַלד האָט אים שוין פונדאַסנײַ גענומען נאָגן אַן אומצופרידנקײַט. נאָר איצט שוין ניט מיט זיך — איצט איז דאָס געווען אַן אומצופרידנקײַט מיט די מיטשמועסער זײַנע. עפּעס האָבן זיי אים ניט גערעדט די געהעריקע דיבורים, ניט די רייד, צו וועלכע עס זײַנען צוגעפּאַסט געווען יענע קלוגע, שיינע ווערטער, וואָס ער האָט צוגעטראַכט אין זײַן פאַנטאַזיע און וואָס האָבן זיך געבעטן אַרויסגעזאָגט צו ווערן.

און דאָ האָט ער אויך געפונען אַן אויסוועג: ער האָט גענומען אויסטראַכטן מיטשמועסער און שוין צוקלערן רייד ניט בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר די אַלע אויסגעפאַנטאַזירטע פאַרשוינען אַרום אים.

און אָט אַזוי איז ער געוואָרן אַ שרײַבער.

פאַרזשאַווערט

ווען מע ליגט אין אַ זומערדיקן טאָג צווישן גראָזן, הערט מען, ווי אַרום שמועסן זיך דורך קאָלערליי פליגעלעך און זשוקעלעך, און אַפילע די אייביקע שוויַיגערנס, מוישע־ראַבייַנעס קיעלעך, באַקומען אויך לאָשן, און אַלע צוזאַמען זשומען זיי און הודזשען און באַזינגען מיט גרויס באַגײַסטערונג די מעכײַעדיקע וועלט און די פריידן, מיט וועלכע דאָס זומערדיקע צעשטראַלטע לעבן באַשענקט זיי.

אין יענעם טאָג, ווען איך האָב, אַ פאַרוויגטער פון דער זיסער זשומערײַ פון דער קאַפעליע לעבעדיקע ברוימלעך, געכאַפט אַ דרעמל צווישן גראָזן אין פעלד, האָט גאָר אומדערוואַרט אינמיטנדערינען זיך אַרײַנגעריסן אַ מעשונעדיק־סקריפענדיק קאָל. אַרומקוקנדיק זיך, האָב איך דערזען בײַ מײַן זײַט ליגן אַ פאַרזשאַווערט שטיקל אײַזן.

„אַ רויפ פון אַ טאַנק בין איך... — האָט דאָס אײַזנדל געמאַכט אַ פרווו העפלעך זיך פאָרצושטעלן, אָבער די העפלעכקײַט זײַנע איז געווען אַזאַ סקריפענדיקע און זעגנדיקע, אַז מיר איז אַריבער אַ סקרוך איבערן לײַב. — און געווען בין איך דאָס ביז יענער אומגליקלעכער שאָ, ווען מ׳האָט צעשאָסן מײַן טאַנק... איצט ליג איך דאָ און מאַטער זיך יאָרנלאַנג... די רעגנס ווייקן מיך, די ווינטן פײַניקן, איך ווער אַלץ מער פאַרצויגן מיט רויטברוינעם זשאַווער, וואָס צעפרעסט מײַנע אינגעווײדן... אָבער נאָך גרעסערע יעסורים ווי דאָס אַלץ פאַרשאַפט מיר צוצוזען, ווי אונטער די זעלביקע רעגנס, וואָס דערגייען מיר די יאָרן און טויטן מיך פאַמעלעך אָפ, לעבן גאָר אויף די געוויקסן אַרום מיר און בליִען יעדן יאָר אויף מיט נײַער, פרישער גרינקײַט... איז זאָג מיר, מענטש, פאַרוואָס ברענגט אייבע און די זעלביקע נאַטור זיי לעבן, און מיר טויט? איז דאָס גערעכט?"

און די ביטער באַאוולטע רויפ האָט הייזעריק זיך צעכליפעט און מיך דערמיט אופגעוועקט פון מײַן דרעמל. אַזוי האָב איך ניט באַוויזן אָף אירע פאַרזשאַווערטע טײַנעס צו ענטפערן, אַז אין דעם טאַקע ליגט די גרויסע גערעכטיקײַט און קלוגשאַפט פון דער נאַטור, וואָס מיט די זעלביקע וווּנדערלעכע קויכעס אירע, מיט וועלכע זי שענקט קעסיידערדיקע באַפרוכפערונג און באַנײַונג די אַלע, וועמער ס׳באַצירט און באַרײַכערט דאָס לעבן, טראָגט זי אָבער פאַרזשאַווערטקײַט און אומקום אַלע צעשטערער, פאַרדאַרבער און פאַרטיליקער פונעם לעבן.

מאַטאָנעס

מײַן פֿאַרזאָרגטער פֿאָטער האָט מיך ניט געבאַלעוועט מיט קיין צו אָפּטע און צו רײַכע מאַטאָנעס. די סיבה איז געווען א פּאָשעטע — זײַנע פֿאַרדינסטן האָבן אַף דעם ניט געקלעקט. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער מיר געבראַכט אָדער א ליימען פֿײַפֿעלע, אָדער א בלײַער, וואָס פֿאַרבט פֿון איין זײַט רויט און פֿון דער צווייטער בלוי, אָדער א פּאַפּירן מענטשעלע, וואָס האָט זיך געדרייט און געמאַכט קונצן, ווען מע האָט עס א צי געטאָן פֿאַר א שנירל, און דערבײַ האָט דער טאַטע שטענדיק געזאָגט:

— נא דיר, מײַן קינד, שפּיל זיך! — און שטיל צוגעגעבן. — אַף מער האָב איך קיין געלט ניט געהאַט...

אָבער מער האָב איך גאָרניט געוואָלט. ווײַל אָט די באַשיידענע שפּילעכלעך האָבן אַרײַנגעטראָגן א סאַך פֿרייד אין מײַן לעבן און געוועקט מײַן פֿאַנטאַזיע: מיטן פֿײַפֿעלע האָב איך צונויפֿגערופֿן מאַכנעס העלפֿאַנדן, וועלכע האָבן געפֿאָלגט יעדן באַפֿעל מײַנעם, מיטן רויט־בלויען בלײַער האָב איך געמאָלט פּיראַטן־שיפֿן און בין געווען זייער קאַפּיטאַן, און דער פּאַפּירענער קונצנמאַכער איז געווען א מעכטיקער מעכאַשעף, וואָס לויט זײַן ווונק האָט די לעוואָנע מיט אַלע שטערן זיך א שאָט געטאָן אַף אונדזער הויף...

גלײַכצײַטיק האָב איך אָבער געוווּסט וועגן אַנדערע ייִנגלעך פֿון מײַן עלטער, וועלכע באַקומען פֿון זייערע טאַטעס טײַערע מאַטאָנעס: פּרעכטיקע, מיט פֿרישער פֿאַרב שמעקנדיקע לאָקאָמאָטיוון, וואָס מ׳האָט נאָר געדאַרפֿט אופֿציִען מיט א גלאַנציק שליסעלע, וואָס דאָס אַליין האָט שוין געהאַט אַלע כיינען, — און זיי האָבן גענומען לויפֿן אין א קרײַז איבער אויסגעלייגטע רעלסן; אָדער אויסגעפּוצטע רויטבאַקיקע ייִנגעלעך און מיידלעך, וואָס האָבן זיך געגליטשט אַהין און אַהער איבער א בלעכענעם פֿאַרפֿראָרענעם טײַך; אָדער מיט גאָלדפּאַפּיר באַקלעפּטע פּויקן, אַף וועלכע לאַקירטע זעלנער מיט העלדישע שוואַרצע וואָנצעס האָבן אויסגעקלאַפּט פֿריילעכע מאַרשן...

וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן? מיר איז דאָס גאָר שטאַרק געפֿעלן געווען. איך האָב מיט אינטערעס זיך צוגעקוקט צו די דאָזיקע ווונדערלעכע זאַכן, און — ווען די אײַפֿערזיכטיקע באַזיצער האָבן מיך צוגעלאָזט — זיך אויך א שפּיל געטאָן מיט זיי. אָבער דעם עמעס גערעדט, האָב איך בא אַלע האַנאָעס פֿונדעסטוועגן ניט געפֿילט דערבײַ יענעם פֿריידיקן ציטער, וואָס די אָרעמע מאַטאָנעס פֿון מײַן פֿאָטער האָבן אין מיר אַרויסגערופֿן.

פארוואָס דאָס איז געווען אזוי, האָב איך דעמלט ניט געוווּסט און, בא מײַנע אכט יאָר, ניט געקאָנט וויסן. איצט אָבער ווייס איך, נאָך דעם, ווי ס'איז דורכגעלעבט א לעבן, אין מעשעך פון וועלכן איך האָב ניט צו אָפט באקומען מאטאָנעס, און אויב שוין יאָ, — אויך זייער באשיידענע. נאָר ווי קליין די דאָזיקע מאטאָנעס זײַנען געווען, האָב איך זיי אָבער שטענדיק אופגענומען מיט פרייד, און וואָס זעלטענער מיר איז באשערט געווען זיי צו באקומען, אלץ מיט גרעסערער באגײַסטערונג האָב איך זיי באגעגנט. ווײַל גראָד מיט דעם, וואָס זיי זײַנען געווען אזוי באשיידן, און דערמיט, וואָס זיי זײַנען אזוי ניט אָפט געקומען, האָבן זיי ארײַנגעטראָגן א באזונ־דער ליכט און ווארעמקײַט אין מײַן לעבן.

און דעמלט האָב איך זיך דערמאָנט אין מײַן פאָטערס רויט־בלויע בלײַ־ערס, ליימענע פײַפעלעך און פאפירענע קונצנמאכערס. דאָס האָבן זיי מיך אויסגעלערנט אָפצושאצן ווי געהעריק די שפּאָרעוודיקע און אזוי זעלטענע מאטאָנעס, מיט וועלכע דאָס לעבן האָט צײַטנווײַז באוויליקט מיך צו באַ־שענקען.

דער בריק פון גערעכטע

„דערצייל, מאמינקע, דערצייל נאָך...״ האָב איך געהאלטן אין איין מאַ־נען, און ס׳איז ניט אוועק קיין איין ווינטער־אָוונט, אין וועלכן די מאמע זאָל, נאָך א טאָג האָרעוואניע בא דער ניי־מאשין, מיט א מידער און הארציקער שטים מיר ניט דערציילן ווונדער־מײַסעלעך. מײַסעלעך וועגן גוטע שרעטעלעך און וועגן בייזע מעכאשפים, וועגן גערעכטע און ערלעכע, וועלכע זײַנען זיך מאקריוו פארן צווייטן, און וועגן רעשאָים, וואָס זוכן נאָר צו פארטיליקן און אויסצוראָטן; וועגן געטרײַע פירפיסיקע באשעפענישן, עמעסע פרײַנט פון מענטשן, און וועגן שלאנגען און עקדישן און לינדוועורים, וואָס פארשלעפן צארטע באסמאלקעס אין פינצטערע היילן, פונוואנען איידעלע העלדישע ריטער ראַטעווען זיי ארויס...

מיט פארכאפטן אָטעם האָב איך געשלונגען די אלע מײַסעלעך, זיך שטארק געגנומען צום הארצן די איבערלעבונגען פון די העלדן, מיטגעוויי־טעקט מיט די אומשולדיק־לײַדנדיקע, געצאָרנט אף די שאלקהאפטיקע פארשוינען, און מיט ברענענדיקן אומגעדולד האָב איך ארויסגעקוקט אף דעם געגארטן מאָמענט, וועגן וועלכן איך האָב געוווסט, אז ער דארף קומען — ווען מײַן גוטע מאמע וועט באשטראָפן די רעשאָים, ווי עס קומט זיי, און וועט דערפירן די גערעכטע צום פארדינטן ענדגילטיקן ניצאָכן.

צווישן אָט די אלע מײַסעלעך האָט זיך אויסגעטיילט איינע, וועלכע איך האָב באזונדערס ליב געהאט, ניט מיד געוואָרן זי הערן אָן א סאָף, און האָב אלץ פונדאָסנײַ זיך געבעטן:

„דערצייל, מאמינקע, דערצייל נאָכאמאָל... ווייסט דאָך, יענע...״

און די מאמע האָט געוווסט, וואָס איך מיין מיט „יענע״, און שוין צום וויפלטן מאָל האָט זי אָנגעהויבן דערציילן, אלץ מיט נײַע פּראָטים און אלץ מיט מער פליטערלעך:

„און ס׳וועט קומען א צײַט, מײַן קינד, ווען די מענטשן וועלן איינמאָל פאר אלעמאָל זיך שוין דארפן איבערקלײַבן אין לאנד פון אייביקן פרידן און גערעכטיקײַט, אין לאנד, וואָס ליגט אף יענער זײַט סאמבאטיען־טײַך... אָבער ניט אלע וועלן ווערט זײַן ארײַנצוקומען אהין, אין אָט דעם גליקלעכן לאנד, און מ׳וועט מוזן אויסהאלטן א גרויסן פּרווו... דעמלט וועלן איבער דעם ווילד־ברויזנדיקן און מיט פעך און שוועבל שפּײַענדיקן טײַך אופגעשטעלט ווערן צוויי בריקן: איינער — אן אײַזערנער, און דער צווייטער — א פּאפּירענער... אוודע וועלן די רעשאָים, וועלכע זײַנען געוווינט אלעמאָל אלץ צו נעמען מיט גוואלד, פארכאפּן פאר זיך דעם אײַזערנעם בריק,

פאר די גערעכטע וועלן זיי איבערלאָזן דעם פּאפּירענעם, און נאָך לאכן דער־
ביי דאָס גרויסע געלעכטער: „נו, מירן זען, ווי דאָס דאָזיקע געביי פון פּאַ־
פּיר וועט אויסהאלטן אייך מיט אלע אייערע גוטע מייסים!". און דאָ וועט
געשען, אז ווען די פארכאפּער וועלן זינגענדיק און טאנצנדיק און שפּאָטנ־
דיק דערגיין ביזן מיטן בריק, וועט דער בריק מיטאמאָל זיך איבערברעכן
אף צוויי העלפטן, און אלע רעשאָים וועלן ארייַנפאלן אין דעם שטורמישן,
טינטיק־שווארצן סאמבאטיען... און די גערעכטע וועלן אף זייער פּאפּירע־
נעם בריק זיכער און גאנץ דערגיין ביזן צווייטן ברעג, און זיי וועלן בע־
שאָלעם אריינקומען אין גליקלעכן לאנד..."

אָט דאָס איז די מייסעלע, וועלכע האָט מיך אזוי גוואלדיק פארכאפּט
און געפּלעפט. און ניט אזוי מיט די שילדערונגען פון גליקלעכן לאנד פון
גערעכטע און רעשאָים — דאָס איז צו מיין קינדישן באגריף ניט אינגאנצן
דערגאנגען. מיך האָט דאָ איבעראשט גאָר אן אנדער זאך — דער פּאפּירענער
בריק!

„טאקע פון פּאפּיר וועט זיין דער בריק?" האָב איך שטענדיק, ווען ס'איז
דערגאנגען צו דעם אָרט, אין צערודערונג אָנגעכאפּט דער מאמעס האנט.
„טאקע פון די זעלביקע בייגעלעך פּאפּיר, וואָס מיר מאכן פון זיי פּאָזשאר־
נע היט און שיפעלעך?!"

„יאָ, מיין קינד", האָט זי מיט גרויס ערנסט באשטעטיקט. „טאקע פון
דעם זעלביקן פּאפּיר, וואָס ווערט אזוי לייכט צעריסן אף פּיצ־פּיצלעך!
אָבער שטארק וועט דער דאָזיקער פּאפּירענער בריק זיין נאָר דעמלט, ווען
איבער אים וועלן גיין גערעכטע מענטשן... די רעשאָים וועט אפילע א
בריק פון אייזן אויך ניט אויסהאלטן... געדענק דאָס, מיין קינד!"

איך האָב דאָס פארגעדענקט, און טאקע א דאנק אָט דער מייסעלע פון
מיין ערלעך־פרומער מאמען, וועלכע האָט מיט איר רייכער פּאָלקסטימ־
לעכער פאנטאזיע אזוי באשיינט און באכיינט מיין קינדהייט, איז אין מיר
אופגעקומען א טיפער, פעסטער גלויבן אין דעם קויעך פון פּאפּיר, און דער
דאָזיקער גלויבן האָט מיך אזוי באהערשט, אז מיט דעם וווּנדערלעכן קוי־
עך פון פּאפּיר האָב איך שוין פארבונדן מיין גאנץ שפּעטערדיק לעבן.

דערביי אָבער דערמאָן איך זיך שטענדיק דער מאַמעס ווערטער וועגן
דעם, אז דער פּאפּירענער בריק איז שטארק נאָר דעמלט, ווען איבער אים
גייען גערעכטע.

בלעטערפאַל

דער גאָלדענער הארבסט שפּאַנט איבערן גאָרטן, און זײַן מילדער אָטעם גלעט אַראָפּ פון דיביימער די בלעטער איינעם נאָכן אַנדערן. זיי שוועבן פאַרקלערט אין דער מיט לײַטזעליקײַט אָנגעזאָפּטער לופט און קוקן אויס אַן אָרט, ווו זיך אַראָפּצולאָזן. אַזאַ באַקוועמען אָרט, ווו פאַר די בלעטער, וועלכע וועלן קומען נאָך זיי, זאָל אויסגעבעט זײַן אַ ווייך געלעגער, און דערבײַ זוכן זיי אַראָפּצונידערן וואָס פאַמעלעכער און אָפּגעהיטער, קעדיי אין פאַלן ניט ווי צו טאָן די שוין ליגנדיקע.

די אַנטבלויזטע ביימער ווידער, וועלכע קוקן נאָך דעם בלעטערפאַל, שאָקלען טרויעריק מיט די צווײַגן און זייערע געדאַנקען זײַנען פאַרנומען ניט מיט דער אייגענער פאַריאָסעמטקײַט, אָף וועלכער זיי זײַנען שוין איצט אויסגעשטעלט, נאָר מיטן גוירל פון די אַראָפּגעפאַלענע, וועלכע האָבן אין מעשעך פון גאַנצן זומער זיי אַזוי געפּרייט און געטרייסט מיט לעבעדיקן גערויש.

און ווען די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער ליגן שוין מאַטע און צאַנקענ־דיקע, פלאַטערט נאָך אַלץ אין זיי אַ ציטערדיקער געדאַנק וועגן די ביימער, וואָס זיי האָבן אָקאָרשט פאַרלאָזן.

„ווי וועלן זיי איצט לעבן אָן אונדז?” קלערן די בלעטער מיט צאַר און בענקשאַפט. „וואָס וועט ווערן פון זיי אָן אונדזער פרישן גרין, אָן אונדזער צעשטיפטקײַט, אָן אונדזער ווארעמען שאָטן?..”

אָט אַזוי באַווײַזט די נאַטור אַרום אונדז רירנדיקע בילדער פון געטרײַ־שאַפט און זאָרג פאַרן פרײַנט און מיטוויייטעק מיט זײַנע ליידן.

איך בעט אײַך, גייט זיך דורך איבער די אַלייען פון פּאַרק אין די טעג פון גאָלדענעם הארבסט, און איר וועט דאָס דערזען. און דעמלט וועט איר זיך עפּשער פאַרטראַכטן וועגן דעם, אַז ווען בא אונדז, מענטשן, זאָל אויך שטענדיק זײַן אַזוי, וואָלט דאָך געוויס לײַכטער געווען צו לעבן אָף דער וועלט.

דעם זיידנס געוויין

איינמאָל האָב איך געזען, ווי מײַן זיידע וויינט. איך אליין האָב דער־בײַ אויך שיר זיך ניט פאַנאַנדערגעוויינט, קוקנדיק ווי א ייִד מיט א באָרד און פּייעס, א טאַטע פון קינדער און זיידע פון אייניקלעך, דערצו נאָך אַן אָנגעזעענער מעלאַמעד אין שטעטל, פאַרגיסט טרערן, ווי א ייִנגל.

— וואָס וויינסטו, זיידע? — האָב איך געפרעגט מיט א ציטערדיקן קאָל, און אזוי ווי איך האָב שוין אין יענע יונגע יאָרן געוווּסט, אז ס׳זײַנען פאַראַן דײַגעס־כאַיונע, האָב איך צוגעגעבן — וויינסט אַוואַדע, ווײַל ס׳איז ניטאָ אַף שאַבעס?

— דאָס טרעפט אויך, מײַן קינד, — האָט דער זיידע געענטפערט מיט א שמייכל דורך טרערן — אָבער האָסט מיר א סאך מאָל געזען וויינענדיק וועגן דעם?.. איך וויין דערפאַר, וואָס יאַנקעלע מײַן טאַלמיד האָט ניט געקאָנט פאַרטײַטשן ווי געהעריק דאָס קאַפּיטל טאַנאַך, וואָס כ׳האָב מיט אים אײַנגעקנעלט...

— און צוליב דעם וויינסטו? — בין איך געוואָרן פאַרכידעשט — ער דאַרף דאָך גאָר וויינען, ניט דו?!

— אָבער דאָס באַטײַט דאָך — האָט דער זיידע מיט א צעבראָכענער שטים אויפגעקלערט — אז איך האָב ניט דערטראָגן צו אים גאָטס וואָרט... איז וואָס פאַרא רעבע בין איך?..

און די טרערן זײַנען אים געפלאָסן, און ער האָט ניט אויפגעהערט זיך צו ווישן די צעקנייטשטע באַקן מיט זײַן רויטער לאַמדאָנישער פאַ־טשיילע.

...זינט דעמלט זײַנען א סאך יאָרן פאַרגאַנגען. דאָס אייניקל איז גע־וואָרן א ליטעראַט בא ייִדן. אָבער ווען עס טרעפט — האַלעווײַ זאָל דאָס ניט טרעפן! — אז זײַן וואָרט ווערט ניט ריכטיק אויסגעטײַטשט, באַשול־דיקט ער שטענדיק דעם לייענער אין אומפאַרשטענדעניש. און געדאַרפט האָט ער גאָר, אָט אזוי ווי דער אַניוועסדיקער, גאָטספאָרכטיקער זיידע זײַנער, זאָגן מיט צעבראָכנקײַט:

— וואָס פאַרא רעבע בין איך, מישטיינס געזאָגט, וויבאַלד איך האָב ניט דערטראָגן צו אים דאָס וואָרט?..

שפּינאָזע

א שטיפער ווארפט אין טײַך שטיינדלעך, וועלכע ער קלײַבט אוף אפן ברעג. ער ווארפט זיי אזוי קונציק, אז באם בארירן די אויבערפלאך פון וואסער טוט יעדעס שטיינדל א שפרונג, קערט זיך איבער, גליטשט זיך נאָכדעם ווײַטער איבערן וואסער, שפּרינגט פונדאָסנײַ אוף... און אזוי עטלעכע מאָל, ביז עס פארשווינדט ענדלעך און גייט צו גרונט.

— ווי פריילעך די שטיינדלעך גליטשן זיך בא דיר איבערן וואסער, — זאָג איך צום יינגל, — ווי איך זע, ביסטו א גרויסער בעריע!

— ניט איך בין א בעריע! — ענטפערט דאָס יינגעלע באשיידן. — דאָס זײַנען די שטיינדלעך אזעלכע פלינקע!

— די שטיינדלעך גאָר?

— אוודע! — באשטעטיקט ער, ניט אָפּרײַסנדיק זיך פון זײַן ארבעט. — זיי לעבן דאָך, די שטיינדלעך... יעדער פון זיי ווייסט, וויפל מאָל עס דארף זיך איבערדרייען און אונטערשפּרינגען!

נו, ווי געפעלט אײַך אזוינס? אָט דער בלאָנדער קונדעס מיט די פינקלדיקע אייגלעך און דעם ניט גאָר זויבערן נעזל כאזערט דאָך איבער שפּינאָזעס ארויסזאָגונג, אז ווען א שטיין קאָן טראכטן, וואָלט ער בייסן פלי זײַנעם אוודע געקלערט וועגן דער וויכטיקער שליכעס, וואָס ער גייט דורכפירן...

און אונטער דער האשפּאָע פון דעם, וואָס דער קליינער פילאָסאָף האָט דאָ געזאָגט, טו איך א קלער:

„לאָמיר זיך טאקע אויסמאָלן, אז אין די געציילטע רעגעס, וואָס די שטיינדלעך פליִען איבערן וואסער, טראכטן זיי וועגן דעם. ווי זיי, די דערנידעריקטע, אף וועמען אלעמענס פיס טרעטן, זײַנען אופגעריכט געוואָרן, ווי זיי טראָגן זיך באפרײַט אין די הייכן און פרייען זיך און שפּרינגען איבערן וואסער. זיי זײַנען דאָך זיכער, אז זיי זײַנען אויסדערוויילט אף אויסצופירן א שליכעס...״

— אזוי איז דאָס, מײַן זון, — זאָג איך צום יינגל און טו אים א גלעט איבערן צעשויבערטן, פארשוויצטן קעפל, — א שטיין טראכט... דו האָסט מיר טאקע געהאָלפן באשײַמפערלעך צו דערזען און פארשטיין דעם גרויסן עמעס, וואָס ליגט אין שפּינאָזעס שפּרוך...

דער קונדעס קוקט מיך א רעגעלע פארוואונדערט אָן, קערט זיך אום צו מיר מיט דער פלייצע און נעמט ווײַטער צילעווען די שטיינדלעך, און

איבער דער אויבערפלאך פון דעם שפּילנדיקן טײַך הייבן זיי ווידער אָן איינער נאָכן אנדערן שפּרינגען און פריילעך גליטשן זיך איבערן וואַסער.

איך קוק נאָך זייער פלי און קלער וועגן דעם, ווי אין דער נאטור ווערט קיין זאך ניט געטאָן אָן א ציל און אָן א צוועק.

אזוי האָט מיך געלערנט שפּינאָזע. און דאָס האָט מיר באשטעטיקט דער קליינער שטיינוואַרפער אפן ברעג טײַך.

האַלעוויַ

זאָגן א ליגן איז בא אונדז אין דער מישפּאָכע פאַרעכנט געוואָרן פאַרן גרעסטן כעט. א סאַך זאכן האָבן די עלטערן מיר געקאָנט מויכל זיַין, אָבער ווען איך בין געשטרויכלט געוואָרן אין דער דאָזיקער זינד, האָב איך שטענדיק געכאַפּט א פּסאַק. פאַרשטייט זיך, אז דעם ביַישפּיל אין עמעס־זאָגן האָבן אין דער ערשטער ריי מיר געגעבן אליין די עלטערן, און פון יעדן וואָרט זייערן האָט ארויסגעקוקט אף מיר דער עמעס אליין מיט זיַינע קלאָרע, קאָשערע און שטרענגע אויגן.

איינמאָל אָבער איז מיר אויסגעקומען הערן פון דער מאַמען אזוינס, וואָס האָט געגעבן א גרויסן און שווערן קלאַפּ מיַין גלויבן, אז זי האַלט אזוי איַיזנפעסט פון דעם עמעס...

דאָס איז געווען אין איינעם אן אָוונט, ווען מיַין פאָטער האָט אן אופגערעגטער דערציילט, ווי שייטלמאַן, דער באַלעבאָס פון אונדזער אָרעמען הויף, האָט אים באַגעגנט און געזאָגט אף זיַין דיַיטשמערישן לאָשן פון אן אופגעקומענעם גוויר:

— איר יונגע, וויסן זי... דער איז פּרעך... מע מוז אים, וויסן זי, הערראַפּציהען די האָזע... און הערויַנצימבלען, וויסן זי...

— וואָס האָסטו שוין וויַיטער אָפּגעטאָן? — האָט דער טאַטע מיך גענומען אָפּן פאַרהער, און איך האָב זיך מוידע געווען, אז מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען דער באַלעבאָס האָט פאַר דירע־געלט אָפּגעשריבן בא דעם שוסטער פון קעלער־שטוב זיַין ביסל אָרעמקיַיט, האָב איך אויסגעשריִען אפן גאַנצן הויף:

— הער שייטלמאַן, איר זיַיט א גרויסער כאַזער!

דאָס הערנדיק, האָבן טאַטע־מאַמע זיך איבערגעקוקט, דאַכט זיך אפילע אונטערגעשמייכלט, און האגאַם מ׳האָט בא מיר, לויט שייטלמאַנס אייצע, די פאַרלאַטעטע הייזלעך ניט אראָפּגעצויגן און ניט „אריַינגעצימבלט", אָבער טויזנט מאָל בעסער וואָלט געווען, ווען מ׳איז מיר מעקיַיעם־פּסאַק, איידער צו לאָזן הערן פון דער מאַמען אזעלכע רייד:

— האַלעוויַ זאָל איך ליגן זאָגן, אָבער מיר דוכט, אז אונדזער באָכערל וועט ניט לײַכט זיַין צו לעבן אף דער וועלט...

נו, די ווערטער „ניט לײַכט זיַין" האָבן מיך ניט געאַרט. און כ׳האָב אויך ניט געוווּסט, וואָס די מאַמע מיינט דערמיט. דערפאַר אָבער האָבן מיר א שטאָך געטאָן אין סאַמע קינדישן האַרצן די ווערטער „האַלעוויַ זאָל איך ליגן זאָגן"... הייסט עס, אז די מאַמע נאַרט מיך גאָר מיטן שטענ־

דיקן מאָנען בא מיר דעם עמעס, וויבאלד זי אליין וויל גאָר זאָגן ליגן! און גיט נאָך צו „האלעוויַ״, פונקט ווי דאָס וואָלט גאָר געווען א מין סאָרט גליק!

שווער איז מיר געווען פּארטיק צו ווערן מיט אָט דער אופטרייסלונג. נאָר שפּעטער, ווען איך בין א ביסל געקומען צו־זיך פון דער גרויסער צערודערניש, האָב איך זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייַט און מיט א ציטער־דיקער שטים געפרעגט בא דער מאמען, וואָס זי האָט געמיינט דערמיט. זי האָט מיר א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און, ווי בענטשנדיק מיך, געזאָגט:

— דאָ, מייַן קינד, וויל איך בעסער בלייַבן א ליגנערן!

צום באדויערן, איז זי אָבער אויך דאָ, אזוי ווי אלעמאָל און אין אלץ, קיין ליגנערן ניט געבליבן. ווייַל אין מעשעך פון די שפּעטערדיקע יאָרן איז מיר שוין גאָר אָפט אויסגעקומען ניט לייַכט צו לעבן, און דערבייַ האָב איך שטענדיק געטראכט, אז ווען איר „האלעוויַ״ וואָלט אפילע מעקויעם געוואָרן און זי בלייַבט אין דעם די ליגנערן, וואָלט דאָס פאר מיר אָסער ארופגעוואָרפן דעם מינדסטן שאָטן אף איר ליכטיק, עמעס־זוכנדיק און עמעס־זאָגנדיק געשטאלט.

קריטיק

אין אַ קרײַז פון ליטעראַטור־פרײַנט איז אַרומגערעדט געוואָרן אַן אָקאָרשט־דערשינענע ביכל פון אײנעם אַן אָנפאַנגער. דערבײַ זײַנען נאַטירלעך אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַרשײדענע מײנונגען, אָבער שאַרפער פון אַלע אַרויסזאָגונגען איז געווען מײַנע: איך האָב אָן וואַקלונגען אַראָפּגעריסן דעם אוטאָר, אים אָנגערופן אַמהאָרעץ און טאַלאַנטלאָזיקײַט, און זײַן בוך — אידיאָטישע און שעדלעכע פּלאַפּלערײַ.

אינמיטן פון מײַן פײַערדיקער דראָשע איז אין שטוב אַרײַן אַ נײַער מענטש. דער יונגערמאַן איז מיר פון ערשטן בליק אַפילו פאַרגעקומען קענטלעך, אָבער כ׳האָב זיך ניט געקאָנט דערמאָנען, ווו איך האָב אים געזען. און דאָס האָט מיך אויך ווײניק־וואָס אינטערעסירט. איך בין פאַרנומען געווען מיט וויכטיקערע זאַכן.

דער אָנקום פון דעם נײַעם פּאַרשוין האָט, ווי שטענדיק, אָף אַ מאָמענט אַרײַנגעטראָגן אַ שטיקל צערודערונג, און דער געקומענער האָט זיך דערפילט שולדיק און מיט גרויס באַשײדנקײַט אַפּגיך זיך צוגעזעצט אין אַ ווינקעלע. און ווען אַלץ האָט זיך אײַנגעשטילט, האָב איך ווײַטער זיך גענומען צו מײַן איבערגעריסענער אַרבעט — שיטן פעך און שוועבל.

— דער דאָזיקער אוטאָר — האָב איך אָנגעהויבן פונדאָסנײַ, און קעדיי דער נײַגעקומענער זאָל אויך וויסן, וועגן וועמען און וועגן וואָס עס רעדט זיך דאָ, האָב איך ספּעציעל פאַר אים אָנגערופן דעם נאָמען פון דעם שלימאַזלדיקן שרײַבער — דער דאָזיקער גראַפאָמאַן קען ניט אָף אַ גראָשן דאָס לעבעדיקע לעבן און שפּײַזט זיך נאָר מיט דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעלײענט פון ביכער! אים איז לאַכלוטן פרעמד דעם מענטשנס פּסיכאָלאָגיע, און עס פעלט אים אויך יעדער געזעלשאַפטלעכער כוש! וואָס שײַעך געשמאַק — ווײס ער אַפילע ניט, וואָס דאָס איז אַזוינס, און קײן פאַנטאַזיע פאַרמאָגט ער ניט וואָס אַ האָר איז ווערט! אַכוץ דעם האָט ער קײן אָנונג ניט, ווי מ׳בויט אַ ליטעראַריש ווערק און פאַרשטײט ניט צו פאַרבינדן קײן צווײ זאַצן! עס איז אויך ניט פאַראַן בא אים קײן רעמעז אָף קאָמפּאָזיציע, און פרעגט אים בעכײרעם, וואָס דאָס איז בילדלעכקײַט!.. און אַזאַ אײנער, מיט רעספּעקט צו מעלדן, — האָב איך אונטערגעפירט דעם סאַכאַקל — האָט נאָך די האָזע אונטערצוטראָגן מענטשן זײַן געשמאַקלאָזע מאַכערײַקע און וויל אײַנשמועסן, אַז ער איז אַ שרײַבער... קאָן זײַן, עמעצן רעדט ער אײַן, אָבער ניט מיך!

נאָך אָט דער פאַרניכטנדיקער קריטיק איז אײַנגעטראָטן אַ שטילקײַט,

וואָס איז ווי אָנגעגליט געווען פון דעם אָקאָרשט־אופגעווירבלטן היציקן און בייזן ווינט. און גאָר אומדערוואַרט האָט פון ווינקל זיך דערטראָגן א שטילע שטים — דאָס האָט דער נײַגעקומענער ציטערדיק און אומאַנט־שלאָסן זיך אָנגערופן:

— איך בין מאסקים... מאסקים מיט אײַער קריטיק... יאָ, דער אווטאָר דאַרף זיך נאָך א סאך לערנען, גאָר א סאך... אָבער איך מוז זאָגן... אנט־שולדיקט מיר... איר זײַט פונדעסטוועגן געווען א ביסל צו שאַרף... אָט מיטן אָנרופן אים גראַפאָמאַן און דעגענעראַט... אנטשולדיקט מיר...

— און איך באַהויפּט, אז ער איז דאָס! — האָב איך זיך נאָך מער צעהיצט, אומצופרידן דערמיט, וואָס עפּעס אן אומבאַקאַנטער פּאַרשוין דערוועגט זיך מיר דערווידערן — ער איז דאָס טאַקע! איר וועט מיר ניט איבערריידן! און ווער זײַט איר, וואָס איר נעמט זיך אים פאַרטיידיקן? עפּעס זײַט איר גאָר א נײַ...

אָבער דאָ איז מיר דאָס וואָרט געבליבן שטעקן אין האַלדז. ווײַל אין דעם מאָמענט האָט דער יונגערמאַן אופגעהויבן די אויגן, מיך גראָד אָנגע־קוקט מיט אן אומשולדיקן בליק, און איך האָב אים מיטאַמאָל דערקענט: איך האָב אים אָפט געזען אין שפּיגל!

איך וועל פּינקטלעך ניט זאָגן, צי איז דאָס טאַקע פאָרגעקומען אזוי, אָדער דאָס האָט זיך מיר בלויז אויסגעדאַכט אין א מינוט פון זעלבסט־קריטיק. אָבער די יעניקע צווישן אונדז, וועמען ס'איז ניט אינגאַנצן פרעמד די דאָזיקע פּײַנלעכע באַשעפטיקונג, וועלן מיך פאַרשטיין און מיטפילן. ווײַל ווער נאָך ווי זיי ווייסן, אז קיין שום קריטיק־רייד פון דער זײַט קאָנען ניט זײַן אזוי שאַרף און אומבאַראַכמאָנעסדיק ווי די, וועלכע מ'זאָגט זיך אליין...

ער איז אלט, אָבער ער איז ניט פאַרעלטערט

גיכער פון אלץ איז דאָס געווען א כאָלעם. אָבער איך האָב דעם מענטשן דאָך קלאָר און דײַטלעך געזען! אזא געזעצטע, ברייטביינערדיקע געשטאַלט, מיט אויגן פון אן אנטיקער סקולפּטור אָן שוואַרצאַפּלען, מיט א געקרײַזלטער, פאַרשטיינערטער באָרד. איבער איין אקסל זײַנעם איז געווען אריבערגעוואָרפן א ווײַסע הילע, וואָס האָט אין שווערע פאַלדן זיך געלייגט איבער זײַנע באָרוועסע פלאַטפיס פון א פילאָסאָף, דער אנדערער אקסל איז געווען אנטבלויזט. גערעדט האָט ער אף א קלינגעוודיקן אלט־גריכיש, און ווי פרעמד דאָס לאָשן איז מיר ניט געווען — האָב איך פונדעסטוועגן פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט.

— דערקענסט מיך? — האָט ער א פרעג געטאָן, און באַלד מיט א שמייכל זיך פאַרכאַפּט — אייגנטלעך, אַן איבעריקע פראַגע... פונוואַנען זאָלסטו מיך קענען, אז אונדז טיילן אָפּ וואָסערע צוויי און א האַלב טויזנט יאָר? איז לאָמיר זײַן באַקאַנט — און ער האָט ווירדיק אופגעהויבן זײַן שווערן קאָפּ — מײַן נאָמען איז עמפּעדאָקל!

— ווי?! עמפּעדאָקל?! — בין איך נישטוימעם געוואָרן — יענער פון די פיר עלעמענטן? איז קען איך אײַך דאָך!

— טאַקע, קענסט מיך? — האָט ער מיט האַנאָע זיך א גלעט געטאָן די באָרד — בין איך ניט אינגאַנצן פאַרגעסן? אבי איך האָב געמיינט... איז וויבאַלד אַזוי, עפּשער וועסטו מיר זאָגן, וואָס ווייסטו וועגן דעם אַלטן עמפּעדאָקלס לערע?

נו, איך האָב שוין דורכגעלאָזן אין לעבן קאָלערליי עקזאַמינאַטאָרס, אָבער וועגן דעם, אז עמפּעדאָקל אליין וועט זיך מאַטרי׳עד זײַן מיך קומען עקזאַמינירן, האָב איך קיינמאָל ניט געטראַכט! האָט מיך טאַקע ארומגעכאַפּט אַן איימע, כ׳האָב גענומען נישטערן אין מײַן זיקאָרן און אָנגעהויבן שטאַמלען וועגן אלץ, וואָס כ׳האָב זיך נאָר געקאָנט דערמאָנען וועגן די פיר עלעמענטן — פײַער, וואַסער, ערד, לופט — פון וועלכע עס באַשטייט, לויט עמפּעדאָקלען, דאָס לעבן אף דער וועלט. נאָכדעם, שוין דרייסטער ווערנדיק, האָב איך זיך ארײַנגעלאָזן אין א כקירע וועגן זײַן לערע פון ליבע און סינע, וועלכע רופן ארויס א צונויפמישונג פון די עלעמענטן און ווירקן אף דער אַנטוויקלונג פונעם לעבן... דער פילאָסאָף האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון מײַנע יעדי׳עס און האָט מיך אפילע ניט געלאָזט דערריידן ביזן סאָף.

— איך זע — האָט ער געזאָגט — איך זע, אז דו געדענקסט! געדענ־

קען אָבער אנדערע אויך די לערע פון דעם אלטן עמפּעדאָקל? איז זיי טאקע ניט פויל אף דער פּען און דערמאָן זיי!

— דערמאָנען וועגן אײַערע פיר עלעמענטן? איך בין גרייט דאָס צו טאָן. אָבער...

ער האָט געזען, אז איך קווענקל זיך און האָט אָן אומעטיקן שמייכל געטאָן.

— איך ווייס, וואָס דו טראכסט — האָט ער געזאָגט — דו האָסט געוואָלט זאָגן, אז מײַן לערע איז פארעלטערט, אז מ׳דארף זי ניט מער... אז נאָך מיר האָט מען שוין אויסגעפונען א סאך נײַע עלעמענטן און קויכעס, וואָס ווירקן אף דער אנטוויקלונג פונעם לעבן. דאָס אלץ ווייס איך... אָבער — דאָ האָט ער אופגעהויבן זײַן שטים — איר מעגט אלע וויסן, אז די פיר עלעמענטן און די קויכעס פון ליבע און סינע, וואָס עמפּעדאָקל האָט דערזען אין דער וועלט, זײַנען אף אלע צײַטן געבליבן דער יעסאָד פון אלץ. די פּער׳זאָדן פון ליבע און פײַנטשאפט פארבײַטן איינער דעם צווייטן, פײַנטשאפט האלט אָפּטמאָל אָפּ ניצחוינעס איבער ליבע, דורך דעם ווערן צעמישט די עלעמענטן, עס טרעט ארײַן אָפּגעזונדערטקײַט און אָפּגעפרעמדטקײַט. צום סאָף קומט אָבער דאָך די הערשאפט פון ליבע, ס׳ווערט אײַנגעשטעלט הארמאָניע אף דער וועלט, די עלעמענטן פארייניקן זיך און מענטשן הייבן זיך אָן צו פארשטיין! אָט דאָס, וואָס איר רופט אָן אף אײַער הײַנטיקן לאָשן קאָעקזיסטענץ...

און מיך אָנקוקנדיק מיט א גוטמוטיק־מאמזערישן בלישטשל פון די אויגן־ווײַסלעך, האָט ער פארענדיקט:

— ניין־ניין, עמפּעדאָקל איז נאָך ווײַט ניט פארעלטערט! ניט פארעלטערט אפילו נאָך צוויי־א־האלב טויזנט יאָר...

מיט די ווערטער איז ער פארשוווּנדן.

עפשער איז דאָס געווען א כאָלעם. אָבער איך האָב דעם מענטשן דאָך קלאָר און דײַטלעך געזען און געהערט!

שטויב

איך בין געשטאַנען מיטן פלעדערוויש אין האַנט און אָפּגעשטויבט די ביכער. מײַן פרוי האָט מיר דערבײַ געהאָלפן. א צײַט לאַנג זײַנען מיר געווען שטאַרק פאַרטאָן און ניט גערעדט — ס'האָט זיך נאָר געהערט, ווי אָפּטמאָל טוט דער אָדער יענער א נאָס. ענדלעך האָט מײַן פרוי געזאָגט:

— נישקאָשע... אַפּטשכי!.. שטויב ליגט אף דײַנע ביכער... אַפּטשכי!

— ניט אף אַלע, — האָב איך זיך אָנגערופן א ביסל באַליידיקט, — האָסט דען ניט באַמערקט, אַז ניט אַלע ביכער זײַנען אין דער גלײַכער מאָס פאַרשטויבט?

— טאַקע?

— נו, יאָ. א געדיכטערער שיכט שטויב לייגט זיך אף די ביכער, וועלכע איך נעם זעלטענער אַרײַן אין האַנט. אָבער אף די, וועלכע זײַנען מיר אינטערעסאַנט און כ'באַנוץ אָפּט, וועסטו קיין שפּרענקעלע שטויב ניט געפינען.

— ווײַבאַלד אַזוי, — האָט מײַן פרוי מיר געשטעלט א קלאָץ־קאַשע, — איז זאָג מיר נאָר, פאַרוואָס האַלטסטו צווישן דײַנע אינטערעסאַנטע ביכער אויך אַזעלכע, וואָס נוצן דיר ניט און וועלכע דו נעמסט זעלטן אַרײַן אין האַנט? נאָר קעדיי אָנצוקלײַבן שטויב?

— דײַן טײַנע איז טאַקע א גאַנץ לאָגישע, — האָב איך געענט־פערט, — אָבער וואָס שײַעך ביכער... אף יעדן בוך קומט זײַן צײַט, און וויפל שטויב עס זאָל זיך אף אים ניט אָנקלײַבן און ווי זעלטן איך זאָל אים ניט באַנוצן, נאָר ס'וועט קומען א טאָג, ווען איך וועל אים — עפשער צופעליק — אָן עפן טאָן, און עס וועט זיך מיטאַמאָל אַנטפּלעקן פאַר מיר עפּעס נײַס און שיינס, וואָס איז ביז איצט געווען פאַרבאָרגן! און אין דערוואַרטונג פון אָט דעם טאָג האַלט איך אים, דעם פון ערשטן קוק ניט נייטיקן בוך, זאָל ער שטיין אף דער פּאָליצע, זיך שטויבן...

מיטאַמאָל האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען. איך האָב אופגעהויבן דאָס טרײַבל און טייקעף אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין א לאַנגן, פּוסטן שמועס. ווען דער עמעצער אף יענער זײַט דראָט האָט מיך צום סאָף אָפּגעלאָזן, האָט מײַן פרוי געזאָגט צו מיר:

— איך האָב געזען, אַז דו ביסט ניט שטאַרק באַגײַסטערט געווען פון דעם געשפּרעך... איז וואָס לאָזסטו זיך אַרײַן אין לאַנגע שמועסן מיט יעדן שלימאַזל? האָסט דאָך ניט ווייניק אינטערעסאַנטע באַקענטע, וואָס דאַרפסטו פאַרלירן צײַט און נערוון מיט נודניקעס?

—דײַן טײַנע איז ווידעראמאָל א גאנץ לאָגישע, — האָב איך איר געענטפערט — אָבער וואָס שײַעך מענטשן... אָקאָרשט האָבן מיר גערעדט וועגן דעם, אז אף יעדן בוך קומט א צײַט. דאָס אייגענע איז אויך מיט מענטשן. איז דען פאראַן כאָטש איין מענטש, וואָס זאָל ניט פארמאָגן עפּעס אינטערעסאנטס, עפּעס וואָגיקס? און אויב איך געפין דאָס אין אים באלד ניט ארויס, איז דאָס מײַן שולד, איך האָב ניט פארשטאנען ווי צוצוגיין צו אים. עס וועט אָבער קומען א טאָג און איך וועל — עפּשער צופעליק — מיטאמאָל דערזען דעם זעלביקן מענטשן אין א נײַ ליכט, אן אינטערעסאנט ליכט. און אין דערוואַרטונג פון אָט דעם טאָג, האלט איך זיך אָן יעדן מענטשן. מעג מיר אפילע אויסקומען שטארק צו ניסן פון זײַן פארשטויבטקײַט.

„מארצעפּאַנעס"

בייס איך בין געווען אין דעם עלטער, ווען די צאָל יאָרן ווערט נאָך געשריבן מיט איין ציפער, איז מיר ניט ווייניק אוילעס אויסגעקומען צו ליידן מיצאַד די יינגלעך פון אונדזער הויף. א קרענקלעכער און אומגעד־שיקטער, — האָט מיך כעוורע ניט אַרייַנגענומען צו זיך אין קאַמפּאַניע, האָט מיך באַקרוינט מיט קאָלערליי באַליידיקנדיקע צונעמענישן, און איך בין אַלץ געזעסן אליין אין א ווינקעלע, מיט א פאַרקלעמט האַרץ זיך צוגעקוקט צו די שפּילערייען אין הויף... דערציילן עמעצן — אפילע טאַטע־מאַמען — ווייַל מיין פאַרשטויסנקייט האָט מיך אָפּגעהאַלטן א בושע־געפיל, און איך האָב בלויז שטילערהייט געשלונגען די טרערן. אייינמאָל אָבער, ווען דער רעדלפירער רוווקע האָט, נאָך מייַנעם א ניט דרייסטן פּרווו צוצושטיין צו א באַזונדערס אַנלאָקנדיקער שפּיל, מיך אָנגעשלאָגן, האָב איך שוין מער ניט אויסגעהאַלטן און בין מיט א געוויין אַרייַנגעפאַלן אין שטוב.

— וואָס איז געשען? — האָט די מאַמע צעשראָקן געפרעגט און מיטן פאַרטעך מיר אויסגעווישט די טרערן.

— זיי... לאָזן ניט... — האָב איך קוים אַרויסגעבראַכט צווישן איין כליפּ און דעם אַנדערן — זיי שלאָגן זיך...

— ווער איז דאָס „זיי"?

— אָט די יינגלעך... זיי לאָזן מיך ניט... זיי ווילן ניט... — און מיט פּלוצעם אויפגעקומענעם קינדערישן צאָרן האָב איך אויסגערופן — מאַמע, גיי אַרייַן צו רוווקעס טאַטן, דערצייל אים! זאָל ער אָפּשמייַסן רוווקען! אָט וועל איך זיך פרייען!

און מייַנע אויגן, אין וועלכע עס האָבן נאָך געפינקלט רעשטלעך טרערן, האָבן זיך צעבליצט פון גרויס האַנאָע בא דער בלויזער פאָרשטעלונג, ווי מ'וועט שמייַסן רוווקען.

אָבער א מאָדנע זאַך: עפּעס איז די מאַמע ניט ניספּאָעל געוואָרן פון אָט דער גלענצנדיקער פּערספּעקטיוו.

— ניין, מיין קינד — האָט זי געהאַמעוועט מייַן באַגייַסטערונג — דאַרפסט זיך ניט פרייען דערמיט, וואָס מ'וועט אים שמייַסן. דאַרפסט דאָס גאָרניט וועלן!

הערנדיק פון דער מאַמען, וועלכע האָט אַלפּי־סייכל געדאַרפט זייַן אַף מייַן צאַד, אַזעלכע רייד, האָט אין מייַן מויעך אויפגעבליצט א שוידערלע־

כער געדאנק, אז זי איז גאָר איין האנט מיט מײַנע פײַניקער... וויי־וויי, די גאנצע וועלט איז קעגן מיר — אפילע די מאמע!

— פארוואָס זאָל איך ניט וועלן, מ׳זאָל אים שמײַסן? — האָב איך פארביסן א טופע געטאָן מיטן פוס — אז אים קומט דאָך, אוי, קומט אים!

— עפשער קומט אים טאקע — איז די מאמע מאסקים געוועןן — אָבער דו בארעכן זיך נאָר, וואָס וועט ארויסקומען דערפון, אז מ׳וועט אים שוין אָפשמײַסן? דערפון וועט ער נאָך בייזער ווערן, און אויספירן וועסטו גאָרנישט... דארפסט וועלן אן אנדער זאך: דארפסט וועלן, אז ניט רוווקען זאָל זײַן שלעכט, נאָר אז דיר זאָל זײַן גוט! אָט וואָס דו דארפסט וועלן!

און זעענדיק, ווי איך האָב ברייט אופגעריסן די אויגן, האָט זי מיר א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און מילד צוגעגעבן — גלייב מיר, מײַן קינד, אז אזוי וועט בעסער זײַן... און איצט גיי זיך שפּילן, מער וועלן זיי דיך שוין ניט טשעפּען. אָט וועסטו זען!

מיט ניט זיכערע טריט בין איך ארויס פון שטוב, זיך אוועקגעזעצט אין מײַן אָפּגעזונדערטן ווינקעלע. ניט געקוקט אף דעם, וואָס די מאמע האָט מיר גאראנטירט אומבארירלעכקײַט, האָב איך אלץ געוואָרפן ארום זיך צעשראָקענע בליקן, און מײַן הארץ האָט ניט אופגעהערט קלאפּן, און ס׳איז געווען פארוואָס, ווײַל רוווקע האָט באגעגנט מײַן קומען מיט אן אויסגעשריי: „אהא, אָט איז ער, דער מעגעגע, שוין אָנגעמאסערט פאר דער מאמען זײַנער!״ און גענומען שטעלן טריט אין מײַן זײַט, טריט, וואָס האָבן קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט.

אָבער דאָ האָט מײַן מאמע מיטאמאָל זיך באוויזן אין פענצטער און האָט אויסגערופן הויך, אז דער גאנצער הויף האָט געהערט:

— קום אהיים! קום עסן מארצעפּאנעס!

דאָס הערנדיק, בין איך גאָר צעטומלט געוואָרן. מארצעפּאנעס גאָר!.. ביז איצט האָב איך געהערט דאָס וואָרט „מארצעפּאנעס״ נאָר דעמלט, ווען די מאמע פלעגט אף מײַן בראקירן אמאָל דעם אָרעמען עסן אונדזערן זאָגן „וואָס, מארצעפּאנעס זאָל איך דיר דערלאנגען?״ איך בין געווען זיכער, אז דאָס איז אן אויסגעטראכט געריכט, אָט ווי געגנדזענע שמאלץ, גריוון, פלאָדן און נאָך אזעלכע אומדערגרייכבארע זאכן, — און דאָ הער איך גאָר, אז ס׳איז טאקע פאראן אזא מין סאָרט, און פאראן בא אונדז אין שטוב, און די מאמע רופט מיך דאָס עסן! נו, קאָן מען דאָ בלײַבן גלײַכגילטיק?

האָב איך זיך א ריס געטאָן און געלאָזט זיך געשווינד לויפן אין שטוב. נאָר ווי געשווינד איך בין ניט געלאָפן, האָב איך פונדעסטוועגן דאָך באוויזן צו זען, ווי די יינגלעך האָבן איבערגעריסן זייער שפּיל און געבליבן שטיין מיט אויסגעצויגענע העלדזער, — אָט אזא פארפלעפנדיקן איינדרוק האָט געמאכט אף זיי די דערמאָנונג וועגן „מארצעפּאנעס"...

קוים אריבערטרעטנדיק די שוועל פון שטוב, האָב איך מיט פארכאפּטן אָטעם אויסגערופן:

— מאמינקע, ווו זיינען זיי... די מארצעפּאנעס? גיב זיי אהער!

— זעץ זיך צום טיש און ווארט! באלד וועלן זיי פארטיק ווערן, זיי קאָכן זיך נאָך!

איך האָב געפּרוווט זיך צוזעצן, אָבער וועט מיך דער אומגעדולד לאָזן איינזיצן, ווייבאלד איך ווייס, אז עס קאָכן זיך מארצעפּאנעס? מיך האָט געהויבן פון אָרט, און כ'האָב ווי ארום א געץ גענומען טאנצן ארום דעם אייוועלע, ווו אפן פייער איז געשטאנען א קעסעלע און געשמאק געבולקעט.

ענדלעך האָט די מאמע אראָפּגענומען פונעם פייער דאָס קעסעלע, און א פארוויקלטן אין א געדיכטער פארע, אים ארופגעשטעלט אפן טיש. איך האָב מיט צעשפּרייטע נאָזלעכער גענומען איינזאפּן דעם רייעך, וואָס שלאָגט פון דאָרטן, אָבער דער רייעך איז מיר עפּעס פארגעקומען שטארק באקאנט... איך האָב אופגעהויבן דאָס דעקל, אריינגעקוקט — און א קרים געטאָן מיטן נעזל.

— אָט דאָס זיינען די מארצעפּאנעס? — האָב איך אנטוישט אָפּגעמורמלט — עפּעס זעען זיי גאָר אויס ווי בולבעס... ווי בולבעס אין פעלצלעך...

— בולבעס זיינען זיי געווען ביז איצט — האָט די מאמע פארטראכט געזאָגט — אָבער איצט, מיין קינד, זיינען דאָס מארצעפּאנעס... אזוי ווערן זיי הייסן! נו, פאר אונדז, ווי פאר אונדז, דעריקער אָבער פאר זיי — און זי האָט מיט דער האנט אָנגעוויזן אפן הויף — זאָלסט ניט פארגעסן, אז דו עסט מארצעפּאנעס...

איך האָב זיך שיר ניט פאנאנדערגעוויינט פון גרויס אנטוישונג און בין א שטארק פארביטערטער אראָפּגעלאָפן צוריק אין הויף. אָבער גאָר אומגעריכט בין איך דאָ געוואָרן דער העלד פון טאָג: דער גאנצער הויף קינדער האָט זיך צוזאמענגעקליבן בא אונדזער טיר, און ווען איך האָב זיך באוויזן, האָט מען מיך באגעגנט מיט גרויס פאראד און מיט אויסרופן:

— אָט איז ער, דער מארצעפּאנעס־עסער!

און האַגאַם דאָס איז אויך געווען אַ צונעמעניש, אָבער אין דעם, ווי כעוורע האָט דאָס אַרויסגעשריִען, האָב איך ניט געפֿילט קיין בייזקייט און שפּאָט, ווי שטענדיק. פֿאַרקערט — אין דעם אויסרוף האָבן זיך געהערט נאָטקעס פֿון אָפּשײַ און אַפֿילע פֿון באַוווּנדערונג, — עפּעס אַ קלייניקייט, אַ ייִנגל פֿון אונדזער אָרעמען הויף עסט מיטאַמאָל מאַרצעפּאַנעס! מ׳האָט מיך אַרומגערינגלט, מיט הייסן אינטערעס אויסגעפֿרעגט, ווי זיי זעען אויס, די מאַרצעפּאַנעס, ווי מע עסט זיי, ווי זיי שלינגען זיך אַראָפּ, וואָס פֿאַרא טאַם האָבן זיי... מ׳האָט מיך אַפֿילע אַרומגעטאַפּט: די האַלב־הונגעריקע קינדער פֿונעם פֿאַרשטאָט־הויף האָבן געוואָלט זיך איבערצײַגן, וויאַזוי דאָס געניסן אָט דעם לעגענדאַרן מײַכל האָט זיך אָפּגערופֿן אויף מײַן קערפּער־געבײַ.

זינט יענעם טאָג האָט זיך אײַנגאַנצן געביטן די באַציִונג צו מיר. אין אַלע שפּילערײַען און שטיפֿערײַען האָט מען מיך שוין אַרײַנגענומען, ווי אַ גלײַכבאַרעכטיקטן, קיינער האָט ניט געוואַגט אויפֿהייבן אויף מיר אַ האַנט, און ווען מ׳האָט דערמאָנט מײַן נאָמען, האָט מען שטענדיק מיט אַ פֿילבאַדײַטנדיקן פֿינגל מיטן אויג צוגעגעבן:

— נו, אים איז שוין איינמאָל גוט! ער עסט דאָך מאַרצעפּאַנעס!

און מײַן נײַעם נאָמען „מאַרצעפּאַנעס־עסער“ האָט מען אַרויסגערעדט מיט אַזויפֿיל אָנערקענונג און קאָוועד, אַז אָפּטמאָל האָב איך שוין געטראַכט בײַ זיך:

„פֿאַרוואָס קומט מיר דאָס? איך בין דאָך פּונקט אַזוינער, ווי איר, און דעם טאַם פֿון מאַרצעפּאַנעס קען איך ניט מער פֿון אײַך...“

אין דער הייך האָב איך דאָס, מאַכמעס פֿאַרשטענדלעכע סיבעס, ניט אַרויסגעזאָגט. פֿאַרקערט — איך האָב מיט גרויס כשיוועס געטראָגן דעם דאָזיקן ניט־פֿאַרדינטן און ניט־באַרעכטיקטן הויכן טיטל. אַ לאַנגע צײַט, ביז איך בין אונטערגעוואַקסן און שוין געקאָנט מײַן וועלטל אַלײַן באַשטיין, האָט אָט דער טיטל מיר פֿאַרשאַפֿן רו און געפֿאַרלאָזיקייט. די רו און געפֿאַרלאָזיקייט, וואָס מײַן ליבהאַרציקע מאַמע האָט מיר געבראַכט מיט איר טמימעסדיקן און אַזוי געלונגענעם קליינעם אומשולדיקן ליגן.

שפּעטער הארבסט

אין א צעשטורעמטן טאָג פון שפּעטן הארבסט איז מיר אויסגעקומען דורכצושפּאנען דעם ליידיקן פּארק. מיט אן אופגעשטעלטן קאָלנער און טיף אין די קעשענעס פארשטעקטע הענט בין איך געגאנגען דורך די איינזאמע אלייעס. דער ווינט האָט געשמיסן אין פּאָנעם, געריסן בא די פּאָלעס, מײַנע טריט האָבן קאלט און שטײַף אָפּגעהילכט אף דער פאר־הארטעוועטער ערד, און אפן הארצן האָט האמעטנע געדריקט אן אומעט.

אָבער אן אומעט, ניט ארויסגערופן דורך ראכמאָנעס אפן פּארק, וואָס איז געלעגן א פארקלעמטער אונטער דעם בלײַענעם, נידעריק־אראָפּהענ־גענדיקן הימל: ס׳איז דאָך ניט קיין סאָד, אז די אומפּרוכטבארע צײַט פון שפּעטן הארבסט וועט פארבײַגיין און אז אין פרילינג וועט ווידער אלץ אופלעבן. אָבער די סיבע פון מײַן אומעט איז געווען דער באוווסטזײַן, אז נאָר פאר אונדז מענטשן איז ניטאָ קיין באנײַונג און אז מיר קאָנען ניט אזוי ווי די נאטור אין די טעג פון אונדזער שפּעטן הארבסט טרוימען וועגן אָנקום פון א נײַעם פרילינג.

— זע נאָר, ווי פארכמורעט ער איז! — האָט אן אומדערווארטער אויסרוף מיך אופגעוועקט פון מײַן פארקלערטקײַט — זיך שלעכט אויסגעשלאָפן, האַ?

דאָס איז מיר געקומען אנטקעגן איינער א צופעליקער באקענטער. א פריילעכער, שטענדיק גוט־אופגעלייגטער מענטש, מיט וועלכן כ׳פלעג אָפטמאָל אף א שפּאציר־גאנג כאפּן א שמועס.

— מיר איז שטארק אָנגעזאָליעט אפן הארצן... — האָב איך זיך אָפּגע־רופן און דערציילט, וועגן וואָס איך האָב דאָ אָקאָרשט מיט אזויפיל ביטערקײַט געטראכט.

— יאָ, יאָ, איר זײַט נעבעך גערעכט. פאר אונדז, מענטשן, וועט קיין באנײַונג ניט קומען, און דער יעניקער, וואָס שטייט שוין אין שפּעט־הארבסטיקן עלטער, האָט געוויס ניט אף וואָס צו ווארטן! אָבער ווייסט איר, וואָס כ׳וועל אײַך זאָגן? — האָט ער צוגעגעבן אונטערפינטלענדיק מיטן אויג, — מיר דארפן אייגנטלעך, זײַן צופרידן, וואָס מיר ווייסן דאָס...

— צופרידן?! — האָב איך פארכידעשט אויסגערופן.

ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט, מיך אָנגעקוקט און זײַן געדאנק פארענדיקט:

— ס׳איז טאקע טרויעריק, אָבער צופרידן דארפן מיר דאָך זײַן... ווײַל וויסנדיק, אז פאר אונדז איז אין דעם שפּעטהארבסטיקן עלטער שוין קיין באנײַונג ניטאָ, אײַלן מיר זיך ארויסצוברענגען וואָס מער... עס ווילט זיך דאָך ניט פארזאמען!

אינהאלט

I

דערציילונגען

אין קלעם 7
ליכט אף דער שאָטן־זייט 24
די סענטימענטן פון גאברי׳על פיאסטראָ 29
דער מישפעט אין די בערג 39
א בינטל שליסלען 62
די פרוי פון מיין בענקשאפט 72

II

נאָוועלעטן

שפורן 79
סאקסאול 80
דער טעפיך 81
טויבן 82
א רעטעניש 83
די אומגעזעענע זון 84
„אזוי ווי אלע מענטשן!״ 85
א דאנק פאר נעכטן 86

פרײַנטשאפט . . . 87
אומרו . . . 88
אליין . . . 89
די ווײַטע און די נאָענטע . . . 90
פרוכטביימער . . . 91
א בייזער הונט . . . 92
אמאָל איז געווען . . . 93
באפרוכפערונג . . . 94
דער מענטש אין קאָמבינעזאָן . . . 95
פאָרשטאָט־קינדער . . . 96
אכטונג, געפאר! . . . 98
הענטשקעס . . . 99
די גאָלדענע טויב . . . 100
צו שפעט . . . 102
„פעטערל" . . . 103
„אז פונקען זאָלן פליִען!" . . . 104
א שטיין . . . 105
דאָס הארץ זאָל ניט וויי טאָן . . . 106
אופגעהויבענע אויגן . . . 107
וואָס א פינטעלע באטײַט . . . 108
אין טעאטער . . . 109
געטרײַשאפט . . . 111
לעבנס־דערפארונג . . . 112
פריצײַטיקע ווערקונג . . . 114
שווארצע ברילן . . . 115
א קרוג וואסער . . . 116
שפרונגען . . . 117
טעג פארלאָרענע, טעג געפונענע . . . 118
דער שטראל . . . 119
מײַן צווייטער איך . . . 120
צוויי רייען קנעפ . . . 121
דער בוים פון לעבן . . . 122
דער לײַכט־טורעם . . . 123
מײַן זייגער . . . 124
דער געבורטסטאָג . . . 125
אדרעסן . . . 127

די גוטע, ליבע זון 128
פּוסטע פיש 130
ליקע־כאמע 132
א פּאָשעט סטעארין־ליכטל 133
א שמועס מיט מײַן פּאָרטרעט 135
דער ווינט אין פּאָנעם 137
מוטערשאפט 139
שטעכלדראָט 141
א סטאטיסטיקער 143
צוטרוי 145
„וואָס א ציבעלע די ווערט איז" 147
קינדער־צייכענונגען 148
ווען דער כעזשבן שטימט ניט 149
פארבײַגייער 150
בענקשאפט 151
ברייטער די טריט! 152
אין דער טיף 153
א מענטשלעך הארץ 155
אפן שפּאָר־ביכל 156
שניי־שטורעם 157
אין איין ריי 158
וווּנדן 159
אפישן 160
פארביקער שניי 162
רעצעפטן 163
צווישן בערג 164
קאָנטאקט 165
גראָווע קעפּ 166
שײַטלעך האָלץ 167
ווארעמער אָטעם 169
קומט צו מיר צוגאסט! 170
דוירעס 171
קונסט 172
אף דער באשולדיקונגס־באנק 174
געפּוצטע שיך 176
טירן 177

באגריסונגען 179
דער רייעך פון ערלעכקײט 180
שוואנען־ליד 181
אן אומבאקאנטע שטים 183
„זײַ אזוי ווי אלע!" 184
א שמייכעלע 185
קאשאלאָטן שטארבן אפן זאמדיקן ברעג 186
לײַדנשאפטן 188
אן אָפּגעבראָכן צווײַגל 189
אָפּשפּיגלונג 190
רייפן אפן וואסער 191
נאפטאלין 192
א מענטש גייט 193
דער כאמעלעאָן 195
דערציִונג 196
פילקעס 198
„אָ, א גאסט!" 199
אָנגעשפּאָלטענע פלוימען 200
פרייד 201
אויך אין הארבסט בליִען די ביימער 203
א שפּיגל 205
ניטאָ קיין צײַט! 206
דער וואסערפאל 208
דער טשוואָק 209
דורך א שפּארונקעלע 210
טריט אפן אײַז 211
אף א קאָנצערט 212
א סיגארעטל 214
דאָס לײַכטזיניקע טײַכעלע 215
א קוואל ווערט געבוירן 216
מײַן באנאכטיקער באגלייטער 218
באם געזעגענען זיך 220
אן אומגליקלעכע באקאנטשאפט 221
איינער א בלײַער 222
דער אומגעדולדיקער 223
דאכט זיך, ברידער? 225

דער פראָסט 226
אנטבלויזטע וואָרצלען 227
דרויב 228
אף דער זוניקער זײַט 230
קיבעצער 232
שלאָפלאָזיקײַט 233
ניט מער, ווי א מיק... 235
סקלעראָז 236
גרינע ביכער 238
ער גייט זיך אײַנקויפן 240
די אייביקע פּען 241
א קוש 242
די אָפּשאצונג 243
צוויי מאָל צוויי איז פינף 245
העמשעך 246
עפּל 247
אייביקײַט 249
מאלינעס־זאפט 250
קינע 251
רײַפקײַט 252
קאָפּשווינדל 254
געוויסן 255
אכזאָריעס 257
קלאָרע שויבן 259
„אײַלט זיך טאָן גוטס!" 260
א באגעגעניש מיטן יאם 261
א שטורמיש הארץ 263
א כאָלעם 265
קאווענעס 267
פון אויבן אראָפּ 269
פארלאָרן א וועג 270
געראטעוועט פון א וועלט־אונטערגאנג 272
דער גוטער אײַנפאל 274
פארזשאווערט 275
מאטאָנעס 276
דער בריק פון גערעכטע 278

בלעטערפאַל 280
דעם זיידנס געוויין 281
שפּינאָזע 282
האַלעוויי 284
קריטיק: 286
ער איז אַלט, אָבער ער איז ניט פאַרעלטערט 288
שטויב 290
„מאַרצעפּאַנעס״ 292
שפּעטער הארבסט 296

Разумный Марк Абрамович

ШИРЕ ШАГ

М., «Советский писатель», 1975, 304 стр. План выпуска 1975 г. № 225. Художник Г. А. Кравцов. Редактор И. А. Серебряный. Худож. редактор Е. Ф. Капустин. Техн. редактор И. М. Минская. Корректор Д. С. Грозовская. Сдано в набор 7/II 1975 г. Подписано 7/VII 1975 г. Бумага 70×108 1/32 № 1. Печ. л. 9,5 (13,30). Уч.-изд. л. 12,93. Тираж 2200 экз. Заказ № 2188. Цена 54 коп. Издательство «Советский писатель». Москва Г-69, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.